STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 07479

VELT-GESHIKHTE

H. G. Wells

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

פון דער פינפטער ענגלישער אויסגאַבע מיט
הערות און דערקלערונגען ז. קלמנאָוויטש

מיט פיל אילוסטראַציעס

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

הערבערט וועלס

וועלט־געשיכטע

באַנד IV

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין.

PRINTED IN POLAND

H. WELLS — „WELT - GESZICHTE“

Drukarnia „Wydawnictwo Wilenskie“ B. Kleckina, Wilno

קאַפּיטל 30

מוכאַמעד און דער איסלאַם

1. אַראַביע פאַר מוכאַמעדן. 2. מוכאַמעדס לעבן ביז דער העדזשראַ. 3. מוכאַמעד ווערט אַ קעמפנדיקער נביא. 4. די תורה פון איסלאַם. 5. די כאַליפן אַבו־בכר און עומאַר (אָמאַר). 6. די גרויסע טעג פון די אָמאַיאַדן. 7. די ירידה פון איסלאַם אונטער די אַבאַסידן. 8. אַראַבישע קולטור. 9. אַראַבישע קונסט.

מיר האָבן שוין באַשריבן, ווי אַזוי צו די הויפן פון הערַאַקליוס, פון קאַוואַד און פון טאַי־טסונג זיינען אין יאָר 628 נאָך קר. געקומען אַראַבישע שלוחים געשיקט פון אַ געוויסן מוכאַמעד, דעם „נביא פון גאָט“ אין דער קליינער האַנדלסשטאָט מעדינאַ אין אַראַביע. איצט מוזן מיר דערציילן, ווער איז דאָס געווען יענער נביא, וואָס איז אויפגעשטאַנען צווישן די נאָמאַדן און הענדלערס פון אַראַבישן מדבר.

זינט אומגעדענקלעכע צייטן איז אַראַביע, חוץ דעם פרוכפּעריקן פאַס יעמען אין דרום־זייט, געווען אַ לאַנד פון נאָמאַדן, דער צענטער און דאָס געבוירנלאַנד פון די סעמיטישע פעלקער. פון אַראַביע פלעגן זיך צו פאַרשיידענע צייטן אַ גאַנץ טאָן כוואַליעס פון די דאָזיקע נאָמאַדן קיין צפון, מזרח און מערב אויף די אַלטע ציוויליזאַציעס פון עגיפּטן, פון די מיטללענדישע ברעג־לענדער, פון מעסאָפּאָטאַמיע. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אין דער דאָזיקער געשיכטע, ווי אַזוי די שומערער זיינען געוואָרן פאַרפלייצט און באַצוואונגען דורך אַזעלכע סעמיטישע כוואַליעס, ווי אַזוי די סעמיטישע פעניקיער און כנענים האָבן זיך איינגעפעסטיקט אויף די מזרחדיקע ברעגעס

פון מיטללענדישן ים, ווי אַזוי סעמיטישע פעלקער האָבן זיך אָנגע־
איינגט אַ ישוב־לעבן אין בבל און אַשור, ווי אַזוי די היקסאָס האָבן
אַיינגענומען עגיפטן, ווי אַזוי די אַרמים האָבן זיך אַיינגעפעסטיקט
אין סיריע מיט זייער הויפטשטאָט דמשק און ווי אַזוי די עברים האָבן



א רייטנדיקער בויגנשיסער. א מוסטער פון כינעזישער ניט־גלאזירטער ליים־ארבעט, פון דער צייט פון דער טאנג־דינאסטיע. איצט אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן.

טיילווייז אַיינגענומען זייער „צוגעזאָגט לאַנד". אין אַן אומבאַוואוסטער צייט האָבן די כשדים זיך אַראָפּגעלאָזט פון מזרח־אַראַביע און האָבן זיך באַזעצט אויף די אַלטע שומערישע נחלאות. מיט איטלעכער

אינוואַזיע איז אַריינגעקומען אין דער געשיכטע צוערשט איין טייל פון די סעמיטן, דערנאָך אַ צווייטער טייל. נאָר איטלעכער פון אַזעלכע אָנפאַלן האָט נאָך איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ קערן פון שבט, כּדי צוצוגרייטן נייע אינוואַזיעס אין דער צוקונפט.

די געשיכטע פון די העכער אָרגאַניזירטע אימפעריעס פון דעם פערד=און=אייזן=פעריאָד, די אימפעריעס פון וועגן און שריפט, באַווייזט אַראַביע אַריינגעשטעקט ווי אַ קלינגע צווישן עגיפטן, פּאַלעסטינע און דעם פרת=און חידקל=לאַנד; זי דינט ווי אַ רעזערוואַר פון נאָמאַדישע שבטים, וואָס מאַכן רויבערישע אָנפאַלן און האַנדלען און מאָנען אָפּצאָלן פון די פאַרבייגייענדיקע קאַראַוואַנעס פאַר שוץ און זיכערקייט. עס טרעפן אויך צייטווייליקע און פאַרבייגייענדיקע באַצווינגונגען. עגיפּטן, פּערסיע, מאַקעדאָניע, רוים, סיריע, און ווידער אַמאָל פּערסיע — האָבן עפּעס תּביעות, אַז אַראַביע געהער צו זיי, אָבער דאָס אַליין איז נאָר אין טעאָריע. אין טראַיאַנוסעס צייט איז געווען אַ רוימישע פּראָווינץ „אַראַביאַ“, וואָס האָט אַריינגענומען די פּרוכּפעריקע געגנט כאַוראַן און האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דרום=זייט אַזש ביז פּעטראַ (סלע ערב). פון צייט צו צייט פלעגט אַן אַראַבישער הויפּטמאַן און זיין האַנדלסשטאָט זיך דערהייבן צו אַ צייטווייליקן גלאַנץ. אַזעלכער איז געווען דער אָדענאַט פון פּאַלמירע, וואָס וועגן זיינע מעשים האָבן מיר שוין דערמאָנט; אַ צווייטע מדבר=שטאָט, וואָס האָט אַ ווײַלע געגלאַנצט און וואָס אירע חורבות באַוואונדערט נאָך איצט דער רייזנדער, איז געווען בעל=בכּי (באַלבעק).

נאָך דעם חורבן פון פּאַלמירע הייבן די רוימישע און פּערסישע היסטאָרישע מקורים אָן אָנצורופן די אַראַבער פון מדבר סאַראַצענען.

אין דער צייט פון כּוזרו II האָט פּערסיע געמאָנט אַ געוויסע אייבערהערשאַפט איבער אַראַביע און האָט געהאַלטן באַאַמטע און שטייער=קלייבערס אין יעמען. פאַר דער דאָזיקער צייט איז יעמען געווען עטלעכע יאָר אונטער דער ממשלה פון די אַבעסינישע קריסטן, און נאָך פריער איז זי אין משך פון זיבן יאָרהונדערטער געווען אונטער דער הערשאַפט פון היימישע פירשטן, וואָס האָבן געהאַלטן די יידישע אמונה.

ביז אָנהייב פון זיבעטן יאָרהונדערט נאָך ק״ד. זיינען ניט געווען קיין סימנים פון אַן אומגעוויינטלעכער אָדער געפערלעכער ענערגיע אין די אַראַבישע מדבריות. דאָס לעבן פון לאַנד איז זיך געגאַנגען, אַזוי ווי עס איז געגאַנגען דורות לאַנג. וואו עס זיינען געווען פרוכפעריקע שטיקער ערד, דאָס הייסט דאָרט וואו עס איז געווען אַ קוואַל אָדער אַ ברונעם, — דאָרט האָט זיך געהאַלטן אַ קנאַפּע ערדאַרבעטער-באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין אַרומגעמויערטע שטעט פון וועגן די בעדוינען, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט מיט זייערע שאָף און רינדער און פערד איבערן מדבר. אויף די הויפּטוועגן, וואו עס זיינען געגאַנגען קאַראַוואַנעס, זיינען די הויפּטשטעט אויסגעוואַקסן צו אַ געוויסן, צווייט-ראַנגיקן וואוילשטאַנד, די ערשטע צווישן זיי זיינען געווען מעדינאַ און מעקאַ. אין אָנהייב זיבעטן יאָרהונדערט איז מעדינאַ געווען אַ שטאָט פון אַ 15.000 איינוואוינער; מעקאַ האָט אפשר געהאַט אַ 20 — 25 טויזנט. מעדינאַ איז געווען לפי-ערך אַ גוט באַוואַסערטע שטאָט, מיט אַ סך וועלדלעך פון טייטלפּאַלמען. אירע איינוואוינער זיינען געווען געקומען פון יעמען, דעם פרוכפּעריקן לאַנד אין דרום-זייט. מעקאַ איז געווען אַ שטאָט מיט אַן אַנדער כאַראַקטער, געבויט אַרום אַ קוואַל וואַסער מיט אַ ביטערן טעם און באַוואוינט פון בעדוינען, וואָס האָבן אָקאָרשט זיך געהאַט באַזעצט אויף איין אָרט.

מעקאַ איז ניט געווען לכתחילה פשוט אַ האַנדלס-צענטער; זי איז געווען אַן אָרט פאַר עולי רגל. צווישן די אַראַבישע שבטים האָט שוין זינט לאַנג עקסיסטירט אַ מין אַמפיקטיאָניע (שבטים-ברודערשאַפט), מיט אַ צענטער אין מעקאַ און אין איינִיקע אַנדערע הייליקטימער; עס זיינען געווען חדשים פון שטילשטאַנד פאַר אַלע מלחמות און בלוט-נקמות, עס זיינען געווען מנהגים פון שוץ און הכנסת-אורחים פאַר די עולי-רגל. אין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז געווען אויסגעוואַקסן אויך אַן אָלימפּישער עלעמענט; די אַראַבער האָבן אַנטפּלעקט מעגלעכקייטן פון שיינקייט אין זייער שפּראַך, און עס זיינען געווען רעציטאַציעס פון קריגס-פּאָעזיע און ליבע-לידער. די עלטסטע אָדער שייכן פון די שבטים זיינען געזעסן אונטערן פּאָרזיץ פון אַ „קיניג פון די פּאָעטן“ און האָבן געמשפּט די לידער און פאַרטיילט

פריזן; די לידער וואָס האָבן געקראָגן פריזן זיינען דערנאָך געזונגען געוואָרן אין גאַנץ אַראַביע.

דער כעבאַ (קאַבאַ) אין מעקאַ האָט געשטאַמט פון אַלטע צייטן. דאָס איז אַ קליינער קוואַדראַטישער טעמפל פון שוואַרצע שטיינער, וואָס זיין ווינקל-שטיין איז געווען אַ מעטעאָריט. דעם דאָזיקן מעטעאָריט האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גאָט, און אַלע קליינע שבט-געטער פון אַראַביע זיינען געווען אונטער זיין ממשלה. די שטענדיקע איינוואוינער פון מעקאַ זיינען געווען אַ שבט בעדויִנער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם טעמפל און זיך באַפעסטיקט פאַר זיינע היטערס. צו זיי פלעגן קומען אין די חדשים פון וואָפנשטילשטאַנד מאַסן מענטשן, וואָס פלעגן אַרומגיין אַרום דער קאַבאַ אין אַ פּראָצעסיע, זיך בוקן און קושן דעם שטיין, זיי פלעגן אויך זיך פאַרמעסטן מיט האַנדלען און רעציטירן לידער. די מעקאַנער פלעגן פון אַזעלכע באַזוכערס אַ סך פאַרדינען.

דאָס אַלץ דערמאָנט שטאַרק אָן דעם רעליגיעזן און פּאָליטישן צושטאַנד אין גריכנלאַנד מיט אַ פערצן יאָרהונדערטער פריער. אָבער דאָס היידנטום פון די דאָזיקע פרימיטיווערע אַראַבער איז שוין געווען אונטערגעגראָבן פון פאַרשיידענע זייטן. אין דעם פעריאָד פון די חשמונאים און בני-הורדוס אין יהודה האָבן אַ סך אַראַבער זיך מגייר געווען. און אין יעמען איז געווען אַ מלוכה, אונטער דער הערשאַפט פון יידן (ד"ה אַראַבער, וואָס האָבן זיך מגייר געווען), קריסטן און זאָראָאַסטריער. עס איז קלאָר, אַז עס זיינען געווען אַ סך רעליגיעזע וויכּוחים בעת די פייערונגען פון די עולי רגל אין מעקאַ און אין ענלעכע צענטערס. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז מעקאַ איז געווען די פעסטונג פון דעם אַלטן היידנישן קולט, וואָס האָט איר געגעבן איר וויכטיקייט און וואוילשטאַנד. מעדינאַ, פון דער אַנדער זייט, האָט געהאַט אַ נטיה צו יידישקייט, און אין שכנות פון איר זיינען געווען יידישע ישובים. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט געמעלט זיין, ווי אַז מעקאַ און מעדינאַ האָבן געמוזט לעבן אין אַ צושטאַנד פון קנאה-שנאה און שטענדיקע סיכסוכים.

2. מוכאמעדס לעבן ביז דער העדושרא.

מוכאַמעד, דער באַגרינדער פון איסלאַם, איז געבאָרן געוואָרן אין מעקאַ ארום 570 נאָך קר. זיין משפּחה איז געווען זייער אָרעם, און ער איז געווען אומגעבילדעט אַפילו לויטן מאַסשטאַב פון מדבר: ס'איז אַ ספק אַפילו, צי ער האָט זיך אַפילו געלערנט שרייבן. אַ שטיקל צייט איז ער געווען אַ פּאַסטעך; דערנאָך איז ער געווען אַ משרת ביי אַ געוויסער כאַדידושאַ, אַן אלמנה פון אַ רייכן סוחר. מסתמא האָט ער געדאַרפט השגחה געבן אויף אירע קעמלען, צו־העלפן איר אין אירע מסחרים: מען זאָגט, אַז ער האָט געדרייט מיט קאַראַוואַנעס קיין יעמען און קיין סיריע. ווי עס ווייזט אויס, איז ער קיין גרויסער מאַכער אין מסחר ניט געווען, נאָר ער האָט געהאַט דעם מזל געפעלן צו ווערן דער באַלעבאָסטע, און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, צום גרויסן פאַרדראָס פון איר משפּחה. ער איז דעמאָלט געווען ערשט אַלט פינף און צוואַנציק יאָר. עס איז ניט געוויס, צי זיין ווייב איז געווען אַ סך עלטער, הגם די טראַדיציע זאָגט, אַז זי איז געווען אַלט פערציק. נאָך דער חתונה האָט ער מסתמא מער קיין לאַנגע רייזעס ניט געמאַכט. זיי האָבן געהאַט עטלעכע קינדער, וואָס איינער פון זיי האָט געהייסן עבד־מאַניף — דאָס איז טייטש קנעכט פון מעקאַנישן גאָט מאַניף; דאָס באַווייזט, אַז צו יענער צייט האָט מוכאַמעד נאָך ניט געהאַט געמאַכט קיין רעליגיעזע אַנט־דעקונגען.

ביז פערציק יאָר האָט ער זיך געלעבט אין מעקאַ, ווי אַ מאַן פון אַ רייכער פרוי, און האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט. עס קאָן זיין אַ געוויסער גרונט פאַר דער השערה, אַז ער איז גע־וואָרן אַ שותּף אין אַן עסק פון לאַנדווירטשאַפט. עמעצער, וואָס וואָלט אים באַגעגנט אין מעקאַ, וואָלט אים מסתמא געהאַלטן פאַר אַ מין ליידיקגייער, פאַר אַ שעמעוודיקן פאַרשוין, מיט אַ שיינעם אויסזען, וואָס זיצט שווייגעדיק צווישן אַ געזעמל מענטשן און האָרכט זיך צו צו מעשׂיות, וואָס ווערן דערציילט, צי פאַר אַן אָרעמען פּאָעט, בכלל פאַר אַ מענטשן פון צווייטער מדרגה.

וועגן זיין אינעווייניקסטן לעבן קאָנען מיר זיך נאָר חקירהן. שרייבערס מיט פאַנטאַזיע האָבן משער געווען, אַז ער האָט דורכגעמאַכט גרויסע גייסטיקע קאַמפן, אַז ער פלעגט אַרויסגיין אין מדבר געפייניקט פון ספקות און פול מיט גלוסט צו גאָט. „אין דער שטילשווייגעניש פון מדבר=נאַכט, אין דער גליענדיקער היץ פון אַ מיטן טאָג אין מדבר, האָט ער, פונקט ווי אַלע מענטשן, געפילט זיך אַליין, אָבער ניט פאַרלאָזן, וואָרעם דער מדבר איז גאָטס, און אין מדבר קאָן אים קיינער ניט פאַרלייקענען“ (סער מאַרק סייקס). אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי, אָבער מיר האָבן ניט קיין שום באַווייזן פאַר אַזעלכע עקסקורסיעס אין מדבר. נאָר ער האָט געוויס טיף באַקלערט אַלע זאַכן אַרום אים. מעגלעך, אַז ער האָט געזען קריסטלעכע קירכן אין סיריע; כמעט געוויס איז, אַז ער האָט אַ סך געוואוסט פון יידן און פון זייער רעליגיע, און האָט געוויס געהערט זייער געשפעט איבער דעם שוואַרצן שטיין פון דער קאַבאַ, וואָס האָט רעגירט איבער דריי הונדערט געטער פון אַראַביע. ער האָט געזען די מאַסן עולי רגל און האָט באַמערקט די פעדים פון אומאויפריכטיקייט און אָבערגלויבנס פון דעם היידנטום אין שטאָט. דאָס האָט באַדריקט זיין געמיט. די יידן האָבן אפשר אים באַקערט צום גלויבן אין איין איינציקן אמתן גאָט, אָן דעם אַז ער זאָל וויסן, אַז דאָס איז מיט אים געשען.

צולעצט האָט ער שוין מער ניט געקאָנט באַהאַלטן זיינע געפילן ביי זיך. אַז ער איז געוואָרן פערציק יאָר, האָט ער גענומען ריידן וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט, צוערשט באַשיימפערליך נאָר מיט זיין ווייב און מיט די נאָענטסטע גוטע פריינד. ער האָט געמאַכט עטלעכע פערזן, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז אַ מלאך זאָל דאָס אים האָבן אַנטפלעקט. זייער אינהאַלט איז געווען די הנחה, אַז גאָט איז איינער, און עטלעכע אַלגעמיינע כללים וועגן גערעכטיקייט. ער האָט אויך געטענהט, אַז עס איז פאַראַן אַ קומענדיק לעבן, אַז פאַר די וואָס פאָלגן ניט און טוען שלעכטס איז אָנגעגרייט אַ גיהנום, אַז פאַר די וואָס גלויבן אין איין גאָט איז פאַראַן אַ גן=עדן. חוץ זיין פרעטענזיע, אַז ער איז אַ נייער נביא, איז בעצם אין זיין לערנונג ניט געווען קיין שום נייס פאַר יענער צייט, אָבער עס איז געווען אַ בונטערישע לער=

נונג פאַר מעקאַ, וואָס האָט צום טייל געצויגן איר יניקה פון דעם געצנדינערישן קולט און וואָס האָט זיך געהאַלטן פעסט פאַר די



צוויי מוסטערן פון אלטער כינעזישער סקולפטור. לינקס א פאגאָדע אין שאנכאַי, אויסגעפויט 247 נאָך קר. און רעסטאַווירט 1411. רעכטס די פאגאָדע ניט ווייט פון טשאאָטשאָו-פו.

געצן, אַפילו ווען גאָר די איבעריקע וועלט האָט זיי אָוועקגעוואָרפן. פונקט אַזוי ווי מאַני, האָט מוכאַמעד געלערנט, אַז די נביאים פאַר אים, בפרט ישו און אברהם, זיינען געווען געטלעכע לערערס, נאָר אַז ער האָט געקרוינט און משלים געווען זייער לערנונג. דעם בודיזם אָבער האָט ער ניט דערמאָנט, מסתמא דערפאַר, וואָס ער האָט פון בודאַן קיין מאָל ניט געהאַט געהערט. דער מדבר פון אַראַביע איז געווען טעאָלאָגיש אָפגעשטאַנען.

אין משך פון עטלעכע יאָר איז די נייע רעליגיע געווען דער כוד פון אַ קליינער גרופע פשוטע מענטשן, כאַדידושאַ, דעם נבֿאס ווייב, עלי (אַלי), אַן אַדאָפּטירטער זון, זייד, אַ שקלאַף; און אַבו בכר (אַבו בעקר), זיין גוטער פריינד. עטלעכע יאָר איז זי געווען אַ נישטיקע סעקטע, פאַרשטעקט אין עטלעכע הויזגעזינדן אין מעקאַ, וואָס האָט עפּעס געבורטשטעט און געפייערט קעגן געצנדינערײַ, אָבער אַזוי פאַרשטיקט און ניט־באַמערקט, אַז די בירער פון שטאָט האָבן אַפילו אין מינדסטן ניט אומגעקוקט זיך אויף איר. דערנאָך אָבער האָט זי אָנגעקליבן כוחות. מוכאַמעד האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אָפן, לערנען די תורה, וועגן קומענדיקן לעבן און סטראַשען די ניט־גלויביקע און די געצנדינערס מיטן פייער פון גיהנום. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַט היפּש הצלחה: אַ סך האָבן גענומען קלערן, אַז ער שטרעבט צו אַ מין דיקטאַטור אין מעקאַ, און אַז ער ציט אַריבער אויף זיין צד אַ סך אומצופרידענע מענטשן, וואָס לאָזן זיך פירן וואוהין ער וויל. און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו אָפּצוהאַקן ביי דער דאָזיקער באַוועגונג די פליגלען און צו דערשטיקן זי.

מעקאַ איז געווען אַן אָרט פאַר עולי רגל און אַ הייליקטום; עס האָט ניט געטאָרט פאַרגאָסן ווערן קיין בלוט אין אירע מויערן; נאָר מען האָט גענומען אָנטאָן צרות די אָנהענגער פון דעם נייעם לערער. מען האָט זיי מחרים געווען און מען האָט אָפּגענומען זייער אייגנס. אַ סך פון זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן, און זיי האָבן זיך געזוכט אַ באַהעלטעניש אין דער קריסטלעכער אַביסיניע. נאָר דער נביא גופא איז זיך אַרומגעגאַנגען ניט געטשעפּעט, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה, און זיינע קעגנער האָבן ניט געוואָלט אָנהייבן קיין נקמה־קריג. מיר קאָנען דאָ ניט נאָכגיין אַלע וואַנדלונגען פון קאַמף,

גאָר מען דאַרף דאָ פֿאַרצייכענען איין חידושדיקן פֿאַל אין דער קאַריערע פֿון דעם נייעם נביא, וואו ער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי סער מאַרק סייקס זאָגט, ווי „אַן אַראַבער פֿון אַראַבערלאַנד“. נאָכדעם ווי ער איז אַזוי פֿעסט באַשטאַנען אויף דער איין־און־איינציקייט פֿון גאָט, האָט ער זיך אַ קווענקל געטאָן. ער איז געקומען צו ניין אין הויף פֿון דער קאַבאַ און האָט דערקלערט, אַז די געטער און געטינס פֿון מעקאַ עקסיסטירן אפשר אויך, זיי קאָנען זיין אַ מין הייליקע, וואָס האָבן דאָס רעכט פֿון פֿירבעטערס.

זיין אָפּזאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט גרויס פֿרייד, אָבער ער האָט ניט באַוויזן צו מעלדן דאָס, ווי ער האָט חרטה געהאַט, און די דאָזיקע חרטה ווייזט, אַז ער האָט באמת געהאַט גאָטספֿאָרכטיקייט ביי זיך אין האַרצן. זיין אָנפֿאַל פֿון ערלעכקייט באַווייזט, ווי ערלעך ער איז געווען. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט אויף צו פֿאַרריכטן דאָס בייז וואָס ער האָט אָנגעטאָן. ער האָט געזאָגט, אַז דער שטן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין צונג, און ער האָט ווידער גענומען זידלען געצנדינערײ מיט פֿרישן כּוח. נאָך אַ קורצער הפֿסקה פֿון שלום איז דער קאַמף קעגן די אַלטע גאָטהייטן באַנייט געוואָרן מיט מער פֿאַרביטערטקייט און שוין אָן האָפֿענונג אויף שלום.

אַ געוויסע צייט האָבן געהאַט די איבערהאַנט די אַלטע אינטערעסן. צום סוף פֿון צען יאָר האָט מוכאַמעד זיך געפֿונען אַ פֿופֿציקער, און אין מעקאַ האָט ער גאָר קיין הצלחה ניט געהאַט.

כאַדידושאַ, זיין ערשטע פֿרוי, איז געווען טויט, און עטלעכע פֿון זיינע הויפּט־שטיצער זיינען אויך געווען געשטאָרבן ניט לאַנג. ער האָט געזוכט אַ באַהעלטעניש אין דער שכנישער שטאָט טאַיף, אָבער טאַיף האָט אים אַרויסגעטריבן מיט שטיינער און באַליידיקונגען. דעמאָלט, אַז די וועלט האָט אים אויסגעזען אַזוי פֿינסטער, האָט זיך אים געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז מען האָט אים אָנגענומען אין אַן אַנדער ווינקל, וואו ער האָט זיך גאָרניט געריכט. די שטאָט מעדינאַ איז געוואָרן אַ סך צעריסן דורך אינעווייניקסטע מחלוקותן, און אַ סך איינוואוינער אירע זיינען, בעת זיי זיינען געווען עולי רגל אין מעקאַ, געוואָרן צוגעצויגן דורך מוכאַ־

מעדס תורה. מסתמא האָבן די .פילצאָליקע יידן אין מעדינאַ שוין געהאַט צעטרייסלט די אַלטע געצנדינערייַ פון דעם פאָלק. האָט מען



די הויפּט-גאַס אין מעדינאַ, וואָס פירט צו מוכאַמעדס קבר.

צו אים געשיקט אַ פֿאַרבעטונג צו קומען רעגירן אין מעדינאַ אין נאָמען פֿון גאָט.

ער איז ניט געגאַנגען באַלד. צוויי יאָר האָט ער געפֿירט אומ־טערהאַנדלונגען, געשיקט אַ תּלמיד פֿאַרשפּרייטן זיין תּורה אין מעדינאַ און צעשטערן דאָרט די געצן. דערנאָך האָט ער גענומען שיקן די אָנהענגערס, וואָס ער האָט געהאַט אין מעקאַ, קיין מעדינאַ, זיי זאָלן דאָרט אויף אים וואַרטן, ביז ער וועט קומען אַהין; ער האָט זיך ניט געוואָלט אָנטרויען צו אומבאַוואוסטע אָנהענגערס פֿון אַ פֿרעמדער שטאָט. דער דאָזיקער אַרויסגאַנג פֿון זיינע מאמינים האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס זיינען געבליבן צולעצט ער אַליין און אבו בכר.

הגם מעקאַ איז געווען אַ הייליקטום, איז ער שיר דאָרט ניט דערהרגעט געוואָרן. די עלטסטע פֿון שטאָט האָבן קענטיק געוואוסט וואָס עס גייט צו אין מעדינאַ, און זיי האָבן איינגעזען די סכּנה וואָס שטייט אויף פֿאַר זיי, אויב דער דאָזיקער בונטערישער נביא וועט ווערן דער באַלעבאָס פֿון אַ שטאָט אויף זייער הויפּט־קאַראַוואַן־וועג קיין סיריע. האָבן זיי געקלערט, אַז די נויטווענדיקייט מוז ברעכן דעם מנהג, און זיי האָבן באַשלאָסן: מיט אַ נקמה־קריג צי אָן אַ נקמה־קריג, מוכאַמעד מוז שטאַרבן. זיי האָבן אַזוי אַראַנזשירט, אַז ער האָט באַדאַרפֿט דערהרגעט ווערן ליגנדיק אין בעט. און בכדי צו צע־טיילן דעם חטא פֿאַרן מחלל זיין די הייליקייט פֿון אָרט, האָבן זיי באַשטימט צו טאָן דאָס אַ קאָמיסיע, וואו עס זיינען געווען פֿאַרגעשטעלט אַלע משפּחות אין שטאָט, חוץ מוכאַמעדס. נאָר מוכאַמעד האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט צו אַנטלויפֿן. און אַז זיי האָבן ביינאַכט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, האָבן זיי געפֿונען אויף זיין בעט אַלי, זיין אַדאָפּטירטן זון, שלאָפֿנדיק אָדער געמאַכט זיך שלאָפֿנדיק אין זיין בעט.

דער אַנטלויף (די העדזשראַ) איז געווען פֿול מיט געפֿאַרן, פֿון שטאָט האָט מען אים נאָכגעיאָגט פֿוס־טריט. גענייטע שפּור־זוכערס האָבן געזוכט אין מדבר זיינע שפּורן, אָבער זיי זיינען אַוועק אין צפֿון־זייט פֿון שטאָט, בעת מוכאַמעד און אַבו־בכר זיינען געווען אַוועק קיין דרום צו הוילן, וואו עס זיינען געווען באַהאַלטן קעמלען און פּראָוויאַנט, און פֿון דאָרט האָט ער געמאַכט אַ גרויסן אומוועג קיין

מעדינאַ. אַהער איז ער מיט זיין געטרייען חבר אָנגעקומען דעם 20 סעפּטעמבער 622 און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס התלהבות. דאָס איז געווען אַ סוף צו זיינע ליידן און דער אָנהייב פון זיין מאַכט.

---

3. מוכאַמעד ווערט אַ קעמפנדיקער נביא.

ביז דער העדזשראַ, ביז ער איז געווען אַלט 51 יאָר, זיינען נאָך פאַראַן חילוקי־דעות וועגן מהות און כאַראַקטער פון דעם גרינדער פון איסלאַם. זינט דעמאָלט אָבער ווערט אַלץ קלאָר. מיר זעען פאַר אונז אַ מענטשן מיט אַ גרויסן כוח הדמיון, נאָר געדרייט אויפן אַראַבישן שטייגער און מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ בעדוּין.

דער אָנהייב פון זיין רעגירונג איז געווען „עכט בעדוּיניש“. די רעגירונג פון איין גאָט איבער גאָר דער ערד, ווי מוכאַמעד האָט זי אויסגעטייטשט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ריי אָנפאַלן אויף די קאַראַוואַנעס קיין מעקאַ — און מער ווי אַ יאָר צייט זיינען זיי אַלע אָן הצלחה. דערנאָך איז געשען אַ גוואַלדיקער סקאַנדאַל: די מוסלימס האָבן געבראָכן דעם אַלטן מנהג פון דער אַראַבישער פעלקער־ברודערשאַפט וועגן וואָפנשטילשטאַנד אין הייליקן חודש ראַדזשאַב. אַ גרופּע זייערע איז אין יענער צייט פון טיפן שלום באַפאַלן אַ קליינעם קאַראַוואַן און האָבן דערהרגעט אַ מענטשן. דאָס איז געווען זייער איינציקער אויפטו, און זיי האָבן דאָס געטאָן לויט דעם נביאס באַפעל!

באַלד איז געקומען אַ שלאַכט. אַ חייל פון 700 מאַן איז אַרויסגעטראָטן פון מעקאַ צו באַגלייטן אַהיים אַ צווייטן קאַראַוואַן, און זיי האָבן אָנגעגעגנט אַ גרויסן אָנפאַל־אָפּטייל פון 300 מאַן. עס איז פאָרגעקומען די שלאַכט פון באַדר, און די מעקאַנער האָבן געליטן אַ מפלה. זיי האָבן פאַרלאָרן 50 ביז 60 מאַן דערהרגעטע און פונקט אַזוי פיל פאַרוואונדעטע. מוכאַמעד איז צוריק אַוועק קיין מעדינאַ מיט טריומף, און אַללאַה און זיין ניצחון האָבן אים אַזוי באַגייסטערט,

אַז ער האָט באַפוילן צו מאַכן אַ שחיטה אויף זיינע יידישע קעגנער, וואָס האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פון זיין נביאות.

נאָר מעקאַ האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין פאַר באַדר, און אין דער שלאַכט ביי אוהוד, ניט ווייט פון מעדינאַ, האָט זי דערלאַנגט אַ גרויסע מפּלה די אָנהענגער פון דעם נביא. מוכאַמעד איז אַנידערגעוואָרפן געוואָרן אויף דר'ערד און שיר ניט דערהרגעט, און זיינע אָנהענגער זיינען זיך צעלאָפן. נאָר די מעקאַנער האָבן זייער ניצחון ווייטער ניט אויסגענוצט און זיינען אין מעדינאַ ניט אַריין.

אַ געוויסע צייט האָט דער נביא קאָנצענטרירט גאָר זיין ענערגיע אויף צו הייבן דעם מוט פון זיינע אָנהענגער, וואָס זיינען באַשיימפּערלעך געווען שטאַרק געפאַלן ביי זיך. אין קאָראַן איז געבליבן אַן אָנדענק פון יענע געדריקטע שטימונגען. די „סוראַס" פון קאָראַן, זאָגט זאָגט סער מאַרק סייקס, וואָס מען האַלט, אַז זיי שטאַמען פון יענער צייט, שטייגן אַריבער כמעט אַלע איבעריקע מיט זייער מאַיעסטעטישקייט און בטחון". דאָ ברענגען מיר, אויפן משפט פון לעזער, אַ מוסטער פון יענע סוראַס:

„אָ, איר גלויביקע! אויב איר פאָלגט די וואָס גלויבן ניט, וועלן זיי אַייך אומקערן צוריק אויף אַייערע פוסטריט, דעמאָלט וועט איר זיך אומקערן ווי פאַרלאָרענע.

„ניין! אַללאַה איז אַייער האַר, און ער איז דער בעסטער פון די העלפערס.

„פאַרוואָר, מיר וועלן אַרייניאָגן שרעק אין די הערצער פון די אומגלויביקע, ווייל זיי האָבן אַוועקגעשטעלט געטער לעבן גאָט, וואָס צו דעם האָט ער קיין אָנזאָג ניט אַראָפּגעשיקט; און זייער וואוין־אָרט וועט זיין דאָס פייער, און שלעכט איז דער אויפהאַלט פון די רשעים.

„און פאַרוואָר, שוין האָט אַללאַה געהאַלטן אַייך זיין צוזאָג, בעת איר האָט זיי פאַרטיליקט מיט זיין דערלויב, ביז איר זייט שוואַכהאַרציק געוואָרן און האָט זיך אַרומגעקריגט איבערן באַפעל און האָט ווידערשפעניקט, נאָכדעם ווי ער האָט אַייך געלאָזט זען, וואָס איר ווילט. געווען פון אַייך אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט די וועלט און אַנדערע האָבן פאַרלאַנגט יענע וועלט. דערנאָך האָט ער אַייך אָפּגעווענדט פון זיי (פון די שונאים), כדי אַייך אויסצופּרוּוון. און

פאַרוואָר, ער האָט אײַך איצט מוחל געווען, וואָרעם אַללאַה איז געבעדיק פאַר די גלויביקע.

„אַז איר זייט געלאָפן איבעראײַלט און האָט אויף קײנעם ניט געוואַרט, און דער נביא האָט אײַך נאָכגערופן פון הינטן, דעמאָלט האָט ער אײַך געגעבן אַן אַנדער צער פאַר אײַער צער, אַזוי אַז איר זאָלט ניט דאגהן וועגן דעם, וואָס איר האָט אַרויסגעלאָזט (דעם זאַקרויב), און ניט איבער דעם וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אײַך. און אַללאַה ווייס וואָס איר טוט.

„דערנאָך האָט ער אויף אײַך אַראָפּגעשיקט נאָכן צער זיכערקייט. רו איז אָנגעשטאַנען פאַר אַ טייל פון אײַך; אַן אַנדער טייל ווידער — זייערע נשמות זיינען געוואָרן אויפגערעגט. זיי האָבן געטראַכט וועגן גאָט נאַרישע געדאַנקען און האָבן געזאָגט: מיר האָבן ניט קיין חלק אין דעם דאָזיקן ענין. זאָג: פאַרוואָר, דער ענין איז אינגאַנצן אין אַללאַהס הענט. זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אין זייערע נשמות, וואָס זיי האָבן דיר ניט אַנטפּלעקט. זיי האָבן געזאָגט: וואָלטן מיר עפּעס געהאַט אין דעם ענין, וואָלט מיר דאָ ניט געוואָרן דערהרגעט. זאָג: אויב איר וואָלט אַפילו געבליבן אין אײַערע הייזער— יענע וואָס פאַר זיי איז געווען באַשטימט דערהרגעט צו ווערן, געוויס וואָלטן זיי געווען אַוועקגעגאַנגען אין יענע ערטער, וואו זיי וואָלטן באַדאַרפט ווערן דערהרגעט, — און כּדי אַללאַה זאָל אויספּרווון דאָס, וואָס איז אין אײַערע ברוסטן און ער קאָן אויסלייטערן דאָס וואָס איז אין אײַערע הערצער. און אַללאַה ווייס וואָס עס איז אין די ברוסטן.

„אָט די פון אײַך, וואָס האָבן געקערט דעם רוקן אין יענעם טאָג, ווען די צוויי חיילות האָבן זיך צונויפגעשטויסן, נאָר דער טייוול האָט זיי געמאַכט שטרויכלען איבער עפּעס פון זייערע מעשים. און פאַרוואָר, איצט האָט אַללאַה זיי שוין מוחל געווען. פאַרוואָר, אַללאַה איז אַ מוחל וסולח“.

אין משך פון עטלעכע יאָר זיינען געגאַנגען צוזאַמענשטויסן, וואָס האָבן אָבער ניט געגעבן קיין באַשטימענדיקע רעזולטאַטן. צום סוף האָט מעקאַ געמאַכט אַ לעצטע אָנשטרענגונג עוקר מן השורש צו זיין די וואַקסנדיקע מאַכט פון מעדינאַ. מען האָט צונויפגעשאַרט

אַ געמישטען חייל פון ניט וויניקער פון 10.000 מאַן, וואָס פאַר יענער צייט און פאַר יענעם לאַנד איז דאָס געווען אַ געוואַלדיקער כוח. אוודאי איז דאָס געווען אַלחלוטין ניט דיסציפּלינירטער חייל פון פוסגייער, רייטערס און קעמל-רייטערס, און צוגעגרייט איז ער געווען ניט צו קיין אַנדער זאַך, נאָר צו אַ געוויינטלעכער שלאַכט אין מדבר. בויגנס, שפּיזן און שווערדן זיינען געווען זייערע איינציקע כלי-זיין. אַז זיי זיינען סוף-כל-סוף אָנגעקומען אינמיטן אַ געדיכטן וואָלקן שטויב פאַר די ביידלעך און הייזער פון מעדינאַ, האָבן זיי פאַר זיך דערזען אָנשטאָט אַ קלענערן חייל פון דעם זעלביקן מין אויסגעשטעלט צו דער שלאַכט, ווי זיי האָבן זיך גערעכט, נאָר אַ נייע זאַך, וואָס האָט זיי אינגאַנצן געמאַכט מבולבל — אַ גראָבן און אַ מויער. מיט דער הילף פון אַ פּערסער, זיינעם אַן אָנהענגער, האָט מוכאַמעד זיך געהאַט באַפעסטיקט אין מעדינאַ!

דערזען דעם מויער און גראָבן, איז דער דאָזיקער בעדויִנישער ערב-רב געבליבן פאַרחידושט און געפּלעפט: אַזוי ניט העלדיש האָט זיך נאָך קיינער ניט אויפגעפירט, זינט די וועלט שטייט. זיי זיינען אַרומגעריטן אַרום דעם אָרט. זיי האָבן מיט קולות אַרויסגעשריען זייער מיינונג וועגן די באַלעגערטע. זיי האָבן אויסגעשאָסן עטלעכע פיילן, און סוף-כל-סוף האָבן זיי זיך געלאַגערט, כדי צו האַלטן זיך אַן עצה מכּוח אָט דער חידושדיקער באַליידיקונג. זיי האָבן ניט געקאָנט קומען צו קיין החלטה. מוכאַמעד האָט ניט געוואָלט אַרויסגיין; עס האָבן אָנגעהויבן גיין רעגנס, די געצעלטן פון די פאַרבינדעטע זיינען געוואָרן נאַס, עס איז געוואָרן שווער צו קאָכן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן חילוקי-דעות, מען האָט זיך גענומען קריגן צווישן אַנאַנד, און סוף-כל-סוף איז דער דאָזיקער גרויסער חייל צעפאַלן געוואָרן אין זיינע באַשטאַנדטיילן אָן אַ שלאַכט (627). די איינציקע באַנדעס האָט זיך צעשפּרייט קיין צפון, קיין מזרח און קיין דרום, זיינען געוואָרן וואָלקנס שטויב און האָבן אויפגעהערט צו פאַרשאַפן זאָרג. ניט ווייט פון מעדינאַ איז געווען אַ פעסטונג פון יידן, וואָס אויף זיי איז מוכאַמעד געווען אין כעס פון פריער; מחמת זיי האָבן ניט געהאַלטן פון זיין טעאָלאָגיע. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו שטעלן זיך אויפן צד פון די מעגלעכע זיגער אין דעם

לעצטן קאַמף, און איצט איז מוכאַמעד אָנגעפֿאַלן אויף זיי, האָט אויסגעהרגעט אַלע מאַנסבּיל, 900 מאַן, און די ווייבּער און קינדער פֿאַרקויפֿט פֿאַר שקלאַפֿן. עס איז מעגלעך, אַז אַ סך פֿון זייערע אָקערשטיקע פֿאַרבּינדעטע זיינען געוועזן צווישן די קויפֿערס פֿון די דאָזיקע שקלאַפֿן. נאָך דער מפּלה האָט שוין מעקאַ מער ניט געמאַכט קיין בּונדן קעגן מוכאַמעדן, און איינער נאָכן אַנדערן זיינען אירע אָנפֿירערס אַריבּער אויף מוכאַמעדס צד.

מיר האָבּן ניט נייטיק נאָכצוגיין די אַלע דריייונגען און ווענדונגען פֿון די אָפּמאַכן, וואָס האָבּן סוף=כּל=סוף געבּראַכט צו דער הערשאַפֿט פֿון דעם נביא איבּער מעקאַ. דער תּוך פֿון דעם הסכּם איז געוועזן, אַז די גלויבּיקע בּאַדאַרפֿן זיך ווענדן בּעת דער תּפֿילה צו דער ריכטונג פֿון מעקאַ, אָנשטאָט צו ווענדן זיך קיין ירושלים, ווי זיי פֿלעגן פֿריער טאָן, און אַז מעקאַ זאָל זיין דער צענטער פֿאַר עולי רגל פֿון דער נייער אמונה. ווי בּאַלד אַז די עולי רגל קומען נאָר, האָט די לייט פֿון מעקאַ קענטיק ווינציק געאַרט, צי די מאַסע קלייבּט זיך צונויף אין נאָמען פֿון איין גאָט, צי פֿון אַ סך געטער. מוכאַמעד האָט זיך אַלץ מער מיאש געוועזן, אַז אים וועט געראָטן צו בּאַקערן אין אַ גרויסער מאָס יידן און קריסטן צו זיין גלויבּן, און ער האָט אויפֿגעהערט אונטערצו=שטרייכן זיין געדאַנק, אַז אַלע די דאָזיקע אמונות דינען איינעם און דעם זעלבּיקן איינציקן גאָט. אַללאַה איז אַלץ מער געוואָרן זיין אייגענער ספּעציעלער גאָט, וואָס איז איצט דורך זיין אָפּמאַך געוועזן צוגעבּונדן צום מעטעאָר=שטיין אין דעם קאַבּאַ=טעמפּל, און אַלץ ווינציקער און ווינציקער גאָט דער פֿאָטער פֿון אַלע מענטשן. דער נביא האָט שוין אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו מאַכן יד אחת מיט מעקאַ, און סוף=כּל=סוף איז דאָס געוועזן פֿאַרענדיקט. די הערשאַפֿט איבּער מעקאַ איז געווען ווערט די הנחה. וועגן די גייעניש און ריידעניש אַהין און אַהער בּאַדאַרפֿן מיר ניט דערציילן, און אויך ניט וועגן דעם לעצטן קאָנ=פֿליקט. אין יאָר 629 איז מוכאַמעד אַריין אין שטאָט ווי איר האַר. דאָס בּילד פֿון מאַניף, וואָס נאָך אים האָט ער אַנומלטן געהאַט אָנגערופֿן זיין זון, איז איצט געוואָרפֿן געוואָרן פֿאַר זיינע פֿיס, בּעת ער איז אַריין אין קאַבּאַ.

דערנאָך האָט זיין מאַכט זיך פאַרברייטערט; עס זיינען געווען שלאַכטן, בגידות, שחיטות. נאָר בדרך כלל האָט ער געהאַט די איבער־האַנט, ביז ער איז געוואָרן האַר איבער גאַנץ אַראַביע. און אַז ער איז געוואָרן האַר פון גאַנץ אַראַביע אין יאָר 632, אין עלטער פון 62 יאָר, איז ער געשטאָרבן.

אין די לעצטע עלף יאָר פון זיין לעבן נאָך דער העדזשראַ קאָן מען ווינציק אונטערשיידן בכלל צווישן דעם איפפיר פון מיכאַמעד און פון וואָסער אַנדער פאַראייניקער פון פעלקער צו אַ מאָנאַרכיע. דער הויפט־אונטערשייד איז דער, וואָס ער האָט זויסגענוצט אַ רעליגיע וואָס ער האָט אַליין געשאַפן צוליב אַ פאַרבינד־מיטל. ווער־ליק די אומשטאַנדן האָבן דאָס פאַרלאַנגט, איז ער געווען דיפּלאָמאַטיש, פאַלש, אָנרחמנותדיק אָדער נאָכגעביק, פונקט ווי איטלעכער אַנדער אַראַבישער קיניג וואָלט געווען אויף זיין אָרט. אין זיין קיניגטום איז באַזונדערס ווינציק געווען גייסטיקייט. אויך זיין פאַמיליען־לעבן איז אין משך פון דער צייט פון מאַכט און פרייהייט געווען ניט ווי פון אַ פרומען נביא. ביזן טויט פון כאַדידזשאַ, אַז ער איז געווען פופציק יאָר, איז ער, ווייזט אויס, געווען דער ערלעכער מאַן פון איין ווייב. דערנאָך אָבער האָט ער, פונקט ווי אַ סך מאַנספּיל אויף די עלטערע יאָרן, אַרויסגעוויזן אַן אומאָנגענעם שטאַרקן אינטערעס צו פרויען.

נאָך כאַדידזשאַס טויט האָט ער גענומען צוויי ווייבער, וואָס איינע פון זיי איז געווען ד ייונגע אַישאַ, וואָס איז געוואָרן און געבליבן זיין ליבלינגס־פרוי און זיין איינפלוסרייכסטע חברטע. דערנאָך זיינען צוגעקומען אַ סך אַנדערע פרויען, ווייבער און קעפסווייבער. דאָס האָט געבראַכט צו פיל פאַרדרייעניש און מהומות, און ניט געקוקט אויף אַ סך ספּעציעלע נבואות פון אַללאַה אויף צו דערקלערן דעם ענין, האָבן די גלויביקע באַדאַרפט זיך נאָך אַ סך פּילפּלען, בכדי זיך אויסצוטייטשן, ווי האָט זיך דאָס געשיקט פאַר אַ נביא אַזאַ מין אויפפיר.

אַזוי, למשל, איז געווען אַ סקאַנדאַל מיט אַישאַן. איין מאָל איז זי געבליבן זוכן איר האַלז־באַנד צווישן די קוסטעס, בעת דער קעמל מיטן טראָגשטול איז זיך אַוועקגעגאַנגען; און אַזוי אַרום האָט

אַללאַה, געמוזט זיך אַריינמישן מיט אַ געוויסער היציקייט, כּדי צו שטראָפן יענע, וואָס האָבן קענען איר אַרויסגעלאָזט אַ שם רע. אַללאַה האָט געהאַט צו ריידן קלאָרע דיבורים בכלל מכּוח דעם גלוסט פון דער דאָזיקער ווייבער=ווירטשאַפט צום „לעבן פון דער וועלט“ און זיין אויספּוץ און צו „לוקסוס“. דערנאָך איז געווען אַ סך גערייד וועגן דעם, וואָס דער נביא האָט חתונה געמאַכט זיין יונגע פלימעניצע זאַינאַב מיט זיין אַדאָפּטירטן זון זאַיד, און דערנאָך, „אַז זאַיד האָט אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג מיט איר“, האָט דער נביא גענומען זי און חתונה געהאַט מיט איר — נאָר דאָס הייליקע בוך טייטשט אויס, אַז ער האָט דאָס געטאָן נאָר כּדי צו באַווייזן דעם חילוק צווישן אַן אמתן זון און אַן אַדאָפּטירטן זון. „מיר האָבן זי געגעבן דיר פאַר אַ ווייב, בכדי עס זאָל ניט זיין קיין שווערקייט פאַר די גלויביקע בנוגע די ווייבער פון זייערע אַדאָפּטירטע זין, ווען זיי האָבן אויסגעפירט זייער פאַרלאַנג מיט זיי, און אַללאַהס געבאָט דאַרף ווערן אָפּגעהיט“. נאָר עס איז זיכער, אַז עס וואָלט געגאַנגען געווען פשוט דאָס צו זאָגן אין קאָראַן, און מען האָט ניט באַדאַרפט אָנקומען צו אַזאַ פראַקטישער דעמאָנסטראַציע. עס איז נאָך געווען אַ בונט אין האַרעם, ווייל דער נביא האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער גענאָד אַן עגיפּטישער קעפּסווייב, וואָס האָט אים געהאַט געבאָרן אַ יינגל — דאָס דאָזיקע יינגל האָט ער שטאַרק ליב געהאַט, ווייל פון כאַדידזשאַס זין איז קיין איינער ניט געבליבן לעבן. די דאָזיקע שטויביקע מהומות מישן זיך כּסדר אַריין אין אונזער פאָרשטעלונג פון דעם נביאס פערזאָן. איינע פון זיינע פרויען איז געווען אַ יידישע קינד, סאַפּיאַ, וואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט אין דעם טאָג פון דער שלאַכט, וואָס אין איר איז איר מאַן גענומען געוואָרן געפאַנגען און דערהרגעט. מוכאַמעד האָט די פרוי דערזען פאַרנאַכט, און זי איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט זי געלאָזט ברענגען צו זיך אין געצעלט אַריין.

דאָס זיינען בולטע פאַקטן אין די לעצטע עלף יאָר פון מוכאַמעדס לעבן. דערפאַר ווייל ער האָט אויך געגרינדעט אַ גרויסע רעליגיע, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שרייבן וועגן דעם דאָזיקן בפירושן בעל=תאווהניק און דריי=קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ מענטש,

וואָס מען קאָן אים אַוועקשטעלן זייט בײַ זייט מיט ישו פון נצרת אָדער גאַוטאַמאַ אָדער מאַני. נאָר עס איז באַשײמפּערלעך, אַז ער איז געווען



דער טעמפּל פון עד־דייִר אין פּעטרא (סלע ערב). ער איז אויסגעהאַקט אין שטיין און האַלט 138 פוס די הייך.

אַ פּראָסטער חי וקים; ער איז געווען אַ פּוסטער בעל־גאווה און עגאָיִסט, אַ טיראַן און געגאַרט אין זיך. און עס וואָלט צערייסן די

גאַנצע פּראָפּאָרציע פון אונזער געשיכטע, אויב מיר וואָלטן צוליב אַ מעגלעכן מוסלימישן לייענער געווען אומאויפריכטיק אים פאַרצושטעלן אין אַן אַנדער שיין.

נאָר הגם מיר נעמען אַריין אין חשבון זיינע שלעכטע מידות, די פוסטע גאווה, דעם עגאָיזם, די אַליין-גענאַרעריי און די תאווהדיקייט, מוזן מיר דאָך מודה זיין, אַז די חסרונות אַליין גיבן ניט די פולע כאַראַקטעריסטיק פון דעם מענטשן. מיר באַדאַרפן ניט אַריבערכאַפּן די מאָס און אָפּוואַרפנדיק די איבער-די-מאָסיקע פּרעטענזיעס פון די גלויביקע טאָרן מיר ניט אַ־יינפאַלן אין איבער-די-מאָסיקן טאַדל. צי קאָן אַ מענטש וואָס האָט קיין מעלות ניט האָבן אַ גוטן פריינד? וואָרעם דער וואָס האָט מוכאַמעדן געקענט צום בעסטן, דער האָט אין אים געגלויבט צום מיינסטן. כאַדידזשאַ האָט אין אים געגלויבט, ווייל זי האָט געלעבט — אָבער זי האָט געקאָנט זיין אַן איינגעליבטע פרוי. אַבו בכר איז אַ בעסערער באַווייז, און ער האָט קיין מאָל ניט געקווענקלט אין זיין איבערגעגעבנקייט. אַבו בכר האָט געגלויבט אין נביא, און עס איז שווער פאַר איטלעכן ווער עס לייענט די געשיכטע פון יענער צייט ניט צו גלויבן אַבו בכרן. אויך עלי האָט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַרן נביא אין זיינע פינסטערע טעג. מוכאַמעד איז בשום אופן ניט געווען קיין אָפּנאַרער, הגם צייטנווייז האָט אים זיין גאווה געבראַכט צו דער איינריידעניש, אַז אַללאַה שטייט אים צו דינסט ביי זיין ערשטן רוף, און אַלצדינג וואָס ער טראַכט זיינען דאָס אַללאַהס געדאַנקען.

און אויב זיין מיט בלוט באַפלעקטע ליידנשאַפט פאַר סאַפייאַ איז משונהדיק און פריקרע פאַר אַ מאָדערנעם געמיט, מאַכט אים זיין ליבע פאַרן קליינעם איבראַהים, דעם זון פון דער עגיפּטערין מאַריע, און זיין ליידנשאַפטלעכער טרויער, ווען דאָס קינד איז געשטאָרבן, פאַר אַ חבר פון יענע אַלע, וואָס האָבן געוואוסט פון ליבע און אָנווער.

ער האָט געשאָטן די ערד אויפן קליינעם קבר מיט די אייגענע הענט. „דאָס פאַרגרינגערט דאָס געבראָכענע האַרץ, האָט ער געזאָגט. — הגם פאַר דעם טויטן איז דאָס ניט קיין טובה און ניט קיין דעה, נאָר עס איז אַ מדייסט פאַרן לעבעדיקן“.

4. די תורה פון איסלאַם.

נאָר דער פּערזענלעכער כאַראַקטער פון מוכאַמעד איז איין זאַך און דער כאַראַקטער פון דעם איסלאַם, דער רעליגיע וואָס ער האָט געגרינדעט, איז אַ צווייטע זאַך. מוכאַמעד קאָן ניט באַשטיין אַנטקעגן ישו אָדער מאַני, און זיין פיגור אין פאַרגלייך מיט זיי איז פאַר אונז אַ טפל־זאַך. אָבער דער היסטאָריקער האָט צו נעמען אין אַכט דעם איסלאַם, וואָס איז געוואָרן אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם פאַרדאָרבענעם קריסטנטום פון זיבעטן יאָרהונדערט און קעגן דער יורדישער טראַדיציע פון די זאָראָאַסטרישע מאַגיער. און צי איז דאָס געווען דורך דעם נביא אָדער קעגן דעם נביא, נאָר איבער געוויסע אומשטאַנדן אין זיין אָפּשטאַם און איבער געוויסע תכונות פון דעם מדבר, וואָס אין אים איז ער אויפגעקומען, — נאָר מען קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז דער איסלאַם פאַרמאָגט אַ סך פיינע און אידעלע מידות. ניט שטענדיק קומען גוטע זאַכן אַריין אין מענטשלעכן לעבן דורך געהויבענע פערזענלעכקייטן. די נאַרישקייט פון די פשוטע תלמידים פאַרלאַנגט מופתים ווי אַ צוגאָב צו דער מאַיעסטעט פון אמת און וואונדערלעכע געבירטן אָנשטאָט רעכטפאַרטיקייט.

אַ יאָר פאַר זיין טויט, צום סוף פון צענטן יאָר פון דער העדזשראַ, איז מוכאַמעד דאָס לעצטע יאָר געגאַנגען עולה רגל פון מעדינאַ קיין מעקאַ. ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ גרויסע דרשה פאַר זיין פאָלק, וואָס די טראַדיציע גיט איבער וועגן דעם אָט וואָס. אוודאי זיינען פאַראַן חילוקי־דעות, צי זיינען דאָס טאַקע ריכטיק זיינע ווערטער, אָבער עס קאָן קיין שאלה ניט זיין, אַז די וועלט פון איסלאַם, אַ וועלט וואָס באַשטייט נאָך פון 300 מיליאָנען מענטשן, נעמט זיי נאָך איצט אָן ווי איר לעבנס־געזעץ, און היט זיי אָפּ אין אַ גרויסער מאָס. דער לייענער וועט באַמערקן, אַז דער ערשטער סעיף איז מבטל אַלע רויבערייען און בלוטיקע נקמות צווישן די אָנהענגער פון איסלאַם. דער לעצטער מאַכט דעם גלויביקן נעגער גלייך צום כאַליף. זיי זיינען אפשר ניט אַזעלכע געהויבענע ווערטער, ווי אייניקע מימרות פון ישו פון נצרת, נאָר זיי האָבן איינגעשטעלט אין דער וועלט אַ גרויסע טראַדיציע פון ווערדעפולן, ערלעכן אויפפיר, זיי אָטעמען מיט אַ גייסט פון

איידלקייט און זיי זיינען מענטשלעך און זיי לאָזן זיך אויספירן. זיי האָבן געשאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פרייער פון ווייט פאַרשפרייטער אכזריות און אַ נטערדריקונג, ווי וואָסער אַניע געזעלשאַפט, וואָס איז פריער געווען אויף דער וועלט.

„אָ פאָלק! האָרכט זיך צו צו מיינע רייד; וואָרעם איך ווייס ניט, צי וועל איך איבעראַיאָר ווידער זיין צווישן אייך. אייער לעבן און אייגנטום זיינען הייליק און אומבאַרירלעך צווישן אַנאַנד ביז צום ענד פון אַלע צייטן.

„דער אייבערשטער האָט באַפוילן איטלעכן צו נעמען אַ חלק אין זיין ירושה; אַ צוואה איז ניט גילטיק צום שאָדן פון יורשים.

„דאָס קינד געהער צום פאָטער; און דער וואָס פאַרשוועכט אַ זווג, דער מוז ווערן געשטייניקט.

„דער וואָס טענהט פאַלש, אַז אַן אַנדערער איז זיין פאָטער, אָדער אַן אַנדערער איז זיין באַלעבאָס, די קללה פון גאָט און פון די מלאכים און פון גאָר דער מענטשהייט זאָל רוען אויף אים.

„אָ פאָלק! איר האָט רעכט צו פאָדערן פון אייערע ווייבער, און זיי האָבן רעכט צו פאָדערן פון אייך. אויף זיי ליגט אַ חוב ניט צו ברעכן זייער געטריישאַפט צום מאַן און ניט צו טאָן קיין זאַך וואָס איז עפנטלעך אומפאַסיק; אויב זיי טוען אַזעלכע זאַכן, האָט איר דאָס רעכט זיי איינצושליסן אין באַזונדערע חדרים און צו שלאָגן זיי מיט רימענס, אָבער ניט שטרענג. נאָר אויב זיי האָבן דערויף חרטה, באַקליידט זיי און גיט זיי עס ווי עס געשיקט זיך. און באַגייט זיך מיט אייערע ווייבער גוט, וואָרעם זיי זיינען ביי אייך ווי שקלאַפן און געפאַנגענע; זיי האָבן קיין מאַכט ניט איבער עפּעס וואָס איז שייך צו זיי אַליין. און איר האָט זיי גענומען פאַרוואָר אויף גאָטס באַראָט, און האָט געמאַכט זייער פערזאָן געזעצלעך אייער אייגנס לויט גאָטס וואָרט.

„און אייערע שקלאַפן — זעט, אַז איר זאָלט זיי שפּייזן מיט דער זעלביקער שפּייז, וואָס איר עסט אַליין, און באַקליידט זיי פון זעלביקן געוואַנט, וואָס איר טראָגט אַליין. און אויב זיי באַגייען אַ פעלער, וואָס איר זייט ניט נוטה מוחל צו זיין, פאַרקויפט זיי, וואָרעם זיי זיינען קנעכט פון דעם אייבערשטן, און מען טאָר זיי ניט פייניקן.

„אָ פאָלק! האָרכט זיך צו צו מיינע רייד און באַנעמט זיי. ווייסט, אַז איטלעכער מוסלים איז אַ ברודער איטלעכן אַנדערן מוסלים. אַלע אײַערע פאַרמאָגן איין ווערדע“.

דאָס דאָזיקע באַשטיין אויף פריינדלעכקייט און צוגעלאָזטקייט אין טאָגטעגלעכן לעבן איז איינע פון די הויפּט-מעלות פון איסלאַם, דאָס איז אָבער ניט זיין איינציקע מעלה. גלייך וויכטיק איז דער מאָנאָטעיזם אָן פשרות, אָבער אויסגעטאָן פון דער יידישער אויסשליסלעכקייט, וואָס דער קאָראַן האַלט אים אונטער. דער איסלאַם איז פון אָנהייב אָן געווען אַ פיינער שוץ קעגן די טעאָלאָגישע מאַכערייען, וואָס האָבן פאַרפלאָנטערט און צעשפּאָלטן דאָס קריסטנטום און האָבן דערשטיקט ישוס גייסט. און דער דריטער מקור פון זיין כוח איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אײַנגעשטעלט פינקטלעך און זאָרגעוודיק כללים פון תפילה, און קולט און האָט קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז מעקאַ האָט נאָר אַ באַגרענעצטן און באַדינגטן באַטייט. קרבנות זיינען די מאמינים געוואָרן פאַרבאָטן; עס איז ניט געלאָזן געוואָרן קיין שפּעלטל פאַר אַ כּוהן פון אַלטן שניט אַריינצוקומען צוריק אין דער אַלטער אמונה. עס איז ניט געווען פשוט אַ נייע אמונה, אַ ריין נביאישע רעליגיע, ווי ישוס רעליגיע איז געווען אין זיין צייט אָדער די רעליגיע פון גאַוטאַמאַ און גאַוטאַמאַס לעבנס-צייט, נאָר עס איז געווען לכתחילה אײַנגעשטעלט צו בלייבן אַזוי. דער איסלאַם האָט ביזן היינטיקן טאָג געלערנטע, לערעדס און דרשנים; ער האָט אָבער ניט קיין כּוהנים.

ער איז געווען פול מיטן גייסט פון פריינדלעכקייט, איידלקייט און ברודערשאַפט; ער איז געווען אַ פשוטע און באַרשטענדלעכע רעליגיע; ער איז געווען באַוועגט פון דעם העלדישן גייסט פון מדבר; און ער האָט זיך געווענדט דירעקט צו די אַלגעמיינסטע אינסטינקטן אין דער נשמה פון אַ געוויינטלעכן מענטשן. אַנטקעגן דעם האָבן ניט געקאָנט באַשטיין ניט יידישקייט, וואָס האָט געמאַכט פון גאָט אַ פאָלקס-אוצר, ניט קריסטנטום, וואָס האָט גערעדט און גערעדט אָן אַ סוף וועגן דריי-איינהייטן און דאָקטרינעס, וואָס קיין געוויינטלעכער מענטש איז ניט געווען ביכולת תופס צו זיין, ניט דער מאַזדאַיזם, די רעליגיע פון די זאָראָאַסטרישע מאַגיער, וואָס האָבן געבראַכט

צו דער קרייציקונג פון מאַני. דער גרויסער מאַסע פון פאָלק, וואָס צו איר איז דערגאַנגען דער רוף פון איסלאַם, האָט ניט זייער שטאַרק געאַרט, צי מוכאַמעד איז געווען אַ בעל־תאווהניק צי ניט, אָדער צי האָט ער געטאָן וואָסערע מיאוסע מעשים. דאָס וואָס האָט זיי גענומען איז געווען די שפירונג פון זייער האַרץ, אַז דער גאָט, אַללאַה, וואָס ער האָט פון אים גערעדט אין זיינע דרשות, איז געווען אַ גאָט פון גערעכטיקייט, און אַז אויב מען נעמט ערלעך אָן זיין תורה און זיין גאַנג, עפנט זיך אויף ברייט אַ טיר — אינמיטן אַ וועלט פון אומזיכערקייט, פאַלשקייט און צרותדיקע צעטיילונגען — צו אַ גרויסער און שטייגנדיקער ברודערשאַפט פון באַגלויבטע מענטשן אויף דער ערד און צו אַ גן־עדן ניט פון זאָגעכץ און תפילות, וואו הייליקע, כוהנים און געזאַלבטע מלכים פאַרנעמען נאָך איצט די ערשטע ערטער, נאָר אַ גן־עדן פון גלייכער חברשאַפט און פון פשוטע און פאַרשטענדלעכע תענוגים, אַזעלכע ווי זייער האַרץ גלוסט. אָן אַ צווייטיקן סימבאָליזם, אָן וואָסערע פאַרטונקלטע אַלטאַרן און זינגענדיקע כוהנים האָט מוכאַמעד אַריינגעבראַכט אין די הערצער פון מענטשן די דאָזיקע צוציענדיקע תורה.

---

5. די כאַליפן אַבו־בכר און עומאַר (אָמאַר).

די אמתע פאַרקערפערונג פון גייסט פון איסלאַם איז געווען ניט מוכאַמעד, נאָר זיין נאָענטער פריינד און אָנהענגער אַבו בכר. עס איז כמעט קיין ספק ניט, אַז אויב מוכאַמעד איז געווען דאָס געמיט און די פאַנטאַזיע פון לכתחילהדיקן איסלאַם, איז אַבו בכר געווען זיין באַוואוסט און זיין ווילן. אין משך פון זייער צוזאַמענלעבן איז מוכאַמעד געווען דער וואָס האָט די זאַך געזאָגט, און אַבו בכר איז געווען דער וואָס האָט אין דער זאַך געגלויבט. אויב מוכאַמעד פלעגט זיך קווענקלען, פלעגט אַבו בכר אים אונטערהאַלטן. אַבו בכר איז געווען אַ מאַן אָן ספקות, זיין גלויבן האָט געשניטן די מעשים גלייך ווי אַ שאַרפער מעסער טוט שניידן. מיר פילן אויף זיכער, אַז אַבו בכר וואָלט קיין מאָל ניט געקאָנט מאַכן קיין פשרות

מכּות די קלענערע געטער פון מעקאַ, אָדער וואָלט קיין מאָל ניט
געניייטיקט זיך אין באַזונדערע נבואות פון אַללאַה אויף אַיינצו=
טייטשן זיין פּריוואַט=לעבן. אויפן עלפטן יאָר פון דער העדזשראַ
(632), אַז דער נביא איז קראַנק געוואָרן מיט היץ=קרענק און איז
געשטאָרבן, האָט אַבו בכר פאַרנומען זיין אָרט ווי דער כאַליף
און פירער פון פאָלק (כאַליפאַ איז טייטש ממלא מקום). נאָר מיטן
כּוח פון זיין אומגלויבלעכן בטחון אין דער גערעכטיקייט פון אַללאַה
האָט אַבו בכר פאַרהיט אַ שפּאַלטונג צווישן מעקאַ און מעדינאַ,
דערשטיקט אַ ווייט אויסגעשפּרייטן אויפשטאַנד פון די בעדויִנער
קעגן דער באַשטייערונג צוליב דעם אַלגעמיינעם צוועק און אויסגעפירט
אַ גרויסן רויב=אָנפאַל אויף סיריע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער נביא
האָט געהאַט אויסגעפּלאַנעוועט. און דערנאָך האָט אַבו בכר, מיט
יענעם גלויבן וואָס רוקט איבער בערג, זיך פאַרנומען פּראָסט און
פּשוט צו אָרגאַניזירן די באַצווינגונג פון גאָר דער וועלט אונטער דער
ממשלה פון אַללאַה מיט אַ חייל פון 3000 אָדער 4000 אַראַבער —
לויט יענע בריוו, וואָס דער נביא האָט געהאַט געשריבן פון מעדינאַ
אין יאָר 628 צו אַלע מאָנאַרכן אין דער וועלט.

און דער פּרווו איז שיר=שיר ניט אויסגעפירט געוואָרן. וואָלט
דעמאָלט דער איסלאַם געהאַט אַ הייפל מענטשן, יינגערע מענטשן
מיט די זעלביקע מעלות, וואָס אַבו בכר, וואָלט ער געוויס דאָס אויס=
געפירט. און געהאַלטן ביים ניצחון פון איסלאַם האָט עס דערפאַר,
ווייל אַראַביע איז דעמאָלט געווען אַ צענטער פון גלויבן און ווילן,
און ווייל אין ערגעץ ניט, אויף גאָר דער וועלט, חוץ כינע און
סיידן אויף די סטעפּעס פון רוסלאַנד און טורקעסטאַן, איז ניט
געווען קיין אַנדער געמיינשאַפט פון מענטשן מיט אַ פרייען גייסט
און מיט אַ וואָסער מאַכט פון גלויבן אין זייערע רעגירערס און פירערס.
דער ראָש פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, הערקליוס, דער באַ=
צווינגער פון כּוזרו II, איז שוין געווען אַן אָפּגעלעבטער מענטש און
קראַנק אויף וואַסערזוכט, און זיין אימפּעריע איז געווען אויסגעשעפּט
דורך דער לאַנגער פּערסישער מלחמה. דאָס געמיש פון פעלקער און=
טער זיין רעגירונג האָבן ווייניק פון אים געוואוסט און נאָך ווייניקער
געדאַנגהט וועגן אים. פּערסיע איז געווען אין די נידעריקסטע טי=

פענישן פון מאָנאַרכיסטישער דעגראַדאַציע: דער פּאָטער־מערדער קאַוואַד II איז געווען געשטאָרבן נאָך אַ רעגירונג פון עטלעכע חדשים, און אַ ריי פון דינאַסטישע אינטריגעס און דראַמאַטישע מאָרדן האָבן באַלעבט דעם פּאַלאַץ, נאָר אָפּגעשוואַכט דאָס לאַנד. די מלחמה צווישן פּערסיע און דער ביזאַנטישער אימפּעריע איז נאָר פאָרמאַל פאַרענדיקט געוואָרן אַרום דער צייט, ווען אַבו בכר האָט אָנגעהויבן רעגירן. ביידע צדדים האָבן אַ סך געהאַט אויסגעניצט אַראַבישע הילפס־חיילות. איבער סיריע זיינען געווען פאַרשפּרייט אַ צאָל שטעט און ישובים פון קריסטיאַניזירטע אַראַבער, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר אונטערטאַנען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער אויף זייער געטריישאַפט האָט מען ניט געקאָנט שטאַרק בויען. די פּערסישע וועגן צווישן מעסאָפּאָטאַמיע און דעם מדבר האָבן זיך געפונען אונטערן קאָנטראָל פון אַן אַראַבישן וואַסאַל־פירשט, וואָס זיין הויפּטשטאָט איז געווען אין חירא. אַראַבישע השפּעה איז געווען שטאַרק אין אַזעלכע שטעט ווי דמשק, וואו קריסטלעכע אַראַבישע אַדל־לייט פלעגן רעזידירן די לעצטע פּאָעטישע ווערק פון די מדבר פּאָעטן. אַזוי אַרום איז פאַרן איסלאַם געווען צוגעגרייט אַ גרויסער סכום מאַטעריאַל גרינג צו אַסימילירן.

די מיליטערישע קאַמפּאַניעס, וואָס האָבן זיך איצט אָנגעהויבן, געהערן צו די גלענצנדסטע אין דער וועלט־געשיכטע. אַראַביע איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ גאָרטן, וואו עס וואַקסן העלדן און פיינע לייט. דער נאָמען פון כאַליד גלאַנצט אַרויס ווי דער ליכטיקסטער שטערן צווישן אַ גאַנצער גרופּע איבערגעגעבענע און פעיִקע מוסלימישע גענעראַלן. ווען נאָר ער האָט קאָמאַנדירט, האָט ער געזיגט, און אַז דער צווייטער כאַליף, אָמאַר, האָט אים מחמת קנאה אומגערעכט און אומפאַרענטפערלעך* אַראָפּגעזעצט, האָט ער ניט געמאַכט קיין טומל, נייערט ער האָט געדינט צו אַללאַה מיט אַ פריילעכן געמיט און מיט דער זעלביקער געטריישאַפט ווי אַן אונטערגעבענער צו יענע, וואָס

* נאָר שורץ און העלמאָלטס „וועלטגעשיכטע“ זאָגט, אַז דאָס פּריוואַטע לעבן פון דעם גאַלאַנטן חאַליד האָט שאָקירט די פרומע מאמינים. ער האָט פאַרפירט פרעמדע פרויען, און דאָס איז אַן ערנסטער פאַרברעך אין אַ וועלט פון פּאָליגאַמיע.

ער האָט פריער איבער זיי רעגירט. מיר קאָנען דאָ ניט אָנצייכענען די געשיכטע פון די דאָזיקע מלחמות. די אַראַבישע חיילות האָבן זיך געשלאָגן אין דער גלייכער צייט אין דער ביזאַנטישער סיריע און אין דער פּערסישער גרענעץ־מדינה פון חירא. אומעטום פלעגן זיי פאָרלייגן אויסצוקלייבן איינעם פון די דריי: אָדער צאָלן צינז, אָדער אָננעמען דעם אמתן גאָט און צושטיין צו זיי, אַדער שטאַרבן. זיי האָבן אָנגעטראָפן אַרמייען, גרויסע און דיסציפּלינירטע אַרמייען, אָבער אָן אַ גייסט, און האָבן זיי צעשלאָגן. און אין ערגעץ האָט דאָס פאָלק ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד קעגן זיי. דעם פאָלק פון די באַפעלקערטע באַוואַסערונג־געגנטן פון מעסאָפּאָטאַמיע האָט אַ האָר ניט געאַרט, צי זיי צאָלן צינז ביזאַנץ צי פּערסעפּאָליס צי מעדינאַ. און פון די צוויי, די אַראַבער און דער פּערסישער הויף, זיינען די אַראַבער געווען בפירוש די בעסערע, וואָס האָבן רעגירט מיט מער גערעכטיקייט און גענאָד. די קריסטלעכע אַראַבער האָבן באַלד זיך פאַראייניקט מיט די אַריינדרינגער, דאָס נעמלעכע האָבן געטאָן אויך אַ סך יידן. פונקט ווי אין מערב, איז אויך איצט אין מזרח די אינוואַזיע געוואָרן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. נאָר דאָס איז אויך געווען פאַראיינס אַ רעליגיעזע רעוואָלוציע מיט אַ נייער און איינאַרטיקער גייסטיקער לעבהאַפטיקייט.

כאַליד איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אויסגעקעמפט די אַנטשיידנדיקע שלאַכט (636) מיט העראַקליוס אַרמיי אויף ברעגעס פון יאַרמוק, אַ ביי טייך פון ירדן. די לעגיאָנען זיינען געווען, ווי אַלע מאָל, אָן אַן אייגענער קאַוואַלעריע; אומזיסט האָט אין משך פון זיבן יאָרהונדערטער דער גייסט פון אַלטן קראַסוסן זיך אַרומגעטריבן אין מדבר; די קיסרלעכע אַרמייען האָבן זיך פאַרלאָזן אין פּרט פון קאַוואַלעריע אויף די הילפס־חיילות פון די קריסטלעכע אַראַבער, און יענע זיינען אַריבער איבער אויפן צד פון די מוסלימס, ווי נאָר די אַרמייען האָבן זיך צונויפגעטראָפן. דער ביזאַנטישער חייל האָט געמאַכט אַ גרויסן פּאַראַד מיט כהנים, הייליקע פאָנעס, בילדער און רעליקוויעס, און דאָס אַלץ איז געוואָרן באַלייט דורך געזאַנג פון מאָנאַכן. אָבער די רעליקוויעס האָבן קיין כּישוף־כּוח ניט פאַרמאָגט, און דער געזאַנג פון די מאָנאַכן האָט אויך ווינציק געווירקט.

אויף דער זייט פון די אַראַבער האָבן די שייכן און עמירן אָנגעפייערט די זעלנער, און לויט אַן אַלטן אַראַבישן מנהג, האָבן די הילכיקע געשרייען פון די ווייבער אין די הינטערשטע רייען געמונטערט זייערע מאַנען. די מוסלימישע רייען זיינען געווען פול מיט גלויביקע, וואָס פאַר זיי האָט געשיינט דער ניצחון אָדער דער גן-עדן. די שלאַכט איז אַפילו אַ ווײַלע ניט געווען אין ספק, ווײַבאַלד די אידרעגולערע קאַוואַלעריע האָט זיך געפעלט. אַ פּרוּוו זיך צוריקצוציען איז געוואָרן אַ לויפעניש און האָט זיך געענדיקט מיט אַ שחיטה. די ביזאַנטישע אַרמיי האָט געקעמפּט מיטן רוקן געווענדט צום טייך, וואָס איז איצט פאַרפולט געוואָרן מיט אירע טויטע.

נאָך דער מעשה האָט הערַאַקליוס פאַוואָליע איבערגעלאָזט סיריע, וואָס ער האָט אַזוי שפּעט געהאַט צוריק אָפּגעוואונען בײַ די פּערסער, פאַר זיינע נייע קֶעגנער. דמשק איז באַלד געפאַלן, און אין אַ יאָר אַרום זיינען די מוסלימס אַריין אין אַנטיוכיאַ. אויף אַ שטיקל צייט האָבן זיי זי ווידער געמוזט פאַרלאָזן מחמת אַ לעצטער אָנשטרענגונג מצד קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָר זיי זיינען ווידער געקומען צוריק אונטערן אָנפיר פון חאַליד.

בינתים איז אויף דעם מזרחדיקן פראָנט דער ווידערשטאַנד פון די פּערסער, נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן נאָך אַ לכתחילהדיקן גרינגן ניצחון געהאַט אײַנגענומען כירא, געוואָרן שטייפער. סוף-כל-סוף האָט זיך בײַ זיי געענדיקט דער דינאַסטישער קאַמף, און עס האָט זיך אײַנגעפעסטיקט אַן אויבער-קיניג, און עס האָט זיך אויך געפונען אַ פעיקער קריגס-פירער, רוסטעם. ער האָט געגעבן אַ שלאַכט בײַ קאַדיסייאַ (637). זיין אַרמיי איז אויך געווען פּונקט אַזאַ געמישטער חייל, ווי דער וואָס דריוש האָט געהאַט געפירט קיין טראַקיע אָדער וואָס אלכסנדר האָט אים צעקלאַפּט בײַ איסוס; זי איז געווען אַן ערב-רב פון שבטים. רוסטעם האָט געהאַט דריי-און-דרייסיק קריגס-העלפאַנדן, און ער איז געזעסן אויף אַ גילדערנעם שטול אויף אַ הויכער פּלאַט-פאָרמע הינטער די פּערסישע רייען און האָט זיך צוגעקוקט צו דער שלאַכט; דער דאָזיקער גאָלדענער שטול וועט דעם לעזער דערמאָנען

אָן הערדאָטן, דעם העלעספאָנט און סאַלאַמיס מיט העכער טויזנט יאָר פריער. די שלאַכט האָט געדויערט דריי טעג; איטלעכן טאָג זיינען די אַראַבער אָנגעפאַלן און דער פערסישער תייל האָט זיך געהאַלטן פעסט, ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן, און מען האָט געמוזט אָפּשטעלן די שלאַכט. אויפן דריטן טאָג האָבן די אַראַבער געקראָגן פאַרשטאַרקונגען, און אַרום פאַרנאַכט האָבן די פערסער געפּרוווט מאַכן אַ סוף צו דער שלאַכט דורך אַן אַטאַקע מיט די העלפאַנדן. צוערשט האָבן די גרויסע חיות אַראָפּגעטראָגן אַלצדינג פאַר זייערע טריט; דערנאָך אָבער האָט איין העלפאַנד געקראָגן אַ וואונד, און מחמת אים האָט שטאַרק ווי געטאָן, האָט ער זיך ניט געלאָזט פירן און האָט גענומען אַרומלויפן אַהין און אַהער צווישן די אַרמייען. די דאָזיקע פאַניקע האָט פאַרכאַפּט אויך די איבעריקע. אַ שטיק צייט זיינען ביידע אַרמייען געשטאַנען געפּלעפט אין דער רויטער שיין פון דער שקיעה, צוקוקנדיק זיך צו די ווילדע שפּרינג פון די גרויע, ברומענדיקע חיות, וואָס האָבן געריסן זיך פּטור צו ווערן פון די מאַסן באַוואָפנטע מענטשן, וואָס האָבן זיי געפּייניקט און געוואָלט זיי פאַרהאַלטן. עס איז געווען ניט מער ווי אַ צוטראַף, וואָס די העלפאַנדן האָבן זיך דורכגעריסן סוף-כל-סוף דורך די פערסישע, און ניט דורך די אַראַבישע רייען, און די אַראַבער זיינען אַזוי אַרום געווען ביכולת זיך צו באַהערשן אינמיטן דער מהומה. דער בין-השמשות איז געוואָרן נאַכט, נאָר דאָס מאָל האָבן ביידע אַרמייען זיך ניט צעשיידט. דורך דער נאַכט האָבן די אַראַבער זיך געשלאָגן אין אַללאַהס נאָמען און האָבן געשפּאַרט אויף די צעשפּרייטע און צודיקטרעטנדיקע פערסער. אַז דער טאָג האָט גענומען שאַרייען, האָבן די רעשטן פון רוסטעמס אַרמיי זיך געפונען לויפנדיק ווייט פון שלאַכטפעלד. זייער וועג איז געווען אָנגעצייכנט דורך צעוואָרפענע געווער און קריגס-מאַטעריאַל, איבערגעלאָזטן טראַנספּאָרט און הורך טויטע און שטאַרבנדיקע. דער גאָלדענער שטול און די פלאַטפאָרמע זיינען געווען צעבראָכן, און רוסטעם איז געלעגן אינמיטן אַ הויפן טויטע מענטשן...

נאָך אין יאָר 634 איז אַבו בכר געשטאָרבן, און כאַליף איז געוואָרן אויף זיין אָרט אָמאַר. דעם נביאס שוואָגער (634 — 644); אונטער אָמאַרס רעגירונג זיינען פאָרגעקומען דער גרעסטער טייל

באַצווינגונגען פון די מוסלימס. די ביזאַנטישע אימפּעריע איז אינגאַנצן געוואָרן אַרויסגעשטופּט פון סיריע. נאָר ביי די טאַורוס־בערג איז דער אָנפאַל פון די מוסלימס אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַרמעניע איז געוואָרן באַזיגט, גאַנץ מעסאָפּאָטאַמיע איינגענומען און אויך פּערסיע אויף יענער זייט פון די טייכן. עגיפּטן* איז כמעט פּאַסיוו אַריבערגעגאַנגען פון די גריכן צו די אַראַבער; אין משך פון עטלעכע יאָר האָט די סעמיטישע ראַסע אין נאָמען פון גאָט און פון זיין נביא געהאַט איינגענומען כמעט אַלע אירע מדינות, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעוואָרן לטובת די אַרישע פּערסער מיט אַ טויזנט יאָר פריער. ירושלים איז פרי געפאַלן, אָן אַ באַלעגערונג, נאָר דורך אַן אָפּמאַך; אַזוי אַרום איז דער „אמתער קרייץ", וואָס די פּערסער האָבן אים געהאַט אַוועקגענומען מיט אַ טוץ יאָר פריער, און העראַקליוס האָט אים געהאַט זאָרגעוודיק אויפגעריכט, ווידער אַרויס פון אונטער דער ממשלה פון קריסטן. נאָר ער איז נאָך געווען אין קריסטלעכע הענט; די קריסטן האָבן באַדאַרפט ווערן טאָלערירט, זיי האָבן מער ניט געמוזט צאָלן קאָפּ־שטייער; אַלע קירכן און אַלע רעליקוויעס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אין זייער רשות.

ירושלים האָט געשטעלט אַ מאָדנעם תנאי אויף זיך אונטערצוגעבן. די שטאָט האָט געוואָלט זיך אונטערגעבן דווקא דעם כאַליף אָמאַר בכבודו ועצמו. ביז דעמאָלט איז ער געזעסן אין מעדינאַ, אָרגאַניזירט אַרמייען און אויפגעפּאַסט אויף דער אַלגעמיינער קריגס־פירונג. ער איז געקומען קיין ירושלים (638), און דער אופן, ווי אַזוי ער איז געקומען, באַווייזט, ווי גרינג

---

* די באַצוויגונג פון עגיפּטן דורך די אַראַבער האָט אָפּגעשניטן אַביסיניע פון קריסטנטום אין גאַר דער וועלט, און אין משך פון טויזנט יאָר הערן מיר גאָרנישט וועגן דאָזיקן ווייטן לאַנד. עס איז געבליבן קריסטלעך, און אין מיטן 15טן יאָרהונדערט האָט אַ מיסיע פון אַבעסיניע זיך געווענדט קיין רוים מיט אַ שאלה וועגן אייניקע ענינים אין אמונה־זאַכן. אין קריסטנטום איז געווען אַ צייט לאַנג אַ לעגענדע וועגן אַ גרויסן קריסטלעכן לאַנד אין מזרח, דאָס לאַנד פון פּרעסביטער יאָהאַן; די דאָזיקע לעגענדע איז קענטיק באַגרינדעט אויף געפּלאָנטערטע דערציילונגען וועגן אַביסיניע, אויסגעמישט מיט אַנדערע דערציילונגען וועגן מאָנגאָלישע הויפּטלייט, וואָס די נעסטאָריאַנער האָבן זיי באַקערט צום קריסטנטום.

די קראַפט און פשוטקייט פון דעם ערשטן מוסלימישן אַנדראַנג איז געוואָרן אונטערגעגראָבן דורך די ניצחונות. אַמאָר איז געקומען צו רייטן דעם גאַנצן וועג פון זעקס הונדערט מייל באַגלייט נאָר פון איין באַדינער; ער איז געריטן אויף אַ קעמל, און די פּראָוויזיע וואָס ער האָט מיטגענומען אויפן וועג איז געווען אַ זאַק גערשטן, אַ זאַק טייטלען, אַ וואַסער-לאָגל און אַ הילצערנע שיסל. פאַר דער שטאָט האָבן אים באַגעגנט זיינע הויפּט-לייט, אויסגעפּוצט אין זיידנס און אויף פערד מיט רייכע דעקעס. אַז דער אַלטער האָט דאָס דערזען, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון כעס. ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זאָטל, צונויפגעקראַצט בלאָטע און שטיינער מיט דער האַנט און באַוואָרפן די אויסגעפּוצטע פּראַנטן און גענומען שרייען און זידלען זיי. וואָס איז דאָס פאַר אַ באַליידיקונג? וואָס באַטייט אָט דער אויספּוץ? וואו זיינען זיינע קריגס-לייט? וואו זיינען די לייט פון מדבר? ער האָט ניט געוואָלט לאָזן, אַז די דאָזיקע פּראַנטן זאָלן אים באַגלייטן. ער איז זיך געריטן ווייטער מיט זיין באַדינער, און די פלינקע עמירן זיינען געריטן ווייט פון אים, אַז זיינע שטיינער זאָלן צו זיי ניט גרייכן. ער האָט זיך אַליין באַגעגנט מיטן פּאַטריאַרך פון ירושלים, וואָס האָט קענטיק געהאַט איבערגענומען די שטאָט פון די ביזאַנטישע מושלים. מיטן פּאַטריאַרך האָט ער זיך גוט צונויפגערעדט. זיי זיינען אינאיינעם אַרומגעגאַנגען איבער די הייליקע ערטער, און אָמאַר, איצט אַ ביסל באַרויקט, האָט געמאַכט וויצן און געשפּעט איבער זיינע גרויסאַרטיקע אָפיצירן.

פונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די טענדענצן פון דער צייט איז אָמאַרס בריוו מיט אַ באַפעל צו איינעם פון זיינע גובערנאַטאָרס, וואָס האָט געהאַט אויסגעבויט פאַר זיך אַ פּאַלאַץ אין קופאַ, ער זאָל אים צעשטערן.

„זיי דערציילן מיר, האָט ער געשריבן, אַז דו ווילסט נאָכמאַכן דעם פּאַלאַץ פון כּוזרו (אין קטעסיפאָן), און אַז דו וואָלסט אַפילו וועלן אויסנוצן די טויערן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו אים. ווילסטו אויך האָבן אַזעלכע היטערס און טויער-וועכטערס, ווי כּוזרו האָט געהאַט? ווילסטו האַלטן ווייט פון זיך די מאמינים און ניט לאָזן אָרעמע לייט קומען צו דיר? ווילסטו אָפּטרעטן פון דעם מנהג

פֿון אונזער נביא און זיין אַזוי גרויסאַרטיק ווי יענע פּערסישע קיסרים, און אַראָפּנידערן אין גיהנם, אַזוי ווי זיי?"*.

---

6. די גרויסע טעג פֿון די אָמאַיאַדן.

אַבו בכר און אָמאַר I זיינען די הויפּט-פיגורן אין דער געשיכטע פֿון איסלאַם. מיר האָבן ניט אין זינען דאָ צו שילדערן די מלחמות, וואָס דורך זיי האָט דער איסלאַם אין איינע הונדערט מיט פינף און צוואַנציק יאָר זיך אויסגעשפּרייט פֿון אינדוס ביזן אַטלאַנטישן ים און שפּאַניע און פֿון קאַשגאַר ביי די גרענעצן פֿון כינע ביז קיין אייבער-עגיפּטן. צוויי קאַרטעס זיינען גענוג צו ווייזן די גרענעצן, וואָס צו זיי האָט דער מעכטיקער אימפּעט פֿון דער נייער אמונה אַטראָג געטאָן די אַראַבישע אידעע און די אַראַבישע שריפֿטן, אידער פּוסטע האַוועניש, דער אַלטער האַנדלס-און רויב-גייסט און דער כישוף פֿון זיידנס האָבן ווידער געוואונען זייער פּאַראַליזירנדיקע השפּעה איבער דעם שכל און ווילן פֿון די אַראַבער. דער לייענער וועט באַמערקן, ווי דער גרויסער אָנפֿלייץ האָט זיך אַלאָז געטאָן אין די פוס-טריט פֿון יואַנג-טשוואַנג, און ווי גרינג עס זיינען אין אפֿריקע איבערגעחזרט געוואָרן די גרינגע באַצווינגונגען פֿון די וואַנדאַלן, מערניט אין אַ פּאַ־קערטער ר כט נג. און אויב דער לייענער האָט נאָך אַמאָל וואָסערע פֿאַלשע פֿאָרשטעלונגען וועגן אַ פיינער ציוויליזאַציע, צי אַ פּערסישער, אַ רוימישער, אַ העלענישער אָדער עגיפּטישער, וואָס זאָל כלומרשט זיין פֿאַרטרונקען געוואָרן דורך אָט דעם אָנפֿלייץ, איז וואָס גיכער ער וועט אַוועקוואַרפֿן די דאָזיקע פֿאָרשטעלונגען, אַלץ בעסער וועט זיין. דער איסלאַם האָט געקראָגן די אייבערהאַנט, ווייל ער איז געווען די בעסטע סאָציאַלע און פּאָליטישע אָרדענונג, וואָס יענע צייטן האָבן געקאָנט אויפֿווייזן. ער האָט געקראָגן די אייבערהאַנט, ווייל אומעטום האָט ער געפֿונען פּאָליטיש אַפּאַטישע מאַסן באַרויבט, אונטערדריקט, געשלאָגן, אומגעבילדעט און ניט אָרגאַניזירט, און אומע-

---

* ציטירט לויט שורץ אין העלמאָלטס „וועלט-געשיכטע".



דער וואוקס פון דער מוסלימישער מאכט אין 25 יאר
די מוסלימישע מלוכה צו מוחאמעדס טויט 632...
צו אָטמאנס טויט 656...
J.F.H.

טום האָט ער געפונען עגאָיסטישע און אומגעזונטע רעגירונגען, וואָס האָבן בכלל ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט וואָסער עס איז פאָלק. דער איסלאַם איז געווען די ברייטסטע, פרישסטע און ריינסטע פּאָליטישע אידעע, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען געקומען איןווירקליכער אַקטיוויטעט אין גאָר דער וועלט, און ער האָט געגעבן די מענטשהייט-מאַסן בעסערע תנאים, ווי וואָסער עס איז אַנדער סיסטעם. די קאַפּיטאַליסטישע און שקלאַפן-האַלטערישע סיסטעם פון דער רוי-מישער אימפעריע און די ליטעראַטור און קולטור און סאָציאַלע טראַ-דיציע פון אייראָפּע איז געווען אינגאַנצן איינגעפאַלן און חרוב, איידער דער איסלאַם איז אויפגעשטאַנען. ערשט אַז די מענטשהייט האָט אָנגעוואָרן דעם צוטרוי אין די פאָרשטייער פון איסלאַם, דעמאָלט הייבט זיך אָן זיין ירידה.

דער גרעסטער טייל פון זיין ענערגיע איז געפטרט געוואָרן אויף איינצונעמען און אַסימילירן פערסיע און טורקעסטאַן; זיינע מעכ-טיקסטע קלעפ זיינען געווען געווענדט אין צפון-זייט פון פערסיע און אין מערב-זייט פון עגיפטן. וואָלט ער געהאַט קאָנצענטרירט זיין ערשטע מאַכט אויף דער ביזאַנטישער אימפעריע, דעמאָלט קאָן קיין ספק כמעט ניט זיין, אַז אין אַכטן יאָרהונדערט וואָלט ער געהאַט איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וואָלט דורכגעגאַנגען אייראָפּע פונקט אַזוי גרינג, ווי ער האָט דערלאַנגט ביז פּאַמיר. דער כאַליף מואַוויאַ האָט, אמת, באַלעגערט די הויפּטשטאָט זיבן יאָר (פון 672 ביז 678) און סוליימאַן אין יאָר 717 און 718; אָבער דער דרוק איז ניט געוואָרן אונטערגעהאַלטן, און אין משך פון צוויי ביז דריי יאָרהונדערטער איז די ביזאַנטישע אימפעריע געבליבן דער שוואַכער שוץ-מויער פון איי-ראָפּע. אין די אָקאָרשט קריסטיאַניזירטע אָדער נאָך היידנישע אַוואַרן, בולגאַרן, סערבן, סלאַוון און סאַקסן וואָלט דער איסלאַם זיכער געפונען פונקט אַזעלכע אָנהענגער, ווי ער האָט געפונען אין די טערקן פון צענטראַל-אַזיע. און אַז ער איז, אָנשטאָט אָנצושפּאַרן אויף קאָנ-סטאַנטינאָפּאָל, צוערשט אַריינגעקומען אין אייראָפּע דורך אַן אומוועג איבער אַפריקע און שפּאַניע, האָט ער ערשט אין פראַנקרייך, אויפן לעצטן שפּיץ פון דער לאַנגער פאַרבינדונגס-ליניע מיט אַראַביע, באַגעגנט אַ קראַפט מעכטיק גענוג צו פאַרהאַלטן זיין פאָרמאַרש.

פון אָנהייב אָן האָבן געוועלטיקט איבער דער נייער אימפּעריע די אַריסטאָקראַטן פון מעקאַ. אַבו בכר, דער ערשטער כאַליף, איז איז אויסגעקליבן געוואָרן אין מעדינאַ דורך אויסרופן, דאָס נעמלעכע אָמאַר I און אָסמאַן, דער דריטער כאַליף, אָבער אַלע זיינען זיי געווען מעקאַנער פון מיוחסדיקע משפחות. זיי זיינען ניט געווען קיין מענטשן פון מעדינאַ. אַבו-בכר און אָמאַר זיינען געווען מענטשן פון עכטער פשטות און גערעכטיקייט, אָסמאַן אָבער שטייט שוין נידעריקער פאַר זיי: ער האָט שוין געהאַט אַ גוסט צו זיידענע בגדים, פאַר אים איז די באַצווינגונג געווען ניט צוליב אַללאַה, נאָר צוליב אַראַביע, און בפרט פאַר מעקאַ אין אַראַביע, און דווקא פאַר אים גופא און פאַר די מעקאַנער און פאַר זיין משפחה, די אָמאַיאַדן. ער איז געווען אַ בכבודיקער מאַן, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיין לאַנד און פאַר זיין שטאָט און פאַר זיין „פאָלק". ער איז ניט אַזוי גיך געוואָרן אַ מוסלים, ווי זיינע צוויי פאָרגייערס; ער איז צוגעשטאַנען צום נביא איבער טעמים פון פּאָליטיק אין ערלעכן געבן און נעמען. מיט זיין רעגירונג הערט דער כאַליף אויף צו זיין אַן אויסטערלישער מאַן פון פייער און מופת און ווערט אַן אָריענטאַלישער מאָנאַרך ווי פריער און ווי שטענדיק, אַ גאַנץ גוטער מאָנאַרך לויטן מזרחדיקן מאָסשטאַב, אָבער ניט מער.

די רעגירונג און דער טויט פון אָסמאַן האָבן אַרויסגעוויזן די רעזולטאַטן פון מוכאַמעדס שוואַכקייט פונקט אַזוי קלאָר, ווי דאָס לעבן פון אַבו בכר און אָמאַר האָבן עדות געזאָגט אויפן געטלעכן פייער פון זיין לערנונג. מוכאַמעד איז געווען פּאָליטיש אין יענער צייט, ווען אַבו בכר וואָלט געווען פעסט, און דער נייער עלעמענט פון אַריסטאָקראַטישער גלוסטיקייט, וואָס איז געקומען מיט אָסמאַנען, איז געווען איין פּועל-יוצא פון די דאָזיקע פּאָליטישע מאַטיוון. און די ירושה פון דעם נביאס אָן איבערצוקלייבן צונויפגענומענעם האַרעם, די פאַמיליע-סיכסוכים און קנאה-שנאה, וואָס האָבן געלאָקערט אין הינטערגרונט פון די מוסלימישע ענינים בעת דער רעגירונג פון די צוויי ערשטע כאַליפן, זיינען איצט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין. עלי, וואָס איז געווען דעם נביאס פלימעניק, זיין אַדאָפּטירטער זון און איידעם — ער איז געווען דער מאַן פון דעם

נביאס טאָכטער פאַטימאַ — האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער געזעצלעכער כאַליף. זיינע תביעות האָבן געבילדעט אַן אונטערשטרעמונג פאַר דעם כעס פון מעדינאַ און פון די קאָנקורירנדיקע משפחות פון מעקאַ אויף דער גדולה פון די אָמאַיאַדן. אָבער אַישאַ, דעם נביאס פאַוואָריט=פרוי, איז שטענדיק געווען אייפערזיכטיק אויף פאַטימאַ און פיינדלעך צו עלי. זי האָט אונטערגעהאַלטן אָסמאַנען. דער גלענצנדער אָנהייב פון דער געשיכטע פון איסלאַם פאַלט פלוצים אַריין אין דער דאָזיקער שמוציקער מחלוקת און רייסעריי פון יורשים און אלמנות.

אין יאָר 656 איז אָסמאַן, אַ זקן פון אַכציק יאָר, געשטייניקט געוואָרן אין די גאַסן פון מעדינאַ דורך דעם המון, אַריינגעטריבן אַהיים און דערהרגעט, און עלי איז צולעצט געוואָרן כאַליף. אָבער אויך ער איז דערהרגעט געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום (661). אין איינע פון די שלאַכטן פון דעם דאָזיקן בירגער=קריג האָט אַישאַ, איצט שוין אַן אַלטע פרוי, אַליין אָנגעפירט אַן אַטאַקע רייטנדיק אויף אַ קעמל. מען האָט זי גענומען געפאַנגען און מען איז זיך באַגאַנגען מיט איר גוט.

אין דער זעלביקער צייט וואָס די אַרמייען פון איסלאַם האָבן מאַרשירט פון ניצחון צו ניצחון, גרייט איינצונעמען די וועלט, האָט די קרענק פון בירגער=קריג געפּלאָגט זיין קאָפּ. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט געהאַט די הערשאַפט פון אַללאַה איבער דער וועלט פאַר אַזאַ אַישאַ, אויב זי האָט נאָר געקאָנט עפּעס אָפּטאָן אַ שפּיצל דער פאַרהאַסטער פאַטימאַ, און וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן געהאַט סיי די אָמאַיאַדן און סיי די אָנהענגער פון עלי אָפּצוהיטן די איינהייט פון דער וועלט, אויב זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַ הייסע ברענענדיקע מלחמה אויף ווילן זיך אין איר, און דער פּריז פאַרן געווינער איז געווען דער כאַליפאַט? די וועלט פון איסלאַם איז געוואָרן צעשפּאָלטן אין צווייען דורך דעם צו=להכעיס, דורך די גלוסטן און פּאַרטייאישע שטותרייען פון אַ הייפל מענער און ווייבער אין מעדינאַ. די מחלוקת לעבט נאָך עד=היום. ביזן היינטיקן טאָג האַלט איין הויפּט=סעקטע פון די מוסלמאַנען, די שייִטן, פאַר איינעם פון די עיקרים פון דער אמונה

די מוסלימישע אימפעריע, 750 נאך קר.



די פּאָדערונג, אַז עלי איז דער ריכטיקער כאַליף! זיי האָבן די איבער-האַנט אין פּערסיע און אינדיע.

אָבער אַ גלייך וויכטיקע סעקטע, די סוניטן, וואָס פאַר אַן אָנפּניותדיקן צוקוקער איז שווער ניט מסכּים צו זיין מיט זיי, האַלטן ניט פון אָט דער משונהדיקער הוספה צו מוכאַמעדס פּשוטן אני-מאמין. ווי ווייט מיר קאָנען דערגיין אין אַזאַ מרחק פון דער צייט, איז עלי געווען גאָר אַ פּראָסטער חי וקיים.

צו באַטראַכטן, ווי אַזוי די דאָזיקע שפּאַלטונג האָט זיך אַריינ-געכאַפּט אין איסלאַם נאָך זיין העלדישן אָנהייב, איז פּונקט אַזוי ווי מען באַטראַכט אַ פאַל פון מוח-פאַרוויקלונג. דעם לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך גענויער מיט דעם ענין, מוזן מיר אָפּשיקן צו דער רייכער ליטעראַטור, וואו ער וועט געוואָר ווערן, ווי אַזוי עלים זון האַסאַן איז פאַרסמט געוואָרן דורך זיין ווייב, און זיין ברודער כוסיין איז דערהרגעט געוואָרן. מיר רופן דאָ אָן זייערע נעמען נאָר דערפאַר, ווייל נאָך עד היום גיבן זיי אַ היפּשן טייל פון דער מענטשהייט אַ געלעגנהייט פאַר סענטימענטאַלער אָנגעהערשאַפט און קעגנזייטיקער שנאה. זיי זיינען די צוויי שיִיטישע הייליקע הויפּט-מאַרטירער. אינמיטן די דאָזיקע סיכסוכים צווישן די פּאַרטייען איז דער אַלטער קאַבאַ-טעמפּל פאַרברענט געוואָרן, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכּוח אָן אַ סוף, צי זאָל מען אים אָפּבויען אין דער זעלביקער געשטאַלט ווי ער איז געווען, אָדער אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

אין דעם איצטיקן און דעם פריערדיקן פּאַראַגראַף האָבן מיר געזען אַן איבעריק מאָל דעם אומפאַרמיידלעכן קאַמף פון אָט דעם גייסטן און לעצטן שטרעב צו אַן איינהייט פון דער וועלט קעגן דער געוויינטלעכער פּוסטקייט און האַוועניש פון די מענטשן, און מיר האָבן געזען, ווי גלייך פון אָנהייב אָן איז דאָס געפּלאָנטערטע משפּחה-לעבן פון מוכאַמעד געווען ווי אַ פאַרשאָלטענע ירושה פאַר דער נייער אמונה. נאָר ווייבאַלד אַז די היסטאָריע פון איסלאַם דעגענע-רירט איצט צו די געוויינטלעכע פאַרברעכנס און אינטריגעס פון אַן אָריענטאַלישער דינאַסטיע, וועט דער געשיכטע-פאָרשער דערזען אַ דריטע גרונט-שוואַכקייט אין די וועלט-רעפאָרמעס פון מוכאַמעד. ער איז געווען אַן אומגעבילדעטער אַראַבער, וואָס האָט לחלוטין ניט

געוואוסט קיין געשיכטע, וואָס האָט קיין שום השגה ניט געהאַט פון דער פּאָליטישער ערפאַרונג פון גריכנלאַנד און רוים און האָט כמעט גאָרנישט ניט געוואוסט וועגן דער אמתער געשיכטע פון יהודה. און ער האָט איבערגעלאָזט זיינע אָנהענגער אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַ פעסט איינגעשטעלטער רעגירונג, וואָס זאָל פאַרקערפּערן און קאָנצענטרירן דעם אַלגעמיינעם ווילן פון די מאמינים, און אָן אַ ממשותדיקער פאָרם אויסצודריקן דעם אמת רעאַלן גייסט פון דעמאָקראַטיע (דאָס וואָרט באַנוצט אין מאָדערנעם זין), וואָס גייט דורך די גרונט־לערנונג פון איסלאַם. זיין אייגענע רעגירונג איז געווען אומבאַגרענעצטע אויטאָקראַטיע, און אויטאָקראַטיש איז דער איסלאַם געבליבן. פּאָליטיש איז דער איסלאַם געווען ניט קיין פּראָגרעס, נייערט אַ רעגרעס אַנטקעגן די טראַדיציאָנעלע פרייהייטן און דעם געוויינהייטס־רעכט פון מדבר. דער בראָך פון וואָכנשטילשטאַנד קעגן די עולי רגל, וואָס האָט געבראַכט צו דער שלאַכט פון באַדר, איז דער שוואַרצער פּונקט אין דער געשיכטע פון פריען איסלאַם. נאָמינעל איז אַללאַה דער אייבערשטער מושל, נאָר פאַקטיש איז דער האַר געווען שטענדיק יענער מענטש, וואָס איז געווען גענוג מעכטיק און ניט־איבערקלייבעריש אין מיטלען אויף צו פאַרכאַפּן דעם כאַליפאַט, — און היות ווי מרידות און מאָרדן האָבן ניט אויפגעהערט, איז זיין הויפּט־געזעץ געווען דעם דאָזיקן מענטשנס ווילן.

אַ שטיק צייט נאָך עלים טויט האָט די אָמאַיאַדישע משפּחה געהאַט די אייבערהאַנט און אין משך כמעט פון הונדערט יאָר האָט זי געגעבן מושלים דעם איסלאַם.

די אַראַבישע היסטאָריקער זיינען אַזוי פאַרנומען מיט די דינאַסטישע רייסערייען און פאַרברעכנס פון יענער צייט, אַז עס איז שווער צו צייכענען די אויסווייניקסטע געשיכטע פון יענעם פּעריאָד. מיר ווערן געוואָר, אַז מוסלימישע שיפן האָבן געשלאָגן דעם ביזאַנטישן פלאָט אין אַ גרויסער ים־שלאַכט ביי די ברעגעס פון ליקיע (655 נאָך קר.), נאָר ווי אַזוי זיינען די מוסלימס געקומען אַזוי פרי צו אַזאַ זיגרייכן פלאָט, דאָס קאָנען מיר אויף קלאָר ניט דערגיין. ער איז מסתמא געווען דער עיקר אַן עגיפּטישער פלאָט. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט דער איסלאַם געוויס געהערשט אין מזרח־טייל פון מיטל־

לענדישן ים, אין 669 און ווידער אַמאָל 674, אין משך פון דער רעגירונג פון מואַוויאַ (661 — 680), האָט דער ערשטער גרויסער



דער גרויסער מעטשעט פון די אָמאַיאַדן אין דמשק. גריער אַ היידנישער טעמפּל, דערנאָך אַ קריסטלעכע קירך, און וואַליד דער ערשטער האָט עס געמאַכט פאַר אַ מעטשעט.

אָמאַיאַדישער כאַליף געמאַכט צוויי ים־אַטאַקעס אויף קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל. זיי האָבן באַדאַרפט זיין אַטאַקעס פון ים־זייט, וואָרעם כּל־זמן

דער איסלאַם איז געווען אונטער דער אַראַבישער פירערשאַפט, איז ער ניט אַריבערגעטראָטן די מחיצה פון די טאַורוס־בערג. אין משך פון דעם זעלביקן פעריאָד האָבן די מוסלימס פאַרברייטערט זייערע באַצווינגונגען אַליין ווייטער און ווייטער אויך אין צענטראַל־אַזיע. בעת דער איסלאַם האָט אין זיין צענטער שוין געהאַלטן אין גיין אַראָפ, האָט ער געשאַפן גרויסע מחנות נייע אָנהענגער און דערוועקט אַ נייעם גייסט צווישן די צעטיילטע און נאָך אָן אַ ציל לעבנדיקע טערקישע שבטים. מעדינאַ האָט שוין מער ניט געקאָנט זיין קיין צענטער פאַר די גרויסע אונטערנעמונגען אין אַזיע, אַפריקע און אין געביט פון מיטללענדישן ים, און אַזוי אַרום איז דמשק געוואָרן די הויפּטשטאָט פון די אָמאַיאַדישע כאַליפן.

די וויכטיקסטע צווישן די דאָזיקע כאַליפן, ווען עס קלערן זיך אויף אַ ווילע אויף די כמאַרעס פון די דינאַסטישע אינטריגעס, — זיינען אַבדול מאַליק (685 — 705) און וואַליד I (705 —714), וואָס אונטער אים האָט די אָמאַיאַדישע דינאַסטיע דערגרייכט צום שפּיץ פון איר גדולה. די מערבדיקע גרענעצן זיינען געווען אַריבערגעטראָגן ביז צו די פּירענייען, בעת אין מזרח האָט דעם כאַליפס געביט זיך געגרענעצט מיט כינע. וואַלידס זון סולייטמאַן (715) האָט דורכגעפירט ווידער אַמאָל אַ ריי אָנפאַלן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט אויסגעפלאַנעוועט און אָנגעמערקט. פּונקט ווי ביים כאַליף מואַוויאַ מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער, האָט מען געקאָנט צוקומען צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל נאָר דורכן ים — וואָרעם קליין־אַזיע איז, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, נאָך ניט געווען איינגענומען — און די שיפן זיינען געווען גענומען דער עיקר פון עגיפּטן. דער ביזאַנטישער קיסר לעאָ דער איסאַוריער, אַן אוזורפּאַטאָר, האָט אַרויסגעוויזן אַ ניט־געוויינטלעכע געשיקטקייט און עקשנות ביי דער פאַרטיידיקונג. ער האָט פאַרברענט דעם גרעסטן טייל פון די מוסלימישע שיפן אין אַ גלענצנדן אַרויספאַל, אָפּגעשניטן די חיילות, וואָס זיי האָבן געהאַט אַרויסגעזעצט אויפן אַזיאַטישן ברעג פון באָספּאָר, און נאָך אַ קאַמפּאַניע פון צוויי יאָר (716 — 717) אין אייראָפּע האָט אַ ניט־געוויינטלעך שטרענגער ווינטער פול געמאַכט די מפלה פון די אַראַבער.

פון דעם מאָמענט און ווייטער הייבט די גדולה פון דער אָמאַיאַדישער דינאַסטיע אָן צו גיין אַראָפּ. דער ערשטער אימפּעטיקער שטרעב פון איסלאַם איז איצט געווען פאַרנוצט. קיין ווייטערע אויסשפּרייטונג איז שוין ניט געווען, און אין דעם רעליגיעזן ברען איז געווען אַ בפירושע ירידה. דער איסלאַם האָט געהאַט באַקערט מיליאָנען, ער האָט אָבער די דאָזיקע מיליאָנען זייער שוואַך פאַרדייט. מלוכות, פעלקער, גאַנצע סעקטעס און ראַסעס, אַראַבישע היידן, יידן, קריסטן, מאַניכייער, זאָראָאַסטריער, טוראַנישע היידן זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין אָט דער נייער גרויסער אימפּעריע פון מוכאַמעדס יורשים. עס איז ביז איצט געווען דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטישער סימן פון אַלע גרינדער פון אוניווערסאַלע רעליגיעס, אַז זיי האָבן אָנגענומען די מאָראַלישע און טעאָלאָגישע אידעאַלן, וואָס זיי האָבן צו זיי צוערשט גערופן, ווי זיי וואָלטן געווען אוניווערסאַלע אידעאַלן, וואָס גאָר די מענטשהייט באַדאַרף און קאָן זיי אויפנעמען מיט דער זעלביקער קלאָרקייט און ריינקייט, ווי זיי גופא. למשל, מוכאַמעדס רוף איז געווען געווענדט צו דער טראַדיציאָנעלער גבורה און צו די מאָנאָטעיִסטישע געפילן פון די אינטעליגענטע אַראַבער פון זיין צייט. אין מעקאַ און מעדינאַ זיינען די אידעען טאַקע געווען פאַרבאָרגן אין געמיט און באַוואוסטזיין פון די מענטשן; מוכאַמעד האָט זיי נאָר אַרויסגערופן אויף דער ליכטיקער שיין.

אַנדערש אָבער איז געוואָרן, בעת די נייע תורה האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין דער וועלט. זי איז געקומען צו פעלקער, וואָס זיינען איר געווען פון לכתחילה פרעמד, זי האָט באַדאַרפט אויסוואַקסן אין אַ סביבה, וואָס האָט זי פאַרדרייט און צעקאַלעטשעט. איר איינציקער טעקסט־בוך איז געווען דער קאָראַן. פאַר געמיטער, וואָס זיינען ניט אָנגעשטימט אויף די מעלאָדיעס פון דער אַראַבישער שפּראַך, האָט דאָס דאָזיקע בוך אויסגעוויזן, פונקט ווי עס ווייזט נאָך איצט אויס פאַר אַ סך אייראָפּעישע געמיטער, ווי אַ געמיש פון פיין־גייסטיקער רעטאָריקע מיט — פּשוט גערעדט — אָנפאָרמיקער און אַנזיניקער באַלבעריי. אָן אַ צאָל מאמינים האָבן בכלל ניט געקאָנט געפינען אין דעם קיין רעאַלן פּשט. דערפון, באַדאַרף מען רעכענען, נעמט

זיך די גרייטשאַפט פון די פּערסישע און אינדישע טיילן פון די גלויביקע צוצושטיין צו דער שיִטישער סעקטע, ווייל יענע האָט געהאַט אַ פּונקט אין איר דאָגמע, וואָס זיי האָבן אים לכל־הפּחות געקאָנט קלאָר פאַרשטיין און פילן. און דעם זעלביקן פּרווו צונויפצוברענגען דעם נייעם שטאָף מיט די אַלטע פאָרשטעלונגען איז געווען צו פאַרדאַנקען יענע משונהדיקע טעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך גענומען חקירהן, צי איז דער קאָראַן געווען שטענדיק און עקסיסטירט אייביק מיט גאָט (סער מאַרק סייקס). מיר וואָלטן געווים געווען נשתומם איבער דער דאָזיקער קרומער השגה, אויב מיר וואָלטן אין איר ניט דערקענט דעם גוט געמיינטן פּרווו פון אַ וואָסער געלערנטן קריסט, וואָס האָט זיך באַקערט צום איסלאַם, צו איסלאַמיזירן זיין אַלטן גלויבן, אַז „אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען מיט גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען גאָט". (עוואַנגעליע פון יוחנן, קאַפּ. I).

ווי עס ווייזט אויס, האָט קיינער פון די גרינדער פון די גרויסע וועלט־רעליגיעס ניט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נייטיק דורכצופירן אַ גרויסע דערציִונגס־אַרבעט, אַז מען מוז די נייע תורה קלאָר און פאַרשטענדלעך אויסטייטשן, אַז עס איז נייטיק אַן אינטעלעקטועלע אָרגאַניזאַציע, בכדי דער נייער גלויבן זאָל זיך אָננעמען. פון דעם אויסשפּרייט פון אַלע רעליגיעס באַקומען מיר די זעלביקע געשיכטע: צוערשט שפּרייט זי זיך גיך אויס ווי אַ פלאַך וואַסער איבער אַ גרויסער שטרעקע, זי בלייבט אָבער נאָר פון אויבן אויף און ווערט באַלד פאַרדאָרבן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום הערן מיר מעשיות וועגן אַן אָמאַיאַדישן כאַליף וואַליד II (743 — 744), וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון קאָראַן, געגעסן חזיר־פלייש, געטרונקען וויין און האָט ניט אָפּגעריכט קיין תפילות. עס קאָן זיין, די דאָזיקע געשיכטעס זיינען אמת, עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז מען האָט זיי פאַרשפּרייט מיט פּאָליטישע כוונות. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעאַקציע פון די פרומע לייט אין מעקאַ און מעדינאַ קעגן דער קלות און דער פאַרשייטקייט פון דמשק. אַ צווייטע גרויסע אַראַבישע משפּחה, די משפּחה פון אַבאַס, די אַבאַסידן, האָבן שוין לאַנג געשטרעבט צו מאַכט, און זיי

האָבן אויסגענוצט די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט. דער משפּחה-קאַמף צווישן די אָמאַיאַדן און אַבּאַסידן איז געווען עלטער פון איסלאַם; נאָך איידער מוכאַמעד איז געבאָרן געוואָרן, איז געגאַנגען צווישן זיי אַ קריג. איצט האָבן די אַבּאַסידן אויפגעכאַפּט די טראַדיציע פון די שיִיטישע „קדושים“, עלי און זיינע זין כאַסאַן און חוסיין, און האָבן זיך אינדענטיפיצירט מיט זיי. די פאָנע פון די אָמאַיאַדן איז געווען ווייס; די אַבּאַסידן האָבן זיך גענומען אַ שוואַרצע פאָנע, שוואַרץ



דער פעלזן-מעטשעט אין ירושלים, וואָס על-פּי-טעות רופט מען אים אָמאַר-מעטשעט. אים האָט אויסגעבויט דער אָמאַיאַדישער חאַליף אַבּדול-מאַליק אין יאָר 691, און ער איז עטלעכע מאָל געוואָרן איבערגעבויט. אין פאָדערגרונט זייַנען צו זען וואַסער-הענדלער, וואָס פילן אָן זייערע לאָגלען ביי אַ ברונעם.

מחמת טרויער אויף כאַסאַן און כוסיין, שוואַרץ, ווייל שוואַרץ איז איינדרוקספולער ווי וואָסער אַנדער קאָליר. די אַבּאַסידן האָבן דער-קלערט, אַז אַלע כאַליפן נאָך עלי זיינען געווען פאַרכאַפּערס. אין יאָר 749 האָבן זיי דורכגעפירט אַ זאָרגעוודיק צוגעגרייטע רעוואָלוציע, און

דער לעצטער אָמאַיאַדישער כאַליף איז פאַרטריבן געוואָרן און דערהרגעט אין עגיפטן. אַבול-אַבאַס איז געווען דער ערשטער פון די אַבאַסידישע כאַליפן און ער האָט אָנגעהויבן זיין רעגירונג דערמיט, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן אין איין תפיסה אַלע מאַנסביל פון דער אָמאַיאַדישער משפחה, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט כאַפּן, און האָט געהייסן אַלעמען אויסקוילען. מען דערציילט, אַז זייערע טויטע קערפערס זיינען געוואָרן אויסגעלייגט אין אַ הויפן, דעריבער אויסגעשפּרייט אַ לעדערנער צודעק, און אַרום דעם דאָזיקן גרויליקן טיש האָט אַבול-אַבאַס מיט זיינע יועצים געפּראַוועט אַ סעודה. נאָך מער, מען האָט אויפגעגראָבן די קברים פון די אָמאַיאַדישע כאַליפן, אַרויסגעשלעפּט זייערע ביינער און פאַרברענט, און די אַש צעזייט אויף אַלע ווינטן. אַזוי איז סוף-כל-סוף באַשטראָפט געוואָרן די עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן קעגן עלי, און די אָמאַיאַדישע דינאַסטיע פאַרשווינדט פון דער געשיכטע.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז אין כאָראַסאַן איז געווען אַן אויפשטאַנד לטובת די אָמאַיאַדן, וואָס איז געוואָרן אונטערשטיצט פון כינעזישן קיסר.

---

7. די ירידה פון איסלאַם אונטער די אַבאַסידן.

נאָר די יורשים פון עלי איז ניט באַשערט געווען צו האָבן אַ חלק אין דעם ניצחון אַ לאַנגע צייט. די אַבאַסידן זיינען געווען אַוואַנטוריסטן און רעגירערס פון אַן עלטערער שול, ווי דער איסלאַם. נאָכדעם ווי די טראַדיציע פון עלי האָט געהאַט אָפּגעדינט פאַר זיין צוועק, איז די ווייטערדיקע עובדא פון נייעם כאַליף געווען צו פאַרטרייבן און אויסצוהרגען די איבערגעבליבענע גלידער פון זיין פאַמיליע, די קינדסקינדער פון עלי און פאַטימאַ.

עס איז קלאָר, אַז עס קערן זיך אום צוריק די טראַדיציעס פון די סאַסאַנידן און פון פערסיע פון פאַר די גריכן. אַז די אַבאַסידן זיינען געקומען צו דער ממשלה, איז די הערשאַפט איבערן ים אַרויס פון דעם כאַליפס הענט און איז אַריבער צו די נייע מוס-

לימישע מלוכות, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אין שפּאַניע און צפון-אַפריקע — אין שפּאַניע אונטער דער רעגירונג פון הערשער פון אָמאַיאַדישן הויז.

דער שווער-פּונקט פון איסלאַם האָט זיך אַריבערגערוקט דורכן מדבר פון דמשק קיין מעסאָפּאָטאַמיע. מאַנסור, דער יורש פון אַבול-אַבאַס, האָט זיך אויסגעבויט אַ נייע הויפּטשטאָט אין באַגדאַד נית ווייט פון די חורבות פון קטעסיפאָן, דער פאַרצייטיקער סאַסאַנידישער הויפּטשטאָט. טערקן און פּערסער זיינען געוואָרן עמירן באַגלייך מיט אַראַבער, און די אַרמיי איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט לויטן סאַסאַנידישן שטייגער. מעדינאַ און מעקאַ האָבן מער ניט געהאַט חשיבות ווי רעליגיעזע צענטערס, וואָס אַהין פלעגן די גלויביקע עולה-רגל זיין צו טאָן תפילה. נאָר די אַראַבישע שפּראַך, ווייל זי איז אַ שיינע שפּראַך און איז די שפּראַך פון קאָראַן, האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט, ביז זי האָט פאַרנומען דעם אָרט פון גריכיש און איז געוואָרן די שפּראַך פון אַלע געבילדעטע מענטשן אין גאָר דער מוסלימישער וועלט.

וועגן די אַבאַסידישע מאָנאַרכן נאָך אַבול-אַבאַס האָבן מיר דאָ ווינציק וואָס צו דערציילן. יאָר אויס יאָר איין זיינען געגאַנגען געשלעגערייען אין קליין-אַזיע, וואָס זיין זיי האָבן ניט ביזאַנץ און ניט באַגדאַד ניט געהאַט קיין דויערנדיקע געווינסן, הגם איין מאָל אָדער צוויי האָבן די מוסלימס זיך דורכגעריסן אַזש ביז צום באָספאָר. עס איז אויפגעשטאַנען אַ פאַלשער נביא, מאָקאַנאַ, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָט, האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל טומל, נאָר ער איז גיך פאַרשוואונדן. עס זיינען געווען פאַרשווערונגען, עס זיינען געווען מרידות, זיי ליגן איצט אויסגעטריקנט און אָפּגעבלאַקירט אין די היסטאָרישע ביכער, פּונקט ווי טויטע איינגעפּרעסטע בלומען אין אַלטע ביכער. נאָר נאָך אַן אַבאַסידישער כאַליף באַדאַרף אָנגערופן ווערן, סיי פון וועגן זיין לעגענדאַרישער, סיי פון וועגן זיין אמתער חשיבות, דאָס איז האַרון-אַל-ראַשיד (786 — 809). ער איז געווען ניט נאָר דער כאַליף פון אַן אויסוויינניק בליענדיקער אימפּעריע אין דער וועלט פון ווירקלעכקייט, נייערט ער איז אויך דער כאַליף פון אַן אומשטאַרבלעכן קיניגרייך אין דער אייביקער וועלט פון פאַנטאַזיע,

ער איז דער האַרון־אַל־ראַשיד פון די אַראַבישע „טויזנט און איין נאַכט".

סער מאַרק סייקס („דעם כאַליפס לעצטע ירושה") גיט אַ שילדערונג פון דער ווידקלעכקייט פון זיין אימפעריע, וואָס מיר ווילן דערפון ציטירן עטלעכע אַבזאַצן. ער זאָגט: „דער קיסרלעכער הויף איז געווען פול מיט גלאַנץ און לוקסוס און מיט רייכקייט אָן אַ שיעור. ...די הויפּטשטאָט באַגדאַד איז געווען אַ ריזיקע האַנדלס־שטאָט, אויסגעבויט אַרום אַ גרויסער אַדמיניסטראַטיווער פעסטונג, וואו איטלעכער צווייג פון דער מלוכה־פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַ זויבער רעגולירט און גוט געאָרדנט עפנטלעך ביוראָ. די שטאָט איז געווען פול און פיל מיט שולן און שטודיר־הייזער. אַהין פלעגן זיך צונויפקומען פילאָסאָפן, סטודענטן, געלערנטע, פּאָעטן און טעאָלאָגן פון אַלע עקן וועלט. ...די פּראָווינציעלע הויפּטשטעט זיינען געווען אויסגעפוצט מיט גרויסע עפנטלעכע בנינים און פאַרבונדן צווישן אַנאַנד דורך אַ פּינקטלעך און גיך פונקציאָנירנדיקער פּאָסט און דורך קאַראַוואַנעם. די גרענעצן זיינען געווען געזיכערט און פאַרזאָרגט מיט גוטע גאַרניזאָנען; די אַרמיי געטריי, מעכטיק און העלדיש; די גובערנאַטאָרן און מיניסטאָרן ערלעך און צוגעלאָזט. די אימפּעריע האָט זיך אויסגעשפרייט מיט גלייכער מאַכט אין ניט־געמינערטער הערשאַפט פון דעם קיליקישן טויער ביז קיין אַדען און פון עגיפּטן ביז קיין צענטראַל־אַזיע. קריסטן, היידן, יידן זיינען געווען אָנגעשטעלט אין מלוכה־דינסט, באַגלייך מיט מוסלמענער. פאַרכאַפּערס, בונטערישע גענעראַלן און פאַלשע נביאים זיינען, אין פלוק, געווען פאַרשוואונדן פון די מוסלימישע מדינות. האַנדל און רייכקייט האָבן פאַרנומען דעם אָרט פון רעוואָלוציע און הונגער־נויט... קעגן מגפות און קרענק האָבן געקעמפט קיניגלעכע שפּיטאָלן און רעגירונגס־דאָקטוירים... אין די רעגירונגס־ענינים האָבן די פּשוטע מעטאָדן פון דער אַראַבישער אַדמיניסטראַציע אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון „דיוואַנס", וואָס צום טייל זיינען זיי איבערגענומען געוואָרן ביי די רוימער, נאָר דער עיקר פון דער פּערסישער רעגירונגס־סיסטעם. עס זיינען געווען באַזונדערע ביוראָס פאַר פּאָסט, פאַר פינאַנסן, פאַרן כאַליפס פּריוואַט־ענינים, פאַר די קרוינישע נחלאות,

פֿאַר יוסטיץ, — איטלעכס געפֿירט דורך אַ באַזונדער מיניסטער מיט באַאַמטע. אַן אַרמיי פֿון אָנגעשטעלטע, שרייבערס, קאָפּיסטן, רעכנמייסטערס האָבן פֿאַרפֿולט די דאָזיקע ביוראָס און האָבן בהדרגה איבערגענומען די גאַנצע רעגירונגס=מאַכט אין זייערע הענט און האָבן אָפּגעשיידט צווישן דעם האַר פֿון די גלויביקע און צווישן זיינע אונטערטאַנען. דער קיניגלעכער פּאַלאַץ און זיין אַרום זיינען אייך געווען נאָכגעמאַכט רוימישע און פּערסישע מוסטערן. סריסים, שטרענג פֿאַרמאַכטע האַרעמס פֿון פֿרויען, לייבוועכטערס, שפּיאָנעס, פּאַקטערס, לצים פּאָעטן און ברויזל=מענטשעלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום דער פּערזאָן פֿון דעם האַר פֿון די גלויביקע, איטלעכער אין זיין גראַד זיך געמיט צו געווינען דעם האַרס גענאָד און איטלעכער פֿון זיין צד אָפּגעווענדט דעם אויפֿמערק פֿון דעם קיניג פֿון די מלוכה=ענינים. בינו=לבינו האָט דער האַנדל מיטן מזרח געלאָזט אַרייגשטראָמען גאָלד קיין באַגדאַד און האָט ממלא געווען דעם צווייטן געוואַלדיקן שטראָם גאָלד, וואָס עס פֿלעגן אַריינברענגען די קאָמאַנדירן פֿון די זיגרייכע חיילות פֿון זייערע רויב=אָנפֿאַלן אויף קליין=אַזיע, אינדיע און טורקעסטאַן. עס האָט אויסגעדוכט, אַז די עשירות קוואַלט פֿון אַ ברונעם ניט אויסצושעפּן: עס איז ניט געווען קיין גרענעץ צו דער צאָל טערקישע שקלאַפֿן, פֿון ביזאַנץ האָט געפֿלאָסן אָן אויפֿהער מזומן געלט, און דאָס אינאיינעם מיט די הכנסות פֿון די נחלאות אין איראַן גופא און פֿון דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. וואָס באַגדאַד איז געווען זיין צענטער, האָט געשאַפֿן אַ גרויסן מעכטיקן געלט=קלאַס, וואָס איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון די זין פֿון גענעראַלן, פֿון באַאַמטע, אייגנטימער פֿון מאַיאָנטקעס, קיניגלעכע פֿאַוואָריטן, סוחרים וכדומה. אָט די אַלע רייכע לייט האָבן געשטיצט קונסט, ליטעראַטור, פֿילאָסאָפֿיע, פּאָעזיע, ווי ווייט זיי האָבן דערצו געהאַט חשק. זיי האָבן געבויט פֿאַר זיך פּאַלאַצן, געסטאַרעט זיך איבעריאָגן איינער דעם צווייטן אין לוקסוס פֿון זייערע פֿאַרוויילונגען, אונטערגעקויפֿט פּאָעטן צו זינגען זייער לויב, אַרומגעפּאָרעט זיך כלומרשט מיט פֿילאָסאָפֿיע, געשטיצט פֿאַרשיידענע שולן, געטיילט צדקה, — געפֿירט זיך בדרך כלל, ווי רייכע לייט זיינען זיך נוהג צו פֿירן אין אַלע צייטן.

„איך האָב געזאָגט, אַז די אַבּאַסידישע אימפּעריע איז אין די טעג פון האַרון=אַל=ראַשיד געווען שוואַך, און דער לעזער וועט אפשר מיינען, אַז דאָס שטימט ניט מיט דעם וואָס איך האָב אָקאָרשט געשילדערט די אימפּעריע גוט געאָרדנט, די אַדמיניסטראַציע פעסט איינגעשטעלט, די אַרמיי מעכטיק און רייכקייט בשפע. נאָר דער טעם, פאַרוואָס איך האַלט, אַז די אַבּאַסידישע אימפּעריע איז פאָרט געווען שוואַך, איז דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעוואָרן די פאַרבינדונג מיט אַלצדינג וואָס איז אָריגינעל און לעבעדיק אין איסלאַם, זי איז געווען אינגאַנצן צוזאַמענגעשטוקעוועט פון די בראָך=שטיקער פון יענע אימפּעריעס, וואָס דער איסלאַם האָט חרוב געמאַכט. עס איז אין דער אימפּעריע קיין זאַך ניט געווען, וואָס האָט זיך געווענדט צו די העכערע אינסטינקטן פון די פירערס פון פאָלק. דער הייליקער קריג איז געוואָרן דעגענערירט צו אַ סיסטעמאַטישן רויב=אָנפאַל. דער כאַליף איז געוואָרן אַ גרויסאַרטיקער איבער=קיניג; די אַדמיניסטראַציע איז אומגעביטן געוואָרן פון אַ פאַטריאַרכאַלישער סיסטעם צו אַ ביוראָקראַטישער. די רייכע קלאַסן האָבן מיט אַמאָל אָנגעוואָרן יעטווידער גלויבן אין דער מלוכה=רעליגיע; פילאָסאָפישע הקירה און לוקסוס=לעבן האָבן פאַרנומען דעם אָרט פון דער קאָראַנישער אָרטאָדאָקסיע און אַראַבישער פשטות. דאָס איינציקע, וואָס וואָלט געקאָנט צוזאַמענהאַלטן די אימפּעריע, די שטרענגקייט און קלאָרקייט פון דער מוסלימישער אמונה, דאָס האָט קיין שום באַטרעף ניט געהאַט ניט פאַרן כאַליף און ניט פאַר זיינע יועצים... האַרון=אַל=ראַשיד גופא איז געווען אַ ויין=טרינקער, און זיין פאַלאַץ איז געווען באַפוצט מיט אויסגעקריצטע בילדער פון פייגלען און חיות און מענטשן...

„אַ מאָמענט שטייען מיר נשתומם פאַר דער גרייס פון דער אַבּאַסידישער ממשלה; נאָר מיט אַמאָל ווערן מיר געוואָר, אַז דאָס איז נאָר אַ שיינע שאָלעכץ וואָס נעמט אַרום די שטויב און אַש פון טויטע ציוויליזאַציעס“.

האַרון=אַל=ראַשיד איז געשטאָרבן אין יאָר 809. נאָך זיין טויט איז זיין גרויסע אימפּעריע באַלד אַריינגעפאַלן אין בירגער=קריג און מהומות. און די ווייטערדיקע גרויסע געשעעניש פון ניט=געוויינטלעכער וויכטיקייט, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין יענער געגנט פון

דער וועלט, איז געשען מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, ווען די טערקן אונטער דעם אָנפיר פון דער גרויסער משפחה סעלדזשוקן האָבן זיך אַ גאַס אַראָפּ געטאָן קיין דרום פון טורקעסטאַן אַרויס און האָבן איינגענומען ניט נאָר די אימפּעריע פון באַגדאַד, נייערט אויך קליין-אַזיע. געקומען פון צפונית-מזרחית, זיינען זיי געווען מסוגל אויסצומיידן די גרויסע מחיצה פון די טאַורוס-בערג, וואָס האָט ביז אַהער פאַרהאַלטן די מוסלמענער. זיי זיינען נאָך געווען דאָס זעלביקע פאָלק, ווי יואַן טשוואַנג האָט מיט פיר הונדערט יאָר פריער געגעבן אונז אַ בליק אויף זיי, נאָר איצט זיינען זיי געווען מוסלימס, און מוסלימס פון לכתחילהדיקן טיפּ, אַזעלכע ווי אַבו בכר וואָלט גערן געווען צו זען אין איסלאַם. זיי האָבן געמאַכט פון דאָס ניי אויפלעבן די מאַכט פון איסלאַם, און זיי האָבן ווידער געווענדט די געמיטער פון דער מוסלימישער וועלט אין דער ריכטונג פון אַ רעליגיעזער מלחמה קעגן קריסטנטום. וואָרעם עס האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט אַ מין וואָפנשטילשטאַנד צווישן די צוויי גרויסע רעליגיעס, נאָכדעם ווי דער מוסלימישער פאָרמאַרש האָט אויפגעהערט און די אָממאַיאַדישע דינאַסטיע איז אַראָפּ. ערשט אין עלפטן יאָרהונדערט איז עס ווידער געקומען צו אַ פאַרביטערטן פאַנאַטישן קאַמף.

---

8. אַראַבישע קולטור.

נאָר איידער מיר גייען איבער צו דערציילן וועגן די טערקן און די קרייץ-פאַרערס, וועגן די גרויסע מלחמות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן קריסטנטום און איסלאַם און וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ זייער אומגעזונטע אומטאָלעראַנץ צווישן די דאָזיקע גרויסע סיסטעמעס אַזש ביז צום היינטיקן טאָג, מוז מען ווענדן אַ ביסל מער אויפמערק אויף דעם אינטעלעקטועלן לעבן פון דער אַראַביש-ריידנדיקער וועלט, וואָס האָט איצט אַלץ מער און מער זיך אויסגעשפּרייט איבער יענע געביטן, וואָס דער העלעניזם האָט אַנומלט זיי באַהערשט. עטלעכע דורות פאַר מוכאַמעד האָט דער אַראַבישער גייסט אַזוי ווי געטליעגט, ער האָט אַרויסגעבראַכט פּאָעזיע און אַ סך רעליגיעזע חקירה. אָבער

אונטער דער ווירקונג פון די נאַציאָנאַלע אויפטוען האָט ער אויפגע־
בליצט מיט אַזאַ גלאַנץ, וואָס זיין גלייכן איז צו געפינען נאָר ביי די



די גאס אין באגדאד, וואס פירט צום רעגירונגס־פאלאץ.

גריכן אין זייער בעסטער צייט. ער האָט באַלעבט די מענטשלעכע שטרע־
בונגען צו וויסן. אויב די גריכן זיינען געווען די פאָטערס פון
דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע, זיינען די אַראַבער געווען די וואָס

האָבן זי אויסגעהאָדעוועט. דורך די אַראַבער, און ניט דורכן וועג פון לאַטייניש, האָט די מאָדערנע וועלט געקראָגן דעם דאָזיקן געשאַנק פון ליכטיקייט און מאַכט.

נאָר אַז מיר שרייבן דאָ אַראַבער, מוזן מיר דאָס שרייבן מיט אַ געוויסער באַוואָרעניש. די אַראַבישע קולטור פון איסלאַם האָט אַן ערך די זעלביקע שייכות צו די עכטע אַראַבער, ווי די העלענישע קולטור נאָך אלכסנדרס צייט האָט געהאַט צו די עכטע אייראָפּעישע גריכן. אין פרט פון ראַסע איז זי מער ניט געווען ריין. זי האָט אַריינגענומען אין זיך אַ גרופּע פריערדיקע קולטורן, די פערסישע פון דער אַרסאַקידישער דינאַסטיע און די קאָפּטישע פון די העלעניזירטע עגיפּטער. פערסיע און עגיפּטן האָבן זיך אויסגעלערנט צו ריידן אַראַביש זייער לויפיק, אָבער זיי זיינען געבליבן אין עצם פערסיע און עגיפּטן.

די ערשטע באַצווינגונגען פון די אַראַבער האָבן געבראַכט די אַראַבישע קולטור אין אַ נאָענטן באַריר מיט דער גריכישער ליטעראַרישער טראַדיציע — אמת, ניט אין גריכישן אָריגינאַל, נאָר דורך די סירישע איבערזעצונגען פון גריכישע שרייבערס. די נעסטאָריאַנישע קריסטן, די קריסטן אין מזרח=זייט פון דער אָרטאָדאָקסיע, זיינען, משמעות, געווען אַ סך מער אינטעליגענט און גייסטיק אַקטיוו, ווי די הויף=טעאָלאָגן פון ביזאַנץ, און אויך אַ סך אַ העכערער מדרגה פון אַלגעמיינער בילדונג, איידער די לאַטייניש ריידנדיקע קריסטן אין מערב. אין די לעצטע טעג פון די סאַסאַנידן זיינען זיי געווען טאָלערירט, און אויך דער איסלאַם האָט זיי טאָלערירט, ביז עס זיינען געקומען צו דער מאַכט די טערקן אין עלפטן יאָרהונדערט. זיי זיינען געווען דער אינטעלעקטועלער רוקן=ביין פון דער פערסישער וועלט. זיי האָבן איינגעהיט אַ סך פון דער העלענישער מעדיצינישער וויסנשאַפט און האָבן נאָך געהאַט דערצו מוסיף געווען פון זיך. אין די צייטן פון די אָמאַיאַדן זיינען דער גרעסטער טייל דאָקטוירים אין דעם כאַליפס מדינות געווען נעסטאָריאַנער, און עס איז קיין ספק ניט, אַז אַ סך נעסטאָריאַנער זיינען אַריבער צום איסלאַם אָן זיך שטאַרק צו נעמען צום האַרצן און אָן אַ פולע צו בייטן אין זייער טאָן און טראַכטן. זיי האָבן אויפגעהיט אַ סך פון אַריסטאָטעלעסן סיי אין גריכיש און סיי אין סירישע איבערזעצונגען. זיי האָבן געהאַט אַ באַטייטיקע מאַטע=

מאַטישע ליטעראַטור. אין פאַרגלייך מיט זייער ליטעראַרישן באַ־ גאַזש זענען די גלייכצייטיקע מקורים פון היליקן בענעדיקט און פון קאַסיאָדאָר אויס שטאַרק נעבעכדיק. צו אָט די גנעסטאָריאַנישע לערערס איז געקומען דער פרישער אַראַבישער גייסט גלייך פון מדבר אַרויס, שאַרף און נייגעריק, און האָט אַ סך געלערנט און האָט דאָס וואָס ער האָט געלערנט נאָך פאַרפולקומט. ער האָט אַ סך זיך אויסגעלערנט און אַ סך זיך אָנגעשאַפט. פערסיע איז אין משך פון אַ סך יאָר־ הונדערטער געווען אַ לאַנד פון שטאַרקער אַקטיוויטעט און טעאָלאָגישע און פילאָסאָפישע חקירות. די דאָזיקע אַקטיוויטעט האָט זיך איצט אָנגעקליידט אין אַראַבישע פּראַזעס און איז געוואָרן אַ פּראָצעס פון אַפּיקורסות און שפּאַלטונגען אין דער איסלאַמישער געמיינדע. די שיִיטישע סעקטע איז באַשטאַנען דער עיקר פון פערסער.

נאָר די פערסער מיט דער העלענישער געלערנטקייט זיינען נית געווען די איינציקע לערערס, וואָס די אַראַבער האָבן פון זיי גע־ האַט אַ פּעולה. אומעטום אין אַלע רייכע שטעט פון מזרח זיינען געווען צעשפּרייט די קרובישע יידן מיט זייער אייגנאַרטיקער ליטעראַטור און טראַדיציע, און דער אַראַבישער און דער יידישער גייסט האָבן געווירקט אויף אַנאַנד צוליב ביידנס טובה וועגן. דער אַראַבער איז געווען דער בקי און דער ייד איז געווען מער דער חריף. די יידן האָבן קיינמאָל נית שטאַרק מקפּיד געווען אויף זייער שפּראַך; מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז אַ טויזנט יאָר פאַרן איסלאַם האָבן זיי אין דער העלע־ ניזירטער אלכּסנדריא גערעדט גריכיש, און איצט אומעטום אין גאָר דער מוסלימישער וועלט האָבן זיי גערעדט און געשריבן אַראַביש. אַ טייל פון די יידישע גרעסטע ליטעראַטור־ווערק זיינען געשריבן אין אַראַביש, למשל, די רעליגיעזע שריפטן פון מיימוני. מכּוח דער אַראַבי־ שער קולטור איז באמת שווער צו זאָגן, וואו עס ענדיקט זיך דאָס יידישע און עס הייבט זיך אָן דאָס אַראַבישע, אַזוי וויכטיק און אינהוכדיק זיינען געווען די יידישע פאַקטאָרן.

עס איז געווען נאָך אַ דריטער מקור, פון וואַנען די אַראַבישע קולטור האָט געשעפּט השפּעה, בפּרט בנוגע מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט, אַ מקור, וואָס צו אים איז איצט שווער געדעכט צו ווערן — דאָס איז אינדיע. עס קאָן כּמעט קיין ספק נית זיין, אַז דער אַראַבישער



דער פאָנטאַן פון קייט בײ, ניט ווייט פון דעם אַזוי גערופענעם אָמאַר־
מעטשעט אין ירושלים.

גייסט איז בעת זיין גלאַנץ־פּעריאָד געווען אין נאָענטן און אַקטיוון באַריר מיט דער סאַנסקריט־ליטעראַטור און מיט דער אינדאָ־פּערסי־שער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט.

די אייגנאַרטיקע אַקטיוויטעט פון אַראַבישן גייסט האָט זיך אַנט־פּלעקט נאָך אונטער די אָמאַיאַדן, הגם ערשט אין דער אַבּאַסידישער צייט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אין זיין פולער גרייס. געשיכטע איז דער אָנהייב און דער מהות פון איטלעכער געזונטער פילאָסאָפיע און פון איטלעכער גרויסער ליטעראַטור, און די ערשטע אויסגעצייכנ־טע אַראַבישע שרייבערס זיינען געווען היסטאָריקער, ביאָגראַפן און כּלומרשט־היסטאָרישע פּאָעטן. אַז עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעזער־פּובליקום, איז געקומען די ראָמאַנטישע מעשה און די קורצע נאָוועלע, וואָס איז אויסן געווען צו ווילן דעם לעזער. און אַז קענען לייענען האָט אויפגעהערט צו זיין אַ ספּעציעלע השלמה, נאָר עס איז געוואָרן נויטווענדיק פאַר איטלעכן געשעפטס־מאַן און פאַר איטלעכן וואויל־דערצויגענעם יונגן מענטשן, האָט געגומען זיך אַנטוויקלען סיסטע־מאַטיש אַ דערציִונגס־סיסטעם און אַ דערציִונגס־ליטעראַטור. אַרום ניינטן און צענטן יאָרהונדערט זיינען שוין פאַראַן אין איסלאַם ניט נאָר גראַמאַטיקער, נייערט אויך גרויסע ווערטער־ביכער און אַ סך געלערנטע פילאָלאָגישע ווערק.

און מיט אַ יאָרהונדערט צי מער פריער פאַרן מערב זיינען אין דער מוסלימישער וועלט אויסגעוואַקסן אין אַ ריי צענטערס, אין באַסראַ, אין קופאַ, אין באַגדאַד, אין קאַירא און אין קאָרדאָווע, גרויסע אוניווערסיטעטן, זיי קומען אַרויס פון די רעליגיעזע שולן, וואָס זיינען צוערשט געווען פאַרבונדן מיט די מעטשעטן. דאָס ליכט פון די דאָזיקע אוניווערסיטעטן האָט געשיינט ווייט איבער דער מוסלימישער וועלט און האָט צוגעצויגן סטודענטן פון מזרח און פון מערב. באַזונדערס אין קאָרדאָווע זיינען געווען אַ גרויסע צאָל קריסטלעכע סטודענטן, און די השפּעה פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע, וואָס איז געקומען דורך שפּאַניע, אויף די אוניווערסיטעטן פון פּאַריז, אָקספאָרד און פון צפון־איטאַליע און אויף דעם אייראָפּעיִשן געדאַנק בכלל איז געווען באמת זייער באַטייטיק. דער נאָמען פון אַווראָעס (אבן־ראָשד) פון קאָרדאָווע (1126 — 1198) באַצייכנט דעם שפּיץ

פון דער השפעה פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע אויף דעם אייראָפעישן געדאַנק. ער האָט אַנטוויקלט די שיטה פון אַריסטאָטעלעס אין דער ריכטונג, וואָס האָט געמאַכט אַ שאַרפע צעשיידונג צווישן דעם רעליגיעזן אמת און דעם וויסנשאַפטלעכן אמת, און האָט אַזוי אַרום צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער באַפרייונג פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון דעם טעאָלאָגישן דאָגמאַטיזם, וואָס האָט זי באַגרענעצט סיי אונטער דעם קריסטנטום און סיי אונטער דעם איסלאַם. אַ צווייטער גרויסער נאָמען איז דער נאָמען פון אַוויסענאַ (אבן סינאַ), דעם פירשט פון די דאָקטוירים (980 — 1037), וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין צווייטן עק פון דער אַראַבישער וועלט, אין בוכאַרע, און האָט גערייזט קיין כאָראָסאַן... די אינדוסטריע פון איבערשרייבן ביכער האָט געבליט אין אלכסנדריא, אין דמשק, קאַירָאָ און באַגדאַד, און אַרום 970 זיינען געווען געעפנט אין קאָרדאָווע זיבן און צוואַנציק שולן פאַר אָרעמע קינדער אָן געצאָלט.

„אין דער מאַטעמאַטיק, זאָגן טעטשער און שוויל („אַן אַלגעמיינע געשיכטע פון אייראָפע“, ענגליש), האָבן די אַראַבער געבויט אויף די פונדאַמענטן פון די גריכישע מאַטעמאַטיקער. דער אָפּשטאַם פון די אַזוי אָנגערופענע אַראַבישע ציפערן איז טונקל. אונטער טעאָדאָריק דעם גרויסן האָט באָעטיוס געניצט געוויסע צייכנס, וואָס זיינען צום טייל געווען ענלעך צו די נייע ציפערן, וואָס מיר באַניצן איצט“. איינער פון די תלמידים פון גערבערטן האָט אויך געניצט צייכנס, וואָס זיינען נאָך מער ענלעך צו אונזערע; נאָר דער נול, דאָס ווייס מען גענוי, איז ניט געווען באַוואוסט ביז צוועלפטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט אים אַרויסגעפונען אַן אַראַבישער מאַטעמאַטיקער, וואָס ווערט גערופן מוכאַמעד אבן-מוסאַ; ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַניצט די דעצימאַלע רעכענונג און האָט צוגעגעבן די ציפערן דעם ווערט פון דער פּאָזיציע. נאָר אַ סך אינדער זיינען מחולק דערין און ווילן האָבן, אַז דעם נול און די דעצימאַלע סיסטעם האָבן אויסגעקלערט די אינדער.

„אין געאָמעטריע האָבן די אַראַבער ניט קיין סך מוסיף געווען צו עוקלידן, נאָר אַלגעבראַ איז פּאַקטיש זייער שאַפונג; זיי האָבן אויך אַנטוויקלט ספערישע טריגאָנאָמעטריע און אַרויסגעפונען דעם

סינוס, טאַנגענס און קאָטאַנגענס. אין פיזיק האָבן זיי אַרויסגעפונען דעם פערפענדיקל און געשאַפן ווערק וועגן אָפטיק. זיי האָבן געבראַכט אַ פּראָגרעס אין דער וויסנשאַפט פון אַסטראָנאָמיע. זיי האָבן אויסגעבויט עטלעכע אָבסערוואַטאָריעס און האָבן קאָנסטרויִרט אַ סך אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן, וואָס ווערן נאָך איצט גענוצט. זיי האָבן אויסגעחשבונט דעם ווינקל פון דער עקליפטיק און די פרעצעסיע פון נאַכטגלייכן. זייער וויסן אין אַסטראָנאָמיע איז בלי-ספק באַטייטיק.

„אין מעדיצין זיינען זיי אַ סך ווייטער אַוועק פאַר די גריכן. זיי האָבן שטודירט פיזיאָלאָגיע און היגיענע, און זייער materia medica איז פאַקטיש געווען די זעלביקע וואָס אונזערע ביי היינטיקן טאָג. אַ סך פון זייערע באַהאַנדלונגס-מעטאָדן ווערן נאָך ביי אונז גענוצט. זייערע כירורגן האָבן פאַרשטאַנען צו נוצן אַנעסטיזירנדיקע מיטלען צו באַטויבן די קראַנקע און האָבן אויסגעפירט אייניקע פון די באַוואוסטע שווערסטע אָפעראַציעס. אין דער צייט ווען אין אייראָפּע איז מעדיצינישע פּראַקטיק געווען פאַרבאָטן דורך דער קירך, וואָס האָט געהאַלטן, אַז היילונג באַדאַרף אויסגעפירט ווערן דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס אָפּגעריכט פון גלחים, האָבן די אַראַבער געהאַט אַן אמתע מעדיצינישע וויסנשאַפט.

„אין כעמיע האָבן זיי געמאַכט אַ גוטע התחלה. זיי האָבן אַנטדעקט אַ סך נייע סובסטאַנצן, ווי פּאָטאַש, לאַפיס, עסנדיקן סובלעמאַט, אַזאָט-זייער און שוועבל-זייער (אָלעם). דאָס וואָרט „אַלקאָהאָל" איז אַראַביש, הגם די עצם זאַך איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „וויין-גייסט" (ספּיריטוס ויני, דערפון ספּירט, שפּירעט) נאָך פליניוסן (100 נאָך קר.)... אין מאַנופאַקטור האָבן זיי אַריבערגעשטייגט די וועלט דורך דער פאַרשיידנאַרטיקייט און שיינקייט פון צייכענונג און שלמות פון דער מייסטערשאַפט. זיי האָבן באַאַרבעט אַלע מעטאַלן — גאָלד, זילבער, קופער, בראָנזע, אַייזן און שטאָל. אין וועבעריי־אויסאַרבעטונגען האָט מען זיי קיין מאָל ניט אַריבערגעשטייגט. זיי האָבן געמאַכט גלאָז און ליימענע כלים פון דער בעסטער קוואַליטעט. זיי האָבן געוואוסט דעם סעקרעט פון פאַרבן און זיי האָבן אויסגעאַרבעט פאַפיר. זיי האָבן געהאַט אַ סך פּראָצעסן פון אויסאַרבעטן לעדער, און זייער אַרבעט איז געווען באַרימט אין גאַנץ אייראָפּע.

זיי האָבן געמאַכט טינקטורן, עסענסן און סיראָפּן. זיי האָבן געמאַכט צוקער פֿון צוקער־ראָר און זיי האָבן געהאָדעוועט עטלעכע פֿיינע סאָרטן ווייַן. זיי האָבן ערדאַרבעט געפֿירט אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן וועג און האָבן געהאַט גוטע סיסטעמעס פֿון באַוואַסערונג. זיי האָבן געוווּסט דעם ווערט פֿון באַפֿרוכפֿערערס און האָבן צוגעפּאַסט זייערע שניטן צו דער אייגנשאַפֿט פֿון דעם ערד־גרונט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גאָרטן־קולטור, זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי מרכּיב צו זיין געוויקסן און אַרויסצוברענגען נייע מינים פּירות און בלומען. זיי האָבן אַריינגעפֿירט קיין מערב אַ סך בוימער און געוויקסן פֿון מזרח און האָבן געשריבן וויסנשאַפֿטלעכע טראַקטאַטן וועגן ערד־אַרבעט".

איין פּרט אין דעם דאָזיקן באַריכט מוז ווערן אונטערגעשטראָכן מחמת זיין וויכטיקייט אין דעם אינטעלעקטועלן לעבן פֿון דער מענטשהייט, דאָס איז די אויסאַרבעטונג פֿון פּאַפּיר. דאָס האָבן די אַראַבער זיך אויסגעלערנט, ווייזט אויס, פֿון די כינעזער דורך צענטראַל־אַזיע. די אייראָפּעער האָבן דאָס איבערגענומען פֿון די אַראַבער. ביז יענער צייט האָט מען ביכער באַדאַרפֿט שרייבן אויף פּאַרמעט אָדער פּאַפּירוס, און נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן איינגענומען עגיפּטן, איז אייראָפּע געווען אָפּגעשניטן פֿון דעם מקור פֿון פּאַפּירוס. ביז עס איז געוואָרן אַ סך פּאַפּיר, האָט די דרוקערייַ קונסט ווייניק געקאָנט נוצן, און צייטונגען און פֿאָלקס־בילדונג דורך ביכער זיינען ניט געווען מעגלעך. דאָס איז מסתּמא געווען אַ סך אַ וויכטיקערער פֿאַקטאָר אין דער לערכדיקער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון אייראָפּע אין משך פֿון די פֿינסטערע יאָרהונדערטער, איידער היסטאָריקער זיינען קענטיק נוטה צו מיינען...

און אָט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן איז זיך געגאַנגען אין דער מוסולמישער וועלט, ניט געקוקט אויף די גאַנץ היפּשע פּאָליטישע אומאָרדענונגען. פֿון ערשטן ביזן לעצטן האָבן די אַראַבער זיך ניט געעסקט מיט דער פּראָבלעמע, וואָס איז נאָך עד־היום ניט פֿאַרענטפֿערט; ווי אַזוי שטעלט מען איין אַ פֿעסטע פּראָגרעסיווע מלוכה. אומעטום איז זייער רעגירונגס־פֿאָרם געווען אַבסאָלוטיסטיש און האָט שטענדיק געליטן פֿון די צאַפּלענישן, ביטענישן, אינטריגעס און מאָרדן,

וואָס האָבן אַלע מאָל כאַראַקטעריזירט די עקסטרעמע פאָרמען פון מאָנאַרכיע. נאָר אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער, הינטער די פאַרברעכן און רייסענישן פון די הויפן און לאַגערס, האָט דער גייסט



דער לייבן-הויף אין אלהאמבּרא, דעם פּאלאץ פון די מאורישע פירשטן אין גרענאדע, שפּאניע.

פון איסלאַם אויפגעהיט אַ געוויסע אַלגעמיינע ריינקייט און איינגעהאַלטנ־קייט אין לעבן. די ביזאַנטישע אימפעריע האָט קיין כוח ניט געהאַט צו צעטרייסלען די דאָזיקע ציוויליזאַציע, און די טערקישע סכּנה איז

צפונית-מזרחית האָט געקליבן כּוחות נאָר זייער פּאַוואָליע. ביז די טערקן זיינען אָנגעפאַלן, האָט דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון איסלאַם זיך געהאַלטן. אפשר האָט די אינטעליגענץ שטילערהייט זיך איינגערעדט, אַז זי וועט קאָנען ווייטער ווירקן אויף להכעיס די סכּנות מצד דער פיינדלעכער מאַכט און דער אומשכלדיקייט פון דער פּאָליטישער פירונג. ביז אַהער איז דאָס אין אַלע לענדער געווען די כאַראַקטעריסטישע טבע פון וויסנשאַפט און ליטעראַטור. דער אינטעליגענט האָט קיין מאָל קיין חשק ניט געהאַט איינצורייסן מיטן מאַכטמענטש. ער איז בדרך כּלל געווען אַ שטיקל הויפמאַן און אונטערלעקער. מעגלעך, אַז ער איז קיין מאָל ניט געווען זיכער מיט זיין אייגענעם אמת. ביז אַהער האָבן מענטשן פון פאַרשטאַנד און וויסן קיין מאָל ניט געהאַט די זיכערקייט און דעם מוט פון רעליגיעזע פאַנאַטיקער. נאָר עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער האָבן זיי זיך אָנגעשאַפט פעסטע איבערצייגונגען און אָנגעקליבן צוטרוי צו זיך. זיי האָבן ביסלעכוויז געפונען אַ וועג צו מאַכט דורך דער אַנטוויקלונג פון פאָלקס-בילדונג און פון דער פּאָפּולערער ליטעראַטור, און ביי היינטיקן טאָג זיינען זיי אַ סך מער גרייט צו ריידן אָפענע און קלאָרע דיבורים און צו פאַרלאַנגען אַ הערשנדיקע דעה אין דער אָרגאַניזירונג פון די מענטשלעכע ענינים, ווי דאָס איז קיין מאָל ניט געווען פריער אין דער וועלט-געשיכטע.

---

9. אַראַבישע קונסט.

די מוסלימישע באַצווינגונגען זיינען באַלייט פון נייע טיפּן אַרכיטעקטור, וואָס ווערן אָנגערופן פאַרשיידן: סאַראַצעניש, מוכאַמעדאַניש און אַראַביש. דער עכטער אַראַבער, זאָגט Gayet, איז קיינמאָל ניט געווען קיין קינסטלער. ער האָט געבויט, ווייל ער האָט געמוזט בויען, מעטשעטן, פּאַלאַצן, קברים, שטעט, נאָר ער האָט געפונען בוי-מייסטערס און אַרכיטעקטן צווישן די עגיפּטער, סיריער, פּערסער, וואָס ער האָט באַצוואונגען. די אַראַבישע קונסט אין פּערסיע איז גע-

וועןְ אַ פשוטער המשך פון דער פערסישער קונסט, נאָר אין עגיפטן און סיריע איז געוועןְ אַן אמתע צופּאַסונג צו די נייע תנאים, און עס האָט זיך באַוויזן אַ נייער טיפּ און כאַראַקטער פון בוי און דעקאָ־



דער אינעווייניקסטער הויף פון דעם מעטשעט אבן־טולון אין קאַירא, עגיפּטן.

ראַציע. דאָס איז געוועןְ „אַראַבישע" קונסט שטוּענג גערעדט. קיין מערב צו און צפון־אַפריקע און שפּאַניע האָט זיך אַנטוויקלט אַ באַ־זונדער וואַריאַציע, וואָס איז כאַראַקטעריזירט דורך דער פּאָדקעווע־אַרקע. סיריע און עגיפּטן האָבן נאָך אַ צייט פריער איידער די אַראַ־

בער זיינען געקומען זיך אָפּגעווענדט פֿון די ביזאַנטישע פֿאָרמען, דורך דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַרביטן די קײלעכדיקע אַרקע דורך דער פֿאַרשפּיצטער אַרקע און וואָס זיי האָבן נאָך מער ווי די ביזאַנטישע קונסט זיך אָפּגעזאָגט פֿון מאָדעלירטע פֿאָרמען. אָנשטאָט דעם העלענישן רעאַליזם האָבן זיי גענוצט שאַבלאָנען, און דער אַראַבישער טעמפּעראַמענט, נוטה צו התפּכלות און עקסטאַז, האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן פּראָצעס. „ניט אויף צו פֿאָלגן אַ רעליגיעזן געבאָט, זאָגט Gayet — וואָרעם עס זיינען פֿאַראַן אַ סך פֿריע אַראַבישע רעפּרעזענטאַטיווע געמעלן — נאָר מחמת אָן אינסטינקט“. אין אַלע געוויינטכע לעבנס-פֿאַלן, און אָפּגעזען פֿון יעטווידער קולטור, האָט דער אַראַבער עפּעס אַ מאָדנעם ווידערווילן קעגן אַנטבלויזן זיין קערפּער אָדער קעגן קוקן אויף אַ קערפּער. בהדרגה איז אין דער עוואָלוציע פֿון דער אַראַבישער קונסט די דעקאָראַציע אַריבערגעגאַנגען פֿון קאָנווענציאָנאַליזירטע בעלי-חיים און געוויקס-פֿאָרמען צו געדרייטע געאָמעטרישע ליניעס, „אַראַבעסקעס“. דעכער און געוועלבן ווערן אַליין טיפֿער און טיפֿער אינקרוסטירט, עס פֿאַרפֿילפֿאַכן זיך דורכגעלעכערטע פֿאַרקאַנעס, און אַפֿילו די אויסווייניקסטע פֿאָרם ווערט פֿילקאַנטיק. די געוועלבן ווערן באַדעקט מיט קיילעכדיקע און פֿילקאַנטיקע קנעפּ, וואָס הענגען סוף-כל-סוף אַראָפּ ווי סטאַלאַקטיטן. אַ נייע, אויסטערלישע שיינקייט ווערט געשאַפֿן דורך די דאָזיקע פֿאַראיינפֿאַכונגען און פֿאַרפֿיינערונגען, גלייך צו דער שיינקייט פֿון קרישטאָלן און וואַסער-כוואַליעכלעך און צו דעם איידעלן און סודותפֿולן ריטם פֿון ניט-באַלעבטע זאַכן, אַ שיינקייט וואָס איז פּונקט דער היפּך פֿון דער אומבאַגרענעצטער פֿרייהייט, דער ליכטפֿולער וואולגאַרקייט און דער איבערפֿליסנדיקער לעבעדיקייט פֿון דער העלענישער קונסט.

פֿאַרבונדן אין אונזער גייסט מיט די דאָזיקע סטרוקטור-אַנטוויקלונגען ווי כאַראַקטעריסטיש אַראַביש זיינען דער מינאַרעט און דער ציבעלע-קופּל און דער גלענצנדער באַנוץ פֿון גלאַזירטע און אָפֿטמאָל רייך אָרנאַמענטירטע דאַכלקעס. אַ סך זיינען אויסגענוצט געוואָרן צוליב דעקאָרירן טעקסטן און פּסוקים פֿון קאָראַן אין דער שיין געצוקטער אַראַבישער שריפֿט.

קאפיטל 31

קריסטנטום און די קרייץ-צוגן

1. די מערבדיקע וועלט אויף איר נידעריקסטן שטאַנד. 2. די פעאָדאַלע סיסטעם. 3. דאָס פראַנקישע קיניגרייך פון די מעראָווינגער. 4. די קריסטיאַניזירונג פון די מערבדיקע באַרבאַרן. 5. קאַרל דער גרויסער ווערט קיסר פון מערב. 6. די פערזענלעכקייט פון קאַרל דעם גרויסן. 7. ראָמאַנישע אַרכיטעקטור און קונסט. 8. די פראַנצויזן און די דייטשן שיידן זיך פונאַנדער. 9. די נאָרמאַנען, די סאַראַצענער, די אונגאַרן און די סעלדזשוקישע טערקן. 10. ווי אַזוי קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך געווענדט צו רוים. 11. די קרייץ-צוגן. 12. די קרייץ-צוגן אַ פּרוּווניש פאַרן קריסטנטום. 13. קיסר פרידריך II. 14. די חסרונות און באַגרענעצונגען פון פויפּסטום. 15. אַ רשימה פון די וויכטיקסטע פויפּסן. 16. גאָטישע אַרכיטעקטור און קונסט. 17. מיטלעלטערלעכע מוזיק.

ווענדן מיר זיך איצט פון דער דאָזיקער אינטעלעקטועלער אויפלעבונג אין וויג פון די אַלטע ציוויליזאַציעס צו די ענינים פון דער מערבדיקער וועלט.

מיר האָבן געשילדערט דעם פולן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּאָליטישן חורבן פון דער רוימישער אימפּערישער סיסטעם אין מערב, די מהומה און דעם חושך, וואָס איז אָנגעשטאַנען אין זעקסטן און זיבעטן יאָרהונדערט, און דעם קאַמף פון אַזאַ מאַן ווי קאַסיאָדאָר אײַנצוהאַלטן די ליכטיקע פלאַם פון וויסנשאַפט אינמיטן די בלאָזנדיקע ווינטן פון מהומות. אַ שטיק צייט האָט קיין מעם ניט

צו שרייבן וועגן מלוכות און רעגירערס. קלענערע אָדער גרעסערע אַוואַנטוריסטן פלעגן פאַרכאַפּן אַ שלאָס אָדער אַ שטיק לאַנד און פלעגן רעגירן איבער אַן אומבאַשטימטער שטרעקע. די בריטישע אינזלען, למשל, זיינען געווען צעבראָקלט צווישן אַ גאַנצער מאַסע רעגירערס; און אַ פולע קעלטישע הויפטלייט אין אירלאַנד און שאָטלאַנד, אין וויילס און קאָרנוואַל האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך און גובר געווען איינער דעם צווייטן און געליטן מפלות איינער פון אַנדערן. אויך די ענגלישע אַריינדרינגערס זיינען געווען צעטיילט אין אַ צאָל זיך פאַרגרעסערנדיקע און פאַרקלענערנדיקע „קיניגרייכן״: קענט, וועסעקס, עסעקס, סוסעקס, מערסיאַ, נאָרטהומבריאַ און מזרח־ענגלאַנד, וואָס האָבן שטענדיק געפירט מלחמות צווישן אַנאַנד.

אַזוי איז געווען אין גרעסטן טייל פון דער מערבדיקער וועלט. דאָ האָט אַ בישוף געוואָלט ווערן אַ מאָנאַרך, אַזוי ווי גרעגאָר דער גרויסער אין רוים; דאָרט האָט אַ גרופּע שטעט געוואָלט זיך געפינען אונטער דער ממשלה פון דעם אָדער יענעם הערצאָג אָדער פירשט. אינמיטן די חורבות פון דער שטאָט רוים האָבן זיך אויפגעהאַלטן האַלב זעלבשטענדיקע משפחות פון כלומרשט איידל־געבוירענע אַוואַנטוריסטן מיט זייערע משרתים. דער פּויפּס האָט דאָ געהאַט אַ מין אייבערהערשאַפט, אָבער טיילמאָל פלעגט אים אַריבערוועגן דער „הערצאָג פון רוים״. די גרויסע אַרענע פון קאָלאָסיי איז געוואָרן געמאַכט פאַר אַ פּריוואַטן שלאָס, און דאָס נעמלעכע אויך דער קיילעכדיקער קבר־בנין פון קיסר האַדריאַנוס. און די אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן געהאַט פאַרכאַפּט די דאָזיקע באַפעסטיקונגען און זייערע מענטשן פלעגן לאָקערן אויף די וועגן איינע אויף די אַנדערע און זיך אַרומשלאָגן און אַרומרייסן אין די חרובע גאַסן פון דער אַמאָליקער קיסר־לעכער שטאָט. האַדריאַנוסעס קבר איז נאָך גרעגאָר דעם גרויסנס צייט געווען באַוואוסט ווי דער שלאָס פון סאַנקט אַנדזשעלאָ, דאָס הייסט דער שלאָס פון הייליקן מלאך, וואָרעם אַז ער איז געגאַנגען איבערן טיבער־בריק אויפן וועג צו דער קאַטעדראַלע פון סאַנקט פּעטער מתפלל צו זיין קעגן דער גרויסער מגפה, וואָס האָט פאַרוויסט די שטאָט, האָט ער געהאַט אַ זעונג, ווי אַ גרויסער מלאך שטייט איבער דער טונקעלער מאַסע פון מאַוזאָליי און שטעקט אַריין זיין

שווערד אין שייד, און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז זיינע תפילות וועלן אָנגענומען ווערן. דער דאָזיקער שלאָס סאַנקט אַנדזשעלאָ האָט גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון רוים בעת דער דאָזיקער תקופה פון מהומות.

שפּאַניע איז געווען אין דעם זעלביקן שטאַנד פון פּאָליטישער צעבראָקלטקייט, ווי איטאַליע אָדער פראַנקרייך אָדער בריטאַניע. אין שפּאַניע האָט די אַלטע מלחמה צווישן די קאַרטאַגער און רוימער זיך נאָך אַלץ געצויגן אין דער ביטערער שנאה פון זייערע קינדס־קינדער, די יידן און קריסטן. אַזוי אַז ווען די מאַכט פון כאַליף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פּאַזע די ברעגעס פון גיבראַלטאַר, האָט זי געפונען די שפּאַנישע יידן גרייט איר צו העלפן אַריינצודרינגען אין שפּאַניע. אַ מוסלימישע אַרמיי פון אַראַבער און בערבערן, אַ נאָמאַדיש חמיטיש פאָלק פון אַפריקאַנישן מדבר און פון דעם הינטערשטן בערג־לאַנד, וואָס איז געוואָרן באַקערט צום איסלאַם, איז אַריבער דעם גיבראַלטאַר און האָט צעקלאַפּט די מערב־גאָטן אין אַ גרויסער שלאַכט אין יאָר 711. אין עטלעכע יאָר אַרום איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען אין דער מאַכט פון די מוסלימס.

אין יאָר 720 האָט דער איסלאַם דערגרייכט ביז צו די פּירע־נעען און איז אַרום זייער מזרחדיקן עק אַריינגעדרונגען אין פראַנק־רייך. אַ שטיקל צייט האָט אויסגעדוכט, אַז די דאָזיקע אמונה וועט פונקט אַזוי גרינג אונטערטעניק מאַכן גאַליע, ווי זי האָט אונטערטעניק געמאַכט דעם שפּאַנישן האַלב־אינזל. נאָר זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַ האַרטן ווידערשטאַנד, דאָס איז געווען דאָס נייע קיניגרייך פון די פראַנקען, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעפעסטיקט אין משך אַ צוויי יאָרהונדערטער אין ריינלאַנד און אין צפון־פראַנקרייך.

וועגן אָט דעם פראַנקישן קיניגרייך, דעם פאָרגייער פון פראַנק־רייך און דייטשלאַנד, וואָס האָט געבילדעט דעם מערבדיקן שויץ־מויער קעגן מוכאַמעדס אמונה, פונקט ווי די ביזאַנטישע אימפּעריע הינטער די טאַורוס־בערג האָט געבילדעט דעם מזרחדיקן שויץ־וואַל, וועלן מיר איצט האָבן אַ סך צו דערציילן. נאָר צוערשט באַדאַרפן מיר געבן אַ באַריכט וועגן דער נייער סיסטעם פון סאָציאַלער גרופּירונג, וואָס פון איר איז דאָס דאָזיקע קיניגרייך אַרויסגעוואַקסן.

2. די פעאָדאַלע סיסטעם.

עס איז נייטיק, דער לייענער זאָל האָבן אַ באַשטימטע פאָרשטעלונג וועגן סאָציאַלן מצב פון מערב=אייראָפּע אין אַכטן יאָרהונדערט. דאָס איז ניט געווען קיין באַרבאַריזם. מזרח=אייראָפּע איז נאָך געווען באַרבאַריש און ווילד; זי האָט נאָר גאָר ווינציק געהאַט זיך אַרויס געטאָן ווייטער פון דעם מצב, ווי עס האָט אים געשילדערט גיבאָן אין זיין באַריכט פון דער שליחות פון פּריסקוס צו אַטילאַ. נאָר מערב=אייראָפּע איז געווען אַ צעטרייסלטע ציוויליזאַציע, אָן אַ געזעץ, אָן אַדמיניסטראַציע, מיט צעשטערטע וועגן און דעזאָרגאַניזירטער דערציִונג, אָבער זי האָט נאָך פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל מענטשן מיט ציווילִיזירטע פאָרשטעלונגען און געוווינהייטן און טראַדיציעס.

עס איז געווען אַ צייט פון מהומה, פון רויבער=באַנדעס, פון ניט באַשטראָפטע פאַרברעכנס און אַלגעמיינער אומזיכערקייט. עס איז זייער אינטערעסאַנט אָנצוצייכענען, ווי אַזוי עס האָבן זיך פון אָט דער אַלגעמיינער מישענינע אַרויסבאַוויזן די התחלות פון אַ נייער אָרדענונג. וואָלט היינטיקע צייטן געטראָפן אַזאַ איינבראָך, וואָלטן מסתמא זיך געבילדעט אָרטיקע וואַך=געזעלשאַפטן, וואָס וואָלטן איינגעשטעלט אַ פּאָליציייִשע שמירה און אַ דערוויילִיקע דעמאָקראַטישע רעגירונג. נאָר אין דער חרובער מערבדיקער אימפּעריע פון 6טן און 7טן און 8טן יאָרהונדערט האָבן די מענטשנס געדאַנקען געווענדט זיך גיכער צו אָנפירערס, איידער צו קאָמיטעטן, און די צענטערס וואָס אַרום זיי האָבן זיך קריסטאַליזירט ישובים זיינען געווען דאָ באַרבאַרישע הויפּלייט, דאָרט אַ מעכטיקער בּיסקופּ אָדער אַן איבערלעבנדיקער פּרעטענדענט אויף אַ רוימישער אָפיציעלער שטעלע, דאָ אַ לאַנג אָנערקענטער ערד=איינגנטימער אָדער מענטש פון אַן אַלטער פאַמיליע און דאָרט ווידער אַ מעכטיקער פאַרכאַפּער פון מאַכט. קיין מענטש איז לעבנדיק ביחידות ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

אַזוי אַרום זיינען מענטשן געווען געצוואונגען צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע מענטשן, דער עיקר מיט מענטשן שטאַרקער פאַר זיי גופא. דער איינזאַמער מענטש פלעגט זיך אויסקלייבן דעם מעכטיקסטן און אַקטיווסטן אָנפירער אין זיין קרייז און פלעגט ווערן זיינער

אַ מענטש. דער פרייער מאַן אָדער שוואַכער קליינער שררה פון אַ ברעקל טעריטאָריע פלעגט זיך פאַרבינדן מיט אַ מעכטיקערן שררה, דער שוץ פון דעם דאָזיקן שררה (אָדער די סכנה פון זיין פיינדשאַפט) איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, וואָס מער מענטשן עס זיינען צו אים צוגעשטאַנען. אַזוי איז זייער גיך צוגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון פּאָליטישער קריסטאַליזירונג אין דעם אויפגערודערטן און הפקרדיקן ים, וואָס אין אים האָט זיך געהאַט צעגאָסן די מערבדיקע אימפּעריע. די דאָזיקע נאַטירלעכע פאַרבינדונגען פון שוץ-האַר און באַשיצטע איז זייער גיך אויסגעוואַקסן צו אַ מין סיסטעם, דער פעאָדאַלער סיסטעם, וואָס שפּורן פון איר קאָן מען נאָך געפינען אין איטלעכער אייראָפּעיִשער געמיינשאַפט אין מערב-זייט פון רוסלאַנד. אין אירע אַרויסווייזן האָט זי אָנגענומען די פאַרשיידנסטע פאָרמען.

דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אינגיכן אָנגענומען זיינע אייגענע געזעצן. אין אַזאַ לאַנד ווי גאַליע איז ער געווען שוין אַנטוויקלט אין צייטן פון אומזיכערקייט, נאָך איידער די באַרבאַרישע שבטים האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער רוימישער אימפּעריע ווי באַצווינגערס. אַז די פראַנקען זיינען אַריינגעקומען אין גאַליע, האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט אַן אינסטיטוציע, וואָס מיר האָבן שוין פאַרצייכנט ביי די מאַקעדאָניער און וואָס איז מסתמא געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די נאָרדישע פעלקער — דאָס איז דער מנהג, אַז אַרום דעם עלטסטן אָדער קריגס-קיניג פלעגט זיך צונויפקלייבן אַ קאָרפּאָראַציע פון יונגע לייט פון גוטע פאַמיליעס, זיינע חברים אָדער קאָמיטעס, גראַפן אָדער קאַפּטיינען. און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ווען אַזאַ פאָלק האָט זיך געלאָזט גיין אויף מלחמה, זיינען די באַציִונגען צווישן דעם שוואַכן שררה צום שטאַרקן שררה געוואָרן די באַציִונגען פון אַ גראַף צו זיין קיניג, און אַז אויב דער הויפּטמאַן פלעגט איינעמען אַ לאַנד, פלעגט ער צעטיילן פאַרכאַפּטע און קאָנפיסקירטע נחלאות צווישן זיינע מקורבים. מצד דער אונטערגייענדיקער אימפּעריע איז געקומען צום פעאָדאַליזם די אידעע פון גרופּירונג צוליב קעגנזייטיקן שוץ פון מענטשן און אייגנס; מצד די גערמאַנען זיינען געקומען די פאָרשטעלונגען פון אַ ריטערלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, פון געטריישאַפט און פון פּערזענלעכן דינסט. דאָס ערשטע איז געווען

די עקאָנאָמישע זייט פון דער אינסטיטוציע, די צווייטע איז די ריטערלעכע זייט.

די ענלעכקייט פון דער איינזאַמלונג פון די פעאָדאַלע גרופּירונגען צו אַ קריסטאַליזיר־פּראָצעס איז זייער אַ נאָענטע. אַז דער היסטאָריקער קוקט זיך צו צו די שטורמישע מהומות פון 4טן און 5טן יאָרהונדערט אין מערב־איראָפּע, מיט זייערע שטראָמען און קעגנשטראָמען, הייבט ער אָן צו באַמערקן, ווי עס נעמען זיך באַווייזן פון דער מהומה פּיראַמידאַלע אויסוואוקסן פון קעפּ מיט אונטערגעאָרדנטע, מיט אונטער־אונטערגעאָרדנטע, וואָס שטופּן זיך צונויף מיט אַנאַנד, צעצווייגן זיך, ווערן צעפאַלן און באַהעפטן זיך ווידער. „מיר באַנוצן דעם טערמין „פעאָדאַלע סיסטעם“, ווייל עס איז אָנגענומען אַזוי צו זאָגן, נאָר עס איז אַ ספק, צי עס פּאַסט בכלל פאַר דעם דער באַטייט „סיסטעמאַטיש“. דער פעאָדאַליזם איז אין זיין בליענדיקסטער צייט געווען אַליץ וואָס איר ווילט, אָבער ניט סיסטעמאַטיש. ער איז געווען מהומה און טומלעניש אויף דער גיך אָרגאַניזירט. אומעטום האָט געהערשט גרויס פאַרשיידנקייט, און מיר וואָלטן ניט געווען שטאַרק פאַרחידושט, ווען מיר וואָלטן געפונען אין איטלעכער שררהשאַפט באַזונדערע פאַקטן און באַזונדערע מנהגים. דער אַנגלאָנאָרמאַנישער פעאָדאַליזם האָט אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט דערגרייכט צו לאָגישער שלמות און צו אַן איינהייטלעכקייט אין דער פּראַקטיק, וואָס אין דער תקופה פון ריכטיקן פעאָדאַליזם האָט מען קיים געקאָנט געפינען ערגעץ וואו אויף אַ גרעסערער טעריטאָריע...

„דער יסוד פון דער עצם פעאָדאַלער שייכות איז געווען דער „פּ י ע ף“, וואָס איז געוויינטלעך געווען ערד, אָבער עס האָט געקאָנט זיין אויך אַן אַנדער געוואונטשענע זאַך, למשל, אַ שטעלע, אַ הכנסה אין געלט אָדער נאַטור, דאָס רעכט צו קלייבן שטייער־אָפּצאָלן אָדער צו באַטרייבן אַ מיל. ווי אַ געצאָלט פאַרן „פּיעף“ איז דער מענטש געוואָרן דער ו ו אַ ס אַ ל פון זיין שררה; ער פלעגט אַנידערקניען פאַר אים, און מיט זיינע הענט צווישן דעם שררהס הענט, פלעגט ער שווערן אים געטריי צו דינען. ...די געטרייע אויספירונג פון אַלע התחייבותן וואָס ער האָט אויף זיך גענומען האָבן געבילדעט דעם וואַסאַלס רעכטס־טיטל אויף זיין פּיעף. כל־זמן ער האָט געטאָן זיין



האדריאַנוסעס קבר אין רוים. אין דער צייט פון די פויפּסן באַוואוסט אונטערן נאָמען שלאָס פון ס"ט אנדזשעלאָ.

חוב, האָט ער, און זיינע יורשים נאָך אים, געהאַלטן דעם פיעף ווי זיין אייגנטום, ווי ער וואָלט געווען פּאַקטיש דער באַלעבאָס, אויך לגבי אַלע אונטערגעאָרדנטע. אין דער באַזונדערער צערעמאָניע פון איינשטעלן די פעאָדאַלע באַציִונגען זיינען די התחייבותן, וואָס ביידע צדדים נעמען אויף זיך בדרך כלל ניט געווען אויסגערעדט בפּרוטרוט. זיי זיינען געווען באַשטימט דורכן אָרטיקן מנהג... אין אַ סך פּרטים זיינען די דינסט-חובות פון דעם וואַסאַל געווען שטאַרק פאַרשיידן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער פעאָדאַלער וועלט. נאָר מיר קאָנען דאָך זאָגן, אַז זיי זיינען איינגעטיילט אין צוויי מינים, אַלגעמיינע און באַזונדערע. די אַלגעמיינע האָבן אַרומגענומען אַלצדינג וואָס געהער צו געטריישאַפט, דהיינו זוכן דעם האַרס טובה, ניט אַרויסגעבן זיינע סודות, אויפדעקן די פּלענער פון זיינע שונאים, באַשיצן זיין פאַמיליע אאַז״וו. די באַזונדערע דינסטן קאָנען ווערן גענויער באַשטימט, און זיי פּלעגן טאַקע ווערן פּינקטלעך באַשטימט אין מנהג-רעכט און טיילמאָל אין געשריבענע דאָקומענטן. דער כאַראַקטעריסטישער פון זיי איז געווען דער מיליטער-דינסט, וואָס איז באַשטאַנען דערין, אַז דער וואַסאַל האָט געמוזט קומען לויטן אַרויסרוף אין פעלד מיט אַ באַשטימטן חייל, אָפטמאָל באַוואָפנט אויף אַן אָפּגערעדטן אופן, און געמוזט בלייבן אַ באַשטימטע צייט. דערין איז אָפט געווען אויך איינגעשלאָסן חוץ חיוב צו היטן דעם האַרס שלאָס און צו האַלטן דעם אייגענעם שלאָס צוגעפּאַסט צו די פּלענער פון דעם האַר צוליב פאַרטיידיקונג פון זיין פיעף... טעאָרעטיש באַטראַכט, האָט דער פעאָדאַליזם באַדעקט איראָפּע מיט אַ נעץ פון אַזעלכע פיעפס, וואָס האָבן מדרגותווייז זיך געהויבן איינע איבער די אַנדערע, פון דעם נידעריקסטן, דער נחלה פון אַ ריטער, ביז דעם שפּיץ, דעם קיניג, וואָס איז געווען דער העכסטער ערד-אייגנטימער, אָבער ער האָט געקראָגן זיין קיניגרייך פון גאָט״...*

נאָר דאָס איז געווען די טעאָריע, וואָס איז געוואָרן אַרויפגעזעצט אויף די איינגעשטעלטע פאַקטן. די ווירקלעכקייט פון פעאָדאַליזם איז געווען פרייוויליקע קאָאָפּעראַציע.

* ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ, אַרטיקל „פעאָדאַליזם" פון פּראָפ. דזש. ב. אַדאַמס.

„די פעאָדאַלע מלוכה, זאָגט מען, איז אַ מלוכה, וואו פּריוואַט־רעכט האָט פאַרכאַפּט דעם אָרט פון עפנטלעכן רעכט“. נאָר ריכ־טיקער איז, אַז דאָס עפנטלעכע רעכט איז געפאַלן און בטל געוואָרן, און פּריוואַט־רעכט איז געקומען אָנצופילן דעם ליידיקן אָרט. פון עפנטלעכן חוב איז געוואָרן פּריוואַטע התחייבות.

---

3. דאָס פראַנקישע קיניגרייך פון די מעראָווינגער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט פאַרשיידענע קיניגרייכן פון די באַר־באַרישע שבטים, וואָס האָבן איינגעשטעלט אַ מער אָדער ווייניקער פאַרבייגייענדיקע ממשלה איבער דעם אָדער יענעם שטח לאַנד אינ־מיטן די חורבות פון דער אימפּעריע, די קיניגרייכן פון די סוועבן און מערב־גאָטן אין שפּאַניע, דאָס מזרח־גאָטישע קיניגרייך אין אי־טאַליע, און דאָס איטאַליענישע קיניגרייך פון די לאַנגאָבאַרדן, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון די גאָטן, נאָכדעם ווי יוסטיניאַן האָט זיי געהאַט אַרויסגעטריבן און נאָכדעם ווי די גרויסע פּעסט האָט גע־האַט פאַרוויסט איטאַליע.

דאָס פראַנקישע קיניגרייך איז אויך געווען אַזאַ באַרבאַרישע מלוכה, וואָס איז צוערשט אויפגעקומען אין דער געגנט, וואָס איז איצט בעלגיע, און וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט קיין דרום־זייט צו דער לואַרע, נאָר זי האָט אַנטוויקלט מער כּוח און פעסטקייט, איי־דער די איבעריקע. דאָס איז געווען די ערשטע אמתע מלוכה, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פון דעם אַלגעמיינעם חורבן. זי איז געוואָרן סוף־כּל־סוף אַ גרויסע און מעכטיקע פּאָליטישע רעאַליטעט, און פון איר שטאַמען אָפּ צוויי גרויסע מלוכות פון דער מאָדערנער אייראָפּע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. דער גרינדער פון דער מלוכה איז גע־ווען קלאָדוויג (481—511), וואָס האָט אָנגעהויבן ווי אַ קליינער קי־ניג אין בעלגיע און האָט געענדיקט, בעת זיינע דרומדיקע גרענעצן זיינען געווען נאָענט ביי די פּירענייען. ער האָט צעטיילט זיין קי־ניגרייך צווישן זיינע פיר זין, אָבער די פראַנקען האָבן איינגעהיט אַ טראַדיציע פון איינהייט, ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער צעטיילונג,

און אַ געוויסע צייט האָבן די ברודער=קריג פון וועגן דער ממשלה פון אַן איינציקן גיכער זיי פאַראייניקט ווי צעטיילט. אַן ערנסטערע שפּאַלטונג איז אָבער אַרויסגעקומען פון דער לאַטיניזירונג פון די מערב=פראַנקען, וואָס האָבן פאַרנומען די ראָמאַניזירטע גאַליע און האָבן זיך אויסגעלערנט ריידן דאָס פאַרדאָרבענע לאַטיין פון דער באַצוואונגענער באַפעלקערונג, בעת די פראַנקען פון ריינלאַנד האָבן אײַנגעהיט זייער נידער=דייטשע שפּראַך. אויף אַ נידעריקער מדרגה פון ציוויליזאַציע ברענגט אַן אונטערשייד אין שפּראַך צו זייער וויכטיקע פּאָליטישע רעזולטאַטן. אין אַ הונדערט מיט פופציק יאָר אַרום איז די פראַנקישע וועלט געווען צעשפּאָלטן אין צווייען, אין נייסטריאַ, דער קערן פון פראַנקרייך, וואו מען האָט גערעדט אַ לאַטייניזשע שפּראַך, וואָס איז צולעצט געוואָרן צו דער פראַנצויזישער שפּראַך, וואָס מיר ווייסן, און אויסטראַזיאַ, דאָס ריינלאַנד, וואָס איז געבליבן דייטש. די פראַנקען זיינען געווען פאַרשיידן פון די שוואַבן און דרום=דייטשן, און זיינען געווען נעענטער צו די אַנגלאָ=סאַקסן דערמיט, וואָס זיי האָבן גערעדט אַ „נידער=דייטשן“ און ניט קיין „הויך=דייטשן“ דיאַלעקט. זייער שפּראַך איז געווען ענלעך צו פּלאַט=דייטש און אַנגלאָ=סאַקסיש, און איז געווען די דירעקטע מוטער פון האָלענדיש און פלעמיש. די פראַנקען, ווי ווייט זיי זיינען ניט געוואָרן לאַטיניזירט, זיינען זיי געוואָרן פלעמען און „האָלענדער“ פון דרום=האָלאַנד (צפון=האָלאַנד איז נאָך פריזיש, ד״ה אַנגלאָ=סאַקסיש). דאָס „פראַנצויזיש“, וואָס די לאַטיניזירטע פראַנקען און בורגונדער האָבן גערעדט פון 7טן ביזן 10טן יאָרהונדערט, איז געווען מערקווערדיק ענלעך צו דער רעטאָ=ראָמאַנישער שפּראַך פון דער שווייץ, ווערליך מען קאָן משפּטן לויט די רעשטן, וואָס זיינען געבליבן אין אַלטע דאָקומענטן.

מיר וועלן דאָ ניט דערציילן וועגן דער ירידה פון דער דינאַסטיע, דער מעראָווינגישער דינאַסטיע, וואָס קלאָדוויג האָט געגרינדעט; אויך ניט ווי אַזוי אין אויסטראַזיאַ איז אַ געוויסער הויף=באַאַמטער, דער פּאַלאַץ=מאַיאָר, בהדרגה געוואָרן דער פּאַקטישער קיניג און האָט אויסגענוצט דעם געזעצלעכן קיניג ווי אַ שפּילכל. דער פּאָסטן פון פּאַלאַץ=מאַיאָר (מאַזשאָרדאָם) האָט אין 7טן יאָר=

הונדערט אויך אָנגעהויבן איבערצוגיין בירושה, און אין יאָר 687 האָט אַ געוויסער פּיפּין פֿון העריסטאַל, דער אַוסטראַזישער פּאַלאַץ-מאַיאָר, אײַנגענומען נייסטריאַ און ווידער פֿאַראייניקט אַלע פֿראַנקען. זיין אָרט האָט פֿאַרנומען אין יאָר 721 זיין זון קאַרל מאַרטעל, וואָס האָט אויך ניט געטראָגן קיין העכערן טיטל, ווי פּאַלאַץ-מאַיאָר (זיינע נעבעכדיקע מעראָווינגישע מלכים אינטערעסירן אונז דאָ אויך אַ האָר ניט). אָט דער דאָזיקער קאַרל מאַרטעל האָט דאָס אָפּגעהאַלטן די מוסלימס. זיי האָבן זיך געהאַט אַרויסגערוקט אַזש ביז קיין טור, ווען ער האָט זיי באַגעגנט, און אין אַ גרויסער שלאַכט, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן דעם אָרט און צווישן פּואַטיע (732), האָט ער זיי צעקלאַפּט ביז לעצט און געבראָכן זייער מוט. נאָך דער מעשה זיינען די פּירענעען געבליבן זייער ווייטסטער גרענעץ, און מער זיינען זיי ניט געקומען קיין מערב-אייראָפּע.

קאַרל מאַרטעל האָט צעטיילט זיין ממשלה צווישן זיינע צוויי זין, נאָר איינער פֿון זיי האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטן גוטן ווילן און איז אַוועק אין אַ קלויסטער און האָט איבערגעלאָזן זיין ברודער פּיפּין פֿאַרן איינציקן הערשער. אָט דער פּיפּין האָט דאָס געמאַכט אַ סוף צו דער דינאַסטיע פֿון קלאָדוויג. ער האָט געשיקט צום פּויפּס פֿרעגן, ווער איז דער אמתער קיניג פֿון די פֿראַנקען, דער מאַן, וואָס האַלט די מאַכט, אָדער דער מאַן, וואָס טראָגט די קרוין; און דער פּויפּס, וואָס האָט זיך געניטיקט אין אַן אונטערשטיצער, האָט באַשלאָסן לטובת דעם פּאַלאַץ-מאַיאָר. אַזוי-אַרום איז פּיפּין אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ קיניג אין אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿראַנקישע אַדללייט אין דער מעראָווינגישער הויפּטשטאָט סואַסאָן און געזאַלבט און געקרוינט. דאָס איז געווען אין יאָר 751. די פֿאַראייניקטע פֿראַנקיש-דייטשע מלוכה איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן דורך זיין זון קאַרל. זי האָט זיך געהאַלטן ביזן טויט פֿון זיין אייניקל לודוויג (840), און דעמאָלט האָבן פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד זיך צעריסן ווידער — צום גרעסטן אומגליק פֿון דער מענטשהייט. עס איז ניט געווען קיין אונטערשייד פֿון ראַסע אין טעמפּעראַמענט, עס איז געווען אַן אונטערשייד פֿון שפּראַך און טראַדיציע, וואָס האָט צעשפּאַלטן די דאָזיקע פֿראַנקישע פֿעלקער.

אָט די אַלטע שיידונג פון נייסטריאַ און אַוסטראַזיאַ ווירקט נאָך מיט ביטערע רעזולטאַטן ביזן היינטיקן טאָג. אין יאָר 1914 איז דער אַלטער קאָנפליקט צווישן נייסטריאַ און אַוסטראַזיאַ ווידעראַמאָל אויס=געבראָכן אין אַ מלחמה. אין אַווגוסט 1916 האָט דער שרייבער פון די שורות באַזוכט סואַסאָן און איז אַריבער דעם צייטווייליקן

לענדער אונטער פראנקישער ממשלה אין קארל מארטלס צייט



הילצערנעם בריק, וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַט איבערגעבויט נאָך דער שלאַכט פון ען צו פאַרבינדן דעם הויפט=טייל פון דער שטאָט מיט דער פאָרשטאָט סען=מעדאַר. לייוונטענע שירמעס האָבן גע=שיצט פאַרביי'ער אויפן בריק, עס זאָלן זיי ניט קאָנען זען די דייטשע שיסער, וואָס האָבן אַרויסגעלוגט פון זייערע גראָבנס אונטן ביים ברעג טייך. ער איז געגאַנגען מיט זיינע פירערס דורך אַ פעלד און פאַזע דעם פאַרקאַן פון אַ פרוכט=סאָד, וואו אַ דייטשע באָמבע

האָט אויפגעריסן אין דעם מאָמענט, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען. אַזוי איז ער געקומען צו די צעלעכערטע בנינים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם אָרט פון דעם אַלטן קלויסטער סען-מעדאַר, וואו דער לעצטער מעראָווינגער איז געוואָרן אַראָפּגעזעצט און פּיפּין דער קורצער איז געקרוינט געוואָרן אויף זיין אָרט. אונטער די דאָזיקע אַלטע בנינים זיינען געווען גרויסע היילן, וואָס זיינען געווען זייער נוציק ווי שוץ-גראָבנס — וואָרעם די דייטשע אַרויסגערוקטע ליניעס זיינען געווען ניט ווייטער פון אַ פּאָר הונדערט יאַרד. די מוטיקע פראַנצויזישע זעלנערס האָבן געקאָכט און זיך אויסגערוט אין די דאָזיקע באַהעלטענישן און פלעגן זיך לייגן שלאָפן צווישן די שטיינערנע טרומנעס, וואו עס זיינען געלעגן די ביינער פון זייערע מעראָווינגישע מלכים.

---

4. די קריסטיאַניזירונג פון די מערבדיקע באַרבאַרן.

די באַפעלקערונג, וואָס איבער איר האָבן רעגירט קאַרל מאַרטעל און קיניג פּיפּין, איז אין פאַרשיידענע געגנטן געשטאַנען אויף אַ פאַרשיידענער מדרגה פון ציוויליזאַציע. אין מערב-זייט און אין דרום-זייט איז די גרויסע מאַסע פון דער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון לאַטיניזירטע און קריסטלעכע קעלטן; אין די צענטראַלע געגנטן האָבן די דאָזיקע רעגירערס געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע מער אָדער ווייניקער קריסטיאַניזירטע גערמאַנען, ווי די פראַנקען, בורגונדער און אַלעמאַנען; צפונית-מזרחית זיינען געווען די נאָך היידנישע פריזן און סאַקסן; אין מזרח-זייט זיינען געווען די בייערן, וואָס זיינען ניט לאַנג געוואָרן קריסטיאַניזירט דורך די באַמיִונגען פון הייליקן באָניפאַציוס, און אין מזרח-זייט פון זיי די היידנישע סלאַוון און אַוואַרן. דאָס „היידנטום“ פון די גערמאַנען און סלאַוון איז געווען זייער ענלעך צו דער לכתחילהדיקער רעליגיע פון די גריכן. דאָס איז געווען אַ רעליגיע פון קריגס-העלדן, וואָס דער טעמפּל, כוהן און קרבן האָבן אין איר געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע, און אירע

געטער זיינען געווען ענלעך צו מענטשן, נאר מעכטיקער פון זיי, און פלעגן זיך אריינמישן אין די מענטשלעכע ענינים, ווען עס האט זיך זיי פארגלוסט אדער דער קאפריז האט זיי אויסגעטראגן. די גערמאנען האבן געהאט א גאט אדין, וואס שטימט מיטן רוימישן יופיטער, טהאר אנטקעגן מארס, פרעיא אנטקעגן ווענוס אאז"וו. אין משך פון 7טן און 8טן יארהונדערט איז אנגעגאנגען צווישן די דאזיקע גערמאנישע און סלאווישע שבטים א כסדרדיקער פראצעס פון באקערונג צום קריסטנטום.

פאר ענגליש-ריידנדיקע לייענער וועט זיין אינטערעסאנט צו באמערקן, אז די גרעסטע מיסיאנערן צווישן די סאקסן און פריזן זיינען געקומען פון ענגלאנד. קריסטנטום איז צוויי מאל פארפלאנצט געווארן אויף די בריטישע אינזלען. דאס איז געווען נאך דעמאלט, בעת בריטאניע איז געווען א טייל פון דער רוימישער אימפעריע; א מארטירער, דער הייליקער אלבאן, האט געגעבן זיין נאמען פאר דער שטאט סענט-אלבאן, און כמעט איטלעכער, וואס באזוכט קענטעבערי, באזוכט די קליינע אלטע קירך סענט-מארטין, וואס איז געווארן אויסגעבויט אין די רוימישע צייטן. פון בריטאניע האט דאס קריסטנטום, ווי מיר האבן שוין געזאגט, זיך אויסגעשפרייט אריבער די גרענעצן פון דער אימפעריע קיין אירלאנד.

דער הויפט-מיסיאנער איז געווען סענט-פאטריק — און דארט איז געווען א שטארקע מאנאכישע באוועגונג, וואס מיט איר זיינען פארבונדן די נעמען פון סענט-קאלאמבא און די רעליגיעזע ישובים פון יאנא. דערנאך זיינען אין 5טן און 6טן יארהונדערט געקומען די ווילדע און היידנישע אנגלען און האבן אפגעשניטן די אלטע קירך פון אירלאנד פון דעם הויפט-טייל פון קריסטנטום. אין זיבעטן יארהונדערט האבן קריסטלעכע מיסיאנערן באקערט די ענגלענדער פון ביידע זייטן, אין צפון-זייט פון אירלאנד, אין דרום-זייט פון רוים; די רוימישע מיסיע האט צוגעשיקט דער פויפס גרעגאר דער גרויסער ביים סאמע סוף פון 6טן יארהונדערט.

די מיסיע האָט געווירקט אין משך פון גאַנצן 7טן יאָרהונ=
דערט. איידער דער יאָרהונדערט איז געווען פאַרביי, זיינען דער
גרעסטער רוב פון די אַנגלען שוין געווען קריסטן; מער ניט מערסיאַ,
דאָס צענטראַלע ענגלישע קיניגרייך, האָט זיך געהאַלטן שטייף קעגן
די מיסיאָנערן און פאַר דעם אַלטן גלויבן און די אַלטע מנהגים.
ביי די ניי=באַקערטע איז געווען אַ שטיקל פראָגרעס און געלערנט=
קייט. די קלויסטערס פון קיניגרייך נאָרטהומבריאַ אין צפון=זייט פון
ענגלאַנד איז געוואָרן אַ צענטער פון ליכט און וויסן. טעאָדאָר פון
טאַרסוס איז געווען איינער פון די עלטסטע אַרכיבישקופן פון קענ=
טערבערי (668—690). „בעת אין מערב=איראָפּע האָט קיינער ניט
געקענט קיין גריכיש, האָבן עטלעכע פון טעאָדאָרס תלמידים עס
באַהערשט. די קלויסטערס האָבן געהאַט אַ סך מאָנאַכן, וואָס זיי=
נען געווען אויסגעצייכנטע געלערנטע. דער באַרימטסטער צווישן אַלע
איז געווען בעדאַ, וואָס איז באַוואוסט ווי דער בכבודיקער בעדאַ (בעדאַ
ווענעראַבילים), אַ מאָנאַך פון דזשאַרראָ ביים טיין. ער האָט געלעבט
673—735. ער האָט געהאַט תלמידים די זעקס הונדערט מאָנאַכן
פון יענעם קלויסטער, חוץ אַ סך פרעמדע, וואָס פלעגן קומען הערן
אים. ער האָט בהדרגה באַהערשט גאָר די געלערנטקייט פון יענער
צייט און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט 45 בענד שריפטן, וואָס
די וויכטיקסטע פון זיי זיינען „די קירכן=געשיכטע פון די ענג=
לענדער" און די איבערזעצונג פון דער עוואַנגעליע פון יוחנן אין
ענגליש. זיינע שריפטן זיינען געווען וויט און ברייט באַוואוסט און
גענוצט אין גאַנץ איראָפּע. ער האָט גערעכנט אַלע דאַטעס פון
קריסטוסעס געבוירן, און דורך זיינע ווערק איז דער באַנוץ פון דער
קריסטלעכער כראָנאָלאָגיע געוואָרן פאַרשפּרייט אומעטום אין איי=
ראָפּע. אַדאַנק דער גרויסער צאָל קלויסטערס און מאָנאַכן אין נאָרט=
הומבריאַ איז דער דאָזיקער טייל פון ענגלאַנד אַ שטיקל צייט גע=
ווען אַ סך פאָראויס אין ציוויליזאַציע לגבי דעם דרום".*

אין זיבעטן און אַכטן יאָרהונדערט געפינען מיר ענגלישע מיסיאָ=
נערן ווירקנדיק אויף די מזרחדיקע גרענעצן פון דעם פראַנקישן

* „אַלגעמיינע געשיכטע פון איראָפּע", טעטשער און שוויל.

קיניגרייך. דער גרעסטער צווישן זיי איז געווען דער הייליקער באַניפאַציוס (680—755), וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין קרעדיטאָן אין דעוואָנשייר. ער האָט באַקערט די פריזן, טירינגער אין העסן און איז אין האָלאַנד אומגעקומען ווי אַ מאַרטירער.

סיי אין ענגלאַנד און סיי אויפן קאָנטינענט האָבן די רעגירערס איפגענומען דאָס קריסטנטום ווי אַ פאַראייניקנדיקן כוח צו פאַרפעסטיקן זייערע באַצווינגונגען. קריסטנטום איז געוואָרן אַ פאָן פאַר אַגרעסיווע קריגס=הויפּלייט — פונקט ווי דאָס איז געווען אין אוגאַנדע אין אַפריקע אין די בלוטיקע צייטן, איידער דאָס לאַנד איז געוואָרן אַנעקטירט פון ענגלאַנד.

נאָך פּיפּינען, וואָס איז געשטאָרבן 768, זיינען געקומען צוויי זין, קאַרל און אַ צווייטער, וואָס האָבן צעטיילט זיין קיניגרייך. נאָך קאַרלס ברודער איז געשטאָרבן אין יאָר 771, און קאַרל איז געוואָרן דער איינציקער קיניג (771—814) פון דער מלוכה פון די פראַנקען, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן. דער דאָזיקער קאַרל איז באַוואוסט אין דער געשיכטע, ווי קאַרל דער גרויסער. פונקט ווי ביי אַלכסנדר דעם גרויסן און ביי יוליוס קיסר, אַזוי האָבן אויך ביי אים די שפּעטערדיקע דורות שטאַרק מגזם געווען זיין גרויסקייט. ער האָט געמאַכט זיינע אַגרעסיווע מלחמות פאַר בפירושע רעליגיעזע מלחמות. די גאַנצע וועלט פון צפונית=מערבית=אייראָפּע, וואָס איז איצט גרויסבריטאַניע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, דענעמאַרק, נאָרוועגן און שוועדן, איז אין ניינטן יאָרהונדערט געווען אַן אַרענע פון פאַרביטערטע קאַמפן צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם גלויבן. גאַנצע פעלקער זיינען געוואָרן באַקערט צום קריסטנטום דורכן כוח פון שווערד, גענוי ווי דער איסלאַם האָט מיט אַ הונדערט מיט עפּעס יאָרן פריער באַקערט גאַנצע פעלקער אין אַראַביע, צענטראַל=אַזיע און אַפריקע.

מיט פייער און שווערד האָט קאַרל געפריידיקט די עוואַנגעליע פון קרייץ די סאַקסן, די בעמען, אַזש ביז צו דער געגנט פון דונאַי, וואָס איז איצט אונגאַרן. ער האָט אַראָפּגעבראַכט די דאָזיקע תורה ביז צום אַדריאַטישן ברעג=לאַנד, וואָס איז איצט דאַלמאַציע, און האָט צוריק אַוועקגעטריבן די מוסלימס פון די פערענעען אַזש ביז באַרסעלאָנע.

ער האָט אויך אויפגענומען בײַ זיך עגבערטן, אַ פּאַרטריבע־נעם פון וועסעקס אין ענגלאַנד, און האָט אים געהאָלפן צו פאַר־פעסטיקן זיך ווי אַ קיניג פון וועסעקס (820). עגבערט האָט אונ־טערטעניק געמאַכט די בריטאָנער אין קאָרנוואַל, פּונקט ווי קאַרל האָט באַצוואונגען די בריטאָנען אין ברעטאַן, און נאָך אַ רײ מלחמות, וואָס ער האָט געפירט שוין נאָכן טויט פון זיין פראַנקישן באַשיצער, האָט ער זיך דערהויבן צולעצט צום ערשטן קיניג פון גאַנץ ענג־לאַנד (828).

נאָר די אָנפאַלן פון קאַרל דעם גרויסן אויף די לעצטע אויס־באַהעלטעניש פון היידנטום האָבן אַרויסגערופן אַ מעכטיקע רעאַקציע מצד די נאָך ניט־באַקערטע. די קריסטיאַניזירטע אַנגלען האָבן אויפ־געהיט זייער ווינציק פון זייער ים־פאָרער־קונסט, וואָס זיי האָבן גע־האַט מיטגעבראַכט פון זייער היים־לאַנד, און די פראַנקען זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין ים־לייט. אַז די קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון קאַרל דעם גרויסן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די ברעגעס פון צפונדיקן און באַלטישן ים, זיינען די היידן אַרויסגעטריבן געוואָרן אין ים אַריין. זיי פלעגן אָפּצאָלן פאַר די קריסטלעכע רדיפות דורך רויב־אָנפאַלן און עקספּעדיציעס אויף די צפונדיקע ברעגעס פון פראַנקרייך און אויף דער קריסטלעכער ענגלאַנד.

די דאָזיקע היידנישע אַנגלען און סאַקסן פון דעם קאָנטינענט און זייערע קרובים פון דענעמאַרק און נאָרוועגן זיינען דאָס געווען די דענען און נאָרמאַנען, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ענגלישער געשיכטע. זיי זיינען אויך אָנגערופן געוואָרן „וויקינגער“, דאָס איז טייטש „מענטשן פון די ים־אויסגוסן“, וואָרעם זיי פלעגן קומען פון די טיף־איינגעשניטענע אויסגוסן פון סקאַנדינאַווישן ברעג. זיי פלעגן קומען אין לאַנגע שוואַרצע גאַלערעס, וואָס האָבן ווינציק גענוצט זעגלען. דער גרעסטער טייל פון אונזערע ידיעות מכוח די מלחמות און איינוואַזיעס פון די וויקינגער שטאַמען פון קריסטלעכע מקורים, און אַזוי האָבן מיר אַ סך ידיעות וועגן די שחיטות און אַכזריותדיקע מעשים פון זייערע אָנפאַלן און גאָר ווינציק וועגן דער אַכזריות, וואָס עס האָבן זיך אָנגעליטן זייערע היידנישע ברידער, די סאַקסן, פון קאַרל דעם גרויסנס הענט. זייער שנאה קעגן קרייץ און קעגן

מאָנאַכן און מנישקעס איז געווען איבער די מאָסן גרויס. זיי האָבן געהאַט הנאה פון ברענען קלויסטערס און אויסקוילען זייערע איינוואוינער.

אין משך פון דעם פעריאָד צווישן 5טן און 9טן יאָרהונדערט האָבן די דאָזיקע וויקינגער אָדער נאָרמאַנען זיך אַלץ מער איינגעלערנט אין דער ים-פאָרעריי, זיינען געוואָרן דרייסטער און האָבן פאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע שטרעקעס מיט זייערע שיפן. זיי האָבן זיך דרייסט אַריינגעלאָזט אין די צפונדיקע ימים, ביז די אַייזיקע ברעגעס פון גרענלאַנד זיינען געוואָרן פאַר זיי אַ געוויינטלעכער געיעג, און אַרום ניינטן יאָרהונדערט האָבן זיי געמאַכט אַ פּרוּוו זיך צו באַזעצן אין אַמעריקע (וואָס פון דעם האָט אייראָפּע בדרך-כלל גאָרנישט געוואוסט). אין 12טן יאָרהונדערט האָט מען אַ סך פון זייערע סאַגאַס אָנגעהויבן פאַרשרייבן אין איסלאַנד. זיי האָבן געזען די וועלט אין דער געשטאַלט פון אַ מעכטיקער אַוואַנטורע. זיי פלעגן גיין אויף געיעג אויף דעם ים-פערד, אויפן צפון-בער און וואַלפיש. אין זייערע דמיונות האָט פאַר זיי געשוועבט די געשטאַלט פון אַ גרויסער און רייכער שטאָט אין דרום-זייט, אַ מין צונויפמישונג פון רוים און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיי האָבן זי גערופן „מיקלעגאַרד“ (די גרויסע שטאָט). די דאָזיקע פאָרשטעלונג פון דער רייכער שטאָט מיקלעגאַרד האָט געצויגן צו זיך שטענדיק די נאָרמאַנען צום מיטללענדישן ים, און זיי זיינען געגאַנגען אַהין אויף צוויי וועגן, איבער דעם מערבדיקן ים-וועג, און פון דעם באַלטישן ים דורך רוסלאַנד, ווי מיר וועלן דערציילן ווייטער. דורך דעם רוסישן וועג זיינען געקומען אויך די קרובישע שוועדן.

כל-זמן קאַרל דער גרויסער און ענגבערט האָבן געלעבט, זיינען די וויקינגער געווען ניט מער ווי אָנפאַלערס; אָבער ביים אויסגאַנג פון ניינטן יאָרהונדערט האָבן די דאָזיקע אָנפאַלן זיך אַנטוויקלט צו אָרגאַניזירטע אינוואַזיעס. אין עטלעכע געגנטן פון ענגלאַנד האָט דאָס קריסטנטום זיך נאָך ניט געהאַלטן פעסט. באַזונדערס אין מערסיאַ האָבן די היידנישע נאָרמאַנען געפונען סימפּאַטיע און הילף. אין יאָר 886 האָבן די דענען איינגענומען אַ היפּשן טייל פון ענגלאַנד, און דער ענגלישער קיניג, אַלפרעד דער גרויסער, האָט אָנערקענט זייער

מְמשלה איבער זייערע באַצווינגונגען אין דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט גוטהרום זייער אָנפירער.

אַ ביסל שפּעטער, אין יאָר 911, האָט אַ צווייטע עקספּעדיציע אונטער ראָלף דעם עלטסטן זיך איינגעפּעסטיקט אויפן ברעג פון פראַנקרייך, אין דער געגנט, וואָס איז זינט דעמאָלט באַוואוסט אונטערן נאָמען נאָרמאַנדיע.

נאָר ווי אַזוי די דענען האָבן פון דאָסניי איינגענומען ענגלאַנד און ווי אַזוי דער הערצאָג פון נאָרמאַנדיע איז סוף-כל-סוף געוואָרן קיניג פון ענגלאַנד, קאָנען מיר דאָ ניט מאַריך זיין. עס זיינען געווען זייער קליינע ראַסן-און סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן אַנגלען, סאַקסן, יוטן, דענען און נאָרמאַנען. הגם אַט די אַלע חלוקים זעען אויס אין דער פאַנטאַזיע פון די ענגלענדער זייער גרויס, זעען זיי זיך אָן אין דער אמתן אין שטראָם פון דער געשיכטע, ווי גאָר קליינע קנייטשעלעך, ווען מיר מעסטן זיי מיט דער מאָס פון אַ גרעסערער וועלט.

דער שטרייט-פּונקט צווישן קריסטנטום און היידנטום פאַרשווינדט איצט פון קאַמף. דורך דעם אָפּמאַך פון וועדמאָר האָבן די דענען מסכים געווען זיך צו לאָזן טויפן, אויב זיי וועלן בלייבן זיכער מיט זייערע באַצווינגונגען. די קינדס-קינדער פון ראָלף אין נאָרמאַנדיע זיינען ניט נאָר געוואָרן קריסטיאַניזירט, נייערט זיי האָבן זיך אויך אויסגעלערנט רײדן פראַנצויזיש פון דער מער ציוויליזירטער באַפעלקערונג אַרום זיי און האָבן פאַרגעסן זייער נאָרדישע שפּראַך. אַ גרעסערן באַטייט פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן קאַרל דעם גרויסנס באַציִונגען מיט זיינע שכנים אין דרום און אין מזרח און צו דער טראַדיציע פון דער אימפּעריע.

---

5. קאַרל דער גרויסער ווערט קיסר פון מערב.

דורך קאַרל דעם גרויסן האָט די טראַדיציע פון די רוימישע קיסרים ווידער אויפגעלעבט אין אייראָפּע. די רוימישע אימפּעריע איז געווען טויט און אונטערגעגאַנגען; די ביזאַנטישע אימפּעריע איז געווען שטאַרק געפאַלן; נאָר די בילדונג און די גייסטיקע אײַנ-

שטעלונג פון אייראָפּע איז געווען געפאַלן צו אַזאַ מדרגה, וואָס אויף איר קאָנען מסתמא ניט געמאָלט זיין קיין נייע שעפערישע פּאָליטישע אידעען. אין גאַנץ אייראָפּע איז ניט איבערגעבליבן קיין צענט-חלק פון יענער ספּעקולאַטיווער מאַכט, וואָס מיר געפינען אין דער אַטענישער ליטעראַטור פון פינפטן יאָרהונדערט פאַר קר. ניט געווען קיין כּוח צו פּאָסטולירן אַ נייע השערה אָדער תּופס צו זיין און צו אָרגאַניזירן אַ נייע פּאָליטישע מעטאָדע.

דאָס אָפיציעלע קריסטנטום האָט שוין לאַנג זיך אַיינגעווינט צו איגנאָרירן יענע אויסטערלישע לערנונגען פון ישו פון נצרת, וואָס פון זיי איז עס אַרויסגעוואַקסן. די רוימישע קירך, וואָס האָט עקשנותדיק זיך אַיינגעטשעפּעט אין דעם טיטל פּאָנטיפעקס מאַקסימוס, האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזן די געשטעלטע אויפגאַבע אַיינצופירן דאָס הימל-קיניגרייך. זי איז געווען פאַרטאָן מיט מאַכן אויפלעבן די ממשלה פון רוים אויף דער ערד, וואָס זי האָט דאָס תּופס געווען ווי אַ ירושה, וואָס געהער צו דער קירך. זי איז געוואָרן אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וואָס נוצט אויס דעם גלויבן און די נויטבאַדערפעונישן פון פּשוטע מענטשן אויף אויסצופירן אירע פּלענער. זי האָט זיך פעסט געהאַלטן פאַר דער טראַדיציע פון דער רוימישער אימפּעריע און פאַר דעם געדאַנק, אַז דאָס איז די נאַטירלעכע מעטאָדע, וואָס פירט צו דער אייראָפּעישער איינהייט. אין אַ דריי פּרווון אויפצוריכטן די דאָזיקע איינהייט איז אייראָפּע געטריבן געוואָרן צו די שרעקלעכע פּרווון איבערצוחזרן די גרייזן פון אַמאָל.

אין משך פון עלף יאָרהונדערטער פון קאַרל דעם גרויסן און ווייטער באַווייזן זיך אין דער געשיכטע פון אייראָפּע „קיסרים“ און „אימפּעראַטאָרס“, פון דער דינאַסטיע אָדער יענער און פאַרשווינדן ווי בייזע חלומות אין אַ קראַנקן געמיט. מיר וועלן האָבן צו דערציילן וועגן אַ גרויסן פּראָצעס פון גייסטיקן וואוקס אין אייראָפּע, פון פאַרברייטערטע האָריזאָנטן און אָנגעקליבענער מאַכט, אָבער דאָס איז געווען אַ פּראָצעס וואָס איז געגאַנגען אומאָפּהענגיק פון די פּאָליטישע פאָרמען פון דער צייט און זיי אויף צו להכעיס, ביז ער האָט צולעצט די דאָזיקע פאָרמען אינגאַנצן צעטרייסלט. אייראָפּע איז אין משך פון די עלף יאָרהונדערטער פון די נאָכגעמאַכטע

קיסרים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט קאַרל דעם גרויסן און געענדיקט זיך נאָר אין דער מאָוויימדיקער בלוט־פאַרגיסונג פון 1914—1918, געווען געגליכן צו אַ באַשעפּטיקטן וואַרשטאַט, וואָס געהער צו אַ באַלעבאָס אַ מטורף, וואָס אַמאָל זעט מען אים גאָרניט אָן אין דער אַרבעט און אַמאָל טוט ער אָן חורבנות דורך זיין אַריינמישן זיך. אָדער נאָך בעסער ווי דער משל מיט אַ מטורף — לאָמיר זאָגן, ווי אַ פגר, וואָס מאַכט דורך אַ כישוף דעם אָנשטעל פון לעבעדיק. די רוימישע אימפּעריע שטרויכלט, צאַפּלט זיך, ווערט אַראָפּגעשטופּט פון דער סצענע און באַווייזט זיך ווידער, און די קירך פון רוים — אויב מיר זאָלן ווייטער פירן אונזער פאַרגלייך — שפּילט די ראָלע פון דעם מכשף, וואָס האַלט אויף דעם פגר לעבעדיק.

און דורך דעם גאַנצן פּעריאָד גייט שטענדיק אָן אַ קאַמף פאַר דער הערשאַפט איבער דעם פגר צווישן דער גייסטלעכער מאַכט און צווישן פאַרשיידענע צייטווייליקע מאַכטן. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם גייסט פון הייליקן אַוגוסטינס „גאָטס מלוכה“. דאָס איז געווען אַ בוך, וואָס מיר ווייסן, אַז קאַרל דער גרויסער האָט דאָס געלייענט, אָדער מען האָט אים דאָס פאָרגעלייענט — וואָרעם זיין ליטעראַרישע השלמה איז אַ מוטל בספקדיקע. ער האָט זיך געמאַכט אַ השגה פון דער דאָזיקער קריסטלעכער אימפּעריע, אַז זי ווערט רעגירט און געהאַלטן אין איר רעכטגלויביקייט דורך אַזאַ מעכטיקן קיסר ווי ער אַליין. ער האָט באַדאַרפט רעגירן אַפילו איבערן פויפּס.

נאָר אין רוים איז דער קוק אויף דער דאָזיקער אויפגעלעבטער אימפּעריע געווען אַ ביסל אַן אַנדערער. דאָ האָט מען געהאַלטן, אַז דער קריסטלעכער קיסר מוז ווערן געזאַלבט און געפירט דורכן פויפּס — וואָס דאַרף האָבן אַפילו די מאַכט דעם קיסר מחרים צו זיין און אַראָפּצוזעצן. אַפילו אין דער צייט פון קאַרל דעם גרויסן איז דער דאָזיקער חילוק־הדעות געווען באַשיימפּערלעך קענטיק. אין די ווייטערדיקע יאָרהונדערטער איז ער געוואָרן נאָך פאַרשאַרפט.

די אידעע פון דער אויפגעלעבטער אימפּעריע איז נאָר זייער פּאַוואָליע אויפגעקומען אין קאַרלס געדאַנק. צוערשט איז ער

געוועז פשוט דער רעגירער פון זיין קיניגרייך פון די פראַנקען, און זיינע חיילות זיינען געוועזן אינגאַנצן פאַרנומען אין קאַמפן מיט די סאַקסן און בייערן און מיט די סלאַווען אין מזרח=זייט פון זיי, מיט די מוסלמענער אין שפּאַניע און מיט פאַרשיידענע אויפשטאַנדן אין זיינע אייגענע מדינות. און ווי אַ רעזולטאַט פון אַ מחלוקת מיטן קיניג פון לאָמבאַרדיע, זיין שווער, האָט ער איינגענומען לאָמבאַרדיע און צפון=איטאַליע. מיר האָבן שוין דערמאָנט, ווי אַזוי די לאַנגאָבאַרדן האָבן זיך איינגעפעסטיקט אין צפון=איטאַליע אַרום 570 נאָך דער גרויסער מגפה און נאָכדעם ווי יוסטיניאַן האָט גובר געווען די מזרח=גאָטישע מלכים. די דאָזיקע לאַנגאָבאַרדן זיינען פון שטענדיק אָן געוועזן אַ סכנה און אַ שרעק פאַר די פויפסן, און אין דער צייט פון פּיפּין איז געוועזן אַ בונד פון פויפס מיטן פראַנקישן קיניג קעגן זיי. איצט האָט קאַרל דער גרויסער אונטערטעניק געמאַכט לאָמ=באַרדיע (774), אַוועקגעשיקט זיין שווער אין אַ קלויסטער אַריין און אין יאָר 776 האָט ער אַריבערגעטראָגן זיינע באַצווינגונגען איבער די איצטיקע צפונית=מזרחיתדיקע גרענעצן פון איטאַליע ביז קיין דאַלמאַציע. אין יאָר 781 האָט ער געצוואונגען צו קרוינען איינעם פון זיינע זין, פּיפּינען, וואָס האָט אים אָבער ניט איבערגעלעבט, פאַרן קיניג פון איטאַליע און רוים.

אין יאָר 795 איז דאָרט געוואָרן אַ נייער פויפס, לעאָ III, וואָס איז, ווייזט אויס, צוערשט געקומען צו דער דעה צו מאַכן קאַרלען פאַר אַ קיסר. ביז דעמאָלט האָט דער הויף פון ביזאַנץ געהאַט עפּעס אַ מין אומבאַשטימטע מאַכט איבער דעם פויפס. שטאַרקע קיסרים ווי יוסטיניאַן פלעגן רייצן זיך מיט די פויפסן און צווינגען זיי צו קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; שוואַכע קיסרים פלעגן אויך עפּעס האָבן טענות, הגם אָן רעזולטאַטן. שוין לאַנג האָט מען זיך געהאַט אַרומגעטראָגן אין לאַטעראַן* מיטן געדאַנק, אַז מען מוז צערייסן מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל סיי אין וועלטלעכן סיי אין רעליגיעזן פרט, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז אין דער פראַנקישער מאַכט פאַר=

---

* דער לאַטעראַן איז געוועזן דער עלטערער פּאַלאַץ פון די פויפסן אין רוים. שפּעטער זיינען זיי אַריבער אין וואַטיקאַן.

מאַגט מען יענעם אָנהאַלט, וואָס איז נייטיק, בכדי מען זאָל קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

בכן האָט לעאָ III, ווי נאָר ער איז געוואָרן פּויפּס, אָפּגעשיקט די שליסלען פון קבר פון ה"ל פּעטרוס און אַ פאָן צו קאַרל דעם גרויסן, ווי די סימבאָלן פון זיין אייבערהערשאַפט איבער רוים ווי דער קיניג פון איטאַליע. גאָר גיך האָט דער פּויפּס זיך געמוזט ווענדן צו דעם שויץ, וואָס ער האָט אויסגעקליבן. ער איז אין רוים ניט געווען פּאָפּולער; בעת אַ פּראָצעסיע איז מען אויף אים אָנגעפאַלן און מען האָט אים געפייניקט און געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד (799). עגינהאַרד זאָגט, אַז מען האָט אים אויסגעשטאָכן די אויגן און אַרויסגעשניטן דעם צונג; נאָר עס ווייזט אויס, אַז מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער ווידער געהאַט זיינע ביידע אויגן און זיין צונג. קאַרל האָט אים געבראַכט צוריק און ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול (800).

דערנאָך האָט זיך אָפּגעשפּילט זייער אַ וויכטיקע סצענע. אום ווייגאַכט 800, אַז קאַרל איז אויפגעשטאַנען פון געבעט אין קירך פון הייליקן פּעטער, האָט דער פּויפּס, וואָס האָט אַלצדינג געהאַט צוגעגרייט, אַרויפגעזעצט אַ קרוין אויף זיין קאָפּ און באַגריסט אים ווי דעם קיסר און אַוגוסטוס. דער גאַנצער עולם האָט געהיפּן בייפאַל. נאָר עגינהאַרד, דער פריינד און ביאָגראַף פון קאַרל דעם גרויסן, זאָגט, אַז דער נייער קיסר איז לחלוטין ניט געווען צופרידן מיט דעם שפּיצל, וואָס דער פּויפּס האָט אָפּגעשפּילט. אויב ער וואָלט געוואוסט, האָט ער געזאָגט, וואָס עס וועט געשען, „וואָלט ער ניט אַריינגעגאַנגען אין דער קירך, אַפילו ניט אין דעם גרויסן יום־טוב". עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט געטראַכט און געדעדט וועגן מאַכן זיך פאַר קיסר, אָבער ער האָט בפירוש ניט געוואָלט, אַז דער פּויפּס זאָל אים מאַכן פאַר אַ קיסר. ער האָט געהאַט אַ שטיקל געדאַנק וועגן חתונה האָבן מיט דער קיסרין אירענע, וואָס האָט דעמאָלט געקיניגט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אַזוי אַרום צו ווערן אַ מאָנאַרך סיי פון דער מזרחדיקער און סיי פון דער מערבדיקער אימפּעריע. איצט איז ער געווען מחויב אָנצונעמען דעם טיטל אויף דעם אופן, ווי דאָס איז געווען ניחא לעאָ דעם דריטן, ווי אַ מתנה פון פּויפּס, און

אויף אַזאַ שטייגער, וואָס האָט דערוויטערט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פּאַרזיכערט דעם פונאַנדערשייד צווישן רוים און דער ביזאַנטישער קירך. צוערשט האָט ביזאַנץ קיין חשק ניט געהאַט צו אָנערקענען דעם קיסרלעכן טיטל פון קאַרל דעם גרויסן. נאָר אין יאָר 811 האָט געטראָפן מיט דער ביזאַנטישער אימפּעריע אַ גרויסע צרה. די היידנישע בולגאַרן, אונטער דעם אָנפיר פון זייער פירשט קרום (802—815), האָבן צעקלאַפּט און פאַרטיליקט די אַרמייען פון דעם קיסר ניקעפאָר, און פון דעם קיסרס שאַרבן האָט קרום געמאַכט אַ בעכער צום טרינקען. דעם גרעסטן טייל פון באַלקאַנישן האַלב=אינזל האָט דאָס דאָזיקע פאָלק איינגענומען (אַזוי אַרום האָט דאָס בולגאַרישע פאָלק זיך איינגעשטעלט ווי אַ פּאָליטישע איינהייט אין דער זעלביקער צייט וואָס דאָס ענגלישע פאָלק). נאָך דעם דאָזיקן אומגליק האָט ביזאַנץ שוין מער זיך ניט אַרויסגעשטעלט קעגן דער אויפלעבונג פון קיסרטום אין מערב, און אין יאָר 812 איז קאַרל דער גרויסער פאָרמאַל אָנערקענט געוואָרן דורך ביזאַנטישע שלוחים פאַר אַ קיסר און אַוגוסטוס.

אַזוי איז די רוימישע אימפּעריע, וואָס איז געשטאָרבן דורך די הענט פון אָדאָאַקער אין יאָר 476, אין יאָר 800 ווידער אויפגעשטאַנען תּחית=המתים ווי די „הייליקע רוימישע אימפּעריע“. בעת איר פיזישער כּוח איז געלעגן אין צפון=זייט פון די אַלפּן, איז דער צענטער פון איר אידעע געווען רוים. זי איז דעריבער פון אָנהייב אָן געווען אַ געטיילטע זאַך פון אַן אומבאַשטימטער קראַפט, מער אַ טענה און תּביעה, איידער אַ נויטווענדיקע רעאַליטעט. די דייטשע שווערד האָט שטענדיק געקלאַפּט אַריבער די אַלפּן קיין איטאַליע, און מיסיעס און שלוחים האָבן זיך געמיט אויף דער אַנדער זייט. אָבער די דייטשן האָבן ניט געקאָנט האַלטן איטאַליע שטענדיק, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דער מאַלאַריע, וואָס דאָס חרובע, פאַרלאָזטע, פאַרזומפּטע לאַנד האָט גענערט. און אין רוים, פונקט ווי אין עטלעכע אַנדערע שטעט פון איטאַליע, האָט געטליעט נאָך אַן עלטערע טראַדיציע, די טראַדיציע פון דער אַריסטאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס איז געווען פיינדלעך סיי דעם קיסר און סיי דעם פּויפּס.

---

6. די פערזענלעכקייט פון קאַרל דעם גרויסן.

הגם מיר האָבן די לעבנס־באַשרייבונג פון קאַרל דעם גרויסן, געשריבן פון זיינעם אַ בן־דור, עגינהאַרד, פונדעסטוועגן איז דער כאַראַקטער און די פערזענלעכקייט זיינע שווער פאָרצושטעלן קלאָר. עגינהאַרדן פעלט לעבעדיקייט. ער דערציילט אַ סך פרטים, אָבער ניט יענע פרטים, וואָס מאַכן אַ מענטשן ווידער לעבעדיק אין אָנדענק. קאַרל דער גרויסער, זאָגט ער, איז געווען אַ מענטש פון הויכן וואוקס, מיט אַ שוואַכער שטים, און ער האָט געהאַט ליכטיקע אויגן און אַ לאַנגע נאָז. „דער שפּיץ פון זיין קאָפּ איז געווען קיילעכיק" (שווער צו וויסן וואָס דאָס באַטייט) און זיין האָר איז געווען „וויס". ער האָט געהאַט אַ דיקן, גיכער קורצן האַלז, און „זיין בויך צו פיל אַרויסגעסטאַרטשעט". ער פלעגט טראָגן אַ טוניקע מיט אַ זילבער־נעם באָרט און הויזן פאַרבונדן אונטן מיט אַ באַנד. ער האָט געהאַט אַ בלויען מאַנטל און איז געווען שטענדיק ארומגעגאַרטלט מיט זיין שווערד, וואָס איר הענטל און געהענג זיינען געווען פון גאָלד און זילבער.

ער איז באַשיימפּערלעך געווען אַ מאַן פון גרויסער אַקטיוויטעט— מען שטעלט זיך אים פאָר האַסטיק שפּאַנענדיק — און זיינע פיל ליבע־געשיכטעס האָבן אים לחלוטין ניט געשטערט אין זיינע אומ־אויפהערלעכע מיליטערישע און פּאָליטישע אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַ סך ווייבער און קעפּס־ווייבער. ער האָט אַ סך מושטירט זיינע זעלנער, האָט ליב געהאַט פּאַראַדן און צערעמאָניעס און האָט געטיילט מתנות מיט אַ פרייער האַנט. ער האָט זיך געמישט אין די פאַרשיידנסטע עסקים און געהאַט פאַרשיידענע אינטעלעקטועלע אינ־טערעסן. ער איז געווען זיכער ביי זיך, ער דערמאָנט מיט דעם דעם דייטשן עקס־קיסר, ווילהעלם II — אפשר דעם לעצטן פון דער ריי אימיטירטע קיסרים אין אייראָפּע, וואָס הייבט זיך אָן מיט קאַרל דעם גרויסן.

דאָס גייסטיקע לעבן, וואָס עגינהאַרד פאַרצייכנט פון אים, איז אינטערעסאַנט, ווייל עס גיט ניט נאָר אַ בליק אַריין אין אַ טשעקאַוון כאַראַקטער, נייערט עס דינט אויך פאַר אַ מוסטער פון

דעם אינטעלעקטועלן לעבן פון יענער צייט. ער האָט געקאָנט מסתמא לייענען, ביי סעודות „פלעגט ער צוהערן מוזיק אָדער פירלייענען", נאָר מיר ווערן געוואָר, אַז שרייבן האָט ער זיך ניט געהאַט אויסגעלערנט: „ער פלעגט האַלטן זיין שרייב-בוך און טאָוול אונטערן קישן, אַזוי אַז ווען ער האָט פרייע צייט זאָל ער קאָנען געניטן זיין האַנט אין אויסצייכענען אותיות, נאָר ער האָט אויפגעטאָן אַ קליינע פעולה אין אַ קונסט, אָנגעהויבן צו שפּעט אין לעבן". נאָר ער האָט געהאַט אמתן רעספּעקט פאַר געלערנטקייט און אַן עכטן באַגער צו וויסן, און ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט, בכדי צוצוציען געלערנטע מענטשן צו זיין הויף. צווישן אַנדערע, וואָס זיינען געקומען, איז געווען אַלקוין, אַ געלערנטער ענגלענדער.

אַלע די דאָזיקע געלערנטע זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען גייסטלעכע, וואָרעם קיין אַנדערע געלערנטע מענטשן זיינען דעמאָלט ניט געווען, און פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן באַפאַרבן די ידיעות, וואָס זיי האָבן געגעבן זייער האַר, אין אַ שטאַרק קלעריקאַלן קאָליר. ביי זיין הויף, וואָס איז געווען געוויינטלעך אין אַכען אָדער מאַינץ, פלעגט ער אין די ווינטער-חדשים אָפּהאַלטן אַ טשעקאַווע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהייסן זיין „שול", וואו ער און זיינע געלערנטע חברים פלעגן זיך סטאַרען אַוועקצולייגן אָן אַ זייט אַלע געדאַנקען וועגן געשעפטן פון דער וועלט, פלעגן זיך אָנרופן מיט נעמען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור אָדער פון די הייליקע שריפטן און פלעגן פירן וויכוחים איבער טעאָלאָגיע און ליטעראַטור. קאַרל גופא איז געווען „דויד". ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ידיעה אין טעאָלאָגיע, און אויף זיין חשבון מוז מען דאָס שטעלן דעם פאָרשלאָג אַריינצושטעלן אין דער ניקעישער דאָגמע די ווערטער filioque (און פון דעם זון) — אַ הוספה, וואָס האָט געבראַכט צו דער ענדגילטיקער שפּאַלטונג צווישן דער לאַטיינישער און גריכישער קירך. נאָר עס איז מער ווי מסופקדיק, צי ער האָט געהאַט בדעה דורכצופירן אַזאַ שפּאַלטונג. ער האָט געוואָלט צוגעבן אַ וואָרט צי צוויי צו דער דאָגמע, פּונקט ווי קיסר ווילהעלם II האָט געהאַט חשק צו שרייבן אָפּערעס און צו מאָלן בילדער, און ער האָט אָנגענומען דאָס וואָס איז לכתחילה געווען אַ נייער איינפיר פון שפּאַניע. אָנגענומען געוואָרן איז עס ערשט העט

שפּעטער; דער פּויפּסט לעאָ איז בשתיקה געווען קעגן דעם. אַז עס איז סוף־כל־סוף אָנגענומען געוואָרן, איז דאָס מסתּמא געווען געטאָן מיט דער אויסגערעכנטער כּוונה צו צערייסן מיט דער גריכישער קירך

א פּאָרטרעט פון קאַרל דעם גרויסן פון אַ כּתב־יד פון די עוואַנגעליעס אין אַכען.

דער פּונקט, וואָס אַרום אים איז געגאַנגען די פּלוגתא, איז זייער אַן איידעלער, אָבער אַ לעבעדיקער, און דער מחבר קאָן וועגן אים ניט זאָגן קיין מיינונג. דאָס לאַטיינישע קריסטנטום גלויבט, אַז דער הייליקער

גייסט קומט אַרויס פון פאָטער און פון זון; די גריכישע און מזרחדיקע קריסטן האַלטן אַז דער הייליקער גייסט קומט פון פאָטער, אָן צו דערמאָנען דעם זון. די לעצטע געוויינהייט איז קענטיק גוטה אַ ביסל צו דעם אַריאַנישן שטאַנדפּונקט. וועגן דעם, ווי אַזוי קאַרל דער גרויסער האָט אָרגאַניזירט די אימפּעריע, איז דאָ ווינציק וואָס צו זאָגן. ער איז געווען צופיל פאַרטאָן, אַז ער זאָל האָבן באַקלערט, וואָסערע מעלות דאַרף האָבן זיין יורש אָדער ווי אַזוי קאָן מען פאַרזיכערן די פּאָליטישע שטאַנדהאַפטיקייט פון דער אימפּעריע. דאָס וויכטיקסטע אין דעם פּרט, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, איז וואָס ער האָט ספּעציעל איינגעחזרט מיט זיין זון און יורש, לודוויג דעם פרומען (814 — 840), אַז ער זאָל אַליין אַראָפּנעמען די קרוין פון אַלטאַר און זיך אַליין קרוינען. נאָר לודוויג דער פרומער איז געווען צו פרום, ער זאָל פאָלגן דעם דאָזיקן אָנזאָג, בעת דער פּויפּס האָט גענומען טענהן קעגן דעם.

קאַרל דעם גרויסנס געזעצגעבונג איז געווען שטאַרק באַפאַרבן דורך זיין ביבל-לייענען. ער האָט די ביבל גוט געקענט, ווערליק עס האָט געפּאַסט פאַר דער צייט. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, אַז נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן געקרוינט פאַר אַ קיסר, האָט ער פאַרלאַנגט, אַז אַלע מאַנסבילן פון זיינע אונטערטאַנען פון צוועלף יאָר אָן און עלטער זאָלן נאָך אַמאָל שווערן אים געטריישאַפט און אָננעמען זיך צו זיין ניט נאָר גוטע אונטערטאַנען, נייערט אויך גוטע קריסטן. זיך אָפּצוזאָגן פון טויף אָדער חרטה האָבן נאָך דער טויף זיינען געווען פאַרברעכנס, וואָס פאַר זיי האָט געקומט טויט-שטראָף.

ער האָט געטאָן אַ סך אויף צו שטיצן אַרכיטעקטור און האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סך איטאַליענישע אַרכיטעקטן, דער עיקר פון ראַווענע, וואָס זיי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַ סך פון די שיינע בנינים, וואָס פאַרשאַפן נאָך איצט פאַרגעניגן דעם טוריסט איבער ריינלאַנד אין וואָרמס, קעלן און אַנדערשוואו. ער האָט אַ סך געטאָן אויף צו אַנטוויקלען די ראָמאַנישע אַרכיטעקטור, וואָס מיר וועלן זיי באַשרייבן אין דער ווייטערדיקן פּאַראַגראַף. ער האָט געגרינדעט אַ סך קאַטעדראַלעס און קלויסטער-שולן, האָט אויפגעמונטערט אַ סך צו

שטודירן קלאַסיש-לאַטייניש און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ליב-האָבער פון קירכן-מוזיק. צי ער האָט געקאָנט ריידן לאַטייניש און



צי האָט ער פאַרשטאַנען גריכיש, וועגן דעם גייט אַ וויכּוח צווישן די היסטאָריקער; מסתּמא האָט ער גערעדט דאָס פראַנצויזישע לאַטיין. נאָר זיין געוויינטלעכע שפּראַך איז געווען פראַנקיש. ער האָט געמאַכט אַ

זאַמלונג פון אַלטע גערמאַנישע געזאַנגען און מעשיות, נאָר זיין יורש לודוויג דער פרומער האָט זיי פאַרטיליקט מחמת זייער היידנטום.

ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט האַרון-אַל-ראַשיד, דעם אַבאַסידישן כאַליף אין באַגדאַד, וואָס איז אפשר געווען מיט אים גוט-פריינד דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגעטאָן צרות די אָמאַיאַדישע אַראַבער אין שפּאַניע. גיבאָן האַלט, אַז די דאָזיקע „עפנטליכע קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך גענומען פון פוסטער גאווה" און אַז „די ווייטקייט פון זייער לאַגע האָט ניט געלאָזן קיין אָרט פאַר אַ צונויפשטויס פון אינטערעסן". נאָר אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע צווישן זיי און אין דעם אומאָפּהענגיקן כאַליפאַט פון שפּאַניע אין מערב און אין דער אַלגעמיינער סכנה מצד די טערקן פון די גרויסע פליינען האָבן זיי געהאַט דריי זייער גוטע טעמים פאַר פריינדשאַפט. האַרון-אַל-ראַשיד,

א סקולפּטור אין דער קאַטעדראַלע פון אאכן, וואָס ווייזט ווי קארל הייליקט די קירך דער בתולה מאריע.

זאָגט גיבאָן, האָט געשיקט צו קאַרלען דורך זיינע שלוחים אַ גרויס־אַרטיקן געצעלט, אַ וואַסער־זייגער, אַ העלפאַנד און די שליסלען פון דעם הייליקן קבר. דער דאָזיקער פונקט לאָזט מיינען, אַז דער סאַראַצענישער מאָנאַרך האָט באַטראַכט קאַרל דעם גרויסן אין אַ געוויסער מאָס ווי דעם שוץ־האַר פון די קריסטן און פון קריסטלעכן אייגנס אין זיין לאַנד. טייל היסטאָריקער זאָגן בפירוש, אַז עס איז געווען אַן אָפּמאַך אין דעם זין.

---

7. ראָמאַנישע אַרכיטעקטור און קונסט.

בעת אין מזרח איז די בליענדיק באַלאַנסירטע און כמעט־עטאָטיפּירטע אַרכיטעקטור פון דער רוימישער אימפּעריע, די אַרכיטעקטור פון פּאַלמירע און בעל־בכי, אונטער דער השפּעה פון קריסטנטום האַסטיק און גרינטלעך געוואָרן איבערגעאַנדערשט צו דער שטייפער אומקערפּערלעכער רייכקייט פון ביזאַנטישן סטיל, האָט זי אין מערב דורכגעמאַכט אַן ענלעכע, הגם ניט אַ פּינקטלעך פּאַראַלעלע אַנטוויקלונג. דער נאָמען „ראָמאַניש“ איז געוואָרן אויסגעשפּרייט אויף אַ גרויסער צאָל פאַרשיידנאַרטיקע בנינים, וואָס ווייזן שותּפישע סימנים, ווייל זיי שטאַמען אַלע פון דער רוימישער טראַדיציע, אָפּגעשוואַכט און באַגרענעצט דורך דער אַלגעמיינער פאַראָרעמונג פון דער וועלט, אָבער אומעטום ווייזט זיך אַרויס די ווירקונג פון דער ראַסע און פון דער נייער סאָציאַלער נויטווענדיקייט. שוין ניטאָ מער קיין אַמפּיטעאַטערס, ניט קיין גרויסע אַקוועדוקטן, ניט קיין טריומף־בויגנס, ניט קיין טעמפּלען פאַר די געטער. פאַראַן פעסטונגען און שלעסער, קיילעכדיק אָדער קוואַדראַטיש און מאַסיוו, קירכן און טורעמס. דער טורעם ווערט איצט צום ערשטן מאָל וויכטיק אין אייראָפּע. אַרכיטעקטור האַלט אין שטייגן אַרויף. ביז אַהער האָבן מיר געהאַט צו פאַרצייכענען טורעמס נאָר אין מעסאָפּאָטאַמיע. די בנינים אין דער עגיפּטישער און העלענישער און רוימישער וועלט האָבן ניט געפּרוווט צו ווערן לייטערס אין הימל אַרויף. געווען טורעמס אין די רוימישע און העלענישע באַפעסטיקונגען און אין דער גרויסער כינעזישער מויער, טיילן פון די שוץ־מויערן, אָבער

דאָס איז כמעט אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַן צו זאָגן ביז דער קריסטלעכער ערע. דערנאָך איז דער טורעם געוואָרן אַ נויטווענדיקייט — עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין אין אַ וועלט, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אָנפֿאַלן פֿון הונען, אַראַבער, ים=רויבערס פֿון אַלע מינים -- מיר וועלן נאָך דערציילן אין אַנדער פּאַראַגראַף וועגן די גאָרמאַנען, סאַראַצענער, אונגאַרן. די קירך איז פֿאַר דער נייער געמיינדע=רעליגיע אויך געווען אַ נויטווענדיקייט, און ביידע נויטווענדיקייטן קומען זיך נאַטירלעך צונויף.

די נייע בוך=און אידעען=רעליגיעס, קריסטנטום און איסלאַם, האָבן געהאַט בשותּפֿות איין זאַך: זיי האָבן געמיט זיך אַריינצודרינגען אין געמיט פֿון איטלעכן איינעם. דאָס פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט ווערן צונויפֿגעקליבן אין דעם אָרט פֿון קולט און קרבן; זיי האָבן באַדאַרפֿט ווערן גערופֿן צו תּפֿילה און גלויבן. אַזוי האָט די איסלאַמישע אַרכיטעקטור געלאָזט אַרויסשפּראָצן די דעליקאַטסטע בלום, דעם מינאַרעט, וואָס פֿון זיין שפּיץ האָט דאָס פֿאָלק געקאָנט ווערן צונויפֿגערופֿן און אויפֿגעוועקט. קריסטנטום האָט אויך ניט געקאָנט זיך באַגיין מיט די קליינע טונקעלע טעמפּלען פֿון די אַלטע געטער; מען האָט געמוזט אויסבויען גרויסע קירכן, אַריינצונעמען אַלע מאמינים אין לאַנד אַרום. און דאָס פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט ווערן גערופֿן פֿון דער הייך פֿון גלאָקן=טורעם. מען האָט פֿאַרלאָזן דעם טיפּ פֿון טעמפּל פֿון דער קיסר=צייט; די נויטווענדיקייט צו האָבן געראַמע בנינים האָט געווענדט די קריסטלעכע אַרכיטעקטן צום מאָדעל פֿון אַ רוימישן געריכטס=הויף, צו דער באַזיליקע.

עס איז אוממעגלעך אין דעם אָרט, וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות, צו שילדערן אַלע די פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס פֿון „ראָמאַנישן“ סטיל, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער ביזאַנטישער קונסט אין מזרח און זיינען געוואָרן מאָדיפֿיצירט דורך די נאָרמאַנען, סאַקסן און פֿראַנקען. נאָך דער צושטאַנד פֿון פֿעסטקייט אונטער קאַרל דעם גרויסן האָט צונויפֿגעקליבן כּוחות פֿון מערב=איראָפּע אונטער זיין שוץ, און אין אַזעלכע בנינים ווי די קאַטעדראַלע פֿון אַכען דערגרייכט דער ראָמאַנישער סטיל צו זיין שאַרפֿסטן אויסדרוק.

אויך אין מערב־אייראָפּע איז צו באַמערקן אין די דאָזיקע אומ־זיכערע דורות אַ פאַרשווינדן פון רעאַליסטיש מאָדעלירטע פיגורן, ווי מיר האָבן דאָס שוין פאַרצייכנט ביי דער ביזאַנטישער און אַראַבי־שער קונסט, הגם ניט אין אַזאַ פולער מאָס ווי דאָרט. אין מערב־זייט פון אינדיע האָט מען שוין מער ניט געקאָנט געפינען דעם סקולפּטאָר, וואָס האָט געהאַט דעם כוח פריי איינצושטעלן די פּאָזעס פון מענטשן און בעלי־חיים ווי זיין האַרץ גלוסט. מאַלעריי האָט געפונען אַ מקום־מקלט אין די קלויסטערס. די אילומינאַציע פון ביכער האָט דער־גרייכט צו אַ הויכער מדרגה אין דער רוימישער און העלענישער אימ־פּעריע און איז קיינמאָל אינגאַנצן ניט אויסגעשטאָרבן. די קריסט־לעכע מאָנאַכן וואָס זיינען געגאַנגען פון אָרט צו אָרט האָבן אויפ־געהאַלטן לעבעדיק די דאָזיקע קונסט און דערפרישט זי דורך אַן אויסבייט פון מעטאָדעס און אידעען. די אירישע קלויסטערס האָבן אַרויסגעבראַכט מאַנוסקריפּטן פון גרויס שיינקייט שוין אין זיבעטן יאָרהונדערט. דאָס „בוך פון קעלס”, אַ קאָפּיע פון די עוואַנגעליעס אין דעם טריניטי קאָלעדזש אין דובלין, שטאַמט פון דער צייט. דאָס קעלטישע ווערק איז טשיקאַוו פּאַראַלעל צו אַלטע אַראַבישע ווערק דורך דער דעקאָראַטיווער פאַרבייגונג פון לעבעדיקע פאָרמען. זיין פאַרב און מוסטער זיינען הפלאדיק; זיין צייכענונג שוואַכלעך. קעל־טישע השפעות האָבן זיך אויסגעמישט מיט קלאַסישע און ביזאַנ־טישע אין דער קינסטלערישער אויפלעבונג ביים הויף פון קאַרל דעם גרויסן. דאָ האָבן די אילומינירטע כתב־ידן באַלאָדן מיט גאָלד דער־גרייכט צו דער גלענצנדסטער מדרגה.

אַ נטיה צו מאָלנדיקער קונסט און צו צייכענען פיגורן באַווייזט זיך אין עטלעכע ענגלישע און נאָרמאַנישע ווערק און גיט זיך אַ ווענד אום צו מיניאַטור־בילדער. אָבער די בהדרגהדיקע פאַרערגערונג פון דער מאַנוסקריפּטן־אילומינאַציע און דאָס פאַרשווינדן פון איני־ציאַטיווע אין דעם פּרט, וואָס נעמט זיך דערפון, וואָס די קינסטלע־רישע ענערגיע האָט זיך אָפּגעווענדט אין אַן אַנדער זייט, איז צו מערקן ערשט אין צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט.

8. די פראַנצויזן און די דייטשן שיידן זיך פונאַנדער.

די אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן האָט ניט איבערגעלעבט זיין זון און יורש, לודוויג דעם פרומען. זי איז זיך פונאַנדערגעפאַלן אין אירע הויפּט=באַשטאַנד=טיילן. די לאַטיניזירטע קעלטישע און פראַנקישע באַפעלקערונג פון גאַליע הייבט אָן זיך אויסצוטיילן ווי פראַנצויזן, הגם די דאָזיקע פראַנצויזן זיינען אויך צעריסן צווישן זיך אין אַ צאָל הערצאָגטימער און פירשטנטימער, אָפטמאָל ניט מער ווי מיט אַ נאָמינאַלער איינהייט. די דייטש=ריידנדיקע שבטים צווישן דעם ריין און די סלאַוון אין מזרח=זייט הייבן אויך אָן צו אַנטוויקלען אַ נאָך מער פראַגמענטאַרישע אָנצוהערעניש אויף אַ געאייניקטן דייטשלאַנד. ווען עס באַווייזט זיך סוף=כּל=סוף אַן אמתער קיסר אין מערב=אייראָפּע (962), איז דאָס ניט קיין פראַנק, נאָר אַ סאַקס; די באַצוואונגענע זיינען אין דייטשלאַנד געוואָרן די האַרן.

מיר זעען די ערשטע רמזים אויף אַ נייעם מין פּאָליטישער איינזאַמלונג אין אייראָפּע, דעם באַגינען פון דעם וואָס מיר רופן ביי היינטיקן טאָג נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. עס איז אַזוי ווי דער אָנהייב פון אַ קריסטאַליזאַציע=פּראָצעס, אַן אויסשיידונג פון דעם תוהו ובוהו, וואָס איז אָנגעשטאַנען, נאָכדעם ווי די סיסטעם פון דער אימפּעריע איז צעטרייסלט געוואָרן.

עס איז דאָ ניט מעגלעך אָנצוצייכענען די געשעענישן פון ניינטן און צענטן יאָרהונדערט מיט וואָסערע פּרטים, די בונדן, די פעלשונגען, די פּרעטענזיעס, די אָנשאַפונגען. אומעטום איז געווען געזעצלאָזיקייט, מלחמה און קאַמף פאַר מאַכט. אין יאָר 987 איז דאָס נאָמינאַלע קיניגטום פון פראַנקרייך אַריבער פון די קאַראָלינגער, די לעצטע אוראייניקלעך פון קאַרל דעם גרויסן, צו הוגאָ קאַפּעט, וואָס האָט געגרינדעט אַ נייע דינאַסטיע. דער גרעסטער טייל פון די פירשטן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר אונטערגעאָרדנט אים, זיינען פאַקטיש געווען אומאָפּהענגיק און גרייט צו פירן קריג מיטן קיניג אויף דעם קלענסטן אַרויסרוף. אַזוי, למשל, איז דאָס לאַנד פון הערצאָג פון נאָרמאַנדיע געווען אַ סך גרעסער און זיין מאַכט אַ סך שטאַרקער ווי

די נחלה פון הוגאָ קאַפּעט. כמעט די איינציקע זאַך, אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט די איינהייט פון יענער פראַנקרייך, וואָס איבער איר האָט דער קיניג געהאַט אַ נאָמינעלע מאַכט, איז באַשטאַנען אין דער אַלגעמיינער החלטה פון אירע גרויסע פּראָווינצן ניט צו דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אַריינגענומען ווערן אין וואָסער עס איז אימפּעריע אונטער דער הערשאַפט פון אַ דייטשן מושל אָדער פון דעם פּויפּס. חוץ אָט דער פּשוטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען דיקטירט פון דעם אַלגע־מיינעם ווילן, איז פראַנקרייך געווען אַ בונטע מאָזאַיִקע פון פּראַקטיש אומאָפּהענגיקע אַדל־לייט. דאָס איז געווען אַ תקופה פון בויען שלע־סער און פעסטונגען און פון דעם וואָס ווערט אָנגערופן „פּריוואַטע מלחמות“ אין גאַנץ אייראָפּע.

דער צושטאַנד פון רוים אין 10טן יאָרהונדערט איז כמעט ניט צו באַשרייבן. די ירידה פון דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן האָט איבערגעלאָזט דעם פּויפּס אָן אַ באַשיצער, אונטער אַ סכנה מצד ביזאַנץ און מצד די סאַראַצענער (וואָס האָבן געהאַט איינגענומען סיציליע) און פּנים אל פּנים מיט די ווידערשפּעניקע אַדל־לייט פון רוים. צווישן די מעכטיקסטע אַדל־לייט זיינען געווען צוויי פרויען, טעאָדאָראַ און מאַראָזיאַ, אַ מוטער און אַ טאָכטער*, וואָס האָבן איינע נאָך דער אַנדערער געהאַלטן אין זייער מאַכט דעם שלאָס פון אַנדזשעלאָ, וואָס דער פּאַטריצישער מאַן פון טעאָדאָראַ האָט געהאַט פאַרכאַפּט צו־זאַמען מיט דעם גרעסטן טייל פון דער צייטווייליקער מאַכט פון פּויפּס. די דאָזיקע צוויי פרויען זיינען געווען אַזוי דרייסט און אַזוי געוויסנלאָז און אַזוי פאַרשייט, ווי אַ וואָסער עס איז פירשט פון יענער צייט אַ מאַנסביל האָט נאָר געקאָנט זיין, און היסטאָריקער האָבן זיי געשיל־דערט צען מאָל ערגער. מאַראָזיאַ האָט געכאַפּט דעם פּויפּס יאָהאַן X און האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה (928), וואו ער איז אינגיכן געשטאָרבן. איר מוטער, טעאָדאָראַ, איז געווען זיין געליבטע. מאַראָזיאַ האָט דערנאָך געמאַכט פאַר אַ פּויפּס איר אומגעזעצלעכן זון, אונטערן נאָמען יאָהאַן XI.

---

* גיבאָן דערמאָנט נאָך אַ צווייטע טעאָדאָראַ, די שוועסטער פון מאַראָזיאַ.

נאָך אים האָט פאַרנומען דעם שטול פון כאַנקט פעטער איר אייניקל, יאָהאַן XII. גיבאָן, בעת ער דערציילט וועגן די מידות און מאָראַל פון יאָהאַן XII, מוז ער סוף־כל־סוף זיך באַהאַלטן הינטערן שלייער פון לאַטיינישע הערות. סוף־כל־סוף איז יאָהאַן XII אַראָפּ־געזעצט געוואָרן דורך דעם נייעם דייטשן קיסר אָטאָ, וואָס איז אַריבערגעקומען איבער די אַלפּן קיין איטאַליע, כּדי זיך צו לאָזן קרוינען אין יאָר 962.



א וויקינגער־שיף פון ארום 1000 נאָך קר. מיט אויסגעשפּרייטע זעגלען.

די דאָזיקע נייע דינאַסטיע פון סאַקסישע קיסרים, וואָס קומט איצט צו דער מאַכט, האָט געשטאַמט פון אַ געוויסן היינריך דעם פויגל־כאַפּער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן קיניג פון דייטש־לאַנד דורך אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשע אַדל־לייט, פירשטן און פּרע־לאַטן אין יאָר 919. אין יאָר 936 האָט פאַרנומען זיין אָרט פאַר אַ קיניג זיין זון, אָטאָ I, מיטן צונאָמען דער גרויסער, וואָס איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אין אַכען און וואָס איז אויך צולעצט געקומען קיין רוים, לויט דער פאַרבעטונג פון יאָהאַן XII, כּדי צו ווערן געקרוינט פאַר אַ קיסר אין יאָר 962. שפּעטער איז ער געווען געצוואונגען דעם

פויפּס אַראָפּצוזעצן, ווייל יענער האָט אין אים געפעלשט. נאָכדעם ווי אָטאָ I האָט איבערגענומען די קיניגלעכע מאַכט, איז אים ניט אַזויפיל געגאַנגען אין באַהערשן רוים, ווי צו ברענגען דעם קאַמף פאַר הערשאַפט צווישן פויפּס און קיסר ווידער צו דער פאַרצייטיקער ווערדע און אָנ־שטענדיקייט. נאָך אָטאָ I האָט געקיניגט זיין זון אָטאָ II (973 — 983), און נאָך אים ווידער אָטאָ III (983 —1002).

אין אָט די צייטן פון פריען מיטלעלטער זיינען געווען דריי דינאַסטיעס פון קיסרים: די סאַקסישע — פון אָטאָ I (962) ביז הענריך II, — וואָס האָט זיך געענדיקט 1024; די סאַלישע — פון קאָנראַד II ביז הענריך V — געענדיקט 1125; און האָהענשטאַופען— פון קאָנראַד III ביז פרידריך II — געענדיקט 1250. די האָ־הענשטאַופענס זיינען געווען פון אָפּשטאַם שוואָבן. דערנאָך זיינען געקומען די האַבסבורגער, מיט רודאָלף I, אין יאָר 1273, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביז 1918. מיר ריידן דאָ וועגן דינאַסטיעס, נאָר ביי איטלעכן נייעם קיסר איז געווען אַ פאַראַד פון וואַלן.

דער קאַמף צווישן קיסר און פויפּס פאַר דער הערשאַפט איבער דער הייליקער רוימישער אימפעריע שפילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון פריען מיטלעלטער, און מיר האָבן איצט צו סקיצירן די הויפּט־פאַזעס פון דאָזיקן קאַמף. הגם די קירך איז שוין קיין מאָל ניט אַראָפּגעזונקען צו דער מדרגה פון יאָהאַן XII, נאָר די געשיכטע גייט אַרויף און אַראָפּ דורך פאַזעס פון גרויסער מאַכט, דורך מהומות און אינטריגעס.

נאָר די אויסווייניקסטע געשיכטע פון קריסטנטום איז ניט די גאַנצע געשיכטע פון קריסטנטום. אַז דער לאַטעראַן איז געווען פונקט אַזוי פאַלש און משוגע און פאַרברעכעריש, ווי דאָס רוב אַנדערע הויפן אין יענער צייט, — דאָס מוז פאַרצייכנט ווערן; אָבער אויב מיר זאָלן אָפּהיטן די ריכטיקע מאָס אין דער דאָזיקער געשיכטע, טאָרן מיר ניט אומגערעכט מגזם זיין. מיר מוזן געדענקען, אַז דורך אַלע די דאָזיקע דורות און תקופות זיינען אָן אַ צאָל מענער און פרויען געווען באַרירט פון יענעם גייסט פון ישו, וואָס האָט נאָך געלעבט און לעבט נאָך איצט אין האַרץ פון קריסטנטום, אַז די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן געווים איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין

לעבן, הגם אויך נים קיין סימן אויף די בלעטער פון היסטאָריקער, אַז זיי האָבן געפירט אין גרויסן און גאַנצן אַ לעבן פול מיט חסד און ליבשאַפט, אַז זיי האָבן געטאָן מעשים פון מסירת נפש און אי־



פראַנקרייך צום סוף 10־טן י״ה

בערגעגעבנקייט. אין יענע פינסטערע צייטן האָבן אַזעלכע נשמות אַרייַנגעטראָגן ליכטיקייט און געמאַכט מעגלעך אַ בעסערע וועלט. דאָס נעמלעכע האָט אין דער מוסלמענישער וועלט דער גייסט פון איסלאַם אַרויסגעבראַכט דור פאַר דור מוסטערן פון מוט, ער־לעכקייט און מענטשלעכקייט.

9. די נאָרמאַנען, די סאַראַצענער, די אונגאַרן און די סעלדזשוקישע טערקן.

אין דער זעלביקער צייט, ווען אינמיטן דער לעצטער פּאָליטישער צעריסנקייט פון דער ציוויליזאַציע אין מערב=אייראָפּע באַווייזן זיך די הייליקע רוימישע אימפּעריע, די מלוכות פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, האָט סיי די דאָזיקע ציוויליזאַציע און סיי די ביזאַנטישע אימפּעריע געמוזט אויסשטיין אַ דרייפאַכיקע אַטאַקע — מצד די סאַראַצענישע מלוכות, מצד די נאָרמאַנען און מצד די טערקישע פעלקער, וואָס האָבן איצט פּאַוואָליע ווידער זיך גענומען רוקן פון צענטראַל=אַזיע קיין מערב דורך דרום=רוסלאַנד, און אויך איבער אַרמעניע און דעם קיניגרייך פון באַגדאַד. דער דאָזיקער אָנפאַל איז געווען דער שרעקלעכסטער.

נאָך דעם ווי די אַבאַסידישע דינאַסטיע האָט גובר געווען די אָמאַיאַדן, איז דער כוח פון דעם אָנדראַנג פון די סאַראַצענער אויף אייראָפּע געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דער איסלאַם איז מער ניט געווען פאַראייניקט: שפּאַניע איז געווען אונטער אַ באַזונדערן אָמאַיאַדישן כאַליף; צפון=אַפריקע, הגם נאָמינעל איז זי געווען אונטערטעניק אונטער די אַבאַסידן, נאָר פאַקטיש איז זי געווען אומאָפּהענגיק; און איצט (969) איז עגיפּטן געוואָרן אַ באַזונדער מלוכה מיט אַן אייגענעם שיִיטישן כאַליף, וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין פון די אור=אוראייניקלעך פון עלי און פאַטימאַ (דער פאַטימידישער כאַליפאַט). די דאָזיקע עגיפּטישע פאַטימידן, די מוסלימס מיט דער גרינער פאָנע, זיינען געווען פאַנאַטיקער אין פאַרגלייך מיט די אַבאַסידן און האָבן אַ סך מיטגעווירקט צו פאַרשאַרפן די באַציִונגען צווישן איסלאַם און קריסטנטום. זיי האָבן איינגענומען ירושלים און האָבן אָנגעהויבן צו שטערן די קריסטן דעם צוטריט צום הייליקן קבר. פון דער צווייטער זייט פון דער איינגעשרומפּענער אַבאַסידישער מלוכה איז אויך געווען אַ שיִיטיש קיניגרייך אין פּערסיע. די הויפּט=באַצווינגונג פון די סאַראַצענער אין 9טן יאָרהונדערט איז געווען אין סיציליע. נאָר דאָס איז שוין ניט געווען גענומען מיט איין גרויסער אַטאַקע אין אַ יאָר צי צוויי, לויטן אַלטן שטייגער, נאָר אונטערטעניק

געמאַכט פּאַוואָליע און פאַרשלעפּט אין משך פון אַ לאַנגן יאָרהונדערט, און אַ סך מאָל צוריקגעשטופּט. די שפּאַנישע טאַראַצענער האָבן אין סיציליע זיך געשלאָגן מיט די אַפריקאַנישע סאַראַצענער. אין שפּאַניע האָבן די סאַראַצענער געמוזט אָפּטרעטן קעגן דער וואַקסנדיקער קראַפט פון די קריסטן. פונדעסטוועגן איז די ביזאַנטישע אימפּעריע, און אויך דאָס מערבדיקע קריסטנטום, געווען נאָך אַזוי שוואַך אויפן מיטללענדישן ים, אַז די סאַראַצענישע אָנפאַלערס און פּיראַטן פון צפון=אַפריקע זיינען געווען אין שטאַנד אָנצופאַלן אויף דרום=איטאַליע און די גריכישע אינזלען, און קיינער האָט זיי כמעט ניט געשטערט.

נאָר אָט באַווייזט זיך אַ נייע קראַפט אויפן מיטללענדישן ים. מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז די רוימישע אימפּעריע האָט זיך קיין מאָל ניט אויסגעשפּרייט ביז די ברעגעס פון באַלטישן ים, און דאָט אַפילו ניט געהאַט די מאַכט אַריינצודרינגען אין דענעמאַרק. די צפונדיקע אַרישע פעלקער פון יענע פאַרזעענע געגנטן האָבן אַ סך אָפּגעלערנט פון דער אימפּעריע, וואָס האָט ניט געקאָנט זיי אונטערטעניק מאַכן. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָבן זיי אַנטוויקלט די קונסט פון שיף=בוי און זיינען געוואָרן דרייסטע ים=פאָרערס. זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט דורך דעם צפון=ים קיין מערב און דורך דעם באַלטישן ים אַרויף די רוסישע טייכן אין סאַמע האַרץ פון יענעם לאַנד, וואָס איז איצט רוסלאַנד. איינער פון זייערע עלטסטע ישובים אין רוסלאַנד איז געווען גרויס נאָוואָראָד.

דער געשיכטע=פאָרשער האָט דאָ די זעלביקע שוועריקייט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די דאָזיקע צפונדיקע שבטים, פּונקט ווי אין די סקיטן פון דער קלאַסישער צייט אָדער אין די הוניש=טערקישע פעלקער פון מזרח=און צענטראַל=אַזיע. זיי באַווייזן זיך אונטער אַ סך פאַרשיידענע נעמען, זיי בייטן זיך, זיי מישן זיך אויס. אין פאַל פון ענגלאַנד, למשל, האָבן די אַנגלען, די סאַקסן און יוטן איינגענומען דעם גרעסטן טייל פון דעם, וואָס איז איצט ענגלאַנד, אין 5טן און 6טן יאָרהונדערט; די דענען, אַ צווייטע כוואַליע פון פּאַקטיש דעם זעלביקן פאָלק, זיינען געקומען אין 8טן און 9טן יאָרהונדערט; אין יאָר 1016 האָט אַ דענישער קיניג, קאַנוט דער גרויסער, געקיניגט אין ענגלאַנד, און ניט נאָר איבער ענגלאַנד, נייערט אויך איבער דענעמאַרק

און נאָרוועגן. זיינע אונטערטאַנען פלעגן פאָרן אויף שיפן קיין איסלאַנד, גרענלאַנד און אפשר אויך צום אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. אַ געוויסע צייט האָט אויסגעוויזן, אַז אונטער קאַנוט און זיינע זין זאָל זיך אויסבילדן אַ גרויסער מלוכות־פאַרבאַנד פון די נאָרמאַנען.

דערנאָך, אין יאָר 1066 האָט אַ נייע כוואַליע פון זעלביקן פאָלק אַ פלייץ געטאָן איבער ענגלאַנד. די נייע באַצווינגערס זיינען געקומען פון דער „נאָרמאַנישער" מלוכה אין פראַנקרייך, וואו זיי האָבן זיך געהאַט באַזעצט זינט די צייטן פון ראָלף דעם עלטסטן (911) און וואו זיי האָבן זיך געהאַט אויסגעלערנט צו ריידן פראַנצויזיש. ווילהעלם, דער הערצאָג פון נאָרמאַנדיע, איז געוואָרן ווילהעלם דער באַצווינגער פון דער ענגלישער געשיכטע (1066).

פאַקטיש, פון שטאַנדפונקט פון דער וועלט־געשיכטע, זיינען אָט די אַלע פעלקער געווען איין און דאָס זעלביקע פאָלק, כוואַליעס פון דעם איינעם נאָרדישן שטאַם. די דאָזיקע כוואַליעס האָבן געפלאָסן ניט נאָר קיין מערב, נייערט אויך קיין מזרח. מיר האָבן שוין דערמאָנט אַ זייער אינטערעסאַנטע עלטערע באַוועגונג פון די זעלביקע שבטים אונטערן נאָמען גאָטן פון באַלטישן צום שוואַרצן ים. מיר האָבן אָנגעצייכנט, ווי אַזוי די דאָזיקע גאָטן האָבן זיך געשפאָלטן אין אָסטראָגאָטן און וויזיגאָטן, און ווי אַזוי זייער טראַגישע פולע וואַנדערונג האָט זיך געענדיקט מיטן אָסטראָגאָטישן קיניגרייך אין איטאַליע און מיט די וויזיגאָטישע מלוכות אין שפּאַניע. אין נײַנטן יאָרהונדערט איז ווידער אַמאָל געגאַנגען אַ באַוועגונג פון די נאָרמאַנען דורך רוסלאַנד אין דער זעלביקער צייט, ווען זיי האָבן זיך איינגעזעצט אין ענגלאַנד און עס איז געשאַפן געוואָרן זייער הערצאָגטום אין נאָרמאַנדיע.

די באַפעלקערונג פון דרום־שאָטלאַנד, ענגלאַנד, מזרח־אירלאַנד, פלאַנדערן, נאָרמאַנדיע און פון רוסלאַנד האָבן מער שותּפישע עלעמענטן, ווי מיר זיינען דאָס געוויינט צו מיינען. אַלע זיינען זיי פון גרונט אויס גאָטישע און נאָרדישע שבטים. די קרובישאַפט צווישן די רוסן און ענגלענדער איז צו מערקן אַפילו אין זייערע וואָגן און מאָסן: ביידע האָבן דעם נאָרמאַנישן דיום און פוס, און אַ סך אַלטע נאָרמאַנישע קירכן אין ענגלאַנד זיינען געבויט

אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס ווייזן דעם באַנוץ פון סאַזשען (קלאַפטער, 7 פוס) און פערטל סאַזשען, אַ נאָרמאַנישע מאָס, וואָס ווערט נאָך



באַנוצט אין רוסלאַנד. די דאָזיקע „רוסישע" נאָרמאַנען פלעגן רייזן אין די זומער-חדשים איבער די טייך-וועגן, וואָס זיינען פאַראַן זייער

פיל אין רוסלאַנד. זיי פלעגן אַריבערשלעפּן זייערע שיפן פון די קיין צפון פליסנדיקע טייכן צו די טייכן, וואָס פליסן קיין דרום. זיי האָבן זיך באַוויזן ווי אָנפאַלערס, פיראַטן און סוחרים סיי אויפן קאַספּישן ים און סיי אויפן שוואַרצן ים. די אַראַבישע כראָניק־שרייבערס פאַר־צייכענען זייער באַווייזן זיך אויפן קאַספּישן ים און רופן זיי אָן רוסן. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף פּערסיע און האָבן געדרויעט קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל מיט אַ גרויסן פלאָט און ווינציק געשיק (אין די יאָרן 865, 904, 941 און 1043).

איינער פון די דאָזיקע נאָרמאַנען, ריוריק (אַרום 850), האָט זיך פאַרפעסטיקט ווי דער רעגירער פון נאָווגאָראָד, און זיין יורש, דער פירשט אָלעג, האָט איינגענומען קיעוו און אַוועקגעלייגט דעם פונ־דאַמענט פאַר דער היינטיקער רוסלאַנד. די קריגערישע מעלות פון די רוסישע וויקינגער האָט מען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל באַלד געלערנט צו שאַצן; די גריכן האָבן זיי גערופן וואַראַנגיער, און פון וואַראַנ־גיער איז פאַרמירט געוואָרן אַ קאָרפּוס פון דער קיסרלעכער לייבוואַך. נאָכדעם ווי די נאָרמאַנען האָבן אַיינגענומען ענגלאַנד (1066), זיינען אַ געוויסע צאָל דענען און ענגלענדער פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד און זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די דאָזיקע רוסישע וואַראַנגיער, משמעות אַז ניט די שפּראַך און ניט זייערע מנהגים האָבן ניט גע־שטערט זיי צו פאַרבינדן זיך מיט זיי.

דערווייל האָבן אויך די נאָרמאַנען פון נאָרמאַנדיע געפונען דעם וועג צום מיטללענדישן ים פון מערב־זייט. זיי זיינען געקומען צוערשט ווי געדונגענע זעלנער, און שפּעטער ווי אָנפאַלערס אויף דער איינענער פויסט; און זיי זיינען געקומען, דאָס איז כדאי צו באַמערקן, דער עיקר ניט איבערן ים, נאָר אין איינציקע באַנדעס איבער דער יבשה. זיי זיינען געקומען דורך ריינלאַנד און איטאַליע, צום טייל זוכנדיק באַשעפטיקונג ווי זעלנער אָדער רויב, צום טייל ווי עולי־רגל קיין ירושלים. וואָרעם אין ניינטן און צענטן יאָרהונדערט זיינען אַ סך קריסטן געגאַנגען צו די הייליקע ערטער אין פּאַלעסטינע.

אַז די דאָזיקע נאָרמאַנען זיינען געוואָרן מעכטיק גענוג, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזעלכע מערדערישע רויבערס, אַז זיי האָבן געצוואונגען דעם פויפּס און דעם מזרחדיקן קיסר צו שליסן אַ

אַ בונד צווישן זיך, הגם זיי זיינען ביידע געווען שוואַך געגנוג און האָבן גאַרנישט געקאָנט אויפטאָן קעגן זיי (1053). זיי האָבן צעקלאַפּט דעם פּויפּס און גענומען אים געפאַנגען, און ער האָט געמאַכט שלום מיט זיי. זיי האָבן זיך באַזעצט אין קאַלאַבריע און דרום=איטאַליע, צוגענומען סיציליע ביי די סאַראַצענען (1060 — 1090) און אונטער ראָבערט גיסקאַר, וואָס איז געקומען קיין איטאַליע ווי אַן עולה=רגל אַן אוואַנטוריסט און האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ רויבער=הויפּטמאַן אין קאַלאַבריע, האָבן זיי געדרויעט אַפילו דער ביזאַנטשער אימפּעריע גופא (1081). זיין אַרמיי, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ טייל פון סיצילישע מוסלמענער, איז אַריבער פון ברינדיזי קיין עפּירוס אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווי פּירוס איז מיט דרייצן יאָרהונדערטער פריער אַריבער דעם ים אויף אָנצופאַלן אויף רוים (275 פאַר קר.). ער האָט באַלעגערט די ביזאַנטישע פעסטונג דוראַצאָ.

ראָבערט האָט איינגענומען דוראַצאָ (1082), נאָר איבער דער לאַגע אין איטאַליע האָט ער געמוזט קומען צוריק אַהיים, און די דאָזיקע ערשטע אַטאַקע פון די נאָרמאַנען אויף ביזאַנץ האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, און דאָרט האָט זיך איינגעפעסטיקט אַ לפי=ערך מעכטיקע דינאַסטיע פון די קאָמנענס (1081 — 1204).

די קאָנפליקטן אין איטאַליע, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענער צייט, זיינען צו קאָמפּליצירט, מיר זאָלן זיי דאָ דערציילן. ראָבערט האָט באַלעגערט און אויסגערויבט רוים (1084); און דער אַנטי=קריסטלעכער גיבאָן באַמערקט מיט צופרידנקייט, אַז צווישן די רויבערס איז געווען אויך אַ טייל פון סיצילישע מוסלמענער. אין צוועלפטן יאָרהונדערט זיינען געווען נאָך דריי אָנפאַלן פון די נאָרמאַנען אויף דער מזרחדיקער אימפּעריע, איינעם האָט געמאַכט ראָבערטס זון, און די אַנדערע צוויי זיינען געגאַנגען דירעקט פון סיציליע איבערן ים.

נאָר ניט די סאַראַצענער און ניט די נאָרמאַנען האָבן ניט אָנגעטאָן אַזויפיל צרות דער אַלטער אימפּעריע פון ביזאַנץ אָדער דער הייליקער רוימישער אימפּעריע, דער אויסגעלאַטעטער מערבדיקער רוימישער אימפּעריע, ווי דאָס האָט אָנגעטאָן דער טאָפּלטער שטופּ פון די טו=

ראַנישע צענטערס אין צענטראַל־אַזיע, וואָס מיר מוזן איצט דער־ציילן וועגן דעם.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט די באַוועגונג פון די אַוואַרן קיין מערב און פון די טערקישע מאַדיאַרן, וואָס זיינען געגאַנגען אין זייערע שפורן. זינט די טעג פון פּיפּין I איז די פראַנקישע מלוכות און אַלע שפּעטערדיקע מלוכות אין דייטשלאַנד אויסגעקומען צו פירן מלחמות מיט די דאָזיקע אָנפאַלער אין אַלע מזרחדיקע גרענעץ־לענדער. קאַרל דער גרויסער האָט זיי איינגעהאַלטן און באַשטראָפט זיי און איינ־געשטעלט אַ מין איבערהערשאַפט איבערן מזרח אַזש ביז צו די קאַרפּאַטן. אָבער נאָך זיין טויט, אַז די דייטשע מאַכט איז שוואַ־כער געוואָרן, האָבן די דאָזיקע שבטים, וואָס ווערן אין די באַריכטן מער ווייניקער צונויפגעמישט אונטערן נאָמען אונגאַרן, געפירט דורך די מאַדיאַרן, ווידער אויפגעריכט זייער פולע פרייהייט און פלעגן מאַכן יאָר אויס יאָר איין זייערע אָנפאַלן, אָפטמאָל אַזש ביזן ריין. גיבאָן פאַר־צייכנט, אַז זיי האָבן חרוב געמאַכט דעם קלויסטער ס"ט גאַלען אין דער שווייץ און די שטאָט ברעמען. דער פעריאָד פון זייערע גרויסע אָנפאַלן איז געווען צווישן 900 און 950. זייער גרעסטע אָנשטרענ־גונג, דורך דייטשלאַנד גלייך קיין פראַנקרייך, פון דאָרט אַריבער די אַלפּן און צוריק אַהיים איבער צפון איטאַליע, — געפאַלט אין די יאָרן 938 — 39. רויבערס אין דער פרעמד, האָבן די דאָזיקע שבטים ביי זיך אין דער היים געהאַט היפש פרייהייט. מען זאָגט, אַז זיי זאָלן האָבן געהאַט אַ טראַדיציאָנעלע פּאָליטישע קאָנסטיטוציע שוין אין צענטן יאָרהונדערט.

געשטופּט קיין דרום־זייט דורך די דאָזיקע מהומות און אויך דורך אַנדערע, וואָס דאַרפן איצט ווערן פאַרצייכנט, האָבן די בולגאַרן, וועדליק מיר האָבן שוין דערציילט, זיך איינגעפעסטיקט אונטער קרום צווישן דעם דונאַי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. לכתחילה אַ טערקיש פאָלק, זיינען די בולגאַרן, זינט זיי האָבן זיך באַוויזן צוערשט אין מזרח־רוסלאַנד, דורך כסדרדיקע צומישונגען געוואָרן כמעט אינגאַנצן סלאַוויש אין ראַסע און שפּראַך. אַ שטיקל צייט נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אין בולגאַריע, זיינען זיי געבליבן היידן. זייער קיניג באָריס (852 — 884) האָט פאַרהאַנדלט מיט מוסלימישע שלוחים און האָט

משמעות געקלערט וועגן צושטיין צום איסלאַם. נאָך סוף־כל־סוף האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ביזאַנטישער פרינצעסין און האָט זיך איבערגעענטפערט מיט זיין פאָלק צו דער קריסטלעכער אמונה.

אין צענטן יאָרהונדערט האָבן אַריינגעקלאַפּט די אונגאַרן אַ געווינן רעספּעקט פאַר דער מערבדיקער ציוויליזאַציע העגריך דער פויגלכאַפּער, וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַר אַ קיניג פון דייטשלאַנד, און אָטאָ I, דער ערשטער סאַקסישער קיסר. נאָך זיי האָבן זיך ניט אַנטשלאָסן אָנצונעמען קריסטנטום ביז אַרום 1000 נאָך קר. הגם זיי זיינען געוואָרן קריסטיאַניזירט, דאָך האָבן זיי איינגעהיט זייער אייגענע טורקאָ־פינישע שפּראַך (מאַדיאַריש) און האַלטן זיך פאַר איר ביזן היינטיקן טאָג. זיי האָבן אויך אַיינגעהיט אַ געוויסע פרייהייט אונטער דער מאָנאַרכיע, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעזעצט געוואָרן. זייער געשריבענע קאָנסטיטוציע דער „גאָלדענער זיגל“ איז דאַטירט פון יאָר 1222 און איז אַ מזרחדיקער פּאַראַלעל צו דער ענגלישער „גרויסער כאַרטיע“ בנוגע זיינע באַגרענעצונגען פון דער אַבסאָלוטער מאַכט פון קיניג. קיניג סטעפאַן, דער ערשטער קיניג פון די מאַדיאַרן, בעת ער האָט אָנגענומען קריסטנטום, האָט אויסגענומען אַ בפירושן תנאי, אַז אונגאַרן זאָל, להיפוך צו בעמען און פוילן, ניט אַיינגעשלאָסן ווערן אין דער הייליקער רוימישער אימפּעריע.

נאָר די בולגאַרן און אונגאַרן שעפּן ניט אויס די רשימה פון די פעלקער, וואָס זייער באַוועגונג קיין מערב האָט פאַרקערפּערט דעם טערקישן שטוף דורך רוסלאַנד. הינטער די אונגאַרן און בולגאַרן האָבן זיך געשטופּט די כאַזאַרן, אַ טערקיש פאָלק, וואָס מיט זיי זיינען געווען אויסגעמישט אַ היפּשע צאָל יידן, וואָס זיינען געווען אַרויסגעטריבן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די כאַזאַרן און האָבן אַ סך פון זיי מגייר געווען. פון אָט די דאָזיקע יידישע כאַזאַרן, באַדאַרף מען רעכענען, שטאַמען די גרויסע יידישע ישובים אין פוילן און רוסלאַנד. הינטער די דאָזיקע כאַזאַרן ווידער זיינען געגאַנגען און אָנגעפאַלן אויף זיי די פּעטשענעגן (אָדער פּאַט־

דינאַקן), אַ ווילדער טערקישער שבט, וואָס מען הערט פון זיי ערשט אין 9טן יאָרהונדערט און וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די איבעריקע פעלקער און זייַנען פאַרשוואונדן, פונקט ווי די קרובישע הונען מיט 5 יאָרהונדערטער פריער.

בעת די ריכטונג פון די אַלע פעלקער איז געווען געווענדט קיין מערב, האָבן מיר צו געדענקען, ווען מיר טראַכטן וועגן דער באַפעל-

דער מאַרש פון די סעלדזשוקן.

קערונג פון די דרום-רוסלענדישע געגנטן, אַז עס איז אויך געווען אַ באַוועגונג פון נאָרמאַנען אַהין און צוריק צווישן באַלטישן און שוואַרצן ים, וואָס האָט זיך געקרייצט מיט דער טערקישער וואַנדערונג, ווי די פעדעם אין אַ געוועב, און מיר דאַרפן נאָך האַלטן אין זינען, אַז דאָ איז געווען אַ גרויסע סלאַווישע באַפעלקערונג, די יורשים און אוראייניקלעך פון די סקיטן, סאַרמאַטן וכדומה, וואָס האָבן זיך געהאַט שוין אייַנגעפעסטיקט אין די דאָיקע אומרויִקע, ניט-געאָרדנטע, אָבער פרוכפּעריקע געביטן. דאָס וואָס די סלאַווישע שפּראַכן הערשן אויס-

מעטום, חוץ אונגאַרן, באַוויזט, אַז דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג איז געבליבן סלאַוויש. און אין דער געגנט, וואָס איז איצט רומעניע, איז, נאָך דעם דורכגאַנג פון אַסך פעלקער און ניט געקוקט אויף די באַצווינגונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער, דאָך געבליבן לעבן די טראַדיציע און ירושה פון די רוימישע פראָווינצן דאַקיע און אונטער=מעזיע אין דער לאַטיינישער שפּראַך.

נאָר אָט דער דירעקטער שטופּ פון די טערקישע פעלקער קעגן קריסטנטום אין צפון=זייט פון שוואַרצן ים איז סוף=כל=סוף ניט געוועזן אַפילו אין ערך אַזוי וויכטיק, ווי זייער אומדירעקטער שטופּ אין דרום=זייט דורך דער אימפּעריע פון כאַליף. מיר קאָנען דאָ ניט דערציילן וועגן די איינציקע טערקישע שבטים און זייערע מלחמות און ניט וועגן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די שבטים האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער ממשלה פון דער משפחה טעלדזשוקן. אין עלפטן יאָרהונדערט האָבן די דאָזיקע סעלדזשוקישע טערקן זיך אַריינגעריסן מיט אַ קראַפט וואָס צו איר איז קיין אָפּהאַלט ניט געוועזן, ניט אין איין אַרמיי, נאָר אין אַ גרופּע פון אַרמייען און אונטער אָנפיר פון צוויי ברידער, אין דער אונטערגייענדיקער, צעריסענער מוסלימישער אימפּעריע.

דער איסלאַם האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ געאייניקטע אימפּעריע. די הערשאַפט פון די אָרטאָדאָקסע סוניטישע אַבאַסידן איז אַיינגעשרומפּן געוואָרן צו דעם געביט, וואָס איז אַמאָל געוועזן בבל; אַפילו אין באַגדאַד איז דער כאַליף געוועזן אַ פּשוטער געצייג אין די הענט פון זיין טערקישער לייב=וואַך. אַ מין פּאַלאַץ=מאַיאָר, אַ טערק, איז געוועזן דער פאַקטישער רעגירער. אין מזרח=זייט פון דעם כאַליף און אין מערב=זייט פון אים, אין פּאַלעסטינע, סיריע און עגיפּטן, האָבן געהערשט שיִיטישע סעקטירער.

די סעלדזשוקישע טערקן זיינען געוועזן אָרטאָדאָקסע סוניטן. זיי האָבן איצט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שייטישע אויפגעקומענע רעגירערס, האָבן זיי באַצוואונגען און איינגעפעסטיקט זיך ווי די באַשיצערס פון דעם באַגדאַדער כאַליף, איבערגענומען צייטווייליק אין זייערע הענט די מאַכט פון פּאַלאַץ=מאַיאָר. גאָר פרי האָבן זיי געהאַט אָפּגענומען אַרמעניע ביי די גריכן, און דערנאָך, דורכ=

גערישן די גרענעצן, וואָס האָבּן אַיינגעהאַלטן די מאַכט פון איסלאַם אין משך פיר יאָרהונדערטער, האָבּן זיי זיך געלאָזט אַיינגעמען קליין-אַזיע אין זיינען דערגאַנגען כּמעט ביז צו די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די בּערג-מחיצה פון קיליקיע, וואָס האָט פאַרהאַלטן די מוסלימס אַזוי לאַנג, איז געוואָרן אַרומגעגאַנגען נאָכן אַיינגעמען אַרמעניע פון צפונית-מזרחית. אונטער אַלפּ אַרסלאַן, וואָס האָט פאַראייניקט די מאַכט איבּער אַלע סעלדזשוקן אין זיינע הענט, האָבּן די טערקן געגעבּן אַ גרויסע מפּלה דער בּיזאַנטישער אַרמיי אין דער שלאַכט פון מענזי-קערט אָדער מעלאַזגירט (1071). די ווירקונג פון דער דאָזיקער שלאַכט אויף דער פאַנטאַזיע פון פאָלק איז געווען זייער שטאַרק. דער איסלאַם, וואָס איז אין פלוג געווען שוין שטאַרק געפאַלן, וואָס איז געווען געשפּאָלטן רעליגיעז און פּאָליטיש, איז מיט אַמאָל ווידער אויפגעשטאַנען, און גראָד די אַלטע פעסטע בּיזאַנטישע אימפּעריע איז געשטאַנען אין פלוג בּיים ראַנד פון אונטערגאַנג.

דער אָנווער פון קליין-אַזיע איז צוגעגאַנגען זייער גיך. די סעלדזשוקן האָבּן זיך אַיינגעפעסטיקט אין איקאָניום (קאָניאַ), אין דער געגנט וואָס איז איצט אַנאַטאָליע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבּן זיי געהאַט אין זייער מאַכט די פעסטונג ניקעאַ, גלייך קעגנאיבּער דער הויפּשטאָט.

---

10. ווי אַזוי קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך געווענדט צו רוים.

מיר האָבּן שוין דערציילט וועגן דעם אָנפאַל פון די נאָרמאַנען אויף דער בּיזאַנטישער אימפּעריע פון מערב-זייט און וועגן דער שלאַכט פון דוראַצאָ (1082); מיר האָבּן אויך פאַרצייכנט, אַז קאָנסטאַנ-טינאָפּאָל האָט נאָך געדענקט די אָנפאַלן פון די רוסן פון ים-זייט (1054). בּולגאַריע, אמת, איז געווען אַיינגעהאַמעוועט און קריסטיאַ-ניזירט, אָבּער עס האָבּן זיך געצויגן שווערע און אומזיכערע מלחמות מיט די פּעטשענעגן. אין צפון און אין מערב האָט דער קיסר גע-האַט פולע הענט צו טאָן. איצט איז געקומען דער שפּיץ, די סכנה

פון מזרח־זייט. דער האַסטיקער פּאָרמאַרש פון די טערקן אין לאַנד, וואָס איז געווען אַזוי לאַנג זיכער ביזאַנטיש, האָט געמוזט אויסדרוקן ווי אַ דערנעענטערונג פון ענדגילטיקן אונטערגאַנג. אונטער דעם דרוק פון די דאָזיקע סכּנות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט פון אַלע זייטן, האָט דער ביזאַנטישער קיסר מיכאל געטאָן אַ שריט, וואָס האָט סיי אים און סיי רוים אויסגעוויזן צו האָבן דעם גרעסטן פּאָליטישן באַטייט. די גריכישע וועלט האָט זיך געווענדט צו איר אויפלעבנדיקער רוימישער שוועסטער. ער האָט געבעטן הילף ביים פּויפּס גרעגאָר VII. נאָך דרינגענדער האָט איבערגעחזרט זיין הילף־רוף זיין יורש אַלעקסיוס קאָמנען צום פּויפּס אורבאַן II.

פאַר די יועצים פון רוים האָט דאָס זיך געמוזט פאָרשטעלן ווי די בעסטע געלעגנהייט צו פאַרזיכערן די אייבערהערשאַפט פון דעם פּויפּס איבער גאָר דער קריסטלעכער וועלט.

מיר האָבן אין דער דאָזיקער געשיכטע אָנגעצייכנט דעם וואוקס פון דער אידעע פון אַ רעליגיעזער רעגירונג פון קריסטנטום — און פון דער מענטשהייט דורכן קריסטנטום — און מיר האָבן געוויזן, ווי נאַטירלעך און נייטווענדיק זי האָט געפונען איר צענטער אין רוים, מחמת דאָ איז געווען די טראַדיציע פון אַ וועלט־אימפּעריע. דער פּויפּס פון רוים איז געווען דער איינציקער מערבדיקער פּאַטריאַרך. ער איז געווען דער רעליגיעזער ראש פון אַ גרויסן געביט, וואו די הערשנדיקע שפּראַך איז געווען לאַטייניש. די אַנדערע פּאַטריאַרכן פון דער אָרטאָדאָקסער קירך האָבן גערעדט גריכיש, און ממילא האָט מען זיי אין מערב ניט געהערט. און די צוויי ווערטער Filioque, וואָס זיינען צוגעלייגט געוואָרן צו דער לאַטיינישער דאָגמע, האָבן אָפּגעשפּאָלטן די ביזאַנטישע קריסטן, און דאָס איז געווען איינער פון יענע אומבאַגרינדלעכע און אָנשכלדיקע פּונקטן, וואָס דערלאָזן שוין ניט צו קיין פאַראייניקונג (די שפּאַלטונג איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1054).

דאָס לעבן פון לאַטעראַן פלעגט זיך בייטן, געווענדט אָן די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון דעם וואָס איז געזעסן אויפן שטול פון ס״ט פּעטרוס. טיילמאָל איז די פּויפּסלעכע רוים געווען אַ זומפּ פון פאַרדאַרבעניש און שמוץ, ווי זי איז געווען אין די צייטן פון יאָהאַן XII;

טיילמאָל איז זי געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון ברייט דענקענדיקע און איידל דענקענדיקע מענטשן. אָבער הינטער דעם פויפּס איז געווען די פאַרזאַמלונג פון די קאַרדינאַלן, גייסטלעכע און אַ גרויסער צאָל הויך געבילדעטע באַאַמטע, וואָס האָבן קיין מאָל ניט, אַפילו אין די פינסטערסטע און ווילדסטע צייטן, ניט אייסן געלאָזן אינגאַנצן פון זינען די זייער גרויסע אידעע פון גאָטלעכער וועלט-הערשאַפט, פון אַ שלום אין קריסטוסן איבער גאָר דער ערד, וואָס ס'ט אַווגוסטינוס האָט געהאַט אויסגעדריקט. אין משך פון גאַנצן מיטל-



א גאלערייע אין דער קאטעדראלע פון ארל (פראנקרייך)—ראמאנישער סטיל. די קירך איז געגרינדעט אין 7טן י"ה.

עלטער האָט די דאָזיקע אידעע געהאַט אַ פירנדיקע השפּעה אין רוים. אַ געוויסע צייט פלעגן אפשר הערשן דאָ נידעריקע און געמיינע גייסטער, און רוים פלעגט דעמאָלט שפּילן אין די ענינים פון דער וועלט די ראָלע פון אַ זשעדנער, בונטישער און קראַנקהאַפט פאַלשער אַלטער מכשפה. אָבער נאָכדעם איז ווידער געקומען אַ פּאַזיס אפשר פון מענלעכער און שטאַרק וועלטלעכער דורכגעטריבנקייט אָדער אַ פּאַזיס פון עקזאַלטאַציע. דערנאָך פלעגט קומען אַ צווישנשפּיל פון פאַנאַטיזם אָדער פּעדאַנטיזם, ווען גאָר דער דרוק איז געפאַלן אויף

דער פינקטלעכער דאָקטרינע. אָדער עס פלעגט זיין אַ מאָראַלישע ירידה, און דער לאַטעראַן פלעגט ווערן דער טרוין פון אַ וואָסער אַווטאָ-קראַט אַ בעל-תאווה אָדער עסטעט, גרייט צו פאַרקויפן גאָר די האָ-פענונג אָדער גאָר דעם כבוד, וואָס די קירך קאָן געבן, פאַר געלט אויסצוגעבן אויף פאַרגעניגן אָדער שפּיל. נאָר אין גרויסן און גאַנצן האָט די פויפּסלעכע שיף געהאַלטן זיך פאַר איר וועג, און האָט איצט ווידער געהאַט אַ גינסטיקן ווינט.

אין דעם פעריאָד, וואָס מיר זיינען איצט געקומען צו אים, דער פעריאָד פון עלפטן יאָרהונדערט, געפינען מיר רוים אונטער דער ממשלה פון אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסן מלוכה-מאַן, דאָס איז היל-דעבראַנד, וואָס האָט פאַרנומען פאַרשיידענע פּאָסטנס אונטער אַ ריי פויפּסן און איז סוף-כל-סוף אַליין געוואָרן אַ פויפּס אונטערן נאָ-מען גרעגאָר VII (1073 — 1085). מיר געפינען, אַז אונטער זיין השפּעה איז פאַרברעכן, פוילקייט און קאָרופּציע געוואָרן אַרויסגעטריבן פון דער קירך, אַז עס איז געוואָרן רעפאָרמיט די מעטאָדע אויס-צוקלייבן דעם פויפּס, און עס איז געוואָרן אויסגעקעמפט אַ גרויסער קאַמף מיטן קיסר איבער דער בפירושער לעבנס-פראַגע פון דער „אינ-וועסטיטור", דאָס הייסט צי דער פויפּס אָדער דער צייטוויילי‌קער מאָ-נאַרך זאָל האָבן די לעצטע שטים ביים באַשטעטיקן די בּיסקופּן אין זייערע הערש-געביטן. וואָס פאַר אַ לעבנס-פראַגע דאָס איז געווען, קאָנען מיר בעסער באַנעמען דעמאָלט, ווען מיר האַלטן אין זינען, אַז אין אַ סך קיניגרייכן האָט מער פון אַ פערטל פון דער ערד געהערט צו קלעריקאַלן אייגנטום. ביז דעמאָלט האָבן די רוימישע גייסט-לעכע געמעגט חתונה האָבן; נאָר איצט, כדי אָפּצורייסן די גייסטלעכע ענדגילטיק פון דער וועלט און צו מאַכן זיי פולקום פאַר געציי‌ג פון דער קירך, האָט מען זיי אַלעמען פאַרבאָטן חתונה צו האָבן...

גרעגאָר VII האָט ניט געקאָנט געבן קיין ענטפער אויף דער ערשטער ווענדונג פון ביזאַנץ, מחמת ער איז געווען נאָך פאַר-נומען מיט זיין קאַמף פאַר דער אינוועסטיטור; נאָר ער האָט איבערגע-לאָזט אַ גלייכן יורש נאָך זיך אין אורבאַן II (1088 — 1099). אַז אַלעקסיוס בריוו איז אַריינגעקומען צו אים אין האַנט, האָט ער תיכף אָנגעכאַפּט זיך פאַר דער געלעגנהייט, וואָס ער גיט אויף

צונויפצוציען אַלע געדאַנקען און כוחות פון מערב־איראָפּע אויף איין פאַרלאַנג און אויף איין צוועק. דערביי האָט ער געקאָנט האָפן צו פאַרענדיקן זיין אייגענעם פריוואַטן קריג און געפינען אַ פּאַסיקן אויסגאַנג פאַר דער אָנמאָסיקער ענערגיע פון די נאָרמאַנען. חוץ דעם, האָט ער געזען אַ געלעגנהייט אָפּצושטופן אָן אַ זייט די ביזאַנטישע מלוכה און די ביזאַנטישע קירך און אויסצושפּרייטן די השפּעה פון דער לאַטיינישער קירך איבער סיריע, פּאַלעסטינע און עגיפּטן.

אַלעקסיוסעס שלוחים זיינען אויסגעהערט געוואָרן אויף אַ קירכן־פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן האַסטיק אין פּיאַטשענצאַ, און מיט אַ יאָר שפּעטער (1095) האָט אורבאַן אָפּגעהאַלטן אין קלערמאָן אַ גרויסן קירכן־קאָנציל, וואו גאָר די פאַוואָליע אָנגעקליבענע קראַפט פון דער קירך איז געוואָרן אָרגאַניזירט צוליב אַן אַלגעמיינער קריגס־פּראָפּאַגאַנדע קעגן די מוסלמענער. עס האָבן באַדאַרפט אויפהערן אַלע פּריוואַטע מלחמות, אַלע מלחמות צווישן קריסטן, ביז די אומגלויביקע וועלן זיין אָפּגעטריבן און דער אָרט פון הייליקן קבר וועט זיך ווידער געפינען אין די הענט פון קריסטן.

די היציקייט פון דעם ענטפער גיט אונז די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין, וואָסער גרויסער שעפערישע אָרגאַניזיר־אַרבעט עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין מערב־איראָפּע אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. אין אָנהייב זיבעטן יאָרהונדערט האָבן מיר געזען מערב־איראָפּע ווי אַ כאַאָס פון סאָציאַלע און פּאָליטישע ברעקלעך, אָן אַ שום אַלגעמיינער אידעע אָדער האָפענונג, אַ סיסטעם צעריבן כמעט אויף שטויב פון יחידים, וואָס האָבן קיין זאַך ניט אין זינען חוץ זייער אייגענעם נפש — איצט, סוף עלפטער יאָרהונדערט, איז אומעטום פאַראַן אַן אַלגעמיינער גלויבן, אַ פאַרבינדנדיקע אידעע, וואָס מענטשן גיבן זיך אָפּ צו איר, וואָס דורך איר קאָנען זיי אַרבעטן צוזאַמען אין אַ שותּפישער אונטערנעמונג. מיר ווערן געוואָר, אַז ניט געקוקט אויף אַ סך שוואַכע זייטן, אויף דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, האָט די קריסטלעכע קירך דאָך *געווירקט*. מיט דער מאָס פון דעם פאַקט זיינען מיר אין שטאַנד צו מעסטן די מיאוסע מעשים פון רוים פון צענטן יאָרהונדערט, די סקאַנדאַלן, די זנות, די מערדערייען און געוואַלד־מעשים לויט זייער אמתן ווערט. עס איז

אויך קיין ספק ניט, אַז אין גאַנצן קריסטנטום זיינען געווען אַ סך פּוילע, שלעכטע און נאַרישע גלחים, נאָר עס איז קלאָר, אַז אָט די אויפגאַבע פון אויסבילדן און קאָאָרדינירן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן, האָט געקאָנט ווערן אויסגעפירט נאָר דורך אַ גרויסער צאָל גייסטלעכע און מאָנאַכן און מנישקעס, וואָס האָבן געפירט אַ רעכטשאַפן לעבן. עס האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט אַ נייע און גרעסערע אַמפּיקטיאָניע, די אַמפּיקטיאָניע פון קריסטנטום, און זי איז געוואָרן אויסגעבויט דורך טויזנטער אַנאָנימע גלויביקע לעבנס.

און דער דאָזיקער ענטפער אויף אורבאַן IIנס רוף האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט די וואָס מען קאָן אָנרופן געבילדעטע מענטשן. ניט נאָר ריטערס און פירשטן זיינען געווען גרייט צו גיין מיטן קרייץ=צוג. זייט ביי זייט מיט דער פיגור פון אורבאַן מוזן מיר אַוועקשטעלן די פיגור פון פעטער דעם מתבודד, אַ נייער טיפּ פאַר אייראָפּע, אַ מין אָנצוהערעניש אויף די אַלטע יידישע נביאים. דער דאָזיקער מענטש איז אַרומגעגאַנגען און גערופן צום קרייץ=צוג דאָס געמיינע פאָלק. ער האָט דערציילט אַ געשיכטע — צי אַ ריכטיקע צי ניט, איז ניט באַזונדערס וויכטיק אין דעם צוזאַמענהאַנג — ווי אַזוי ער איז געגאַנגען קיין ירושלים, ווי אַזוי די סעלדזשוקישע טערקן האָבן צעשטערט און איזדעקעוועט זיך איבערן הייליקן קבר — זיי האָבן איינגענומען ירושלים אַרום 1075 (געגוי איז די כראָנאָלאָגיע פון דעם פעריאָד נאָך ניט איינגעשטעלט), און ווי אַזוי זיי פּייניקן און מאַטערן מיט אכזריות די קריסטלעכע עולי רגל, וואָס גייען צו די הייליקע ערטער. באָרוועס, אָנגעטאָן אין אַ גראָבן בגד, רייטנדיק אויף אַן אייזל, מיט אַ גרויסן קרייץ אין האַנט, איז דער דאָזיקער מענטש דורכגעגאַנגען פראַנקרייך אין דייטשלאַנד און אומעטום האָט ער געהאַלטן רעדעס פאַר גרויסע מאַסן אין קירך אָדער אויפן גאַס און מאַרק.

דאָ געפינען מיר צום ערשטן מאָל אייראָפּע מיט אַ אידעע און אַ נשמה! דאָ האָבן מיר אַן אַלגעמיינעם ענטפער פון צאָרן אויף אַ געשיכטע וועגן אָפּגעטאָנע עוולות אין דער וייטנס, אַ גרינג פאַרשטענדעניש פאַר אַ זאַך, וואָס פאַרנעמט רייך און אָרעם. מען קאָן זיך ניט אויסמעלן, אַז אַזוינס זאָל האָבן געטראָפן אין דער אימפּע=

ריע פון אויגוסטוס קיסר אָדער, בכלל, אין וואָסער עס איז פריערדיקער סטאַדיע פון דער מענטשלעכער געשיכטע. עפּעס פון דעם מין איז אפשר געווען מעגלעך אין דער אַ סך קלענערער וועלט פון העלאַס אָדער אין אַראַביע פאַרן איסלאַם. נאָר די דאָזיקע באַוועגונג האָט אויפגערודערט פעלקער, קיניגרייכן, אומות און לשונות. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט עפּעס נייס, וואָס איז געקומען אין דער וועלט, אַ נייע קלאָרע שייכות צווישן די אינטערעסן פון אַ כּלל מיטן באַוואוסט פון דעם געמיינעם מאַן.

---

11. די קרייץ־צוגן.

גאָר פון אָנהייב איז די דאָזיקע ברענענדיקע התלהבות געווען אויסגעמישט מיט נידעריקערע עלעמענטן. געווען דאָ דער קאַלטער און אויסגערעכנטער פּלאַן פון דער כּבוד־זוכערישער לאַטייניישער קירך אונטערטעניק צו מאַכן די ביזאַנטישע קירך און צו פאַרגעמען איר אָרט; געווען די רויבערישע אינסטינקטן פון די נאָרמאַנען, וואָס האָבן געריסן איטאַליע אויף שטיקער און וואָס זיינען געווען מוכן ומזומן זיך צו ווענדן צו אַ נייער און רייכערער וועלט, וואו מען האָט געקאָנט כאַפּן זאַקרויב; און געווען עפּעס אין דער מאַסע, וואָס האָט איצט געווענדט זיי קיין מזרח, עפּעס אַזוינס, וואָס שטעקט טיפער אין דער מענטשלעכער טבע ווי ליבע, — דאָס איז שנאה, געבאָרן פון שרעק, וואָס די פלאַם־פייערדיקע רופן פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן און די גוזמאדיקע מעשיות וועגן דער אכזריות און רשעות פון די אומגלויביקע האָבן פונאַנדערגעבלאָזן אין אַ פלאַם.

עס זיינען געווען נאָך אַנדערע כּוחות. די פאַנאַטישע סעלדזשוקן און פאַטימידן זיינען איצט געלעגן ווי אַ מחיצה, ניט דורכצוגיין צווישן דעם מזרחדיקן האַנדל פון גענואַ און ווענעציע, וואָס האָט ביז אַהער געבליט דורך אַלעפּאָ און באַגדאַד אָדער דורך עגיפּטן. זיי האָבן געמוזט איבער געוואַלד עפענען די דאָזיקע פאַרמאַכטע קאַנאַלן, זיסט וואָלטן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דער וועג פון שווארצן ים געקאָנט מאָנאָפּאָליזירן דעם מזרחדיקן האַנדל. חוץ דעם, איז אין די יאָרן 1094 און



א ראָמאַנישע באַזיליקע אין װעראָנע (איטאַליע), איבערגעבױט אין יאָר 1139. לינקס איז פּיפּינס טורעם; רעכטס אַ גלאָקן־טורעם פון 11טן ביז 12טן י״ה.

1095 געווען אַ פּעסט און אַ הונגער פון דער שעלדע ביז בּעמען, און עס איז געווען אַ גרויסע סאָציאַלע דעואָרגאַניזאַציע.

„קיין חידוש ניט, זאָגט מר. ערנסט פּאַרקער, אַז עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטראָם פון עמיגראַציע קיין מזרח, אַזוי ווי עס וואָלט ביי היינטיקע צייטן זיך איינגעשטעלט צו ניי אַנטדעקטע גאָלד־פעלדער — אַ שטראָם וואָס האָט געטראָגן אין זיינע טריבע כוואַליעס אַ סך אַרויסגעשטופּטע, אַנטיסאָציאַלע עלעמענטן, אַנזעצעס, אַנטלאָפענע מאָנאַכן און לייבאייגענע פויערים, און אָט די גאַנצע בונטע געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער זעלביקער לעבנס־דאָרשטיקייט, מיט דעם זעלביקן בייט פון רייכקייט און בעטלעריי, וואָס דערמיט צייכנט זיך אויס די אויסוואַנדערונג צו אַ גאָלד־פעלד היינטיקן טאָג".

נאָר דאָס זיינען געווען סעקונדערע, טפלדיקע סיבות. פאַרן היסטאָריקער פון דער מענטשהייט באַשטייט דער הויפּט־אינטערעס אין דעם דאָזיקן ווילן צום קרייץ־צוג, וואָס האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט ווי אַ כּוח צו ברענגען אין באַוועגונג מאַסן מענטשן.

די געשיכטע פון די קרייץ־צוגן איז רייך מיט אַזעלכע ראָמאַנטישע און מאַלערישע פּרטים, אַז דער שרייבער פון אַ „קאָנטור פון דער געשיכטע" מוז זיך שטאַרק איינצאַמען אויף דעם דאָזיקן שטאַרק צוציענדיקן געביט. די ערשטע חילות, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיין מזרח, זיינען געווען גרויסע מאַסן ניט־דיסציפּלינירטע מענטשן, וואָס מען קאָן זיי גאָרניט רופן אַרמייען; זיי האָבן געזוכט אַ וועג דורך דעם טאָל פון דונאַי און פון דאָרט קיין דרום־זייט אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס איז געווען דער „קרייץ־צוג פון פאָלק". קיין מאָל אין דער וועלט־געשיכטע איז ניט געווען קיין ענלעך בילד, ווי די דאָזיקע מאַסן מענטשן, פּאַקטיש אָן אַ פירער, וואָס זיינען געוואָרן באַוועגט דורך אַ אידעע. אַ אידעע איז דאָס געווען זייער אַ רויע. ווי נאָר זיי זיינען געקומען צווישן פרעמדלענדישע, האָבן זיי קענטיק ניט אויסגעמעלט זיך, אַז זיי זיינען נאָך ניט צווישן די אומגלויביקע. צוויי גרויסע באַנדעס, דער אַוואַנגאַרד פון דער עקספּעדיציע, האָבן אָנגעטאָן אַזעלכע שאָדנס אין אונגאַרן, וואו זיי האָבן די שפּראַך ניט פאַרשטאַנען, אַז די אונגאַרן האָבן געמוזט אַרויסטרעטן קעגן זיי.

זיי האָבן זיי פּשוט אויסגעקוילעט. אַ דריטע באַנדע האָט אָנגעהויבן מיט אַ יידישן פּאָגראָם אין ריינלאַנד — וואָרעם דאָס קריסטלעכע בלוט האָט זיך צעקאָכט — און די דאָזיקע באַנדע איז אויך געוואָרן צעטריבן אין אונגאַרן. צוויי אַנדערע באַנדעס אונטער פּעטער זיינען דורכגעקומען און האָבן דערגרייכט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צום וואונדער און צום שרעק פון קיסר אַלעקסיוס. וואו זיי זיינען געקומען, האָבן זיי גערויבט און אָנגעטאָן היזקות, און צולעצט האָט ער זיי געלאָזט אַריבערפירן אויף שיפן אַריבער דעם באָספאָר, און די סעלדזשוקן האָבן זיי אויסגעקוילעט (1096).

נאָך אָט דעם אומגליקלעכן ערשטן אַרויסטריט פון „פאָלק" אין דער מאָדערנער געשיכטע פון איראָפּע זיינען אין יאָר 1097 אַרויסגעטראָטן די אָרגאַניזירטע חיילות פון דעם ערשטן קרייץ־צוג. זיי זיינען געקומען אויף פאַרשיידענע וועגן פון פראַנקרייך, נאָרמאַנדיע, פלאַנדערן, ענגלאַנד, דרום־איטאַליע און סיציליע, און דער ווילן און די מאַכט צווישן זיי זיינען געווען די נאָרמאַנען. זיי זיינען אַריבער דעם באָספאָר און האָבן איינגענומען ניקעאַ, וואָס אַלעקסיוס האָט ביי זיי צוגעכאַפּט, איידער זיי האָבן געקאָנט זי אויסרויבן.

זיי האָבן מאַרשירט ווייטער, אויף דעם וועג פון אלכסנדר דעם גרויסן, דורך דעם קיליקישן טויער, געלאָזט די טערקן אין קאָניאַ ניט באַזיגט, פאַרביי דעם שלאַכט־פעלד פון איסוס, און אַזוי ביז אַנטיוכאַ, וואָס זיי האָבן איינגענומען נאָך אַ באַלעגערונג פון כמעט אַ יאָר דערנאָך האָבן זיי צעקלאַפּט אַ גרויסע הילפס־אַרמיי, וואָס איז געקומען פון מאָסול.

אַ גרויסער טייל פון די קרייץ־פאָרערס איז געבליבן אין אַנ־טיוכיא, אַ קלענערער חייל אונטער גאָטפריד פון בוליאָן (אין בעל־גיע) איז אַוועק קיין ירושלים. „נאָך אַ באַלעגערונג פון עטוואָס וויניקער פון אַ חודש איז די שטאָט געוואָרן ענדגילטיק איינגענומען (15 יולי 1099). די שחיטה איז געווען אַ מוראדיקע; דאָס בלוט פון די באַ־זיגטע האָט געפלאָסן אין די גאַסן, אַזוי אַז מענטשן זיינען רייטנדיק פאַרשפריצט געוואָרן מיט בלוט. אַז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זיי־נען די קרייץ־פאָרערס, „כליפּענדיק פאַר פרייד", געקומען צום קבר פון זייער מרעטן דעם ווין־קעלטער און האָבן צונויפגעלייגט זייערע

פאַרבלוטיקטע הענט צו אַ תּפילה. אַזוי האָט זיך אין יענעם יולי-טאָג געענדיקט דער ערשטער קרייץ-צוג"*.

די מאַכט פון דעם פּאַטריאַרך פון ירושלים האָט באַלד פאַר-כאַפּט די לאַטיינישע גייסטלעכקייט, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט דער אַרמיי, און די אַרטאָדאָקסע קריסטן האָבן זיך געשפּירט גיכער אין אַן ערגערער לאַגע אונטער דער לאַטיינישער ממשלה, איידער אונ-טער די טערקן. לאַטיינישע פירשטנטימער האָבן זיך שוין אײַנגעפעס-טיקט אין אַנטיוכיא און עדעסאַ, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קאַמפן פאַר מאַכט צווישן די פאַרשיידענע הויפן און מלכים און אַ ניט-גע-ראָטענער פּרווו איז געמאַכט געוואָרן צו מאַכן ירושלים פאַרן אייגנ-טום פון פויפּס. אָבער דאָס זיינען פּרטים, וואָס מיר קאָנען דאָ ניט באַטראַכטן.

נאָר מיר וועלן ציטירן אַ כאַראַקטעריסטישן אויסצוג פון גי-באָנען:

„אין אַ סטיל ווינציקער ערנסט ווי דער סטיל פון געשיכטע וואָלט איך אפשר צוגעגלייכט דעם קיסר אַלעקסיוס צו אַ שאַקאַל, וואָס, ווערליך מען זאָגט, גייט ער נאָך די פוס-טריט פון לייב, כּדי אויפצופרעסן די רעשטן וואָס ער לאָזט. וואָסערע שרעק און מי ער האָט אויך געהאַט בעתן דורכגיין פון ערשטן קרייץ-צוג, נאָר ער האָט גע-קראָגן רייך פאַרגיטיקט דורך די נוצן, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון עקספּלואַטירן די פראַנקען. זיין פלינקייט און וואַכעוודיקייט האָט פאַרזיכערט זייער ערשטע באַצווינגונג פון ניקעאַ, און מחמת ער האָט געהאַלטן אָט דעם פונקט, זיינען די טערקן געצוואונגען געוואָרן צוריקצוציען זיך פון דער שכנות פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

„בעת די קרייץ-פאָרערס האָבן מיט בלינדער מאַכט זיך אַריינגעריסן אין די אינעווייניקסטע מדינות פון אַזיע, האָבן די פלינקע גריכן אויסגענוצט די גינסטיקע געלעגנהייט, וואָס די עמירן פון די ים-ברע-געס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן צו די פאָנעס פון סולטאַן. די טערקן זיינען געוואָרן פאַרטריבן פון די אינזלען ראָדאָס און כיאָס; די שטאָט עפעסוס און סמירנע, סאַרדעס, פילאַדעלפיע און לאַאָדי-

ע. באַרקער, אַרטיקל „קרייץ-צוגן" אין „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ".

קעאַ זיינען ווידער פאַראייניקט געוואָרן מיט דער אימפעריע, און אַלעקסיוס האָט אויסגעברייטערט אירע גרענעצן פון העלעספּאָנט ביז צו די ברעגעס פון טייך מעאַנדער און ביז די פּעלזיקע ברעגעס פון פּאַמפיליע. די קירכן האָבן געקראָגן צוריק זייער גלאַנץ; די שטעט



זיינען געוואָרן ווידער אויפגעבויט און פאַרפעסטיקט, און דאָס וויסטע לאַנד איז באַזעצט געוואָרן פון קאָלאָניעס קריסטן, וואָס זיינען אַריבער־געפירט געוואָרן פון די ווייטערע און געפערלעכע גרענעץ־געגנטן.

„מחמת די דאָזיקע זאָרג פאַר זיין מלוכה מעגן מיר מוחל זיין אַלעקסיוסן, אויב מיר פאַרגעסן די באַפרייונג פון דעם הייליקן קבר. נאָר די לאַטיינער האָבן אים באַשולדיקט אין בגידה און אָפּטרעטן

פון אָפּרייד. זיי האָבן געהאַט צוגעשוואָרן געטריישאַפט און אונטערטעניקייט צו זיין טרוין; ער אָבער האָט געהאַט צוגעזאָגט צו העלפן זייער אונטערנעמונג פערזענלעך אָדער לכל־הפחות מיט זיינע חיילות און אוצרות. זיין געמיינער צוריקטריט האָט זיי באַפרייט פון זייער התחייבות; און די שווערד, וואָס איז געווען דער געצייג פון זייער ניצחון, איז געוואָרן די ערבות און רעכטס־טיטל פון זייער אומאָפּהענגיקייט. עס האָט ניט דעם פנים, אַז דער קיסר זאָל האָבן געפּרווט אויפצופרישן זיינע פאַרעלטערטע זכיות אויפן קיניגרייך פון ירושלים, אָבער די ברעגעס פון קיליקיע און סיריע זיינען נאָך געווען ניט לאַנג אין זיין רשות און מער צוטריטלעך פאַר זיין געווער. די גרויסע אַרמיי פון די קרייץ־פאָרערס איז געוואָרן פאַרלענדט אָדער צעטריבן. דאָס פירשטנטום אַנטיוכיא איז געבליבן אָן אַ פירער, ווייל באָהעמונד איז געוואָרן אומגעריכט גענומען געפאַנגען; זיין אויסקויף האָט אים באַשווערט מיט אַ גרויסן חוב, און זיין נאָרמאַנישער חייל איז ניט געווען אין שטאַנד אָפּצושטופן די אָנפאַלן פון די טערקן און גריכן.

„אין דער דאָזיקער ביטערער לאַגע האָט באָהעמונד אָנגענומען דעם גרויסמוטיקן באַשלוס איבערצולאָזן די פאַרטיידיקונג פון אַנטיוכיא אויף זיין קרוב, דעם געטרייען טאַנקרעד, צו באַוואָפענען דעם מערב קעגן דער ביזאַנטישער אימפּעריע און אויסצופירן, אויף אַזאַ אופן, די אויפגאַבע, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער גיסקאַר. אויפן שיף האָט ער זיך געזעצט בשתיקה; אויב מיר זאָלן גלויבן אַ דערציילונג פון דער פרינצעסין אַנאַ, איז ער אַריבערגעפאָרן דעם פיינדלעכן ים באַהאַלטן אין אַ טרומנע (אַנאַ קאָמנענאַ איז מוסיף, אַז בכדי צו מאַכן פאַר פול די ענלעכקייט, האָט מען אים פאַרמאַכט צוזאַמען מיטן אַ טויטן האָן; און זי דריקט נאָך אויס איר פאַרוואונדערונג, ווי אַזוי האָט דאָס דער באַרבאַר געקאָנט אויסהאַלטן די איינשליסונג און דעם שלעכטן ריח. די לאַטיינער ווייסן גאָרניט פון דער נאַרישער מעשה). נאָר אין פראַנקרייך האָט דער עולם אים אויפגענומען מיט כבוד, און ער האָט חתונה געהאַט מיטן קיניגס טאָכטער. צוריק איז ער געקומען מיט אַ גרויסער מאַכט וואָרעם די מוטיקסטע העלדן האָבן געוואָלט קעמפן אונטער זיין אויסגעפּרוווטער קאָמאַנדע. ער איז אַריבער דעם אַדריאַטישן ים בראש פון פינף

טויזנט רייטערס און פערציק טויזנט פוסגייער, צונויפגעקליבן פון די ווייטסטע לענדער פון אייראָפּע. נאָך זיינע האָפענונגען צו באַזיגן די ביזאַנטישע אימפעריע האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט: דוראַצאָ איז געווען אַ צו שטאַרקע פעסטונג, אַלעקסיוס האָט געפירט אַ קלוגע פּאָליטיק, און דער הונגער און דאָס אָנקומען פון ווינטער האָבן שטאַרק געשאָדט זיין חיל. זיינע פאַרבינדעטע האָט דער קיסר באַוויזן אונטער=צוקויפן און אָפּצוציען פון אים. אַ שלום=אָפּמאַך האָט מבטל גע=ווען אַלע שרעקנס פון די גריכן".

מיר האָבן דערציילט באריכות מכוח דעם ערשטן קרייץ=צוג, וואָרעם ער ווייזט אַרויס דעם כאַראַקטער פון אַלע די דאָזיקע עקספּע=דיציעס. די ווירקלעכקייט פון דעם קאַמף צווישן דער לאַטיינישער און דער ביזאַנטישער סיסטעם איז געוואָרן אַלץ מער אָפענער. אין יאָר 1101 זיינען געקומען פאַרשטאַרקונגען, וואָס אין זיי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דער פלאָט פון די האַנדלס=רעפּובליקן ווענעציע און גענואַ, און די מאַכט פון קיניגרייך ירושלים איז געוואָרן אויסגעברייטערט.

דאָס יאָר 1147 האָט געזען אַ צווייטן קרייץ=צוג, וואָס אין אים האָבן גענומען אַן אָנטייל דער קיסר קאָנראַד III און קיניג לודוויג פון פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַן אַ סך מער גרויסאַרטיקע און אַ סך ווינציקער געראָטענע און ווינציקער ענטוזיאַסטישע עקספּעדיציע, ווי דער ערשטער קרייץ=צוג. ער איז געוואָרן אַרויסגערופן דורך דעם, וואָס עדעסאַ איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון מוסלמענער אין יאָר 1144. אַ גרויסע אָפּטיילונג דייטשן, אָנשטאָט צו גיין אין הייליקן לאַנד, איז אָנגעפאַלן אויף די נאָך היידנישע ווענדן אין מזרח=זייט פון דער עלבע און האָט זיי אונטערטעניק געמאַכט. מיטן הסכם פון דעם פּויפּס איז דאָס גערעכנט געוואָרן פאַר אַ קרייץ=צוג; דאָס געמעלטע האָט אויך געגאָלטן די איינגעמונג פון ליסאַבאָן און די גרינדונג פון אַ קריסטלעכן קיניגרייך פּאָרטוגאַל דורך פלעמישע און ענגלישע חיילות.

אין יאָר 1169 איז אַ קורדישער אַוואַנטוריסט מיטן נאָמען סאַלאַדין געוואָרן דער רעגירער פון עגיפּטן, און די סוניטישע סעקטע האָט דאָרט אַרויסגעשטופּט די שייִטישע כופרים. דער דאָזיקער

סאַלאַדין האָט פאַראייניקט די כוחות פון עגיפּטן און באַגדאַד און האָט געפּריידיקט אַ דשיהאַד אָדער אַ הייליקן קריג פון אַלע מוסלימס



א מאנוסקריפּט פון 13טן יאָרהונדערט מיט א בילד, ווי אזוי לעאָפּאָלד הערצאָג פון עסטרייך נעמט געפאנגען ריטשארד לייבן-הארץ, בעת ער קומט צוריק פון דריטן קרייץ-צוג. איצט אין בריטישן מוזיי.

קעגן די קריסטן. דער דאָזיקער דזשיהאַד האָט אויפגעוועקט אין איסלאַם כּמעט אַזאַ געפיל, ווי דער ערשטער קרייץ-צוג צווישן קריסטן. עס איז געווען אַ קרייץ-צוג קעגן אַ קרייץ-צוג; און אין יאָר 1187 האָבן די מוסלמענער ווידער אָפּגענומען ירושלים.

דאָס האָט אַרויסגערופן דעם דריטן קרייץ-צוג (1189). דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג, אויסגעפּלאַנעוועט אין איינעם פון קיסר פרידריך I (באַוואוסט אונטערן נאָמען פרידריך באַרבאַראָסאַ), דעם קיניג פון פראַנקרייך און דעם קיניג פון ענגלאַנד (וואָס צו אים האָבן געהערט עטלעכע פון די שענסטע פראַנצויזישע פּראָווינצן). דער פּויפּס האָט געשפּילט אַ טפל-ראָלע אין דער דאָזיקער עקספּע-דיציע: עס איז געווען איינער פון די מאָמענטן, ווען דאָס פּויפּסטום איז געווען שוואַך. דער דאָזיקער קרייץ-צוג איז געווען דער הויפּישסטער, ריטערלעכסטער און ראָמאַנטישסטער פון אַלע. די רעליגיעזע פאַרבי-טערטקייט איז געווען באַזונפטיקט דורך דער אידעע פון ריטערלעכער גאַלאַנטקייט, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט ביידע, סיי סאַלאַדין און סיי ריטשאַרד I (1189 — 1199) פון ענגלאַנד (ריטשאַרד לייבן-האַרץ). דער ליבהאָבער פון ראָמאַנטיק וועט געפינען אין די ראָמאַנען מכּוח יענער צייט גענוג שטאָף פאַר זיין גוסט. דער קרייץ-צוג האָט געראַטעוועט אויף אַ צייט דאָס פירשטנטום אַנטיוכיא, נאָר ירושלים האָט ער ניט געקאָנט צוריק אָפּנעמען. דערפאַר איז געבליבן אין מאַכט פון די קריסטן דאָס ברעג-לאַנד פון פּאַלעסטינע.

פאַר דער צייט פון דריטן קרייץ-צוג איז דאָס מאַגישע און וואונדערפולע איינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון די דאָזיקע באַ-וועגונגען. דאָס געמיינע פאָלק האָט שוין געהאַט געפונען דעם סוד. מענטשן זיינען געגאַנגען אַהין, אָבער געקומען צו שלעפּן זיך צוריק זיינען נאָר מלכים און אַדל-לייט; אי דאָס אָפטמאָל נאָר נאָך אַ שווערן אויסקויף.

די אידעע פון די קרייץ-צוגן איז געוואָרן וואָלוול, ווייל זיי זיינען געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך. שוין צו אָפט האָט מען געמאַכט קרייץ-צוגן. ווען נאָר דער פּויפּס האָט געהאַט אַ סיכסוך מיט עמעצן אָדער ווען ער האָט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם געפערלעכן כּוח פון אַ קיסר דורך פאַרנעמען אים אין ווייטע עקספּעדיציעס, פלעגט ער

רופן צו אַ קרייץ־צוג, ביז דאָס וואָרט האָט אויפגעהערט צו באַטייטן עפּעס אַנדערש ווי אַ פּרווו צוצוגעבן אַ טעם צו אַ מלחמה, וואָס מען האָט פאַר איר ניט געפונען קיין בעסערן. געווען אַ קרייץ־צוג קעגן די כופרים אין דרום־פראַנקרייך, קעגן קיניג יאָהאַן פון ענגלאַנד, קעגן קיסר פרידריך II. די פּויפּסן האָבן ניט פאַרשטאַנען צו שאַנעווען די ווערדע פון פּויפּסטום. זיי האָבן געהאַט דערגרייכט צו אַ מאָראַלישער מאַכט אין קריסטנטום. נאָר תיכּף האָבן זיי אָנגעהויבן פּטרן זי. לא די וואָס זיי האָבן וואָלוול געמאַכט די אידעע פון די קרייץ־צוגן, נייערט זיי האָבן אויך געמאַכט צו שפּאָט זייער מוראדיקן כּוח פון עקסקאָמוניקאַציע, חרם, פון אויסשליסן קריסטן פון די סאַקראַמענטן, האָפענונגען און טרייסטונגען פון דער רעליגיע, — מחמת זיי האָבן דאָס אויסגענוצט אין פּשוטע סיכסוכים. קעגן פרידריך II איז ניט נאָר געוואָרן אויסגערופן אַ קרייץ־צוג, נייערט ער איז אויך געוואָרן אַריינגעלייגט אין חרם — אָן זיעם אַז עס זאָל אים האָבן פאַרשאַדט. נאָך אַמאָל האָט מען אים עקסקאָמוניצירט אין יאָר 1239, און דער דאָזיקער פּסק־דין איז באַנייט געוואָרן דורך דעם פּויפּס אינאָקענטי IV אין יאָר 1245.

דער הויפּט־חייל פון פערטן קרייץ־צוג האָט קיין מאָל ניט דערגרייכט צום הייליקן לאַנד. זיי זיינען אָפּגעשוואומען פון ווענעציע (1202), האָבן איינגענומען זאַראַ, געלעגערט זיך ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1203), און סוף־כּל־סוף אין יאָר 1204 האָבן זיי געשטורעמט די שטאָט. דאָס איז געווען בפירוש אַ קאָמבינירטער אָנפאַל אויף דער ביזאַנטישער אימפּעריע. ווענעציע האָט צוגענומען אַ סך פון די ברעגלענדער און אינזלען פון דער דאָזיקער אימפּעריע, און אַ לאַטיינער, באַלדווין פון פלאַנדריע, איז געוואָרן אַוועקגעזעצט פאַר אַ קיסר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס איז געוואָרן דערקלערט, אַז די לאַטיינישע און די גריכישע קירך זיינען ווידער פאַראייניקט, און לאַטיינישע קיסרים האָבן רעגירט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווי באַצווינגערס פון 1204 און 1261.

אין יאָר 1212 האָט געטראָפן אַ מוראדיקע זאַך, אַ קרייץ־צוג פון קינדער. אַן אויפרעגונג, וואָס האָט מער ניט געקאָנט פאַרטשעפּען געזונטע דערוואַקסענע מענטשן, האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן קינ־

דער אין דרום=פֿראַנקרייך און אין ראָנע=טאָל. אַ המון פֿון אַ סך טויזנטער פּראַנצויזישע יינגלעך האָבּן מאַרשירט קיין מאַרסעל; דאָרט האָבּן שקלאַפֿן=הענדלער זיי אַרויפֿגענאַרט אויף שיפֿן, אַוועקגעפֿירט זיי קיין עגיפּטן און פֿאַרקויפֿט אין שקלאַפֿעריי. די קינדער פֿון ריינלאַנד האָבּן אַריבּערגעוואַנדערט קיין איטאַליע, אַ סך זיינען אומגעקומען אין וועג, און די איבּעריקע האָבּן זיך צעשפּרייט.

פֿון אָט די מאָדנע עסקים האָט פּויפּס אינאָקענטי III אַרויסגעשלאָגן גרויס קאַפּיטאַל. „די קינדער אַליין פֿאַרשעמען אונז“, האָט ער געזאָגט און האָט געזוכט אויפֿצובּלאָזן דעם ענטוזיאַזם פֿאַר אַ פֿינפֿטן קרייץ=צוג. דער דאָזיקער קרייץ=צוג האָט געהאַט דעם צוועק איינצונעמען עגיפּטן, וואָרעם ירושלים איז געווען אין דער מאַכט פֿון אַן עגיפּטישן סולטאַן. דער איינציקער אָרט, וואָס זיי האָבּן איינגענומען, איז געווען דאַמיעטאַ, נאָר שפּעטער האָבּן זיי געמוזט די שטאָט פֿאַרלאָזן, און אין יאָר 1221 זיינען די רעשטן פֿון דער אַרמיי געקומען צוריק, און ווי אַ טרייסט פֿון דער מפּלה האָבּן זיי מיטגעבּראַכט מיט זיך די ירושלימער שטיקער פֿון דעם „אמתן קרייץ“. מיר האָבּן שוין דערציילט וועגן די פֿריערדיקע טרעפֿעניש פֿון אָט דער פֿאַרערטער רעליקוויע פֿאַר מוכאַמעדס צייטן, ווען כּוזרו II האָט זי אַוועקגעפֿירט קיין קטעסיפֿאָן און הערַאַקליוס האָט זי געבּראַכט צוריק. שטיקער פֿון דעם אמתן קרייץ זיינען שוין געווען אין אַ רוימישער קירך זינט דער צייט פֿון דער קיסרין העלענע (דער מוטער פֿון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן), וואָס די לעגענדע דערציילט, אַז בעת זי איז געווען אויף איר עולה=רגל=רייזע אין הייליקן לאַנד, האָט זי אין חלום געזען דעם אָרט, וואו ער איז געווען באַהאַלטן.

„דאָס היטן דעם „אמתן קרייץ“, זאָגט גיבּאָן, וואָס פֿלעגט דעם זונטאָג פֿון פּאַסכאַ ווערן פֿייערלעך באַוויזן דעם פֿאָלק, איז געווען אָנגעטרויט דעם בּיסקופּ פֿון ירושלים, און ער אַליין האָט געקאָנט באַפֿרידיקן די פֿרומע תּשוקה פֿון די עולי=רגל מיט קליינע שטיקלעך קרייץ, וואָס ער פֿלעגט זיי געבּן, און זיי פֿלעגן אים אָפּצאָלן דערפֿאַר מיט גאָלד אָדער טייערע שטיינער און אַוועקטראָגן די הייליקע מתּנה מיט שמחה אין זייערע לענדער. אָבּער היות ווי אָט דער ריווחדיקער האַנדלס=צווייג וואָלט דאָך גיך געקאָנט בּטל ווערן, האָט מען געפֿונען

פאַר פּאַסיק אָנצונעמען, אַז אָט דאָס וואונדערפולע האַלץ האָט די באַהאַלטענע טבע צו וואַקסן, און אַז הגם מען ברעכט פון דעם אָפּ כסדר שטיקער, בלייבט עס דאָך אינגאַנצן ניט גערירט".

דער זעקסטער קרייץ־צוג (1228) איז געווען אַ קרייץ־צוג, וואָס האָט געגרענעצט מיט אַבסורדקייט. דער קיסר פרידריך II האָט געהאַט צוגעזאָגט צו גיין אויף אַ קרייץ־צוג און האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון אויסצופירן זיין צוזאָג. ער האָט מכלומרשט געמאַכט אַן אָנהייב און איז באַלד געקומען צוריק. מסתמא איז אים דער עצם געדאַנק פון אַ קרייץ־צוג דערעסן געוואָרן. נאָר דער צוזאָג איז געווען אַ טייל פון

חורבות פון די מויערן פון אשקלון (פּאַלעסטינע). מסתמא פון דער צייט פון ערשטן קרייץ־צוג.

דעם עסק, וואָס ער האָט זיך דערביי פאַרזיכערט די אונטערשטיצונג פון פּויפּס אינאָקענטי III אין זיין וואַל פאַר אַ קיסר. ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין רעאָרגאַניזירן די רעגירונג פון זיין סיציליאַנישן קיניגרייך, הגם ער האָט געהאַט געגעבן דעם פּויפּס צו פאַרשטיין, אַז ער וועט דאָס דאָזיקע לאַנד פאַרלאָזן, אויב ער וועט ווערן קיסר. און דער פּויפּס האָט שטאַרק חשק געהאַט אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן קאָנסילידיר־פּראָצעס, און מחמת דעם האָט ער וואָס גיכער אים געוואָלט אויסריכטן אין הייליקן לאַנד אַריין. דער פּויפּס האָט ניט געוואָלט האָבן ניט פרידריך II ניט קיין אַנדער דייטשן קיסר אין איטאַליע, ווארעם ער

אַליין האָט געוואָלט רעגירן איבער איטאַליע. היות ווי פרידריך II האָט זיך אַלץ אַרויסגעמאַכט, האָט גרעגאָר IX אים אַריינגעלייגט אין חרם, פּראָקלאַמירט אַ קרייץ־צוג קעגן אים און איז אָנגעפאַלן אויף זיין געביט אין איטאַליע (1228). דערויף איז דער קיסר אָפּגעזעגלט אין הייליקן לאַנד אַריין. דאָרט האָט ער געהאַט אַ צונויפשטויס מיטן סולטאַן פון עגיפּטן (דער קיסר האָט גערעדט פריי זעקס שפּראַכן, דערין אויך אַראַביש). עס ווייזט אויס, אַז די צוויי האַרן, ביידע סקעפּטיקער, האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן, האָבן אַרומגערעדט דעם מצב פון פּויפּס אין אַ וועלטלעכן גייסט, אַרומגעקלערט די באַוועגונג פון די מאָנגאָלן קיין מערב, וואָס איז געווען אַ סכּנה פאַר ביידן גלייך, און האָבן צולעצט געשלאָסן אַ האַנדלס־אָפּמאַך און אָפּגערעדט, אַז אַ טייל פון קיניגרייך ירושלים זאָל זיין אונטערטעניק פרידריכן.



די שטאָט רמלה אין יהודה ביים מיטללענדישן ים. די האַפן־שטאָט פון די קרייץ־פאָרערס.

דאָס איז, באמת, געווען אַ נייער קרייץ־צוג, אַ קרייץ־צוג דורך אַ פּריוואַטן אָפּמאַך. היות ווי דער דאָזיקער חידושדיקער קרייץ־צוג איז דאָך געווען אין חרם, האָט ער געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ ריין וועלטלעכער קרוינונג אין ירושלים, די קרוין האָט ער געמוזט נעמען

מיט דער אייגענער האַנט פון אַלטאַר אין אַ קירך, וואָס אַלע גייסט־לעכע זיינען געווען פון איר אַרויסגעגאַנגען. מסתּמא איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל אים ווייזן די הייליקע ערטער. און זיי זיינען טאַקע גע־לעגן אונטער אַ פאַרבאָט מצד דעם פּאַטריאַרך פון ירושלים און זיינען געווען אָפּגעשלאָסן. עס איז באַשיימפּערלעך געווען גאָר אַן אַנדער זאַך ווי דער פייערדיקער שטורעם פון ערשטן קרייץ־צוג. עס האָט אַפילו ניט געהאַט די שטריכן פון פריינדלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי דער באַזוך פון כאַליף אָמאַר מיט זעקס הונדערט יאָר פריער.

פרידריך II איז אַרומגעריטן איבער ירושלים איינער אַליין, האָט זיך אומגעקערט פון זיין אומראָמאַנטישן קריגסמאַרש קיין איטאַליע, זייער גיך געבראַכט אין אָרדענונג דאָרט די געשעפטן, פאַרטריבן די פּויפּסלעכע אַרמייען פון זיין געביט און געצוואונגען דעם פּויפּס אָראָפּ־צונעמען פון אים דעם חרם (1230). דער זעקסטער קרייץ־צוג איז געווען, באמת, אַ באַווייז פון דער אָבסורדקייט ניט נאָר פון די קרייץ־צוגן, נייערט אויך פון די פּויפּסלעכע עקסקאָמוניקאַציעס. וועגן דעם דאָזיקן פרידריך II וועלן מיר דערציילן מער אין אַ ווייטערדיקן פּאַ־ראַגראַף, וואָרעם ער איז געווען זייער טיפּיש פאַר געוויסע נייע כוחות, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די ענינים פון אייראָפּע.

די קריסטן האָבן ווידער אָנגעוואָרן ירושלים אין יאָר 1244. דער סולטאַן פון עגיפּטן האָט זי ביי זיי אָפּגענומען זייער גרינג, בעת זיי האָבן געפּרווט אָנהייבן אַן אינטריגע קעגן אים. דאָס האָט אַרויסגע־רופן דעם זיבעטן קרייץ־צוג, דעם קרייץ־צוג פון הייליקן לודוויג, קיניג פון פראַנקרייך (לודוויג IX), וואָס איז געוואָרן גענומען געוואָרן גע־פאַנגען אין עגיפּטן און אויסגעקויפט אין יאָר 1250. איצט איז שוין ירושלים ביז 1918, ווען זי איז איינגענומען געוואָרן דורך די געמישטע פראַנצויזישע, בריטישע און אינדישע חיילות, ניט אַרויסגעקומען מער פון אונטער דער מוסלימישער ממשלה...

עס בלייבט צו פאַרצייכענען נאָר איין קרייץ־צוג, אַן עקספּע־דיציע קיין טוניס פון דעם זעלביקן לודוויג IX, וואָס איז דאָרט גע־שטאָרבן פון היץ־קרענק.

12. די קרייץ-צוגן אַ פרוּווּשטיין פאַרן קריסטנטום.

דער הויפט-אינטערעס פון די קרייץ-צוגן פאַר דעם היסטאָריקער פון דער מענטשהייט באַשטייט אין דער כוואַליע פון עמאָציעס, אין די אחדות-געפילן, וואָס האָבן באַלעבט דעם ערשטן קרייץ-צוג. דערנאָך זיינען די דאָזיקע עקספּעדיציעס געוואָרן אַלץ מער און מער אַן אײַנגעשטעלטער פּראָצעס און אַלץ ווינציקער און ווינציקער לעבעדיקע געשעענישן. דער ערשטער קרייץ-צוג איז געווען אַזאַ טרעפעניש, ווי די אַנטדעקונג פון אַמעריקע; די לעצטע זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער ווי אַ געוויינטלעכע נסיעה איבערן אַטלאַנטישן ים. אין עלפטן יאָרהונדערט האָט די אידעע פון קרייץ-צוג באַדאַרפט זיין ווי אַן אויסטערליש און הפלאדיק ליכט אין הימל-געוועלב; אין דרייצנטן יאָרהונדערט קאָן מען זיך אויסמעלן ערלעכע בירגער, וואָס שמועסן אין מאָן פון אַ פּראָטעסט: „וואָס! ווידער אַמאָל אַ קרייץ-צוג?!“

דאָס וואָס דער הייליקער לודוויג איז אָפּגעקומען אין עגיפּטן, איז ניט געווען קיין נייע זאַך פאַר דער מענטשהייט; נאָר עס איז געווען אַ שפּיל אויף אַ געוויינטן פּלאַץ, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פאַרן שפּילער. עס איז געווען אַ ריי געשעענישן, וואָס האָבן קיין באַטייט ניט. דער אינטערעס פון לעבן האָט זיך אַריבערגערוקט ערגעץ וואו אַנדערש.

דער אָנהייב פון די קרייץ-צוגן באַווייזט גאַנץ אייראָפּע אָנגעזועטיקט מיט אַ נאַיוון קריסטנטום, גרייט נאָכצוגיין דעם פּויפּס פירונג אין געטרייישאַפט און פשטות. די סקאַנדאַלן פון דעם לאַטעראַן אין די שלעכטע צייטן, וואָס מיר קאָנען זיי איצט גוט, זיינען פּאַקטיש ניט געווען באַוואוסט אויסערהאַלב פון רוים. און גרעגאָר VII און אורבאַן II האָבן דאָס אַלץ פאַרריכט. אָבער אינטעלעקטועל און מאָראַליש זיינען זייערע יורשים אין לאַטעראַן און שפּעטער אין וואַטיקאַן* ניט געווען ביכולת אויסצופירן די גרויסע אויפגאַבע, וואָס

* די פּויפּסן האָבן געוואוינט אין פּאַלאַץ פון לאַטעראַן ביז 1309, ווען אַ פראַנצויזישער פּויפּס האָט איינגעשטעלט דעם פּויפּסלעכן הויף אין אַוויניאָן. אַז דער פּויפּס האָט אין יאָר 1377 זיך אומגעקערט קיין רוים, איז דער לאַטעראַן געווען כמעט אין חורבות, און דער פּאַלאַץ פון וואַטיקאַן איז געוואָרן דער זיץ פון פּויפּסלעכן הויף. צווישן אַנדערע זיינע מעלות איז געווען דאָס, וואָס ער איז אַ סך נעענטער צו דער פּויפּסלעכער פעסטונג, דעם שלאָס ס"ט אַנדזשעלאָ.

איז זיי געשטעלט געווען. דער כח פון פויפסטום איז געלעגן אין דעם גלויבן, וואָס מענטשן האָבן אין דעם געהאַט, און עס האָט דעם דאָזיקן גלויבן אויסגענוצט אַזוי אומפּאָרזיכטיק, אַז עס האָט אים אָפּגעשוואַכט. רוים האָט שטענדיק געהאַט מער פון דעם כהנס דורכגעטריבנקייט, ווי פון דעם נביאס מאַכט. אַזוי אַז בעת דער עלפטער יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פון אומווויסנדיקע און גוטרויפולע מענטשן, איז דער דרייצנטער יאָרהונדערט געווען אַ צייט פון וויסנדיקע מענטשן, וואָס יעדער אילוזיע האָט זיך ביי זיי געהאַט געפעלט. עס איז געווען אַן אַ סך מער ציוויליזירטע און טיף סקעפּטישע וועלט.

די בישאָפן, גייסטלעכע און קלויסטער־אינסטיטוציעס פון לאַטיינישן קריסטנטום זיינען פאַר גרעגאָר VIIנס צייטן געווען אפשר ווינציקער פאַרבונדן צווישן אַנאַנד און זייער פאַרשיידן אין זייערע מעלות. אָבער עס איז קלאָר, אַז בדרך כלל זיינען זיי געווען נאָענט פאַרבונדן מיטן פאָלק, וואָס צווישן דעם האָבן זיי זיך געפונען, און אין זיי האָט נאָך געלעבט אַ סך פון ישוס גייסט. מען האָט געהאַט צו זיי צוטרוי, און זיי האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקן כח אויף דעם געוויסן פון זייערע מאמינים. די קירך איז, אין פאַרגלייך מיט איר צושטאַנד פון שפּעטער, געווען מער אין די הענט פון די אָרטיקע איינוואוינער און פון די אָרטיקע מושלים; זי האָט נאָך ניט געהאַט איר שפּעטערדיקע אוניווערסאַלקייט.

גרעגאָר VII האָט פעסטער אַרומגענומען די אָרגאַניזאַציע פון דער קירך, און דורכדעם געשטאַרקט די צענטראַלע מאַכט פון רוים, ער האָט אָבער צעריסן אַ סך צאַרטע פעדעם צווישן גייסטלעכן און קלויסטער פון איין זייט און צווישן דער לאַנד־באַפעלקערונג פון דער אַנדערער. מענער פון גלויבן און וויסן גלויבן אין דעם מאָראַלישן וואוקס פון זייערע מיטמענטשן; נאָר כהנים, אפילו אַזעלכע כהנים ווי גרעגאָר VII, גלויבן אין דער כלומרשטער פעולה פון אַן אַרויפגעלייגטער דיסציפּלין. דער סיכסוך מכוח די אינוועסטיטורעס האָט ביי איטלעכן קריסטלעכן פירשט געוועקט חשד קעגן די בישאָפן, ווי אַגענטן פון אַ פרעמדער מאַכט; דער דאָזיקער חשד האָט זיך דורכגעזאַפּט ביז צו די פּאַראַפיעס. צוליב די פּאָליטישע אונטערנעמונגען פון פויפסטום איז געוואָרן אַלץ מער נייטיק געלט. שוין אין דרייצנטן יאָרהונדערט

פֿלעגט מען ריידן אומעטום, אַז די גלחים זיינען ניט קיין גוטע מענטשן, אַז זיי זיינען צופֿיל להוט נאָך געלט.

אין די צייטן פֿון אומוויסנדהייט איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע גרייטשאַפֿט צו גלויבן, אַז די קאַטוילישע גייסטלעכקייט איז גוט און קלוג. זי איז טאַקע געווען לפֿי-ערך בעסער און קליגער אין יענע צייטן. חוץ אירע גייסטלעכע פֿונקציעס, זיינען אָנגעטרויט געווען דער קירך



דער קבר פֿון סאַלאַדין, סולטאַן פֿון עגיפּטן, וואָס האָט אין יאָר 1187 אָפּגענומען ירושלים ביי די קרייץ-פֿאָרערס.

אַ גרויסע מאַכט און אויסערגעוויינטלעכע פּריוויילעגיעס. דער דאָזיקער צוטרוי איז געוואָרן אויסגענוצט אין דער פֿולסטער מאָס. אין מיטעלעלטער איז די קירך געוואָרן אַ מלוכה אין אַ מלוכה. זי האָט געהאַט אירע אייגענע געריכטן; פֿאַר אָט די גייסטלעכע געריכטן פֿלעגן קומען פּראָצעסן ניט נאָר פֿון גייסטלעכע, נייערט אויך פֿון מאָנאַכן, סטודענטן, קרייץ-פֿאָרערס, אלמנות, יתומים און אומבאַשיצטע; און וואו נאָר עס האָט געהאַט אַ שייכות צו וואָסערע קירכלעכע מנהגים אָדער דינים,

האט די קירך געפאדערט די יוריסדיקציע איבער אזעלכע ענינים ווי צוואות, חתונות, שבועות, און, פארשטייט זיך, איבער אפיקורסות, בישוף-מאכעריי און חילול-הקודש. עס זיינען געווען א סך גייסטלעכע תפיסות, וואו בעל-עבירות פלעגן זיך פייניקן גאר זייער לעבן. דער פויפס איז געווען דער העכסטער געזעצגעבער אין קריסטנטום, און זיין הויף אין רוים דאס העכסטע און לעצטע אפעלאציע-געריכט. און די קירך פלעגט מאנען אפצאלן; זי האט ניט נאר געהאט גרויסע נחלאות און רייכע הכנסות פון אונטערנעמונגען, נייערט זי האט אויך ארויפגעלייגט אן אפצאל, מעשר, אויף אירע אונטערטאנען. זי האט דאס ניט געהאלטן פאר א פרומער צדקה-גאב, נאר זי האט דאס בפירוש געמאנט ווי א מוז-זאך. פון דער אנדער זייט, האט די גייסטלעכקייט פארלאנגט, מען זאל זי באפרייען פון צו צאלן שטייערן דער וועלטלעכער מאכט.

דער דאזיקער פרווו צו האנדלען מיט איר (אייגנטימלעכער ווערדע און ארויסצומאכן זיך פון צו נעמען אן אנטייל אין טראגן די שטייערן-משא איז געווים געווען א חשובער פאקטאר אין דער וואקסנדיקער אומצופרידנקייט מיט דער גייסטלעכקייט. חוץ דער פראגע פון גערעכטיקייט, איז דאס געווען אומפאליטיש. דאס האט געמאכט פאר די, וואס האבן יא געמוזט צאלן שטייערן, אז זיי האט זיך די משא אויסגעדוכט צען מאל אזוי שווער ווי זי איז געווען אין דער אמתן. דאס האט געבראכט דערצו, אז איטלעכער האט געפילט, אז די קירך האט פריווילעגיעס.

נאך א מער משונהדיקע און ניט קיין חכמהדיקע פרעטענזיע פון דער קירך איז געווען די פרעטענזיע, אז זי פארמאגט דעם כוח פון ד י ס פ ע נ ז א צ י ע. דאס הייסט, אז דער פויפס מעג אין איינציקע פאלן מבטל זיין די געזעצן פון דער קירך: ער מעג דערלויבן שוועסטערקינדער חתונה צו האבן, ער מעג מתיר זיין א מאן צו האבן צוויי ווייבער, ער מעג באפרייען פון א נדר. טאן אבער אזעלכע זאכן הייסט מודה זיין, אז די געהעריקע געזעצן זיינען ניט געגרינדעט אויף נויטווענדיקייט און אינעווייניקסטער גערעכטיקייט, אז מען קאן זיי פאקטיש באגרענעצן און עובר זיין אויף זיי. דער געזעצגעבער אליין וואלט בעצם באדארפט זיין דער גרעסטער פאלגער פון געזעץ. ער האט מער ווי

אַלע מענטשן באַדאַרפט זיך אויפפירן אַזוי, ווי דאָס געזעץ זאָל פאַר אים זיין אַ חוב. אָבער דאָס איז די אַלגעמיינע שוואַכקייט פון מענטשן, אַז דאָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין אונזער רשות, ריידן מיר זיך איין, אַז דאָס איז אונזער אייגנס.

---

13. קיסר פרידריך II.

דער קיסר פרידריך II איז אַ זייער פאַסיקער מוסטער פאַר דעם מין סקעפּטיקער און מורד, וואָס דער דרייצנטער יאָרהונדערט האָט געקאָנט אַרויסברענגען. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערציילן אַ ביסל וועגן אָט דעם אינטעליגענטן און ציניש מענטשן. ער איז געווען דער זון פון דייטשן קיסר הענריך VI און אַן אייניקל פון פרידריך באַרבאַראָסאַ, און זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון ראָזשער דעם נאָרמאַנישן קיניג פון סיציליע. ער האָט געירשנט דאָס דאָזיקע קיניגרייך אין יאָר 1198, בעת ער איז אַלט געווען פיר יאָר; זיין מוטער איז געווען זיין אפּיטרופּוס אין משך פון פיר חדשים, און אַז זי איז געשטאָרבן, איז דער פּויפּס אינאָקענטי III (1198 ביז 1216) געוואָרן דער רעגירער און דער אַפּיטרופּוס.

ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געקראָגן אַן אויסנאַמלעך גוטע און מערקווערדיק געמישטע דערציִונג, און פאַר זיינע השלמות האָט ער געקראָגן דעם בכבודיקן צונאָמען „סטופּאָר מונדי“, דער חידוש פון דער וועלט. דאָס וואָס ער האָט געקראָגן אַן אַראַבישן קוק אויף קריסטנטום און אַ קריסטלעכן קוק אויפן איסלאַם, האָט אים געבראַכט צו דער מיינונג, אַז אַלע רעליגיעס זיינען אָפּנאַרעריי, אַ קוק, וואָס בשתיקה האָבן זיך געהאַלטן פאַר אים אַ סך אַכטגעבער אין דער „תקופה פון גלויבן“. ער אָבער פלעגט זיינע מיינונגען אַרויסזאָגן; זיינע לעסטערונגען און זיינע אפּיקורסישע ווערטלעך זיינען פאַרשריבן.

אויסגעוואַקסן אונטער דער עזותדיקער רעגירונג פון אינאָקענטי III, וואָס האָט משמעות קיין מאָל ניט אײַנגעזען, אַז זיין האָדעוואַניק איז שוין געקומען אין די יאָרן, האָט ער אַנטוויקלט אַ מין גרינג הומאָריסטישן שטריך אין זיין האַלטונג. די פּאָליטיק פון

פּויפּסטום איז געווען ניט צו דערלאָזן, עס זאָל זיך פון דאָס ניי פאַראייניקן די מאַכט פון דייטשלאַנד און איטאַליע, און עס איז צוגלייך געווען פרידריכס באַשטימונג צו נעמען וואָס ער קאָן. אַז עס האָט זיך אים געמאַכט די געלעגנהייט צו קריגן די קיסרלעכע קרוין פון דייטשלאַנד, האָט ער זיך געזיכערט דעם פּויפּס אונטערשטיצונג דורך דעם, וואָס ער האָט מסכים געווען, אין פאַל ווען ער וועט ווערן אויסגעקליבן, צו פאַרלאָזן זיינע לענדער אין סיציליע און דרום-איטאַליע און צו דערשטיקן די כפירה אין דייטשלאַנד. אינאָקענטי III איז געווען איינער פון די פּויפּסן, וואָס האָט שטאַרק געקעמפּט קעגן כפירה, אַ פעיִקער, פאַרכאַפּערישער און אַגרעסיווער מענטש. (פאַר אַ פּויפּס איז ער געווען אויסשליסלעך יונג. ער איז געוואָרן פּויפּס צו זיבן און דרייסיק יאָר). דאָס האָט אינאָקענטי געפּריידיקט אַ בלוטיקן קרייץ-צוג קעגן די סעקטירער אין דרום-פראַנקרייך, אַ קרייץ-צוג, וואָס איז צולעצט איבערגעגאַנגען אין אַ רויב עקספּעדיציע, וואָס ער האָט שוין אויף איר קיין שליטה ניט געהאַט.

ווייבאַלד פרידריך איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַר אַ קיסר (1212), האָט אינאָקענטי גענומען פאָדערן פון אים, ער זאָל מקיים זיין די צוזאָגן און נדרים, וואָס ער האָט געהאַט געצוואונגען זיין סקעפּטישן האָדעוואַניק צו געבן. די גייסטלעכקייט האָט באַדאַרפט ווערן באַפרייט פון דער וועלטלעכער יוריסדיקציע און פון צאָלן שטייערן, און מען האָט באַדאַרפט די כופרים באַשטראָפן אַזוי, זיי זאָלן האָבן צו געדענקען. פרידריך האָט קיין איינע פון די זאַכן ניט געטאָן. ווי מיר האָבן שוין דערציילט, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט פאַרלאָזן סיציליע. ער האָט מער ליב געהאַט סיציליע ווי אַ רעזידענץ, איידער דייטשלאַנד.

אינאָקענטי III איז געשטאָרבן אין יאָר 1216 אַן אָפּגענאַרטער, און זיין יורש, האָנאָריוס III, האָט גאָרנישט ניט אויסגעפירט. אינאָקענטי III האָט פרידריכן ניט געקרוינט, האָנאָריוס האָט דאָס יאָ געטאָן אין יאָר 1220. נאָך האָנאָריוסן איז געוואָרן פּויפּס גרעגאָר IX (1227), וואָס איז קענטיק געקומען צום פּויפּסטלעכן טראָן מיטן נערוועזן באַשלוס קליין-צו-קריגן דעם עזותדיקן יונגן קיסר. ער האָט אים טאַקע באַלד אַריינגעלייגט אין חרם דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געהאַלטן וואָרט און איז ניט אַוועק אין אַ קרייץ-צוג,

ווי ער האָט געהאַט צוגעזאָגט מיט צוועלף יאָר צוריק, און האָט פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, וואו ער האָט אַרויסגעשטעלט אַלע זיינע זינד און זיין כפרה, און זיינע שלעכטע מעשים פאַר דער וועלט (1227). דערויף האָט פרידריך געענטפערט מיט אַן אַ סך שאַרפערן דאָקומענט, וואָס ער האָט אָדער אַליין געשריבן אָדער געלאָזן אָנשרייבן, געווענדט צו אַלע פירשטן פון אייראָפּע, אַ דאָקומענט פון דער העכסטער וויכטיקייט אין דער געשיכטע, וואָרעם ער איז די ערשטע קלאָרע פאָרמולירונג פון דעם קאַמף צווישן די פרעטענזיעס פון פויפס צו זיין דער אַבסאָלוטער הערשער פון גאָר דעם קריסטנטום און די פאָדערונגען פון די וועלטלעכע רעגירערס. דער קאָנפליקט האָט שטענדיק געטליעט: ער פלעגט אויסברעכן אַמאָל אין דער פאָרם, אַמאָל אין יענער; נאָר איצט האָט פרידריך דאָס אויסגעלייגט אין קלאָרע אַלגעמיינע הנחות, וואָס מענטשן האָבן איצט געקאָנט זיי אַרומקלערן און באַטראַכטן צוזאַמען.

דערלאַנגט דעם דאָזיקן קלאַפּ, איז ער אַוועק אויף זיין פרידלעכן קרייץ=צוג, וואָס וועגן אים האָבן מיר שוין דערציילט. אין יאָר 1239 האָט גרעגאָר IX אים אַריינגעלייגט אין חרם צום צווייטן מאָל און באַנייט יענע עפנטלעכע פאָלעמיק, וואָס אין איר האָט דאָס פויפסטום שוין געהאַט שטאַרק געליטן. נאָך גרעגאָר IXנס טויט, אַז אינאָקענטי IV איז געוואָרן פויפס, האָט זיך די מחלוקת ווידער אָנגעהויבן; און ווידער האָט פרידריך אָנגעשריבן קעגן דער קירך אַ צעשמעטערנדיקן בריוו, וואָס מענטשן זיינען אים געווען געצוואונגען צו פאַרגעדענקען. ער האָט אויפגעוואָרפן די גאווה און די אירדעליגיאָזיטעט פון דער גייסטלעכקייט, אַלע שלעכטע מידות און פאַרדאַרבעניש פון דער צייט שטאַמען, לויט זיין מיינונג, פון איר עזותקייט און להוטקייט נאָך רייכטום. ער האָט פאָרגעלייגט אַלע פירשטן פון אייראָפּע צו קאָנפיסקירן אומעטום דאָס אייגנטום פון דער קירך — צוליב דער טובה פון דער קירך גופא. דאָס איז געווען אַ פאָרשלאָג, וואָס איז שוין קיינמאָל מער ניט אַרויס פון זינען פון די אייראָפּעישע פירשטן.

מיר וועלן דאָ ניט דערציילן וועגן זיינע לעצטע יאָרן אָדער וועגן די צרות וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון זיין אָפּגעלאָזנקייט, וואָס וואַרפט

אַ שאָטן אויף זיינע לעצטע טעג. די באַזונדערע געשעענישן פֿון זיין לעבֿן זיינען אַ סך ווינציקער אינטערעסאַנט, ווי די אַלגעמיינע אַטמאָספֿערע. עס איז מעגלעך עפּעס צונויפֿצושטוקעווען וועגן זיין הויפֿלעבֿן אין סיציליע. ער ווערט געשילדערט צום סוף פֿון זיין לעבֿן ווי „רויט, פֿליכעדיק און קורצזיכטיק"; נאָר זיינע שטריכן זיינען געווען גוט און אָנגענעם. ער איז געווען אויסבֿרענגעריש אין זיין שטייגער לעבֿן און האָט ליב געהאַט שיינע זאַכן. ער ווערט געשילדערט ווי אַ ניבֿול־פּהניק. נאָר עס איז קלאָר, אַז זיין גייסט איז ניט געווען באַפֿרידיקט מיטן רעליגיעזן סקעפּטיציזם, און אַז ער האָט געזוכט און געפֿאָרשט נאָך עפּעס אַן אמת. ער האָט צונויפֿגעקליבן ביי זיין הויף יידישע און מוסלימישע פֿילאָסאָפֿן אַזוי גוט ווי קריסטלעכע און האָט אַ סך געטאָן אויף צו באַפֿרוכפֿערן דעם איטאַליענישן גייסט מיט סאַראַצענישע השפּעות. דורך אים זיינען אַראַבֿישע ציפֿער און אַלגעבֿרע געוואָרן איינגעפֿירט פֿאַר קריסטלעכע געלערנטע, און צווישן אַנדערע פֿילאָסאָפֿן איז געווען ביי זיין הויף מיכאל סקאָט, וואָס האָט איבערגעזעצט טיילן פֿון אַריסטאָטעלעס און די פּירושים דערויף פֿון דעם גרויסן אַראַבֿישן פֿילאָסאָף אַווערראָעס (פֿון קאָרדאָווע).

אין יאָר 1224 האָט פֿרידריך געגרינדעט דעם אוניווערסיטעט פֿון נעאַפּאָל און האָט פֿאַרבֿרייטערט און באַרייכערט די גרויסע מעדיצינישע שול פֿון סאַלערנער אוניווערסיטעט, וואָס איז דער עלטסטער פֿון אַלע אוניווערסיטעטן. ער האָט אויך געגרינדעט אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ בוך וועגן פֿאַלקן־געיעג, וואָס באַווייזט, אַז ער איז געווען אַ שאַרפֿער אַכטגעבער אויפֿן לעבנס־שטייגער פֿון פֿייגלען. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע איטאַליענער, וואָס האָבן געשריבֿן איטאַליענישע פֿערזן. די איטאַליענישע פּאָעזיע איז טאַקע געבאָרן געוואָרן ביי זיין הויף. איינער אַ פֿעיִקער שרייבער האָט אים אָנגערופֿן „דער ערשטער פֿון די מאָדערנע" און דער דאָזיקער אויסדרוק באַצייכנט גראָטן דעם פֿאַקט, וואָס בנוגע דער אינטעלעקטועלער זייט איז ער געווען פֿריי פֿון פֿאָראורטיילן. ער איז אַרום און אַרום געווען אַן אָריגינעלער מענטש. בעת ער איז איינמאָל געווען קנאַפּ אין געלד, האָט ער דורכגעפֿירט מיט הצלחה אַ מין מטבע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ געשטעמפּלט שטיק לעדער אָדער פּאַרמעט, וואו עס

אן אילומינירטער כתב-יד פון די עוואנגעליעס אין לאטייניש. געשריבן
אין ענגלאנד אנהייב 11טער י״ה. איצט אין בריטישן מוזיי.

איז געווען אַ צוזאָג אויסצובייטן דאָס אויף גאָלד, אַ מין אַרויסלאָז פֿון לעדערנע אַסיגנאַציעס. ער האָט אַזוי אַרום באַנייט אַ מטבעות-סיסטעם, וואָס די וועלט האָט אַזעלכע ניט געזען זינט די טעג פֿון קאַרטאַגאָ.

ניט געקוקט אויף דעם שטראָם פֿון באַליידיקונג און רכילות, וואָס מיט אים איז פֿרידריך געוואָרן פֿאַרפּלייצט, האָט ער איבערגעלאָזט אַ טיפֿן רושם אויף דער פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק. ער ווערט נאָך איצט דערמאָנט אין דרום-איטאַליע, כמעט אַזוי לעבעדיק ווי נאַפּאָלעאָן I ווערט דערמאָנט פֿון די פֿראַנצויזישע דאָרפֿס-לייט; ער איז דע- „גראַן פֿרעדעריגאָ“ (גרויסער פֿרידריך). און דייטשע געלערנטע האַלטן, אַז ניט געקוקט דערויף וואָס פֿרידריך האָט בפֿירוש ניט ליב געהאַט דייטשלאַנד, איז גראָד ער, און ניט פֿרידריך I, יענער פֿרידריך באַרבאַראָסאַ, וואָס וועגן אים גייט די באַוואוסטע דייטשע לעגענדע — אַז אַ גרויסער קיסר זיצט פֿאַרזונקען אין דרעמל אין אַ טיפֿער הייל, און זיין באָרד איז אַריינגעוואַקסן אין שטיינערנעם טיש פֿאַר אים, נאָר עס וועט אָנשטיין אַ טאָג, וועט ער קומען און אַיינשטעלן שלום און אָרדענונג אויף דער ערד. שפּעטער, ווייזט אויס, איז די דאָזיקע מעשה געוואָרן אַריבערגעטראָגן אויפֿן באַרבאַראָסאַ פֿון קרייץ-צוג, אויף פֿרידריך IIנס זיידן.

פֿרידריך II איז געווען פֿאַר דער מוטער קירך אַ שווער קינד, און ער איז געווען נאָר דער ערשטער פֿון אַ סך אַזעלכע שווערע קינדער. די פֿירשטן און געבילדעטע אַדל-לייט אין גאַנץ אייראָפּע האָבן געלייענט זיינע בריוו און זיך געחקירהט איבער זיי. די מער אונטערנעמערישע געלערנטע פֿון די אוניווערסיטעטן האָבן געקראָגן, געלייענט און תופֿס געווען דעם אַראַבישן אַריסטאָטעלעס, וואָס ער האָט געמאַכט צוטריטלעך פֿאַר זיי אין לאַטייניש. סאַלערנאָ האָט געוואָרפֿן אַ טונקעלע שיין אויף רוים. אַלע מענטשן ווידער האָבן געמוזט קריגן דעם איינדרוק, אַז די חרמות און עקסקאָמוניקאַציעס, וואָס זיינען אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף פֿרידריכן, האָבן קיין שום ממשות ניט.

14. די חסרונות און באַגרענעצונגען פון פויפסטום.

מיר האָבן געזאָגט, אַז אינאָקענטי III האָט משמעות קיין מאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זיין האָרעוואַניק, פרידריך II, איז אויסגעוואַקסן. עס איז אויך אמת, אַז דאָס פויפסטום האָט קענטיק קיין מאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז איראָפּע איז אויסגעוואַקסן. אַ מאָדערנער אינטעליגענטער מענטש וואָס שטודירט געשיכטע מוז ניט אַנדערש סימפּאַטיזירן מיט דער גרונט-אידעע פון פויפסלעכן הויף, מיט דער אידעע פון אוניווערסאַלער הערשאַפט פון גערעכטיקייט, וואָס האַלט אויף שלום אויף דער ערד, און מוז מודה זיין, אַז אין דער פּאָליטיק פון לאַטעראַן זיינען געווען אַ סך עלעמענטן פון איידלקייט. פריער אָדער שפּעטער מוז די מענטשהייט קומען צו אַן אַלגעמיינעם שלום, אַניט וועט דער גאַנצער מין מענטש פאַרטיליקט ווערן דורך דעם וואַקסנדיקן כוח פון די צעשטער-מאַשינעס, וואָס ער קלערט אַליין אויס. און דער דאָזיקער אוניווערסאַלער שלום מוז ניט אַנדערש האָבן אַזאַ רעגירונג, דאָס הייסט אַ געזעץ-אונטערהאַלטנדיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז רעליגיעז אין בעסטן זין פון וואָרט, — דאָס הייסט אַ רעגירונג, וואָס רעגירט איבער מענטשן דורך דער אויסגעבילדעטער קאָאָרדינירונג פון זייערע געמיטער אין אַן אַלגעמיינעם באַגריף פון מענטשלעכער געשיכטע און מענטשלעכן גורל.

מיר מוזן מודה זיין, אַז דאָס פויפסטום איז געווען דער ערשטער באַוואוסטזיניקער פרווו צו געבן אַזאַ רעגירונג דער וועלט, ווי ערנסט מיר זאָלן אויך אויספאָרשן זיינע חסרונות, וועלן מיר אַליך ניט געגוג יוצא זיין, וואָרעם אַליך, וואָס מיר קאָגען אָפּלערנען דערפון, האָט דעם גרעסטן ווערט פאַר דער פאָרמירונג פון אונזערע אידעען וועגן אונזערע אייגענע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן. מיר האָבן געפרווט אָנצייכענען די הויפּט-פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע, און איצט באַדאַרפן מיר שטעלן דעם דיאַגנאָז, פאַרוואָס דער רוימישער קירך איז ניט געראָטן צו פאַרזיכערן און צו אָרגאַניזירן דעם גוטן ווילן פון דער מענטשהייט.

די ערשטע זאַך וואָס פאַרחידושט דעם פאָרשער איז די ניט־כּסדרדיקייט אין די אָנשטרענגונגען פון דער קירך איינצושטעלן די וועלט־מלוכה פון גאָט. די פּאָליטיק פון דער קירך איז ניט מיטן פולן האַרצן און ניט שטענדיק געווען געווענדט אויף דעם ציל. בלויז פון צייט צו צייט האָט אַ פּיינע פּערזענלעכקייט אָדער אַ גרופּע פּיינע פּערזענלעכקייטן געפירט זי אין דער ריכטונג. דאָס קיניגרייך פון גאָט, וואָס ישו פון נצרת האָט געפּריידיקט, איז געווען פאַרדעקט, ווי מיר האָבן שוין דערקלערט, פון לכתחילה אָן דורך די דאָקטרינעס און צערעמאָניעלע טראַדיציעס פון אַן עלטערער תקופה און פון אַן אינטעלעקטועל נידעריקערן טיפּ. קריסטנטום האָט כּמעט פון אָנהייב אָן אויפגעהערט צו זיין ריין נבֿיאיש און שעפעריש. עס האָט זיך אויסגעמישט מיט אַרכאַאישע טראַדיציעס פון מענטשלעכע קרבנות, מיט דער מיטראַאישער בלוט־רייניקונג, מיט דער כּהונהשאַפט, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די מענטשלעכע געזעלשאַפט, און מיט אויסגעקליגטע טעאָריעס וועגן דער מהות פון דער גאָטהייט. דער פאַרבלוטיקטער ווייזפינגער פון עטרוסקישן „פּאָנטיפעקס מאַקסימוס“ האָט פאַרשטעלט די לערנונגען פון ישו פון נצרת; דער גייסטיקער פּלאָנטער פון די אַלכּסנדרינישע גריכן האָט זיי פאַרפּלאָנטערט. אין דעם ווידעראַנאַנד פון די סותּרדיקע עלעמענטן איז די קירך געוואָרן דאָגמאַטיש. פאַרלאָרן די האָפענונג אויף אַן אַנדער פאַרענטפער פון אירע אינטעלעקטועלע סיכסוכים, האָט זי געזוכט שוין ביים אַווטאָריטעט, וואָס האָט ענדגילטיק צו פּסקענען.

אירע גייסטלעכע און בישופן זיינען אַלץ מער און מער געוואָרן מענטשן אויסגעפורעמט פאַר אַני־מאמינס און דאָגמעס און פאַר פירן צערעמאָניעס; צו דער צייט ווען זיי פלעגן ווערן קאַרדינאַלן אָדער פּויפּסן זיינען זיי געוויינטלעך שוין געווען פאַרעלטערטע מענטשן, צוגעוויינט צו אַ פּאָליטישן קאַמף פאַר נאָענטע דירעקטע צילן און ניט פעיִק מער צו אַ וועלט־ברייטן קוק. זיי האָבן שוין מער ניט באַדאַרפט האָבן, אַז גאָטס קיניגרייך זאָל ווערן איינגעפּלאַנצט אין די מענטשנס הערצער — זיי האָבן שוין וועגן דעם געהאַט פאַרגעסן. זיי האָבן שוין באַדאַרפט האָבן, אַז די מאַכט פון דער קירך, וואָס איז געווען זייער אייגענע מאַכט, זאָל געוועלטיקן איבער מענטשן. זיי זיינען געווען

גרייט אַפילו צו מאַכן פשרות מיט דער רשעות און מיט דער שרעק און מיט דער תאווה אין די מענטשנס הערצער, אַבי צו פאַרזיכערן די דאָזיקע הערשאַפט. און מסתמא דערפאַר ווייל אַ סך פון זיי זיינען בשתיקה אַליין געווען מסופק אין דער פולער ריכטיקייט פון זייער גרויסער און פאַרפלאָנטערטער דאָגמען-מאַכעריי, האָבן זיי ניט געוואָלט ליידן קיין דיסקוסיע איבער איר. זיי זיינען געווען אומטאָלעראַנט אַנטקעגן פראַגעס אָדער אַנטקעגן אַנדערע מיינונגען ניט ווייל זיי זיינען געווען זיכער אין זייער גלויבן, נאָר ווייל זיי זיינען געווען אומזיכער. זיי האָבן פאַרלאַנגט איינהייט פון מיינונגען איבער טעמים פון פאָליטיק.

שוין אין דרייצנטן יאָרהונדערט איז די קירך געווען באַשיימפערלעך קראַנקהאַפטיק ציטערדיק און באַזאָרגט מפּוח די נאָגנדיקע ספקות, וואָס האָבן געקאָנט צעשטערן דאָס גאַנצע געביי פון איר'ע פרעטענזיעס. זי האָט שוין ניט געהאַט קיין קלאָרקייט פון דער נשמה. זי האָט אומעטום זיך געיאָגט נאָך אַפיקורסישע שיטות, ווי שרעקעדיקע אַלטע פריילינס זוכן גנבים אונטער די בעטן און אין בופעט, איידער זיי לייגן זיך שלאָפן.

מיר האָבן שוין דערציילט וועגן דעם פערסישן מאַני, וואָס מען האָט אים געקרייציקט און אַראָפגעצויגן ביי אים די הויט אין יאָר 277. זיין דרך איז געווען פאָרצושטעלן דעם קאַמף צווישן גוט און בייז ווי דער קאַמף פון אַ ליכטיקן כוח, וואָס איז מורד קעגן דעם כוח פון פינסטערניש וואָס שטעקט אין דער וועלט. די דאָזיקע טיפע מיסטעריעס זיינען געווען אויסגעדריקט דורך סימבאָלן און פּאָעטישע בילדער, און די אידעעס פון מאַני געפינען אַן אָפקלאַנג אין אַ סך אינטעלעקטועלע טעמפעראַמענטן נאָך ביי היינטיקן טאָג. מען קאָן הערן מאַניכעישע דאָקטרינעס פון אַ סך קריסטלעכע קאַטעדרעס אַראָפ. נאָר דער רעכטגלויביקער קאַטוילישער סימבאָל איז אַן אַנדערער.

די דאָזיקע מאַניכעישע אידעעס האָבן זיך געהאַט שטאַרק פאַרשפרייט אין אייראָפע, בפרט אין בולגאַריע און דרום-פראַנקרייך. אין דרום-פראַנקרייך פלעגט מען רופן די מענטשן וואָס האָבן געהאַלטן פון זיי קאַטאַרן אָדער אַלביגענזער. זייערע אידעעס זיינען אַזוי ווינציק סותר געווען דעם מהות פון קריסטנטום, אַז זיי אַליין האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען געטרייע קריסטן. ווי אַ קערפערשאַפט האָבן זיי גע-

פירט אַ לעבן פון בפירושער פיינקייט און ריינקייט אינמיטן אַ גע־וואַלדטועריש, אומדיסציפּלינירטן און זינדיקן דור. נאָר זיי האָבן געשטעלט אין ספק די ריכטיקייט פון די רוימישע דאָגמעס און פון דער אָרטאָדאָקסער אײנטײטשונג פון דער ביבל. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ישו איז געווען אַ מורד קעגן דער אכזריות פון דעם גאָט פון אַלטן טעסטאַמענט, און ניט זיין זון, וואָס איז אין האַרמאָניע מיט אים.

ענג פאַרבונדן מיט די אַלביגענזער זיינען געווען די וואַלדענזער, די אָנהענגער פון אַ געוויסן וואַלדאָ, וואָס איז אין זיין טעאָלאָגיע, ווייזט אויס, געווען אַ ריכטיקער קאַטאָליק. נאָר ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער קירך, מחמת ער האָט געהאַט טענות צו דעם לוקסוס און רייכקייט פון דער גייסטלעכקייט. דאָס איז פאַרן לאַטעראַן געווען גענוג, און מיר האָבן אַזוי אַרום דאָס בילד פון אינאָקענטי III, וואָס פּריידיקט אַ קרייץ־צוג קעגן די דאָזיקע אומגליקלעכע סעקטירערס און דערלויבט צונויפצונעמען באַנדיטן און אַרומשלעפּערס, בכדי אַריינצוטראָגן פייער און שווערד און רויב און בלערליי רציחות צווישן די פרידלעכסטע אונטערטאַנען פון קיניג פון פראַנקרייך. די באַריכטן וועגן די אכזריות און מעשים־תעתועים פון דעם דאָזיקן קרייץ־צוג זיינען אַ סך שרעקלעכער צו לייענען, ווי די מעשיות וועגן די רדיפות פון די יידן אויף די קריסטן, און זיי זיינען נאָך שרעקלעכער דער־מיט, וויל זיי זיינען אָן ספק אמת.

די דאָזיקע שוואַרצע און אומרחמנותדיקע אומטאָלעראַנץ איז געווען אַ בייזער גייסט צוגעמישט צו דער פאָרשטעלונג פון גאָטס הער־שאַפט איבער דער ערד. דאָס איז געווען אַ גייסט, וואָס גייט לחלוטין קעגן גייסט פון ישו. מיר הערן ניט וועגן דעם, ער זאָל האָבן געפּאַטשט אין פּנים אָדער געדרייט אַ האַנט פון אַ ווידערשפּעניקן תלמיד. נאָר די פּויפּסן האָבן אין משך די יאָרהונדערטער פון זייער מאַכט שטענדיק געווילדעוועט קעגן דעם מינדסטן ספק אין דער אינטעלעקטועלער אויסגעהאַלטנקייט פון דער קירך.

און די אומטאָלעראַנץ פון דער קירך איז ניט געווען באַ־גרענעצט מיט רעליגיעזע ענינים. די פאַרביסענע, אָנגעבלאָזענע, כעס־דיקע און בייזגינציקע זקנים, וואָס האָבן באַשיימפּערלעך געבילדעט

אַ רוב אין די קירכן=ראַטן, האָבּן אָפּגעוואָרפן איטלעך וויסן, חוץ זייער אייגן וויסן, און האָבּן ניט געטרויט קיין איין געדאַנק, וואָס זיי זאָלן אים ניט קאָנטראָלירן און פאַרריכטן. זיי האָבּן זיך אָנגעזעצט צו באַגרענעצן וויסנשאַפט, וואָס זיי זיינען געווען בּפירוש אייפערזיכטיק צו איר. איטלעכע גייסטיקע אַקטיוויטעט, חוץ זייער אייגענע, האָט אויף זיי געמאַכט דעם אַיינדרוק, ווי זי וואָלט געווען אַ חוצפּה. שפּעטער צו האָבּן זיי געפירט אַ גרויסע מלחמה אַרום דער פראַגע וועגן דער לאַגע פון דער ערד אין רוים, און צי זי באַוועגט זיך אַרום דער זון אָדער ניט. דאָס איז אין דער אמתן לחלוטין ניט געווען דער עסק פון דער קירך. זי האָט געקאָנט גאַנץ גוט איבּערלאָזן פאַרן שכל אַלצדינג וואָס געהער צום שכל, אָבּער זי איז קענטיק געווען געטריבּן דורך אַן אינעווייניקסטער נויטווענדיקייט צו דערווייטערן דאָס אינטעלעקטועלע באַוואוסטזיין פון מענטשן.

וואָלט די דאָזיקע אומטאָלעראַנץ געשטאַמט פון אַן אמתער שטאַרקייט פון גלויבּן, וואָלט דאָס אויך געווען גענוג שלעכט, נאָר זי איז געווען באַלייט דורך אַ קוים פאַרשטעלטער פאַראַכטונג צו דער אינטעליגענץ צו דער גייסטיקער ווערדע פון געמיינעם מאַן, און דערפאַר איז זי נאָך מער דערווידער אונזער מאָדערנעם גייסט און דערפאַר איז זי אויך בּלי=ספק געווען דערווידער די פרייע גייסטער פון יענער צייט. מיר האָבּן דערציילט אָנפּניותדיק וועגן דער פּאָלעמיק פון דער רוימישער קירך לגבּי איר שוועסטער און מזרח, וואָס האָט איבּערגעלעבּט שווערע צייטן. אַ סך פון אירע גענג און מיטלען זיינען געווען מיאוס בּיז גאָר. אין איר באַגיין זיך מיטן אייגענעם פאָלק איז צו מערקן אַ שטריך פון אמתן ציניזם. זי האָט געפּטרט איר אייגענעם פרעסטיזש דורך דעם וואָס זי האָט עובר געווען אויף איר אייגענער לערנונג פון גערעכטיקייט. וועגן דיספּענזאַציעס, וואָס זיינען מבטל אין געוויסע פאַלן געזעצן, האָבּן מיר שוין גערעדט. דעם שפּיץ פון אומזיניקייט האָט זי דערגרייכט אין 16טן יאָרהונדערט דורך פאַרקויפן „אינדולגענציעס“, דאָס הייסט אַז מען האָט געקאָנט פאַר געלט זיך אויסקויפן פון די ליידן פון דער נשמה אין לייטער=גרוב פון גיהנום. נאָר דער גייסט, וואָס האָט צולעצט געפירט צו דעם דאָזיקן אומפאַרשעמטן און, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, העכסט שעדלעכן

מנהג, האָט זיך שוין געלאָזט דייטלעך מערקן אין צוועלפֿטן און דרייצנטן יאָרהונדערט.

אַ צייט פֿריער איידער די זאָט פֿון קריטיציזם, וואָס פֿרידריך II האָט פֿאַרזייט, איז אויפֿגעגאַנגען אין די מענטשנס גייסטער און האָט אַרויסגעבראַכט נויטווענדיק דעם שניט פֿון מרידה, איז אין קריסטנטום באַשיימפּערלעך געווען אַ שטאַרקער געפֿיל, אַז עס איז ניט אַלץ אין אָרדענונג אין דער גייסטיקער אַטמאָספֿערע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגונגען אין דער קירך גופֿא, וואָס האָבן אין זיך כולל געווען, אויב ניט אויסגעדריקט בפֿירוש, די קריטיק פֿון די מעטאָדן און פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער קירך. מענטשן האָבן געזוכט פֿרישע פֿאָרמען פֿון גערעכטיקייט אויף יענער זייט פֿון די קלויסטערס און פֿון דער גייסטלעכקייט.

איין מערקווערדיקע פֿיגור פֿון דעם מין איז די פֿיגור פֿון הייליקן פֿראַנציסק פֿון אַסיזי (1181 — 1226). מיר קאָנען דאָ ניט דערציילן בפּרטיות, ווי אַזוי אָט דער דאָזיקער פֿיינער יונגער אַדל־מאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע תּענוגים און גרינגקייט פֿון זיין לעבן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גאָט; דער אָנהייב פֿון זיין געשיכטע דערמאָנט אַ ביסל אָן דעם אָנהייב פֿון גאַוטאַמאַ בודאַ. אינמיטן אַ לעבן פֿון פֿאַרגעניגנס האָט ער פּלוצים זיך געגעבן אַ קער אום, געטאָן אַ נדר צו לעבן אין לעצטער אָרעמקייט און גענומען זיך נאָכטאָן קריסטוסן, צו באַדינען קראַנקע און צעקאַלעטשעטע, בפֿרט צו באַזאָרגן די מצורעים, די לעפּראַ־קראַנקע, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַ פֿולע אין איטאַליע.

צו אים זיינען צוגעשטאַנען אַ סך תּלמידים, דאָס זיינען געווען די ערשטע ברידער פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער־אָרדן. לעבן אָט דער ברודערשאַפֿט פֿון מאַנסביל איז געוואָרן געגרינדעט אַן אָרדן פֿון פֿרומע פֿרויען שוועסטער, און חוץ דעם זיינען אַ סך מענער און פֿרויען געוואָרן געבראַכט אין אַ ווינציקער פֿאָרמאַלער פֿאַרבינדונג. פֿראַנציסק האָט געפּרעדיקט, אומגעשטערט דורך די מוסלימס — זאָל דאָ זיין באַמערקט — אין עגיפּטן און פּאַלעסטינע, הגם עס איז דעמאָלט געגאַנגען דער פֿינפֿטער קרייץ־צוג. זיינע באַציִונגען צו דער קירך שטייען נאָך אונטער דיסקוסיע. זיין ווערק איז סאַנקציאָנירט געוואָרן

דורכן פּויפּס אינאָקענטי III, נאָר בעת ער איז געווען אין מזרח, איז זיין אָרדן איבערקאָנסטרויִרט געוואָרן, עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די דיסציפּלין, און אָנשטאָט דעם אייגענעם אחריותדיקן אימפּולס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער אַווטאָריטעט; מחמת די דאָזיקע שינויים האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער פירערשאַפט. ביז צום סוף האָט ער געהאַלטן מיט גאָר דעם ברען פאַר אָרעמקייט, אָבער ער איז קוים געווען געשטאָרבן, איידער זיין אָרדן האָט געהאַט אייגנטום דורך



די קאַטעדראַלע פון נאָטר דאַם אין פּאַריז, געגרינדעט 1163 און פאַרענדיקט אַרום 1240.

באַפולמעכטיקטע און האָט געבויט אַ גרויסע קירך און אַ קלויסטער צו זיין אָנדענק אין אַסיזי. די לערנונגען פון דעם אָרדן, וואָס זיינען אָנגעווענדט געוואָרן נאָך זיין טויט דורך זיינע נאָענטע חברים, האָבן שיר ניט אַרויסגערופן רדיפות קעגן זיי; אייניקע פון די צו שטאַרקע קנאים פאַר פּשוטקייט זיינען געוואָרן געקאַטעוועט, אַנדערע זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, איינער איז געוואָרן דערהרגעט, בעת ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן, און ברודער בערנ-

האַרד, דער „ערשטער תלמיד“, האָט פאַרבראַכט אַ יאָר אין וועלדער און בערג, געיאָגט ווי אַ ווילדע חיה.

אָט דער קאַמף אין פראַנציסקאַנער אָרדן איז זייער אינטערעסאַנט, מחמת ער צייכנט אָן אין פאָראויס די גרויסע מהומות, וואָס זיינען אָנגעשטאַנען שפּעטער אין קריסטנטום. אין משך פון גאַנצן דרייצנטן יאָרהונדערט זיינען אַ טייל פון די פראַנציסקאַנער ניט געווען שווה בשווה מיט דער רעגירונג פון דער קירך, און אין יאָר 1318 זיינען פיר פון זיי געוואָרן פאַרברענט לעבעדיקערהייט אין מאַרסייל ווי כופרים וואָס ווילן ניט קיין תשובה טאָן. ווי עס ווייזט אויס, איז געווען נאָר אַ קליינער חילוק צווישן די לערנונגען און דעם גייסט פון ה״ל פראַנציסק און פון יענעם וואַלדאָ אין 12טן יאָרהונדערט, וואָס האָט געגרינדעט די אויסגעהרגעטע סעקטע וואַלדענזער. ביידע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון ישו פון נצרת. נאָר פראַנציסק געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט צו זיין אַ גוט קינד פון דער קירך, פראַנציסק געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט צו זיין אַ גוט קינד פון דער קירך, ער האָט געהאַט נאָר זיין אויסטייטש פון דעם גייסט פון אָפיציעלן קריסטנטום. נאָר ביידע זיינען זיי אַ באַווייז יערפאַר, אַז עס האָט זיך דורכגעריסן אַ באַוואוסטזיין קעגן אַווטאָריטעט און קעגן דעם גע־וויינטלעכן גאַנג פון דער קירך. און עס איז קלאָר, אַז אויך אין צווייטן פאַל, פונקט ווי איז ערשטן, האָט די קירך אָנגעשמעקט מרידה.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער ווי ס״ט פראַנציסק איז געווען דער שפּאַניער ס״ט דאָמיניק (1170 — 1221), וואָס איז קודם־כל געווען רעכטגלויביק. זיין גרעסטער תענוג איז געווען צו איבערצייגן די כופרים אין דער פאַלשקייט פון זייער גלויבן. דער פויפּס אינאָקענטי III האָט אים אויפגעגעבן צו גיין און צו פריידיקן פאַר די אַלביגענזער. זיינע דרשות זיינען געזאָגט געוואָרן אין דער זעלביקער צייט, ווען עס זיינען געגאַנגען די קאַמפן און די שחיטות פון דעם קרייץ־צוג: ווען דאָמיניק האָט ניט געקאָנט באַוועגן תשובה צו טאָן, דעם האָבן אינאָקענטיס קרייץ־פאָרערס דערהרגעט. אָבער זיין ווירקונג גופא און דאָס וואָס דער פויפּס האָט אָנערקענט און אויפגעמונטערט זיין אָרדן איז אַ סימן, אַז די דרשות האָבן געקראָגן אַ באַטייט, און אַז

אַפילו דאָס פּויפּסטום גופא האָט אײַנגעזען, אַז כּוח אַליין איז ניט קיין סגולה.

אין עטלעכע פּרטים באַווייזט די אַנטוויקלונג פון די שוואַרצע ברידער אָדער דאָמיניקאַנער — די פראַנציסקאַנער זײַנען געווען די גראָע ברידער — אַז די רוימישע קירך אויפן שיידוועג האָט זיך אַליין מער און מער איבערגעגעבן אין רשות פון דער אָרגאַניזירטער דאָגמע, אַזוי אַז זי האָט ניט אַנדערש געמוזט קומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער אויפוואַכנדיקער אינטעליגענץ און מוט פון דער מענטשהייט. די קירך, וואָס איר אײנציקער חוב איז געווען צו פירן, האָט בעסער געוואָלט צווינגען. עס איז איבערגעבליבן די לעצטע דרשה פון ס"ט דאָמיניקס פאַר די כופרים, וואָס דורך איר האָט ער געפּרוּווט זיי צו באַקערן. זי איז אַ וועג-ווייזער אין דער געשיכטע. זי באַווייזט דעם באַטאַלן יאוש פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין דעם כּוח פון אמת בכלל, דערפאַר ווייל זײַן אמת האָט ניט געוואונען די איבערהאַנט.

„אין משך פון אַ סך יאָר, האָט ער געזאָגט, האָב איך אײַך אומזיסט געוועקט מיט פרײַנדלעכקייט, מיט דרשות, מיט תּפילות, מיט געוויין. נאָר לויט דעם גלייכוואָרט פון מײַן לאַנד: וואו אַ ברכה קאָן גאָרנישט אויפטאָן, דאָרט קאָנען קלעפּ ווירקן, וועלן מיר אויפהייבן קעגן אײַך פירשטן און פּרעלאַטן, וואָס וועלן, אוי ווי! באַוואָפענען פעלקער און קיניגרײַכן קעגן דאָזיקן לאַנד... און אַזוי וועלן קלעפּ ווירקן דאָרט, וואו ברכות און פרײַנדלעכקייט האָבן קיין כּוח ניט געהאַט"*.

דער דרײַצנטער יאָרהונדערט האָט געזען די אַנטוויקלונג פון אַ נײַער אינסטיטוציע אין דער קירך, דער פּויפּסטלעכער אינקוויזיציע. פריער איז געווען אַ מנהג, אַז דער פּויפּס פלעגט בײַ געלעגנהייט מאַכן אויספאָרשונגען אָדער אונטערזוכן מכּוח דער כּפירה אין דער אָדער יענער געגנט. נאָר איצט האָט דער פּויפּס אינאָקענטי III אײַנגעזען אין דעם נײַעם אָרדן דאָמיניקאַנער אַ מעכטיקן געצייג פון אונטערדריקונג. די אינקוויזיציע איז געוואָרן אָרגאַניזירט ווי אַ שטענדיק אויספאָרש-

* ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ, אַרטיקל „דאָמיניק".

געריכט אונטער זייער אָנפיר, און מיט פייער און עינויים האָט די קירך זיך גענומען שלאָגן און אָפּשוואַכן דאָס מענטשלעכע געוויסן, וואָס נאָר אויף דעם האָט זיך געגרינדעט איר האָפענונג צו באַהערשן די וועלט. פריער פאַרן דרייצנטן יאָרהונדערט איז געגעוואָרן אָנגעווענדט טויטשטראָף נאָר זעלטן בנוגע צו אפיקורסים און אומגלויביקע. איצט האָבן אויף הונדערט מאַרק-פּלעצער אין אייראָפּע די פירשטן פון דער קירך צוגעקוקט ווי עס ווערן פאַרברענט אויף קויל און אַש די קערפּערס פון זייערע קעגנער, על-פּי-רוב אָרעמע און אומבאַטייטיקע מענטשן, אָבער אין איינעם מיט דעם איז אויך זייער גרויסער מסיע צו דער מענטשהייט געוואָרן פאַרברענט צו אַש און שטויב.

די התחלות פון די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער זיינען געווען נאָר צוויי צווישן די פיל נייע כוחות, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אין קריסטנטום, אָדער צו העלפן דער קירך אָדער זי אונטערצוגראָבן, לויט ווי זייער אייגענער באַוואוסט האָט געדאַרפט באַשטימען. די דאָזיקע צוויי אָרדנס האָט די קירך אַסימילירט און אויסגענוצט, הגם בנוגע צו דעם ערשטן אַ ביסל איבערגעוואַלד. נאָר אַנדערע כוחות זיינען געווען אָפן מורדיש און קריטיש. מיט אָנדערהאַלב יאָרהונדערט שפּעטער איז געקומען וויקליף (1320 — 1384). ער איז געווען אַ געלערנטער אין אָקספאָרד און האָט פאַרנומען פאַרשיידענע פּאָסטנס אין דער קירך. שוין אויף די עלטערע יאָרן האָט ער גענומען אַרויסזאָגן בפירוש קריטישע געדאַנקען וועגן דער פאַרדאָרבנקייט פון דער גייסטלעכקייט און וועגן דעם אומוויסן אין דער קירך.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל אָרעמע גייסטלעכע, די וויקליפער, כדי צו פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען אין ענגלאַנד. און בכדי דאָס פאָלק זאָל קאָנען משפּטן צווישן דער קירך און צווישן אים, האָט ער איבערגעזעצט די ביבל אין ענגליש.

ער איז געווען מער געלערנט און אַ סך פעיִקער סיי פאַר ס"ט פראַנציסק און סיי פאַר ס"ט דאָמיניק. ער האָט געהאַט אונטערשטיצערס אין הויכע ערטער און אַ סך אָנהענגערס צווישן פאָלק. און הגם רוים האָט געווילדעוועט קעגן אים און באַפוילן אים אַריינ-

צוזעצן אין תפיסה, איז ער דאָך געשטאָרבן אַ פרייער מאַן און נאָך ווי דער גייסטלעכער פון דער פּאַראַפּיע לוטערוואָרטה.

נאָר דער שוואַרצער גייסט, וואָס האָט געפירט די קאַטוילישע קירך צו איר חורבן, האָט ניט געלאָזט רוען זיינע ביינער אין קבר. לויט אַ דעקרעט פון קאָנסטאַנצער קאָנציל אין יאָר 1415 זיינען זיינע ביינער געוואָרן אויסגעגראָבן און פאַרברענט — דאָס האָט אויסגעפירט דער בישאָף פלעמינג אין יאָר 1428 לויטן באַפעל פון פויפּס מאַרטין V. דער דאָזיקער חילול-המת איז ניט געווען דער אַקט פון אַן איינציקן פאַנאַטיקער: דאָס איז געווען אַן אָפיציעלער אַקט פון דער קירך.

---

15. אַ רשימה פון די וויכטיקסטע פויפּסן.

די געשיכטע פון פויפּסטום איז צו פאַרפּלאָנטערט פאַר אַ געוויינטלעכן לעזער, מחמת פויפּסן זיינען געווען זייער אַ פולע. על-פּי-רוב פלעגן זיי אָנהייבן רעגירן שוין זייענדיק אַלטע לייט, און זייער רעגירונג פלעגט זיין קורץ, אין דורכשניט איטלעכע ווינציקער פון צוויי יאָר.

נאָר אייניקע פויפּסן צייכענען זיך אויס צווישן די איבעריקע און גיבן דעם פאַרשער אַן אָנהאַלט אָנצונעמען. אַזעלכע זיינען געווען גרעגאָר I דער גרויסער (590 — 604), דער ערשטער פויפּס אַ מאָנאַך, דער פריינד פון בענעדיקט, דער שיקער פון דער ענגלישער מיסיע.

אַ צווייטער פויפּס, וואָס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן, איז לעאָ III (795 — 816), וואָס האָט געקרוינט קאַרל דעם גרויסן; ווייטער זיינען מערקווערדיק די סקאַנדאַליעזע פויפּסן יאָהאַן XI (931—936) און יאָהאַן XII (955 — 963), וואָס אים האָט אַראָפּגעזעצט דער קיסר אָטאָ I, און דער גרויסער הילדעבראַנד, וואָס האָט געענדיקט זיינע טעג ווי פויפּס גרעגאָר VII און וואָס האָט אַ סך אויפגעטאָן צו צענטראַליזירן די מאַכט פון דער קירך אין רוים, דורך פאַרבאָטן די גייסטלעכע חתונה צו האָבן און דורך באַשטיין אויף דער איבערהערשאַפט פון דער קירך איבער מלכים און פירשטן.

אַ גרויסער קאַמף איז געווען צווישן הילדעבראַנד און דעם אויסגעקליבענעם קיסר הענריך IV מכּוח דער פראַגע פון אינוועסטיטור. דער קיסר האָט געפּרוווט אַראָפּזעצן דעם פּויפּס; דער פּויפּס האָט דעם קיסר אַריינגעלייגט אין חרם און באַפרייט די אונטערגעגעבענע פירשטן פון זייער שבועה. איז דער קיסר געווען געצוואונגען

פּויפּס גרעגאָר VII (לויט ראַפאַעלס אַ בילד).

צו גיין צום פּויפּס קיין קאַנאָסאַ אים איבערבעטן (1077) און וואַרטן דריי טעג אויף מחילה אין הויף פון דעם שלאָס, אָנגעטאָן אין אַ זאַק און אַ באָרוועסער אין שניי. נאָר שפּעטער האָט הענריך זיך געשטאַרקט איבער דער פּויפּסלעכער מאַכט, אונטערשטיצט אַ פּולע דורך די מעכטיקע אָנפאַלן פון דעם נאָרמאַנישן אַוואַנטוריסט ראָבערט גיסקאַר.

אַ ווייטערער מערקווערדיקער פּויפּס נאָך גרעגאָר VII איז גע-
ווען אורבּאַן II (1087 — 1099), דער פּויפּס פון ערשטן קרייץ-
צוג.

דער פּעריאָד זינט דער צייט פון גרעגאָר VII און ווייטער
אין משך פון אָנדערהאַלבּן יאָרהונדערט איז געווען דער פּעריאָד, ווען
די קירך האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאַכט. דאָס איז מיט אַן אמת גע-
ווען אַ פּרווו צו פאַראייניקן דאָס גאַנצע קריסטנטום אונטער אַ
געלייטערטער און רעאָרגאַניזירטער קירך.

די גרינדונג פון לאַטיינישע קיניגרייכן אין סיריע און פּאַלעס-
טינע, רעליגיעז פאַרבּונדן מיט רוים, נאָכן ערשטן קרייץ-צוג האָט
באַצייכנט די אָנהייב-סטאַדיע פון אַ באַצווינגונג פון מזרחדיקן קריסטנ-
טום דורך רוים, וואָס האָט דערגרייכט צו איר העכסטן שפּיץ בּעת
דער רעגירונג פון די לאַטיינער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1204 —
1261).

אין יאָר 1177 האָט דער קיסר פרידריך בּאַרבּאַראָסאַ (פריד-
ריך I) אין ווענעציע געקניט פאַרן פּויפּס אלכסנדר III, אָנערקענט
זיין גייסטיקע אייבּערהערשאַפט און צוגעשוואָרן אים געטריישאַפט
ווי אַ וואַסאַל. אָבער נאָך דעם טויט פון אלכּסנדר III אין יאָר 1181
איז געוואָרן קלאָר די אייגנטימלעכע שוואַכקייט פון פּויפּסטום —
דאָס וואָס די מאַכט איז עלול אַריינצופאַלן אין די הענט פון אַלטע און
אָפּגעשוואַכטע מענטשן. אין משך פון צען יאָר זיינען פינף פּויפּסן
אַריינגעהונקען אין לאַטעראַן צו שטאַרבּן דאָרט. ערשט אינאָקענטי
III איז ווידער געווען אַ מעכטיקער פּויפּס, וואָס האָט אויפגענומען די
גרויסע פּאָליטיק פון גאָטס מלוכה.

אונטער אינאָקענטי III, דעם אַפּיטראָפּוס פון קיסר פרידריך II,
וואָס זיין געשיכטע האָבּן מיר שוין דערציילט, און די פינף פּויפּסן וואָס
נאָך אים איז דער פּויפּס פון רוים צוגעקומען צו זיין אַ מאָנאַרך פון
אַ געאייניקטן קריסטנטום נעענטער ווי ווען עס איז פריער און ווי ווען
עס איז שפּעטער. די אימפּעריע איז געווען אָפּגעשוואַכט דורך אינע-
ווייניקסטע סיכסוכים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען אין לאַטיינישע
הענט, פון בּולגאַריע בּיז אירלאַנד און פון נאָרוועגן בּיז סיציליע און
ירושלים איז דער פּויפּס געווען דער אייבּערהאַר. נאָר די אייבּער-

הערשאַפט איז געווען מער אַלפנימדיקע ווי אַן אמתע. וואָרעם, ווערליק מיר האָבן געזען, איז בעת אין אורבאַנס צייט איז דער כוח פון גלויבן געווען שטאַרק אין גאָר דער קריסטלעכער אייראָפּע, האָט אין דער צייט פון אינאָקענטי III דאָס פּויפּסטום געהאַט אָנגעוואָרן איר מאַכט איבער די הערצער פון די פירשטן און דער גלויבן און באַוואוסט פון געמיינעם פאָלק האָט זיך געווענדט קעגן אַ נאַר פּאָליטישער און אַגרעסיווער קירך.

די קירך אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָט אויסגעברייטערט איר געזעצלעכע מאַכט אין דער וועלט און גענומען פאַרלירן איר כוח איבערן מענטשלעכן געוויסן. זי איז געוואָרן ווינציקער איבער־צייגנדיק און מער געוואַלד־טוריש. קיין אינטעליגענטער מענטש קאָן ניט דערציילן וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס אָדער לייענען וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס פון ירידה אָן זייער געמישטע געפילן. די קירך האָט באַשיצט און אויסגעפורעמט אַ נייע אייראָפּע דורך לאַנגע דורות פון אייראָפּעישן חושך און כאַאָס. זי איז געווען די געבוירמוטער, וואָס אין איר איז די נייע ציוויליזאַציע געוואָרן אַריינגעזעצט. נאָר די דאָזיקע ניי אויסגעפורעמטע ציוויליזאַציע איז געווען געצוואונגען צו וואַקסן דורך דעם אייגענעם לעבנס־כוח וואָס שטעקט אין איר, און די קירך האָט ניט געהאַט גענוג כוח צו וואַקסן און זיך צוצופּאַסן. אינגיכן איז געקומען די צייט, ווען די געבוירמוטער האָט באַדאַרפט צעריסן ווערן.

דער ערשטער בפירושער סימן, אַז די לעבנס־און אויפהאַלט־כוחות פון פּויפּסטום ווערן שוואַך, ווייזט זיך אַרויס דעמאָלט, ווען די פּויפּסן זיינען געקומען צו אַ קאָנפליקט מיט דער וואַקסנ־דיקער מאַכט פון פראַנצויזישן קיניג. בעת דער לעבנס־צייט פון קיסר פרידריך II איז דייטשלאַנד געוואָרן צעריסן פון מחלוקתן. דעמאָלט האָט דער פראַנצויזישער קיניג אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פון אַ היטער, שטיצער און קאָנקורענט פון פּויפּס, אַ ראָלע וואָס איז ביז אַהער אויסגעפאַלן אויפן חלק פון די האָהענ־שטאַופישע קיסרים. אַ ריי פּויפּסן האָבן זיך געהאַלטן פאַר דער פּאָליטיק פון אונטערשטיצן די פראַנצויזישע מאָנאַרכן. פראַנצויזישע פירשטן האָבן זיך איינגעזעצט אין קי־ניגרייך פון נעאַפּאָל און סיציליע מיט דער אונטערשטיצונג און

הסכּמה פון רוים, און די פראַנצויזישע מלכים האָבּן געזען פאַר זיך די מעגלעכקייט אויפצוריכטן די אימפעריע פון קאַרל דעם גרויסן און צו געוועלטיקן איבער איר. אַז עס האָט זיך געענדיקט די מהומה-צייט נאָכן טויט פון פרידריך II, דעם לעצטן פון די האָהענשטאַופען, און רודאָלף פון האַבּסבורג איז געוואָרן אויסגעקליבּן פאַר אַ קיסר (1273), האָט די פּאָליטיק פון לאַטעראַן זיך גענומען ווינן אַהין און אַהער צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד, פאַרקערעווענדיק אין איינעם מיט די סימפּאַטיעס פון איטלעכן רעגירנדיקן פּויפּס.

אין יאָר 1294 איז בּאָניפאַציוס VIII געוואָרן פּויפּס. ער איז געווען אַן איטאַליענער, פיינדלעך געשטימט צו פראַנקרייך און פול מיט אַ געפיל פון די גרויסע טראַדיציעס און פון דער מיסיע פון רוים. אַ צייט האָט ער געפירט זיין ממשלה מיט הויכער האַנט. אין יאָר 1300 האָט ער אָפּגעריכט אַ יובּיליי, און אַ גרויסע מאַסע עולי-רגל האָבּן זיך צונויפגעקליבּן אין רוים. „אַזוי גרויס איז געווען דער צופלוס פון געלט אין דעם פּויפּס שאַצקאַמער, אַז צוויי געהילפן זיינען געווען פאַרנומען מיט שופלעס צונויפנעמען די נדבות, וואָס זיינען געוואָרן אַוועקגעלייגט בּיים קבר פון ה"ל פּעטער" (דזש. ה. ראָבּינזאָן). נאָר דער דאָזיקער יום-טוב איז געווען אַ פאַרבּייגייענדיקער טריומף. עס איז גרינגער אויפצוהייבּן אַ מחנה עקסקורסאַנטן, איידער אַ הייפל קרייץ-פאָרערס. בּאָניפאַציוס איז געקומען צו אַ קאָנפליקט מיטן פראַנצויזישן קיניג אין יאָר 1302; און אין יאָר 1303, אַז ער האָט געהאַט בּדעה אַרויסצולאָזן אַ חרם קעגן אָט דעם מאָנאַרך, איז אויף אים פּלוצים אָנגעפאַלן גיליאָם דע נאָגאַרע אין זיין אייגענעם ירושה-פּאַלאַץ אין אַנאַני און האָט אים אַרעסטירט. דעם פראַנצויזישן קיניגס אַגענט האָט זיך איבּערגעוואַלד אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ, איז אַריין אין שלאָף-צימער פון איבּערגעשראָקענעם פּויפּס — ער איז געלעגן אין בּעט מיט אַ קרייץ אין האַנט — און האָט אים בּאַשאָטן מיט סטראַשונקעס און בּאַליידיקונגען. אין אַ טאָג צי צוויי אַרום האָט די שטאָטישע בּאַפעלקערונג דעם פּויפּס בּאַפרייט, און ער איז אַוועק

צוריק קיין רוים; נאָר דאָרט האָבן אים ווידער געכאַפּט און גענומען געפאַנגען אייניקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע אָרסיני, און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער צעטרייסלטער און פאַריאושטער אַלטער מאַן געשטאָרבן אין געפאַנגענשאַפט ביי זיי.

דאָס פאָלק פון אַנאַני האָט זיך גענומען צום האַרצן די באַליידיקונג קעגן פויפס און איז אויפגעשטאַנען קעגן נאָגאַרע צו באַפרייען באָניפאַציוסן, אָבער אַנאַני איז געווען זיין געבוירן-שטאָט. דער וויכטיקער פּרט וואָס איז דאָ צו פאַרצייכענען איז דאָס, וואָס דער קיניג פון פראַנקרייך האָט אין זיין גראָבן באַגיין זיך מיטן פויפס געהאַנדלט אין פולן הסכם מיט זיין פאָלק: איידער ער איז צוגעטראָטן צום לעצטן מיטל, האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון די דריי שטאַנדן פון פראַנקרייך (די פּריצים, די קירך און די שטאָטלייט) און האָט געקראָגן זייער הסכמה. ניט אין איטאַליע און דייטשלאַנד און ניט אין ענגלאַנד איז ניט געווען קיין מינדסטער אַלגעמיינער אַרויסוויז פון אומצופרידנקייט מיט דער דאָזיקער פרייער באַהאַנדלונג פון דעם הערשנדיקן גייסטלעכן. די אידעע פון קריסטנטום איז געווען דערונטער, וויבאַלד עס האָט זיך געפעלט זיין כּוח איבער די געמיטער פון מענטשן.

אין מזרח האָבן די גריכן אין יאָר 1261 צוריק אָפּגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביים לאַטייניש קיסר, און דער גרינדער פון דער נייער גריכישער דינאַסטיע, מיכאל פאַלעאָלאָג, מיכאל VIII, האָט נאָך עטלעכע אומרעאַלע פרוון צו פאַרבינדן זיך מיטן פויפס, אינגאַנצן צעריסן מיט דער רוימישער געמיינשאַפט, און דערמיט און מיט דעם אונטערגאַנג פון די לאַטיינישע קיניגרייכן אין אַזיע האָט זיך געענדיקט די ממשלה פון די פויפסן איבער דעם מזרח.

אין משך פון גאַנצן פערצנטן יאָרהונדערט האָט דאָס פויפסטום גאָרנישט ניט געטאָן אויף ווידער צו שטאַרקן זיין מאָראַלישע מאַכט. דער קומענדיקער פויפס, קלעמענט V, איז געווען אַ פראַנצויז, לויטן ווילן פון קיניג פיליפּ פון פראַנקרייך. ער איז קיינמאָל ניט געקומען קיין רוים. ער האָט זיין הויף באַזעצט אין דער שטאָט אַוויניאָן, וואָס האָט דעמאָלט געהערט ניט צו פראַנקרייך, נאָר צום פויפסלעכן שטול, הגם עס איז געווען איינגעשלאָסן אין דער פראַנ-

צווישער טעריטאָריע. אויך די שפּעטערדיקע פּויפּסן זיינען דאָרט געבליבן ביזן יאָר 1377, ווען דער פּויפּס גרעגאָר XI האָט זיך אומגעקערט אין וואַטיקאַן=פּאַלאַץ אין רוים נאָך גרעגאָר XI האָט ניט געהאַט פאַר זיך די סימפּאַטיעס פון דער גאַנצער קירך. אַ סך קאַרדינאַלן זיינען געווען פראַנצויזן לויט זייער אָפּשטאַם, און זייערע געוויינהייטן און פאַרבינדונגען זיינען געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אַוויניאָן. אין יאָר 1378, אַז גרעגאָר XI איז געשטאָרבן, און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן איטאַליענער, אורבאַן VI, האָבן די דאָזיקע קאַרדינאַלן דערקלערט, אַז די וואַל איז ניט גילטיק, און האָבן אויס= געקליבן אַן אַנדער פּויפּס, דעם אַנטי=פּויפּס קלעמענט VII.

די דאָזיקע שפּאַלטונג ווערט אָנגערופן די גרויסע סכיזמע. די פּויפּסן זיינען געבליבן אין רוים, און אַלע אַנטי=פראַנצויזישע מאַכטן, דער קיסר, דער קיניג פון ענגלאַנד, אונגאַרן, פּוילן און דער צפון פון אייראָפּע זיינען געווען געטריי צו זיי. די אַנטי=פּויפּסן פון דער אַנ= דער זייט זיינען געזעסן אין אַוויניאָן, אונטערגעהאַלטן פון קיניג פון פראַנקרייך, זיין פאַרבינדעטן דעם קיניג פון שאָטלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און פאַרשיידענע דייטשע פירשטן. איטלעכער פּויפּס האָט געלייגט אין חרם און פאַרשאָלטן די אָנהענגער פון זיין קעגנער, אַזוי אַז דאָס גאַנצע קריסטנטום איז אין יענער צייט געווען פאַרשאָלטן פון דעם אָדער יענעם צד (1378 — 141).

די טרויעריקע ווירקונג פון דער דאָזיקער שפּאַלטונג אויף דער אחדות פון קריסטנטום איז ניט מעגלעך צו שאַצן צו הויך. איז דאָס אַ חידוש, אַז אַזעלכע מענער ווי וויקליף האָבן אָנגעהויבן צו לערנען מענטשן צו דענקען אויף זייער אייגענעם חשבון, בעת דער קוואַל פון אמת האָט געווענדט זיין שטראָם קעגן זיך אַליין?

אין יאָר 1417 איז די גרויסע סכיזמע פאַראייניקט געוואָרן אויף דעם קאָנציל פון קאָנסטאַנץ. דער זעלביקער קאָנציל, וואָס האָט געלאָזט אויסגראָבן און פאַרברענען וויקליפס ביינער און וואָס האָט אָפּגעפּסקנט, ווי מיר וועלן נאָך דערציילן, צו פאַרברענען יאָהאַן הוס. אויף דעם דאָזיקן קאָנציל האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָדער זיינען גע= וואָרן אָפּגעשטופּט סיי דער פּויפּס און סיי דער אַנטי=פּויפּס, און

מאַרטין V איז געוואָרן דער איינציקער פּויפּס פון דעם פאָרמאַל פאַראייניקטן, אָבער גייסטיק זייער שלעכט פאַרבונדענעם קריסטנטום.

ווי אַזוי דער קאָנציל פון באַזעל (1439) האָט שפּעטער ווידער געבראַכט צו אַ סכיזמע און צו נייע אַנטי־פּויפּסן, דאָס קאָנען מיר דאָ ניט דערציילן.

דאָס איז בקיצור די געשיכטע פון די גרויסע יאָרהונדערטער פון דער פּויפּסלעכער ממשלה און פון איר ירידה. דאָס איז די געשיכטע פון דער ניט געראָטענער התחלה צו פאַרווירקלעכן די זייער איידעלע און גלענצנדע אידעע פון אַ געאייניקטער און רעליגיעזער וועלט. מיר האָבן אין פריערדיקן פּאַראַגראַף אָנגעצייכנט, ווי שטאַרק די ירושה פון אַ פאַרפּלאָנטערטער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע האָט געשטערט דער קירך אין דער דאָזיקער בכבודיקער אונטערנעמונג. זי האָט געהאַט צופיל טעאָלאָגיע און צו ווייניק רעליגיע. נאָר עס איז אויך ניט קרום דאָ אָנצווייזן, ווי אַזוי די אינדיווידועלע חסרונות פון די פּויפּסן האָבן אויך מיטגעווירקט דערצו, וואָס דער פּלאַן איז ניט געראָטן און די ווערדע פון פּויפּסטום איז דערנידעריקט געוואָרן. עס איז נאָך ניט געווען אין דער וועלט אַזאַ מדרגה פון בילדונג, וואָס זאָל קאָנען צושטעלן אַ ריי קאַרדינאַלן און פּויפּסן מיט אַ ברייטקייט פון וויסן און אויסקוק, וואָס איז נייטיק צוליב דער אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען. זיי זיינען ניט געווען גענוג געבילדעט צוליב זייער אויפגאַבע, און נאָר ווייניק פון זיי האָבן דורך אמתער געניאַליטעט אויסגעפילט דעם דאָזיקן חסרון. און ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זיינען זיי געווען צו אַלט, ווען זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט, בכדי זי אויסצונוצן. איידער זיי האָבן געקאָנט תופס זיין די סיטואַציע, וואָס זיי האָבן געדאַרפט באַהערשן, זיינען זיי שוין געווען טויט.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו באַקלערן, ויפיל די קירך וואָלט געוואונען דערפון, אויב די קאַרדינאַלן וואָלטן אַוועק אין דעמיסיע צו פופציק יאָר און ווען קיינער וואָלט ניט געקאָנט ווערן אויסגעקליבן פאַר אַ פּויפּס נאָך פינף־און־פופציק. דאָס וואָלט פאַרענגערט די דורכשניטלעכע רעגירונג פון איטלעכן פּויפּס און וואָלט זייער שטאַרק פאַרגרעסערט די אויסגעהאַלטנקייט פון דער קירכלעכער

פּאָליטיק. און עס קאָן זיין, אַז מען האָט אפשר באַדאַרפט אויס-קלערן אַ בעסערע סיסטעם פון אָפּקלייבן די קאַרדינאַלן, וואָס זיינען געווען די וויילערס און יועצים פון פּויפּס. די כּללים אין וועגן, ווי אַזוי מענטשן קומען צו מאַכט, זיינען זייער וויכטיק פאַר די מענטשלעכע ענינים. די פּסיכאָלאָגיע פון רעגירער איז אַ וויסנשאַפט, וואָס דאַרף נאָך ווערן באַזונדער שטודירט. מיר האָבן געזען, ווי די רוימישע רעפּובליק איז אונטערגעגאַנגען מחמת די וואַל-מעטאָדן זיינען געווען שלעכטע, און דאָ זעען מיר, אַז אין אַ גרויסער מאָס איבער דעם זעלביקן טעם איז דער קירך ניט געראָטן אויסצופירן איר וועלט-מיסיע.

16. גאָטישע אַרכיטעקטור און קונסט.

געוויסע אַרכיטעקטורישע און קינסטלערישע סימנים באַצייכענען די אַנטוויקלונגס-פּאַזעס פון דער געשיכטע פון קריסטנטום אין דעם איבערגאַנג פון ראָמאַנישן פּעריאָד צו דעם פּעריאָד פון ספק און געמינערטן גלויבן, וואָס זיין פאָרגייער איז געווען פרידריך II. אין עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט האָט מען געבויט אַ סך קאַטעדראַלעס און עס איז געגאַנגען אַ האַסטיקע אַנטוויקלונג פון דער מערב-ראָמאַנישער אַרכיטעקטור צו דעם וואָס ווערט אָנגערופן אין שטרענגן זין „גאָטיק". דער שטיילער דאַך פון די ראָמאַנישע טורעמס איז גע-וואָרן פאַרלענגערט און שפּיציק, עס איז אַריינגעפירט געוואָרן די קרייץ-ווינקלדיקע געוועלבטע סטעליע, און די פאַרשפּיצטע אַרקע — וואָס האָט שוין געהערשט אין דער אַראַבישער קונסט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אָדער מער — האָט פאַרשטופּט אָן אַ זייט די פאַרקיילעכ-טע אַרקע. צוזאַמען מיט די דאָזיקע שטריכן איז געקומען אַ גרויסע אַנט-וויקלונג אין אויסצופּוצן די פענסטער און אין באַנוץ פון קאָלירטן גלאָז.

מסתמא האָט דאָס דער וואוקס און די באַרייכערונג פון די מאָ-נאַכן-אָרדנס אַרויסגערופן דעם שטראָם קינסטלערישע ענערגיע, וואָס האָט געגעבן דער וועלט, למשל, די קירך נאָטר דאַם אין פּאַריז, די קאַטעדראַלעס פון שאַרטר, פון אַמיען, די גרויסאַרטיקע התחלה פון

באָווע. און אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער איז דער גאָטישער אימפּולס געוואָרן אונטערגעהאַלטן. אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָבן די געקרייצטע פענסטער דערגרייכט צו זייער העכסטער מדרגה פון



קאַטעדראַלע פון סאַן, פראַנקרייך. מוסטער פון פריער פראַנצויזישער גאָטיק.

אַנטוויקלונג. אין פערצנטן יאָרהונדערט איז די גאָטיק געוואָרן איבער־רייך, און דערנאָך ווי אַ רעאַקציע שטרענג. די ענגלענדער האָבן זיך אויסגעפירט אַן אייגענע ליניע אין דעם הויכן שטרענגן „פּערפּענ־

דיקולאַר". איבער גרויסע שטרעקעס פון צפון-און-מזרח-דייטשלאַנד, וואו בוישטיין איז געווען זעלטן אָדער ניט-צוטריטלעך, האָבן די גאָטישע פאָרמען אָנגענומען אַ נייעם שטריך דורך דעם באַנוץ פון ציגל. מיטן אָנהייב פון פופצנטן יאָרהונדערט ווערט די גאָטישע אַרכיטעקטור פאַרבלאַסט. די גרויסע צייטן פון דער קירך אין אייראָפּע זיינען געווען פאַרביי, און די נייע סאָציאַלע תנאים האָבן באַדאַרפט זיך אויסדריקן אין נייע פאָרמען. אין עטלעכע שטעט פון בעלגיע און האָלאַנד האָבן מיר נאָך די קאַטעדראַלע ניט פולקום, און לעבן איר עטלעכע גרויסע מוניציפּאַלע בנינים, וואָס האָבן צוגענומען ביי דער קירך אירע קאָנסטרוקטיווע מיטלען. אין איפּר, למשל, האָט פאַרן חורבן פון וועלט-קריג די גרויסע געוואַנט-האַלע איגנאַנצן פאַרשטעלט די קאַטעדראַלע.

אין שפּאַניע איז די גאָטיק נאָכגעגאַנגען די קריסטן פּראָווינץ נאָך פּראָווינץ, ווי זיי האָבן אָפּגענומען דעם האַלב-אינזל ביי די מאַורן. דער מאַוריש-אַראַבישער סטיל און דער שפּאַניש-גאָטישער האָבן זיך אַנטוויקלט איטלעכער אין זיינע אייגענע גרענעצן. אין סעווילע הייבט זיך אויף נאָענט ביי דעם מאַורישן פּאַלאַץ אַלקאַזאַר אַ גרויסע גאָטישע קאַטעדראַלע, וואָס האָט אַ פּנים ווי זי וואָלט מיט איר הויכקייט געפייערט אַ טריומף איבער דעם באַצוואונגענעם באַצווינגער.

די גאָטיק איז קיינמאָל ניט אַריינגעדרונגען טיף אין איטאַליע. דער גרעסטער אויסגעצייכנטער מוסטער איז די קאַטעדראַלע פון מילאַן. נאָר איטאַליע איז אין משך פון גאָטישן פּעריאָד אין מערב-אייראָפּע געווען אַ שלאַכטפעלד פון אַלטע טראַדיציעס און קעמפנדיקע סטילן. אַנטקעגן דער גאָטיק פון דער מילאַנער קאַטעדראַלע שטייט דער ביזאַנטישער ס"ט מאַרקוס אין ווענעציע, און נאָרמאַנען און סאַראַצענער מישן אויס זייער גייסט מיטן רוימישן אין אַזעלכע בנינים ווי די קאַטעדראַלע פון אַמאַלפי. מיר גיבן אַ בילד פון דער קאַטעדראַלע און דער באַפּטיסטעריע און פון דעם גלאָקן-טורעם אין פּיזאַ — די דאָזיקע גרופּע איטאַליענישע בנינים, וואָס שטאַמען פון אַרום 12טן יאָרהונדערט, אילוסטרירן דייטלעך די אַרכיטעקטור אין איטאַליע.

אין משך פון גאָטישן פּעריאָד גייט אַ בפירושער קאַמף צווישן דער ליבשאַפט פאַר פּלאַסטישער קונסט, וואָס איז אַזוי שטאַרק סיי אין די אַרישע און סיי און די חמיטישע פעלקער, און צווישן דער

אינסטינקטיווער נטיה צו אונטערדריקן זי, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער מערבדיקער וועלט נאָך די ערשטע נצחונות פון קריסטנטום און איסלאַם. צווישן קריסטן, דאָס מוז מען גדענקען, איז ניט געווען קיין בפירושע פיינדלעכקייט צו פּלאַסטישער קונסט. קלאַסישע רוימישע קונסט איז אויסגעשטאָרבן אין די קאַטאַקאָמבעס און האָט באַפּוצט רוימישע קברים. אַ געווויסע צאָל וואַנט־מאָלעריי פון אַ נידעריקערן ווערט האָט געקעמפט אין גאַנצן מיטלעלטער און איז געוואַקסן אין צענטן און עלפטן יאָרהונדערט.

מיט דער וואַקסנדיקער זיכערקייט איז געוואַקסן דער פאַרלאַנג אויסצופוצן שענער די בנינים פון קירכן און קלויסטער־ס. מאָלעריי האָט זיך אויסגעברייטערט פון די אייגנעענגטע ווערק פון דעם מאַנוסקריפטן־אילומינאַטאָר צו וואַנט־מאָלעריי און מאָדערנעם פּאַנעל־ווערק. די שטייפע הייליקע זיינען געוואָרן בייגעוודיקער; הינטער זיי האָבן זיך געלאָזט זען הינטערגרונטן און האָבן דעם מאָלער געגעבן אָרט פאַר נאַטוראַליסטישע פּרטים. די געמאָלטע פּאַנעל, וואָס איז געוואָרן געמאַכט אין איין אָרט און דערנאָך צוגענומען און באַפעסטיקט אין אַן אַנדער אָרט, איז געווען דער עלטער־פאָטער פון אומאָפּהענגיקן געמעל. אַ שטיק צייט, אין צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט, זיינען פראַנקרייך און דייטשלאַנד געווען פאָראויס פאַר איטאַליע אין דער דאָזיקער אויפלעבונג פון דער מאָלערישער קונסט. גלייכצייטיק האָט דער שטיינהאַקער גענומען אָנזעטיקן זיין מיפּולע דעקאָראַציע מיט וואַקסנדיקער באַלעבונג און רעאַליזם. די וואַסער־רינוועס אונטער די דעכער פלעגט ער פאַרענדיקן מיט אַ גרימאַסנדיקער פיגור מיט אַן אָפענעם מויל; ער פלעגט אַרויפזעצן פנימער און פיגורן אויף קאַפּיטעל און שפּיץ; ער האָט די אויסגעהאַקטע הייליקע אַראָפּגעבראַכט פון רעליעף אויף אַן אייגענעם פּיעדעסטאַל. דאָ איז אויך דייטשלאַנד געגאַנגען פאָראויס. אָט דער פאַוואָליעדיקער צוריקקער צו דער נאַטור איז דער אינטערעסאַנטסטער הויפּט־פאַקט אין דער קונסט־געשיכטע פון מיטלעלטער.

מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אין אַ פריערדיקן פעריאָד אַ נאָכמאַכן דער נאַטור און אַ שפּעטערדיקע אָפּווענדונג פון דער נאַטור. דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער מענטש האָט געשניצט און גע-

צייכנט רעאַלע זאַכן מיט פרייהייט און מאַכט, גאָר דער פרי-נעאָליטישער מענטש האָט ניט איבערגעלאָזט ניט קיין גוטע צייכענונגען ניט קיין גוטע שניצערייען פון לעבעדיקע ברואים. פלאַסטישע קונסט האָט זיך קוים ווידער באַוויזן פאַר דער בראָנזע-צייט. גענוי דאָס זעלביקע האָט געטראָפן אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב צווישן די גרויסע צייטן פון דער רוימישער אימפעריע און דעם מיטלעלטער ניט נאָר אונטערן קריסטנטום, נייערט אויך אונטערן איסלאַם. עס איז נאָך ניט געגעבן געוואָרן קיין פולע און באַפרידיקנדיקע דערקלערונג פון די דאָזיקע שינויים. די קונסט האָט זיך אָפגעווענדט פון דער ווירקלעכקייט און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פאָרמאַלע אויסטראַכטענישן. זינט דעמאָלט איז ווידער געווען אַ גרויסע כוואַליע פון לעבעדיקן רעאַליזם, וואָס איר העכסטער פונקט איז אפשר געווען מיט אַ קורצער צייט צוריק. סיי מאָלעריי און סיי סקולפטור זיינען, בכלל גערעדט, מיט פופציק יאָר צוריק געווען מער נאָכמאַכעריש און בילדעריש, ווינציקער סימבאָליש און רמזדיק, ווי זיי זיינען איצט. דאָ קאָנען מיר ניט געבן קיין באַפרידיקנדיקע דערקלערונג פאַר די דאָזיקע כוואַליעס אין דעם אַלגעמיינעם קינסטלערישן אימפעט, פאַר די דאָזיקע פאַרענדערונגען צווישן באַגייסטערונג פאַר ווירקלעכקייט און צווישן גוסט פאַר אַבסטראַקציעס און שטרענגקייט. עס קומט אויס אַזוי ווי איבערמאָסיקער רעאַליזם, דער איבערמאָסיקער גענוס פון קערפער און פון באַוועגונג און פון דעטאַל-צייכענונג ברענגט אַרויס צולעצט אַ רעאַקציע און אַן אינסטינקטיוון ציווענד צום אַבסטראַקטן און פאָרמאַלן.

---

17. מיטלעלטערלעכע מוזיק.

אין די צייטן פון די קרייץ-צוגן זיינען צוגעגאַנגען גרויסע שינויים אין דער מוזיק. ביז אַהער האָט מען פון קיין האַרמאָניע ניט געוואוסט; מוזיק איז געווען נאָר ריטמוס און מעלאָדיע. איצט האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ נייע אַנטוויקלונג — צוערשט אַ פרימיטיוו צונויפזינגען פון איינציקע שטימען און דערנאָך אַן אַלץ מער און מער קאָמפּליצירטע אויסאַרבעטונג פון צוזאַמענגעבונדענע מעלאָדיעס. די פאַר-

שיידענע שטימען איז געגעבן געוואָרן צו זינגען קעגנזייטיק פאַרשיידענע ניגונים, וואָס זיינען געוואָרן האַרמאָניזירט. אגב אורחא איז געוואָרן אויסגעאַרבעט אַ נאָטן־סיסטעם, וואָס איז מסוגל אויסצודריקן און מאַכן פאַרגעדענקען די נייע פּאָליפאָנישע מוזיק. די נאָטן־שריפט איז געווען פּונקט אַזוי נויטווענדיק פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון דער מוזיק, ווי די שריפט איז געווען נייטיק צוליב אַ וואַקסנדיקער פאַרשיידנאַרטיקער ליטעראַטור.

עס ווייזט אויס, אַז די ערשטע התחלות פון דער נייער מוזיק זיינען געמאַכט געוואָרן אין מערב־איירעפּע און מסתמא אין ווילס און אין מיטל־ענגלאַנד. וואָרעם דאָרט האָבן מיר די ערשטע פאַלן פון זינגען אין עטלעכע שטימען, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין די כראָניקעס. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אפשר שוין אין ניינטן יאָרהונדערט; עס איז געווים געווען איינגעפירט און פראַקטיקירט צום סוף צוועלפטן יאָרהונדערט. אַ פיינע ענגלישע ליד אין עטלעכע שטימען דאַטירט פון 1240 איז נאָך פאַראַן. דאָס איז די „ראָטאַ“ sumer is i-cumenin. זי איז מסתמא אָנגעשריבן פון מאָנאַך דזשאָן פון פאָרנסיט, און סער וו. ה. העדאָוו זאָגט: „די פּאַרטיטור איז הפלאדיק גוט און מען קאָן זי הערן זינגען מיט גרויס פאַרגעניגן נאָך ביי היינטיקן טאָג... דאָס איז די ערשטע שטים אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער מערבדיקער קונסט, וואָס לאָזט אונז נאָך איצט הערן פריינדלעכע און נאָענטע טענער“.

יענע צייטן פון וואַנדערנדיקע אוואַנטוריסטן זיינען אויך געווען צייטן פון וואַנדערנדיקע מוזיקער. די טרובאַדורן זיינען געגאַנגען פון שלאָס צו שלאָס; עס זיינען געווען אַ סך מינסטרעלס, אַרומגייערס־זינגערס, און די נייע קונסט פון האַרמאָניע האָט זיך פאַרשפּרייט דורך פראַנקרייך קיין איטאַליע און אין צענטראַל־איירעפּע. דער גרעסטער טייל פון די קאָמפּאָזיציעס זיינען געווען פּאָליפאָנישע לידער פאַר שטימען אָן באַגלייטונג פון אינסטרומענטן. די אינסטרומענטירונג האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער מיט דער אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע סטרונעס־אינסטרומענטן, און מיט די אויסבעסערונגען אין בוי פון דעם קירכן־אָרגל. דער שלאָס און דער הויף האָבן נאָך באַדאַרפט דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה פון לוקסוס און אויסגעפיינערטקייט, וואָס איז

נייטיק אויף אַרויסצוברענגען אַ וועלטלעכע מוזיק, וואָס איז מער ווי וואָקאַלע מוזיק און מער ווי פּאָלקס=מוזיק. די הויפּט=לאַבאָראַטאָריעס פון דער נייער מוזיק זיינען געווען צוערשט די גרויסע מאָנאַכן=כאָרן פון די קאַטעדראַלעס. דאָ האָבן די כאָר=מייסטערס מיט זייערע נייסן געפירט אַ קאַמף קעגן אַ זייער קאָנסערוואַטיווער רעליגיאָזיטעט, און האָבן אַ סך געמוזט קעמפן.

די הערשנדיקע פאָרם פון דער דאָזיקער פּאַזע פון דער עיקר וואָקאַלער האַרמאָניע איז געווען דער מאַדריגאַל. פּאַלעסטרינאַ (1526—1594), דער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר, איז געווען דער גרעסטער מייסטער פון דעם דאָזיקן פּעריאָד פון כאָר=מוזיק. אין 16טן יאָרהונדערט האָבן די איטאַליענישע מייסטערס געהאַלטן אין פאַרפּולקומען די פידל, עס איז שוין געווען אויסגעאַרבעט דער מאָדערנער אָרגל, עס זיינען אויסגעוואַקסן נייע סאָציאַלע תנאים, נייע געפילן האָבן געזוכט אַן אויסדרוק, און עס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן נייע מעטאָדן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַ נאָך ברייטערן טיפּ פון מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, וואָס אין איר האָט אינסטרומענטירונג באַדאַרפט שפּילן אַ גרעסערע ראָלע.

בּוך VII

די מאָנגאָלישע אימפּעריעס פון יבשה וועגן און די נייע אימפּעריעס פון ים־וועגן

קאַפּיטל 32

די גרויסע אימפעריע פון דזשינגיס כאַן און זיינע יורשים

(די תקופה פון יבשה=וועגן)

1. אַזיע צום סוף צוועלפטן יאָרהונדערט. 2. דער אויפקום און די ניצחונות פון די מאָנגאָלן. 3. די נסיעות פון מאַרקאָ פאָלאָ. 4. די אָטאָמאַנישע טערקן און קאָנסטאַנטינאָפאָל. 5. פאַרוואָס זיינען די מאָנ=גאָלן ניט געוואָרן קריסטן. 6. די דינאַסטיעס יואַן און מינג אין כינע. 7. די מאָנגאָלן קערן זיך אום צו דער שבט=אָרדענונג. 8. די קיפטשאַק=אימפעריע און דער צאַר פון מאָסקעווע. 9. טימורלאַן. 10. די מאָנגאָלישע אימפעריע פון אינדיע. 11. די ציגיינער.

מיר האָבן איצט צו דערציילן וועגן דעם לעצטן און גרעסטן פון אַלע אָנפאַלן פון נאָמאַדנטום אויף די ציוויליזאַציעס פון מזרח און מערב. מיר האָבן אין דער דאָזיקער געשיכטע אָנגעצייכנט, ווי אַזוי אָט די לעבנס=שטייגערס האָבן זיך אַנטוויקלט זייט ביי זייט, און מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז אין דער מאָס ווי די ציוויליזאַציעס וואַקסן אויס מער אין דער ברייט און ווערן בעסער אָרגאַניזירט, ווערט אויך מער אויסגעבעסערט דאָס געווער און די באַוועגלעכקייט און די אינטעליגענץ פון די נאָמאַדן. דער נאָמאַד איז ניט געווען פשוט אַ ניט=ציוויליזירטער מענטש, ער איז געווען אַ מענטש ספּעציאַליזירט אין אַן אייגענער ריכטונג. זינט דעם אָנהייב פון דער געשיכטע האָבן די נאָמאַדן און די איינגעזעסענע פעלקער געווירקט אויף אַנאַנד. מיר האָבן דערציילט וועגן די סעמיטישע און עילמיטישע אָנפאַלן אויף שומער; מיר האָבן געזען, ווי די רוימישע אימפעריע איז צעשטערט געוואָרן דורך די

נאָמאַדן פון די גרויסע פליינען, ווי אַזוי פערסיע איז איינגענומען געוואָרן און ביזאַנץ צעטרייסלט דורך די נאָמאַדן פון אַראַביע. דער מאָנגאָלישער אָנפאַל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דרייצנטן יאָרהונדערט, איז געווען דער לעצטער פון די דאָזיקע צעשטערערישע איבעראַקערונגען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

פון פולער פינסטערניש קומען די מאָנגאָלן אַריין אין דער געשיכטע צום סוף צוועלפטן יאָרהונדערט. זיי באַווייזן זיך אין לאַנד אין צפון-זייט פון כינע, אין דעם אָפּשטאַם-לאַנד פון די הונען און טערקן, און זיי זיינען באַשיימפערלעך געווען פון דעם זעלביקן שטאַם וואָס די דאָזיקע פעלקער. זיי זיינען געוואָרן צונויפגעקליבן אונטער אַן אָנפירער, וואָס מיט זיין נאָמען ווילן מיר ניט באַשווערן דעם זיכרון פון די לייענער. אונטער זיין זון דזשינגיס כאַן איז זייער מאַכט אויסגעוואַקסן מיט ניט-געוויינטלעכער גיכקייט.

דער לייענער וועט שוין געווים האָבן אַ השגה וועגן דעם, אַז בהדרגה איז צעריסן געוואָרן די לכתחילהדיקע איינהייט פון איסלאַם. אין אָנהייב דרייצנטן יאָרהונדערט זיינען אין מערב-אַזיע געווען אַ צאָל באַזונדערע און צווישן אַנאַנד פיינדלעכע מוסלימישע מלוכות. געווען עגיפטן (מיט סיריע און פאַלעסטינע) אונטער די יורשים פון סאַלאַדין, געווען די סעלדזשוקישע מלוכה אין קליין-אַזיע, געווען נאָך אַן אַבאַסידישער כאַליפאַט אין באַגדאַד און אין מזרח-זייט פון אים איז געווען אויסגעוואַקסן אַ זייער באַטייטיקע אימפעריע, די כוואַריזמישע אימפעריע פון טערקישע פירשטן געקומען פון כיוואַ, וואָס האָבן באַצוואונגען אַ צאָל קלענערע סעלדזשוקישע פירשטנטימער און האָבן געקיניגט איבער די לענדער פון גאַנגעס-טאָל ביזן חידקל. זיי האָבן געהאַט נאָר אַ שוואַכן אָנהאַלט אין דער פערסישער און אינדישער באַפעלקערונג.

דער צושטאַנד פון דער כינעזישער ציוויליזאַציע האָט אויך געקאָנט צוציען אַן אונטערנעמערישן אָנפאַלער. אונזער לעצטער בליק אויף כינע איז געווען אין זיבעטן יאָרהונדערט בעת די ערשטע יאָרן פון דער טאַנג-דינאַסטיע, ווען דער דורכגעטריבענער און פעיקער קיסר טאַי-טסונג האָט אָפּגעשאַצט די מעלות פון די נעסטאָריאַנישע קריסטן, פון איסלאַם, בודיזם און פון די לערנונגען פון לאַאָ-

טסע, און איז אין גרויסן און גאַנצן געווען נוטה צו דער מיינונג, אַז לאַאָ-טסע איז פּונקט אַזאַ גוטער לערער, ווי יעטווידער אַנ-דערער. מיר האָבן באַשריבן, ווי אַזוי ער האָט אויפגענומען דעם רייזנ-דער יואַן טשוואַנג. טאַי-טסונג האָט טאָלערירט אַלע רעליגיעס, נאָר עטלעכע פון די שפּעטערדיקע קיסרים האָבן גערודפט אָן רחמנות די בו-דיסטישע אמונה; נאָר ניט געקוקט אויף די רדיפות האָט זי געבליט, און אירע קלויסטערס האָבן געשפּילט אַן ערך די זעלביקע ראָלע, וואָס די קריסטלעכע קלויסטערישע אָרגאַניזאַציע אין מערב, דורך דעם וואָס זיי האָבן צוערשט אונטערגעהאַלטן וויסנשאַפט און דערנאָך זי פאַר-פּאַרהאַלטן.

אין צענטן יאָרהונדערט איז די מעכטיקע טאַנג-דינאַסטיע אין אַ לעצטן צושטאַנד פון ירידה: עס איז געגאַנגען דער געוויינטלע-כער דעגענעריר-פּראָצעס דורך אַ ריי פון צעלאָזענע און אומפעיקע קיסרים, און כינע איז פּאָליטיש ווידער צעריסן געוואָרן אין אַ זיך בייטנ-דיקער צאָל פון קעמפנדיקע מלוכות, דאָס איז געווען „די תקופה פון די צען מלוכות“, אַ תקופה פון מהומות, וואָס האָט געדויערט די גאַנצע ערשטע העלפט פון צענטן יאָרהונדערט. דערנאָך איז אויפגעשטאַנען אַ דינאַסטיע די צפונדיקע סונגס (960 — 1127), וואָס האָבן אײנגע-שטעלט אַ מין איינהייט, נאָר זיי זיינען געווען אין אַ שטענדיקן קאַמף מיט הונישע שבטים פון צפון, וואָס האָבן געשפּאַרט קיין דרום פאַזע דעם מזרחדיקן ברעג. אַ שטיקל צייט האָט איינער פון די דאָזיקע שבטים, די כיטאַנס, געקראָגן די איבערהאַנט. אין צוועלפטן יאָרהונדערט איז דער דאָזיקער שבט באַצוואונגען געוואָרן און האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט אַ צווייטער הונישער אימפּעריע, דער אימפּעריע פון די קינס, וואָס איר הויפּטשטאָט איז געווען פּעקין און איר דרומ-דיקער גרענעץ דער כואַן-כאָ.

די סונג-אימפּעריע איז אײנגעשרומפּן געוואָרן אַנטקעגן דער קין-אימפּעריע. אין יאָר 1138 איז די הויפּטשטאָט איבערגעטראָגן גע-וואָרן פון נאַנקין, וואָס איז איצט געווען צו נאָענט צום צפונדיקן גרע-נעץ, אין דער שטאָט האַנ-טשאָו ביים ברעג. פון יאָר 1127 און ווייטער


קאַרטע פון
אייראָפּע און אזיע
אַרום 1200 נאָך קר.

ביז 1295 איז די סונג־דינאַסטיע באַוואוסט ווי די דרומדיקע סונגס. צפונית־מערבית פון אירע טעריטאָריעס האָט זיך איצט געפונען די טאַטערישע אימפעריע פון כסיאַ, אין צפון זייט — די קין־אימפעריע, ביידע מלוכות, וואו די כינעזישע באַפעלקערונג איז געווען אונטער רע־גירערס, וואָס ביי זיי זיינען נאָך געווען שטאַרק נאָמאַדישע טראַדיציעס. אַזוי אַז אויך דאָ אין מזרח זיינען די הויפּט־מאַסן פון דער אַזיאַ־טישער מענטשהייט געווען אונטער רעגירערס ניט פון זייער פאָלק און גרייט אָנצונעמען, אויב ניט צו באַגריסן, דעם אָנקום פון אַ באַ־צווינגער.

צפון־אינדיע איז אין אָנהייב 13טן יאָרהונדערט אויך געווען, ווי מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, אַ באַצוואונגען לאַנד. זי איז געווען צו־ערשט אַ טייל פון דער כיוואַנישער אימפעריע, נאָר אין יאָר 1206 האָט אַ געוויסער קוטוס, וואָס איז געווען אַ שקלאַף און איז פון אַ שקלאַף דערהויכט געוואָרן צו זיין אַ גובערנאַטאָר פון אַ אינדישער פּראָ־ווינץ, געגרינדעט אַ באַזונדער מוסלימישע מלוכה הינדאָסטאַן אין דעלהי. בראַמאַניזם האָט שוין לאַנג, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, געהאַט אַרויסגעשטופּט דעם בודיזם פון אינדיע, נאָר די באַקערטע צום איסלאַם זיינען געווען נאָך אַ קליינער רעגירנדיקער מיעוט אין לאַנד.

דאָס איז געווען דער פּאָליטישער מצב פון אַזיע, בעת דזשינגיס כאַן האָט אָנגעהויבן צו באַפעסטיקן זיין מאַכט צווישן די נאָמאַדן אין לאַנד צווישן די אָזערס באַלקאַש און בייקאַל אין אָנהייב 13טן יאָרהונדערט.

---

2. דער אויפקום און די ניצחונות פון די מאָנגאָלן.

די באַצווינג־קאַריערע פון דזשינגיס כאַן און זיינע דירעקטע יורשים האָט פאַרחידושט די וועלט, און האָט מסתמא קיינעם ניט פאַר־חידושט מער ווי די מאָנגאָלישע כאַנען גופא.

די מאָנגאָלן זיינען אין צוועלפטן יאָרהונדערט געווען אַ שבט אונטערטעניק צו יענע קינס, וואָס האָבן איינגענומען צפונית־מזרחית־

בינע. זיי זיינען געווען אַ האָרדע נאָמאַדישע רייטערס, וואָס האָבן געלעבט אין געצעלטן און האָבן זיך געשפּייזט דער עיקר מיט פערדישע מילך און פלייש. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פּאַשען בהמות און מיט געיעג, צייטנווייז מיט מלחמה. לויטן מנהג פון סטעפּ פלעגן זיי אַוועקוואַנדערן קיין צפון, ווי נאָר די שנייען פלעגן צעגיין, צו די זומערדיקע פיטער־פּלעצער, און ווינטער קומען צוריק קיין דרום צו די ווינטערדיקע פּאַשע־פּלעצער. זייער מיליטערישע דערציִונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ געראָטענעם אויפשטאַנד קעגן די קינס. די אימפּעריע פון די קינס האָט געהאַט הינטער זיך די כּוחות פון האַלבּ בינע, און אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן די מאָנגאָלן אָפּגעלערנט פון די בינעזער אַ סך פון זייער קריגס־קונסט. צום סוף צוועלפטן יאָרהונדערט זיינען זיי שוין געווען אַ קעמפנדיקער שבט מיט אויסגעמלעכע מעלות.

די ערשטע יאָרן פון זיין קאַריערע האָט דזשינגיס פאַרבראַכט אין אַנטוויקלען זיין מיליטערישע מאַשין, אין אַסימילירן די מאָנגאָלן מיט די פאַרבונדענע שבטים צו איין אָרגאַניזירטער אַרמיי. דער ערשטער באַטייטיקער אויסשפּרייט פון זיין מאַכט איז געווען קיין מערב, ווען די טאָטערישע קירגיזן און די אויגורן* (וואָס זיינען געווען דאָס טאָ־

---

* די אויגורן באַווייזן זיך צוערשט אין 6טן יאָרהונדערט, ווען זיי זיינען באַוואוסט אונטערן נאָמען קאָא—קור אָדער הויכע קארטן, איינער פון די צוויי הויפּט־טיילן פון די טערקן אין און ארום צפון־מאָנגאָליע. דער פּעריאָד פון זייער אומאָפּהענגיקער גרויסקייט דעקט זיך מיט די יאָרן 750 — 850 נאָך קר״, וואָס שטימט מיטן הויך־פּונקט פון דער גדולה פון דער באַרימטער טאַנג־דינאַסטיע.

די אויגורן האָבן דערגרייכט צו אַ זייער הויכער מדרגה פון קולטור. נייערע ארכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען האָבן ארויסגעבראַכט צו דער ליכטיקער שיין אַ סך ווערק פון דער אויגורישער ליטעראַטור, וואָס פון זיי ווערן מיר געוואָר, אַז אין זייער קיניגרייך איז געווען פאַרשפּרייט קריסטנטום, בודיזם און מאַניכעיִזם; זיי האָבן אָפּגעהיט די שטרענגסטע טאָלעראַנץ, בעת מאַניכעיִזם איז געווען די מלוכה־רעליגיע. די אויגורן זיינען זיכער געווען די צום מייִנסט ציוויליזירטע צפונדיקע שכנים פון די בינעזער, און הגם זייער קיניגרייך איז צעשטערט געוואָרן 850 דורך אַ צפונדיקן טערקישן שבט, די קירגיזן, פונדעסטוועגן פאַרשווינדן ניט די אויגורן פון דער געשיכטע, און ביזן 15טן יאָרהונדערט געפינען מיר שטענדיק אויפנעקומענע אויגורישע פירשטנטימער און

טערישע פאָלק פון דעם טאַרים־בעקן) זיינען געוואָרן ניט אַזוי באַצוואונ־
גען ווי געצוואונגען צוצושטיין צו זיין אָרגאַניזאַציע. דערנאָך איז
ער אָנגעפאַלן אויף דער קין־אימפעריע און האָט איינגענומען פעקין
(1214). דאָס כיטאַן־פאָלק, וואָס די קינס האָבן ניט לאַנג געהאַט
אונטערטעניק געמאַכט, האָבן זיך פאַראייניקט מיט אים און האָבן
אים אַ סך געהאָלפן. די איינגעזעסענע כינעזישע באַפעלקערונג האָט
ווייטער געפירט איר לעבן אין זייען און שניידן און האַנדלען אין

מלוכות, און בעת דעם גאנצן פעריאָד זיינען אויגורן כסדר געווען באשעפטיקט
אין מאכמעדאנישע קאנצעלאריעס און האָבן געשפילט אין די רעגירונגס־ביוראָס
פון טורקעסטאן די זעלביקע ראָלע, וואָס די הינדוס אונטער די מאָנגאָלן אין
דעלהי און די בענגאַליס אונטער די ענגלענדער אין אינדיע.

דער פעריאָד פון דער געשיכטע פון מזרח, וואָס הייבט זיך אָן מיט
דעם ארויסטריט פון דזשינגיס כאן אין 13טן יאָרהונדערט אין ענדיקט זיך
מיט דער באצווינגונג פון קאָנסטאנטינאָפּאָל דורך די אָטאָמאנישע טערקן, באַ־
ווייזט דעם אויפקום און אונטערגאנג פון אַ גרויסער צאָל טערקישע דינאסטיעס
אין צענטראל־אזיע, אינדיע און פערסיע. און עס איז טשיקאווו צו באמערקן,
אַז אין גרעסטן טייל פאלן זיינען די דינאסטיעס געגריינדעט דורך מענטשן,
וואָס האָבן אָנגעהויבן ווי שקלאַפן. אין אַ ניט־פארעפנטלעכטן פערסישן כתב־יד
פון 13טן יאָרהונדערט איז פאַראַן אַזאַ טשיקאַווער באריכט וועגן די טערקן:

„עס איז אַן אלגעמיין באוואוסטע זאַך, אַז אַלע ראַסעס און קלאַסן ווערן
געהאלטן מיט כבוד און דרך־ארץ, כל־זמן זיי בלייבן צווישן זייער אייגענעם
פאָלק און אין זייער אייגענעם לאַנד; נאָר ווען זיי גייען אַוועק אין דער
פרעמד, ווערן זיי אומגליקלעך און פאַראַכט. די טערקן, פאַרקערט, כל־זמן זיי
בלייבן צווישן זייער אייגענעם פאָלק, זיינען זיי פשוט אַ שבט צווישן אַ סך
שבטים און פאַרמאָגן ניט קיין באזונדער מאַכט אָדער שטאַנד. אָבער אַז זיי
פאַרלאָזן זייער אייגן לאַנד און קומען אריין אין אַ מוכאַמעדאַניש לאַנד (וואָס
ווייטער זיי זיינען פון זייערע היימען און קרובים, אַלץ העכער ווערן זיי גע־
שאַצט און געאַכפּערט), ווערן זיי עמירן און פעלדמאַרשאַלן. זינט די טעג פון
אדם ביז צום היינטיקן טאָג איז קיין שקלאַף געקויפט פאַר געלט קיין מאָל
ניט געוואָרן קיין קיניג, חוץ ביי די טערקן. אין צווישן די מימרות פון
אַפראַסיאַב, וואָס איז געווען קיניג ביי די טערקן און איז געווען אַ גרויסער
חכם און געלערנטער, איז פאַראַן אַ מימרא, אַז דער טערק איז געגליכן צו
אַ פערל אין איר מושל אויפן גרונט פון ים, וואָס ווערט טייער נאָר דעמאָלט,
ווען זי פאַרלאָזט דעם ים און באַצירט די קרוין פון מלך און דעם אויער פון
אַ כלה". — ד. ר.

משך פון דער צייט, ווען אירע הארן האבן זיך געביטן, און האט ניט אריבערגעוואויגן אויף קיין איינעמס צד.

מיר האבן שוין דערמאנט וועגן דער זייער יונגער כווארעזמישער אימפעריע פון טורקעסטאן, פערסיע און צפון־אינדיע. די דאזיקע אימפעריע האט זיך אויסגעשפרייט אין מזרח־זייט פון קאשגאר און איז, ווייזט אויס, געווען איינע פון די פראגרעסיווע און האפענונגס־פולסטע אימפעריעס פון יענער צייט. דזשינגיס כאן, בעת ער איז נאך געווען פארנומען אין דער מלחמה מיט דער קין־אימפעריע, האט געשיקט שלוחים קיין כווארעזמיע. מען האט זיי דערהרגעט — א נארישקייט כמעט ניט צו גלויבן. די כווארעזמישע רעגירונג האט, אויב מען זאל נוצן דעם פאליטישן זשארגאן פון אונזער צייט, באשלאסן ניט צו „אנערקענען" דזשינגיס כאן, און האט זיך געשטעלט מהמת דעם אזוי פיינדלעך צו אים. דערויף (1218) האט די גרויסע מחנה רייטערס, וואס דזשינגיס כאן האט געהאט פאראייניקט און דיסציפלינירט, זיך אראפגעלאזט איבער דעם פאמיר קיין טורקעסטאן. זיי זיינען געווען גוט באוואפנט, און מסתמא האבן זיי געהאט אויך פייער־געווער אין שיס־פולווער צוליב באלעגערונג—וארעם די כינעזער האבן שוין געווים גענוצט שיס־פולווער אין יענער צייט, און די מאנגאלן האבן אפגעלערנט פון זיי צו נוצן דאס. עס זיינען געפאלן קאשגאר, קאקאנד, בוכארע, און דערנאך סאמארקאנד, די הויפטשטאט פון דער כווארעזמישער אימפעריע. נאך דעם האט קיין זאך ניט איינגעהאלטן די מאנגאלן אין די כווארעזמישע טעריטאריעס. זיי האבן זיך אלאז געטאן קיין מערב אזש ביז צום קאספישן ים און קיין דרום אזש ביז לאהאר. אין צפון־זייט פון קאספישן ים האט א מאנגאלישע ארמיי זיך צונויפגעטראפן מיט א רוסישן חייל פון קיעוו. עס זיינען געווען א ריי שלאכטן, וואס אין זיי זיינען די רוסישע חיילות צעקלאפט געווארן און דער גרויספירשט פון קיעוו איז גענומען געווארן געפאנגען. אזוי ארום האבן די מאנגאלן זיך באוויזן אויף די צפונדיקע ברעגעס פון שווארצן ים. א פאניק האט אנגעכאפט קאנסטאנטינאפאל, וואס האט באלד גענומען איבערבויען אירע באפעסטיקונגען. דערווייל זיינען אנדערע ארמייען געווען פארנומען מיט באצווינגען די אימפעריע פון כסיא און כינע. זי איז געווארן

די אימפעריע פון דזשינגיס כאַן בעת זיין טויט (1227)



אײַנגענומען און נאָר דער דרומדיקער טײל פֿון דער קין־אימפּעריע איז געבליבן ניט באַצוואונגען. אין יאָר 1227 איז טשינגיס כאַן געשטאָרבן אינמיטן אַ קאַריערע פֿון טריומף. זײַן אימפּעריע האָט שוין געגרייכט פֿון גרויסן אָקעאַן ביזן דניעפּער. און עס איז געווען אַן אימפּעריע, וואָס האָט געהאַלטן אין אויסברייטערן זיך.

פּונקט ווי אַלע אימפּעריעס, וואָס נאָמאַדן האָבן געגרינדעט, איז זי געווען אין אָנהייב אַ ריין מיליטערישע און אַדמיניסטראַטיווע אימפּעריע, גיכער אַ ראַם אײדער אַ רעגירונג. זי איז געווען קאָנצענטרירט אין דער פּערזאָן פֿון מאָנאַרך, און איר אײנציקע שייכות מיט די באַפֿעלקערונגס־מאַסן, וואָס זי האָט איבער זײ רעגירט, איז געווען פּשוט דאָס, וואָס זי האָט גענומען שטײערן אויף אויסצוהאַלטן די האָרדע. נאָר דזשינגיס כאַן האָט גערופֿן זיך צו הילף אַ זײער פֿעיִקן און געניטן אַדמיניסטראַטאָר פֿון דער קין־אימפּעריע, וואָס איז געווען געלערנט אין אַלע טראַדיציעס און וויסנשאַפֿטן פֿון די כינעזער. דער דאָזיקער מלוכה־מאַן, יעליו טשוטסאַי, איז געווען פֿעיִק צו פֿירן די ענינים פֿון די מאָנגאָלן אַ צײַט נאָך דזשינגיס כאַנס טויט, און עס קאָן כמעט קיין ספֿק ניט זײַן, אַז ער איז אײנער פֿון די גרעסטע פּאָליטישע העלדן פֿון דער געשיכטע. ער האָט אײַנגעצאַמט די באַרבאַרישע ווילדקייט פֿון זײַנע האַרן און האָט געראַטעוועט אַ סך שטעט און קונסטווערק פֿון צעשטערונג. ער האָט צונויפֿגעקליבן אַרכיוון און אויפֿשריפֿטן, און אַז מען האָט אים געהאַט באַשולדיקט אין נעמען שוחד, האָט מען בײַ אים געזוכט און געפֿונען, אַז זײַן אײנציקער רײַכטום באַשטײט פֿון דאָקומענטן און עטלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אפֿשר איז די הצלחה פֿון דער מאָנגאָלישער מיליטערישער מאַשין צו פֿאַרדאַנקען אים ניט ווייניקער ווי דזשינגיס כאַן. אונטער דזשינגיס כאַן, באַדאַרפֿן מיר נאָר באַמערקן, געפֿינען מיר די פֿולסטע רעליגיעזע טאָלעראַנץ אײַנגעשטעלט איבער דער גאַנצער ברייט פֿון אַזיע.

בײַם טויט פֿון דזשינגיס כאַן איז די הויפּטשטאָט פֿון דער נײַער אימפּעריע געווען נאָך אין דער גרויסער באַרבאַרישער שטאָט קאַראַקאָרום אין מאָנגאָליע. דאָ האָט אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון מאָנגאָלישע פֿירערס אויסגעקליבן אָגדאַי כאַן, דעם זון פֿון דזשינגיס כאַן, פֿאַר אַ

קיסר נאָך אים. די מלחמה קעגן די רעשטן פון דער קין-אימפּעריע איז געפירט געוואָרן, ביז קין איז אינגאַנצן געוואָרן אונטערטעניק (1234). די כינעזישע אימפּעריע אין דרום-זייט אונטער דער סונג-דינאַסטיע האָט געהאָלפן די מאָנגאָלן אין דער דאָזיקער אויפגאַבע, און אַזוי אַרום צעשטערט דעם איינענעם שוץ-וואַל קעגן דעם וועלט-באַ-צווינגער. די מאָנגאָלישע חיילות האָבן דערנאָך זיך אַ לאָז געטאָן קווער דורך אַזיע גלייך קיין רוסלאַנד (1235) — אַ מאַרש, וואָס עס איז נשתומם צו ווערן איבער אים. קיעוו איז צעשטערט געוואָרן אין יאָר 1240, און כמעט גאַנץ רוסלאַנד איז געוואָרן אונטערטעניק די מאָנגאָלן. פּוילן איז געוואָרן פאַרוויסט, און אַ געמישטע אַרמיי פון פּאָליאַקן און דייטשן איז פאַרלענדט געוואָרן אין דער שלאַכט ביי ליגניץ און נידער-שלעזיע אין יאָר 1241. דער קיסר פרידריך II האָט, ווייזט אויס, ניט געמאַכט קיין גרויסע אָנשטרענגונגען אָפּצושטעלן אָט דעם אָנפליצנדיקן שטראָם.

„ערשט ניט לאַנג, — זאָגט בערי אין זיינע הערות צו גיבאָנס „ירידה און אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע“, — האָט די אייראָפּעישע געשיכטע-שרייבונג אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די ניצ-חונות פון דער מאָנגאָלישער אַרמיי, וואָס האָט דורכמאַרשירט פּוילן און האָט פאַרנומען אונגאַרן זינט פרי-יאָר 1241 נאָך קר., זיינען געווען געוואונען ניט פשוט דורך דעם איבערוואָג אין דער צאָל, נאָר דורך אַ פאַרענדיקטער סטראַטעגיע. נאָר דער דאָזיקער פאַקט איז נאָך ניט אַלגעמיין באַוואוסט; עס הערשט נאָך דערווייל די מיינונג צווישן פּובליקום, אַז די טאַטערן זיינען געווען אַ ווילדע האָרדע, וואָס האָט אַראָפּגעטראָגן אַלצדינג אין איר וועג איינציק און אַליין מחמת איר מאַסע און אַז זי האָט גאַלאָפּירט דורך מזרח-אייראָפּע אָן אַ שום סטראַטעגישן פּלאַן, באַזייטיקט אַלע שטערענישן און גובר געווען זיי פשוט דורך איר איבערצאָל...

„עס איז געווען חידושדיק, ווי פּינקטלעך און זיכער עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן די באַפעלן פון דעם קאָמאַנדיר אין אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון דער אונטערשטער ווייסל ביז קיין טראַנסילוואַניע. אַזאַ קאַמפּאַניע איז נאָך געווען איבער די כוחות פאַר יעטווידער אייראָפּעישער אַרמיי אין יענער צייט, און זי איז געווען

אויסער דעם זע-קרייז פון יעטווידער איראָפּעישן קאָמאַנדיר. עס איז געווען קיין איין גענעראַל אין איראָפּע, זינט פרידריך II און שפּע-



מערבדיקער פאסאד פון דער קאטעדראלע אין אמיען, פראנקרייך, דאטירט פון 1220. מוסטער פון ריינסטער גאטיק.

טער, וואָס זאָל ניט זיין קיין אָנהייבער אין סטראַטעגיע אין פאַרגלייך מיט סובוטאַי. עס דאַרף אויך ווערן באַמערקט, אַז די מאָנגאָלן האָבן אָנגעהויבן זייער אונטערנעמונג, זייענדיק פולקום באַקאַנט מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון אונגאַרן און מיטן צושטאַנד פון פּוילן — זיי האָבן געזאָרגט זיך צו אינפאָרמירן דורך אַ גוט אָרגאַניזירטער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש; פון דער אַנדער זייט האָבן די אונגאַרן און די קריסטלעכע מלוכות, ווי קינדישע באַרבאַרן, קוים עפּעס וואָס געוואוסט וועגן זייערע שונאים".

הגם די מאָנגאָלן האָבן געזיגט ביי ליגניץ, האָבן זיי פונדעסטוועגן זיך ניט גערוקט ווייטער קיין מערב. זיי זיינען געווען געקומען אין אַ לאַנד פון וועלדער און בערג, וואָס האָט ניט געפּאַסט פאַר זייער טאַקטיק. בכן, האָבן זיי זיך געווענדט קיין דרום און געגרייט זיך צו באַזעצן אין אונגאַרן, אויסצוקוילען אָדער אַסימילירן די קריבישע מאַדיאַרן, פּונקט ווי זיי האָבן פריער אויסגעקוילעט און אַסימילירט די געמישטע סקיטן און אַוואַרן און הונען פאַר זיי. פון דעם אונגאַרישן פליין אויס וואָלטן זיי מסתמא געמאַכט אָנפאַלן קיין מערב און קיין דרום, ווי די אונגאַרן פלעגן דאָס מאַכן אין ניינטן יאָרהונדערט, די אַוואַרן אין זיבעטן און אַכטן און די הונען אין פינפטן. נאָר אין אַזיע האָבן די מאָנגאָלן געפירט אַן עקשנותדיקן באַצווינגקריג קעגן די סונגס, און זיי זיינען אויך אָנגעפאַלן אויף פּערסיע און קליין=אַזיע. אָגדאַי איז פּלוצים געשטאָרבן, און אין יאָר 1242 איז געווען אַ מהומה מכוח דער ירושה. מחמת דעם האָבן די ניט געשלאָגענע מאָנגאָלישע חיילות גענומען ציען זיך צוריק דורך אונגאַרן און רומעניע קיין מזרח.

צום גרויסן גליק פאַר אייראָפּע האָבן די דינאַסטיישע מהומות אין קאַראַקאָרום געדויערט עטלעכע יאָר, און די גרויסע נייע אימפּעריע האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון שפּאַלטונג. מאַנגו כאַן איז געוואָרן גרויסכאַן אין יאָר 1251, און ער האָט באַשטימט זיין ברודער קובלאַי כאַן פאַרן גענעראַל=גובערנאַטאָר פון כינע. פּאַוואָליע נאָר זיכער איז די גאַנצע סונג=אימפּעריע געוואָרן אונטערטעניק געמאַכט, און ווי נאָר זי איז אונטערטעניק געוואָרן, האָבן די מזרחדיקע מאָנגאָלן גענומען ווערן אַלץ מער כינעזיש אין זייער קולטור און זייערע געננ. מאַנגו איז אָנ=

געפאלן אויף טיבעט און האט זי פארוויסט, אויך אויף פערסיע און סיריע איז ער אנגעפאלן. א צווייטער ברודער פון מאנגו, הולאגו, האט קאמאנדירט אין אט דער מלחמה. ער האט זיך געווענדט קעגן כאליפאט און האט איינגענומען באגדאד און געמאכט א שחיטה פון דער גאנצער באפעלקערונג. באגדאד איז נאך געווען די רעליגיעזע הויפטשטאט פון איסלאם, און די מאנגאלן זיינען געווארן ביטערע שונאים פון די מוסלימס. די דאזיקע שנאה איז נאך פארשארפט געווארן דורך דער נאטירלעכער קעגנערשאפט צווישן דעם נאמאד און דעם שטאטמענטש. אין יאר 1259 איז מאנגו געשטארבן, און אין יאר 1260 — ווארעם עס האט געדויערט א גוט שטיק יאר, ביז די מאנגאלישע פירערס האבן זיך צונויפגעקליבן פון אלע עקן פון דער גרויסער אימפעריע, פון אונגארן און סיריע און פון אינדיע און כינע — איז קובלאי אויסגעקליבן געווארן פארן גרויס-כאן. ער איז שוין געווען טיף אריינגעטאן אין די כינעזישע ענינים. ער האט געמאכט זיין הויפטשטאט פעקין אנשטאט קאראקארום, און פערסיע, סיריע און קליין-אזיע זיינען פאקטיש געווארן אומאפהענגיק אונטער זיין ברודער הולאגו; אויך די מאנגאלן-הארדעס אין רוסלאנד און אין די טיילן אזיע ביי רוסלאנד און פארשיידענע קליינע גרופעס מאנגאלן אין טורקעסטאן זיינען אויך געווארן פאקטיש אפגעטיילט. קובלאי איז געשטארבן אין יאר 1294, און מיט זיין טויט פארשווינדט אפילו דער טיטל גרויס-כאן.

בעת קובלאיס טויט איז געווען איין הויפט-אימפעריע פון די מאנגאלן, וואס האט אריינגענומען כינע און מאנגאליע, מיט דער הויפטשטאט פעקין; געווען א צווייטע גרויסע מאנגאלישע אימפעריע, די קיפטשאק, אין רוסלאנד; א דריטע איז געווען אין פערסיע, וואס עס האט געגרינדעט הולאגו, די אילכאנישע אימפעריע, וואס איר האבן געצאלט צינז די סעלדזשוקישע טערקן אין קליין-אזיע; געווען נאך א סיבירישע מלוכה צווישן קיפטשאק און מאנגאליע, און נאך א באזונדער מלוכה „גרויס טערקיי" אין טורקעסטאן. באזונדערס מערקווערדיק איז, וואס אינדיע אויף יענער זייט פון פענדזשאב איז אין יענעם פעריאד ניט באפאלן געווארן פון די מאנגאלן, און אז אן ארמיי אונטערן אנפיר פון עגיפטישן סולטאן האט אינגאנצן צע-

קלאַפּט קעטבאָגאַן, הולאַגוס גענעראַל, אין פּאַלעסטינע (1260) און האָט אים ניט געלאָזט אַריינגיין קיין אַפריקע. אַרום 1260 איז דער אימפּעט פון דער מאָנגאָלישער באַצווינגונג שוין געגאַנגען אַראָפּ. זינט דער צייט איז די געשיכטע פון די מאָנגאָלן אַ געשיכטע פון שפּאַלטונג און ירידה.

די מאָנגאָלישע דינאַסטיע, וואָס קובלאַי כאַן האָט געגרינדעט אין כינע, די יואַן-דינאַסטיע, האָט זיך געהאַלטן פון 1280 ביז



מוסטערן פון איטאַליענישער אַרכיטעקטור אַרום 12טן י"ה: די קאַטעדראַלע, די באַפּטיסטעריע און דער גלאָקן-טורעם אין פּיזאַ.

1368. שפּעטער, אַז די ענערגיע פון די מאָנגאָלן אין מערב-אַזיע האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, האָבן זיי געגרינדעט אַ מאָנאַרכיע אין אינדיע, וואָס האָט זיך נאָך לענגער געהאַלטן. אָבער אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט זיינען די אַפגאַנען און ניט די מאָנגאָלן געווען די האַרן פון צפון-אינדיע, אַן אַפגאַנישע אימפּעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז קיין דעקאַן.

3. די נסיעות פון מאַרקאָ פּאָלאָ.

די געשיכטע פון די מאָנגאָלישע באַצווינגונגען איז זיכער איינע פון די מערקווערדיקסטע אין דער וועלט-געשיכטע. די באַצווינגונגען פון אלכּסנדר דעם גרויסן קאָנען ניט צוגעגליכן ווערן צו זיי אין אויסשפּרייטונג. זייער ווירקונג אויף דער פאַרבּרייטונג פון די מענטשנס אידעעס און אויף דער אויפוועקונג פון זייער פאַנטאַזיע איז געווען געוואַלדיק. אַ געוויסע צייט איז געווען אַ פרייער פאַרקער דורך גאַנץ אַזיע און מערב-אייראָפּע; אַלע וועגן זיינען צייטווייליק געווען אָפן, און פאַרטרעטער פון אַלע פעלקער האָבן זיך באַוויזן ביים הויף פון קאַראַקאָרום.

די מחיצות צווישן אייראָפּע און אַזיע, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט די רעליגיעזע שנאה צווישן קריסטנטום און איסלאַם, זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָס פּויפּסטום האָט געהאַט גרויסע האָפענונגען צו באַקערן די מאָנגאָלן צום קריסטנטום. ביז אַהער איז זייער איינציקע רעליגיע געווען שאַמאַניזם, אַ פּרימיטיווע געצנדינעריי. שלוחים פון פּויפּס, בודיסטישע כּוהנים פון אינדיע, קונסט-אַרבעטער פון פּאַריז און איטאַליע און כינע, ביזאַנטישע און אַרמענישע סוחרים האָבן ביים מאָנגאָלישן הויף זיך באַגעגנט מיט אַראַבישע אַמבּאַסאַדאָרן און פּערסישע און אינדישע אַסטראָנאָמען און מאַטעמאַטיקער. מיר הערן אין דער געשיכטע צו פיל וועגן די שלאַכטן און שחיטות פון די מאָנגאָלן און ניט גענוג וועגן זייער נייגעריקייט און זייער באַגער צו וויסן. אפשר ניט ווי אַ שעפערישער פאָלק, נאָר ווי איבערגעבער און פאַרמיטלער פון וויסן און מעטאָדעס איז זייער השפעה אין דער וועלט-געשיכטע געווען זייער גרויס. און אַלצדינג, וואָס עס לאָזט זיך דערגיין פון די צעשוואומענע און ראָמאַנטישע פּערזענלעכקייטן פון דזשינגיס און קובלאַי, באַשטעטיקט אין פלוג דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע מענער זיינען לכל-הפּחות אַזעלכע פאַרשטאַנדיקע און שעפערישע מאָנאַרכן, ווי די פלאַמענדיקע, אָבער עגאָיסטישע פיגור פון אלכּסדר דעם גרויסן אָדער ווי יענער אַרויסרופער פון פּאָליטישע רוחות, דער ענערגישער, אָבער אומגעבילדעטער טעאָלאָג, קאַרל דער גרויסער.

די מיסיאָנערישע אונטערנעמונג פון פויפּסטום אין מאָנגאָליע האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. קריסטנטום האָט געהאַט פאַרלאָרן זיין איבערצייגנדיקע קראַפט. די מאָנגאָלן זיינען ניט געווען פון לכתחילה איינגענומען קעגן קריסטנטום; זיי האָבן באַשיימפערלעך געהאַלטן פון דעם מער ווי פון איסלאַם; נאָר די מיסיעס וואָס זיינען געקומען צו זיי האָבן באַשיימפערלעך אויסגענוצט דעם כוח פון ישוס גרויסע לערנונגען, בכדי צו שטיצן די גרויסע פּרע־



די געוואנט־האלע אין איפּר, בעלגיע, ווי זי האָט אויסגעזען פארן גרויסן קריג (1914—1918). אויסגעבויט אין די יאָרן 1200—1334, ווי אַ מוניציפּאַלער וועלטלעכער בנין און פארשטעלט אינגאנצן די אָרטיקע קאטעדראלע.

טענזיעס פון פויפּס אויף דער וועלט־הערשאַפט. אַזאַ געפעלערט קריסטנטום האָט שוין ניט געטויגט פאַרן מאָנגאָלישן געמיט. צו מאַכן די אימפּעריע פון די מאָנגאָלן פאַר אַ טייל פון גאָטס קיניגרייך — דאָס האָט געקאָנט זיי געפעלן ווערן, אָבער עס האָט זיי גאָר קיין חשק ניט אָנגענומען צו מאַכן דאָס פאַר אַ וואַסאַל־פירשטנטום פון אַ גרופּע פראַנצויזישע און איטאַליענישע גלחים, וואָס זייערע פּרעטענזיעס זיינען געווען פונקט אַזוי ריזיק, ווי זייערע כוחות און

זייער אויסקוק איז געווען שוואַך און וואָס זיינען געווען אַמאָל אָפּהענגיק פון קיסר פון דייטשלאַנד, אַמאָל באַשטימט פון קיניג פון פראַנקרייך און אַמאָל קרבנות פון זייערע אייגענע קליינלעכע גלוסטן און פוסטער גאווה.

אין יאָר 1269 האָט קובלאַי כאַן געשיקט אַ שליחות צום פּויפּס קענטיק מיטן מיין צו געפינען אַ בשותּפישן ווירקונגס־מאָדוס מיטן מערבדיקן קריסטנטום. ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל שיקן צו זיין הויף הונדערט געלערנטע און פעיקע מענטשן, וואָס זאָלן איינשטעלן אַ צונויפריד. זיינע שלוחים האָבן געפונען די מערבדיקע וועלט אָן אַ פּויפּס, אַריינגעטאָן אין איינעם פון יענע סיכסוכים מכּוח דעם פּויפּסלעכן שטול, וואָס זיינען געווען אַזוי אָפט אין דער געשיכטע פון פּויפּסטום. צוויי יאָר איז בכלל קיין פּויפּס ניט געווען. צולעצט, אַז אַ פּויפּס איז שוין געוואָרן באַשטימט, האָט ער אַרויסגעשיקט צוויי דאָמיניקאַנער ברידער צו ברענגען די גרעסטע מאַכט אין אַזיע אונטער זיין רעגירונג; די דאָזיקע חשובע לייט האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַר דעם לאַנגן און שווערן וועג און האָבן באַלד געפונען אַן אויסרייד זיך אָפּצוזאָגן פון דער נסיעה.

די דאָזיקע נפלדיקע מיסיע איז געווען נאָר איינע פון אַ סך פּרוּוון צו פאַרבינדן זיך מיט די מאָנגאָלן, אָבער אַלע זיינען זיי געווען שוואַך, און האָבן אַ האָר ניט פאַרמאָגט פון יענעם באַצווינג־ברען פון די עלטערע קריסטלעכע מיסיאָנערן. אינאָקענטי IV האָט געשיקט עטלעכע דאָמיניקאַנער קיין קאַראַקאָרום, און קיניג לודוויג דער הייליקער פון פראַנקרייך האָט אויך געשיקט מיסיאָנערן מיט רעליקוויעס דורך פּערסיע. מאַנגו כאַן האָט געהאַט אַ סך נעסטאָריאַנישע קריסטן ביי זיין הויף, און שפּעטערדיקע שלוחים פון פּויפּס זיינען שוין דערגאַנגען ביז צום פּעקינער הויף. מיר ווערן געוואָרן, אַז עס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַרשיידענע ביסקופּן פאַרן מזרח, נאָר אַ סך פון זיי זיינען קענטיק פאַרלאָרן געגאַנגען, איידער זיי זיינען אָנגעקומען אין כינע. געווען אַ לעגאַט פון פּויפּס אין פּעקין אין יאָר 1346, נאָר ער איז משמעות געווען נאָר אַ פּויפּסלעכער דיפּלאָמאַט. אַז עס איז געפאַלן די מאָנגאָלישע דינאַסטיע אין כינע (1368), איז אויף שטענדיק פאַרשוואונדן די מעגלעכקייט פאַר קריסטלעכע מיסיאָנערן עפּעס אויפ־

צוטאָן. נאָך דער מאָנגאָלישער יואַן־דינאַסטיע איז געקומען די מינג־דינאַסטיע, אַ שטרענג נאַציאָנאַליסטישע כינעזישע דינאַסטיע, וואָס איז קודם־כל געווען פיינדלעך צו אַלע פרעמדע. עס קאָן זיין, אַז אַלע מיסיאָנערן זיינען געוואָרן אויסגעקוילעט. ביז די לעצטע טעג פון די מינגס (1644) האָט מען ווינציק שוין געהערט פון קריסטנטום אין כינע, ניט פון נעסטאָריאַנער ניט פון קאַטויליקן. דעמאָלט איז ווידער אַמאָל געמאַכט געוואָרן, און מיט מער הצלחה, אַ פּרווו צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָס קאַטוילישע קריסטנטום אין כינע דורך די יעזויטן, נאָר די דאָזיקע צווייטע כוואַליע פון מיסיאָנערן איז געקומען קיין כינע דורכן ים.

אין יאָר 1298 איז פאָרגעקומען אַ ים־שלאַכט צווישן די גענועזער און ווענעציאַנער, און די לעצטע האָבן געליטן אַ מפּלה. צווישן די 7000 ווענעציאַנער, וואָס די גענועזער האָבן גענומען געפאַנגען, איז געווען אַ ווענעציאַנישער אַדלמאַן מיטן נאָמען מאַרקאָ פּאָלאָ, וואָס איז געווען אַ גרויסער רייזנדער און וואָס זיינע שכנים האָבן בדרך כלל געמיינט, אַז ער דערציילט גוזמאות. ער האָט געהאַט גענומען אַן אָנטייל אין דער ערשטער מיסיע צו קובלאַי כאַן און איז געגאַנגען ווייטער, אויך נאָכדעם ווי די צוויי דאָמיניקאַנער האָבן זיך אומגעקערט צוריק. אין דער צייט ווען דער דאָזיקער מאַרקאָ פּאָלאָ איז געזעסן געפאַנגען אין ווענעציע, האָט ער אויף אויסצופילן די ליידיקע צייט דערציילט וועגן זיינע נסיעות איינעם אַ שרייבער מיטן נאָמען רוסטיטשיאַנאָ, וואָס האָט די דערציילונג אויפגעשריבן. מיר ווילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין דער האַרבער חקירה, ווי וויט רוסטיטשיאַנאָס געשיכטע איז פּינקטלעך די זעלביקע, וואָס מאַרקאָ פּאָלאָ האָט דערציילט — מיר ווייסן ניט אויף געוויס, אין וואָסער שפּראַך איז זי געוואָרן אָנגעשריבן — אָבער עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז בדרך כלל איז די דערציילונג אַן אמתע. אין פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט איז זי געווען גוואַלדיק פּאָפּולער ביי אַלע מענטשן מיט אַן אַקטיוון גייסט. דאָס בוך „די נסיעות פון מאַרקאָ פּאָלאָ“ איז איינע פון די גרויסע ביכער פון דער געשיכטע. עס אַנטפּלעקט

פאר אונזער פארשטעלונג די וועלט פון 13טן יארהונדערט — יענער יארהונדערט, וואס האט געזען די רעגירונג פון פרידריך II און דעם אנהייב פון דער אינקוויזיציע — ווי קיין בשוטע כראניקע פון היסטאריקער איז ניט אין שטאנד דאס צו טאן. עס האט געפירט דירעקט צו דער אנטדעקונג פון אמעריקע.

עס הייבט זיך אן מיט דער דערציילונג פון דער נסיעה פון מארקאס פאטער, ניקאלא פאלא, און זיין פעטער, מאפעא פאלא, קיין כינע. די דאזיקע צוויי זיינען געווען ווענעציאנישע סוחרים פון גוטן שטאנד, וואס האבן געלעבט אין קאנסטאנטינאפאל, און אן ערך ארום 1260 זיינען זיי געקומען קיין קרים און פון דארט קיין קאזאן; פון דער דאזיקער שטאט זיינען זיי געפארן קיין בוכארע, און אין בוכארע האבן זיי זיך צונויפגעטראפן מיט א פארטיע שלוחים פון קובלאי כאן צו זיין ברודער הולאגו כאן אין פערסיע. די דאזיקע שלוחים זיינען צו זיי צוגעשטאנען, זיי זאלן מיטקומען צום גרויסן כאן, וואס האט אין יענער צייט נאך ניט געהאט געזען קיין מענטשן פון די „לאטיינישע" פעלקער. זיינען זיי מיטגעגאנגען. און עס איז קלאר, אז זיי האבן געמאכט זייער א גינסטיקן איינדרוק אויף קובלאי און האבן אים שטארק פאראינטערעסירט מיט דער ציוויליזאציע פון קריסטנטום. זיי זיינען געווארן געמאכט די שלוחים צו ברענגען יענע פארבעטונג, וואס מיר האבן שוין וועגן איר דערציילט, די פארבעטונג פאר הונדערט לערערס און מענטשן פון וויסנשאפט, „מענטשן פארשטאנדיקע, באהאווונט אין די זיבן קונסטן, פעיק צו פירן א וויכוח און פעיק צו דערווייזן קלאר די געצנדינער און אנדערע מינים מענטשן, אז דאס געזעץ פון קריסטוסן איז דאס בעסטע". נאר אז זיי זיינען געקומען צוריק, איז דאס קריסטנטום געווען אין א צושטאנד פון מהומות, און ערשט אין צוויי יאר ארום האבן זיי געקראגן די הרשאה אפצופארן ווידער קיין כינע אין דער באגלייטונג פון יענע צוויי שוואכהארציקע דאמיניקאנער. זיי האבן מיטגענומען מיט זיך דעם יונגן מארקא, און אים און זיין שפעטערדיקער נודעניש אין דער געפאנגענשאפט אין גענוא האבן מיר צו פארדאנקען, אז די געדעכעניש פון דער דאזיקער אינטערעסאנטער געשעעניש איז דערגאנגען צו אונז.

די דריי פּאָלאָס האָבן אָנגעהויבן זייער נסיעה פון פּאַלעסטינע, און ניט פון קרים ווי אין דער פריערדיקער עקספּעדיציע. זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ גילדן טאָוועלע און אַנדערע סימנים פון גרויס-כאַן, וואָס האָבן געדאַרפט שטאַרק פאַרגרינגערן זיי די נסיעה. דער גרויס-כאַן האָט געבעטן אַ ביסל בוימל פון דעם לאָמפּ, וואָס ברענט אויף דעם הייליקן קבר אין ירושלים; צוליב דעם זיינען זיי געקומען פריער אַהין, און פון דאָרט דורך קיליקע קיין אַרמעניע. זיי זיינען אַוועק אַזוי ווייט קיין צפון, ווייל דער סולטאַן פון עגיפּטן האָט אין יענער צייט געהאַט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער אילכאַנישער מלוכה. פון דאָרט זיינען זיי געקומען דורך מעסאָפּאָטאַמיע קיין אָרמוז, ביים פערסישן אויסגוס, אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט בדעה צו פאָרן ווייטער מיטן ים. אין אָרמוז האָבן זיי געטראָפן סוחרים פון אינדיע. איבער געוויסע טעמים האָבן זיי זיך ניט געזעצט אויף אַ שיף, נאָר אָנשטאָט דעם האָבן זיי זיך געווענדט קיין צפון דורך די פערסישע מדבריות, און אַזוי דורך באַלך איבער פּאַמיר ביז קאַשגאַר, און דורך קאָטאַן און דעם לאָב-נאָר (גייענדיק אַזוי אַרום אין די פוס-טריט פון יואַן-טשוואַנג) ביז דעם מאָל פון כואַן-כאָ און ביז פּעקין. די שטאָט פּעקין רופט פּאָלאָ אָן „קאַמבאַלוק“, צפון-כינע — „קאַטאַי“ (כיטאַן), און דרום-כינע פון דער פריערדיקער סונג-דינאַסטיע — „מאַנזי“.

אין פּעקין איז געווען דער גרויס-כאַן און מען האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען. מאַרקאָ איז באַזונדערס געפעלן געוואָרן קובלאַי; ער איז געווען יונג און פאַרשטאַנדיק, און עס איז קלאָר, אַז ער האָט באַהערשט זייער גוט די טאַטערישע שפּראַך. דער כאַן האָט אים געגעבן אַן אָפיציעלן פּאָסטן און געשיקט אים אין פאַרשיידענע שליחותן, דער עיקר אין דרומית-מערבית-כינע. ער האָט צו דערציילן וועגן גרויסע שטרעקעס פון אַ בליענדיקן און גליקלעכן לאַנד, „אומעטום אויסגעצייכנטע איינפאָר-הייזער פאַר רייזנדערס“, און „שיינע ווייַנגערטנער, פעלדער און סעדער“, אַ סך קלויסטערס פון בודיסטישע מאָנאַכן, וואַרשטאַטן פון „קליידער פון זיידנס און גאָלד און אַ סך פיינע מינים סאַמעט“, וועגן „שטעט און דערפער וואָס ציען זיך כסדר“, — צוערשט האָט מען אים ניט געוואָלט גלויבן, נאָר שפּעטער האָט די דאָזיקע דערציילונג צעהיצט די פאַנטאַזיע פון גאַנץ אייראָפּע.

ער האָט דערציילט וועגן בורמאַ און וועגן אירע גרויסע אַרמייען
מיט הונדערטער העלפאַנדן, און ווי אַזוי די דאָזיקע חיות זייגען צע־



די קאטעדראלע אין קענטערבערי, א מוסטער פון דער ענגלישער גאטישער
ארכיטעקטור פון דעם פערפענדיקולאר־פעריאד.

שלאָגן געוואָרן דורך די מאָנגאָלישע בויגנשיסערס. ער שילדערט אויך, ווי אַזוי די מאָנגאָלן האָבן איינגענומען פעגו. ער האָט אויך דערציילט וועגן יאַפּאַן און שטאַרק מגזם געווען דעם סכום גאָלד אין דאָזיקן לאַנד. און נאָך מער וואונדער: ער האָט דערציילט וועגן קריסטן און קריסטלעכע מושלים אין כינע, און וועגן אַ געוויסן „פּרעסביטער יאָהאַן“, וואָס איז געווען אַ „קיניג“ פון קריסטלעכן פאָלק. יענעם פאָלק האָט ער ניט געזען. דאָס איז באַשײמפערלעך געווען אַ שבט פון נעסטאָריאַנישע טאָטערן אין מאָנגאָליע. עס איז פאַרשטענדלעך, פּאַרוואָס רוסטיטשיאַנאָ איז באַזונדערס געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער מעשה מיט דעם פּרעסביטער יאָהאַן, וואָס האָט אים מסתמא אויסגעוויזן פאַר דער וואונדערלעכסטער זאַך אין דער גאַנצער געשיכטע, און ער האָט זי אויסגעפּוצט מיט אַ סך צוטראַכטענישן. די געשיכטע פון פּרעסביטער יאָהאַן איז געוואָרן איינע פון די פאַרשפּרייטסטע לעגענדעס פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט און זי האָט געוועקט צו אַוואַנטורעס. זי האָט געשטאַרקט דעם מוט אייראָפּעישע רייזנדערס. עס איז פאַר זיי געווען אַן אויפמונטערונג צו קלערן, אַז ווייט אין כינע איז געווען אַ געמיינדע קריסטן, וואָס זיינען מסתמא גרייט זיי אויפצונעמען ווי אָנגעלייגטע געסט און זיי בייצושטיין. אין משך פון דריי יאָר האָט מאַרקאָ פּאָלאָ רעגירט די שטאָט יאַנג=טשאָו ווי אַ גובערנאַטאָר, און מסתמא איז ער פאַר די כינעזישע איינוואוינער ניט געווען קיין סך פרעמדער, ווי וואָסער עס איז טאָטער. עס איז מעגלעך, אַז ער איז אויך געשיקט געוואָרן מיט אַ שליחות קיין אינדיע. כינעזישע מקורים דערמאָנען אַ געוויסן פּאָלאָ, וואָס האָט געהערט צום קיסרלעכן ראָט אין יאָר 1277, — דאָס איז אַ זייער ווערטפולע באַשטעטיקונג, אַז בכלל איז די מעשה מיט פּאָלאָ אמת.

די רייזעס פון די פּאָלאָס האָבן געדויערט פערטהאַלבן יאָר, ביז זיי זיינען געקומען קיין כינע. זיי זיינען דאָרט געבליבן ביז זעכצן יאָר. דעמאָלט האָבן זיי גענומען בענקען אַהיים. זיי האָבן גענאָסן אַ באַזונדער גענאָד ביי קובלאַי כאַן, און האָבן מסתמא געוואוסט, אַז זיי האָבן ניט=פאַרגינערס, און האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיך מיט זיי ניט אָפּרעכענען נאָך זיין טויט. האָבן זיי געבעטן דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים. אַ שטיקל צייט האָט ער דערפון ניט געוואָלט הערן,

נאָר דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט. בײַ אַרגאָנען, דעם אילכאַנישן מאָנאַרך פון פּערסיע, הולאַגוס אייניקל, קובלאַיס ברודער, איז געשטאָרבן זײַן מאָנגאָלישע ווײַב, און אויף איר טויטן־בעט האָט ער איר צוגעזאָגט צו נעמען אַ צווייטע ווײַב נאָר אַ מאָנגאָלישע פון איר שבט. האָט ער געשיקט שלוחים קיין פּעקין, און מען האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקע פּרינצעסין, אַ מיידל פון זיבעצן יאָר. בכדי צו פֿאַרשוינען זי פון די שווערענישן פון אַ קאַראַוואַן־נסיעה, איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן זי איבערן ים מיט אַ געהעריקער באַגלייטונג. די „באַראָנען" פון איר סוויטע האָבן געבעטן, מען זאָל זיי מיטגעבן די פּאָלאָס, מחמת זיי זײַנען געניטע רייזנדערס און קלוגע מענטשן, און די פּאָלאָס האָבן זיך טאַקע אָנגעכאַפּט פאַר דער געלעגנהייט אויף צו קומען אַהיים.

די עקספּעדיציע האָט אָפּגעזעגלט פון אַ האַפן אין מזרח־זײַט פון דרום־כינע. אַ לאַנגע צײַט האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין סומאַטרע און דרום־אינדיע און זײַנען אָנגעקומען אין פּערסיע נאָך אַ נסיעה פון צוויי יאָר. זיי האָבן בשלום איבערגעענטפערט דאָס מיידל אַרגאָנס יורש — וואָרעם אַרגאָן איז בינתים געשטאָרבן — און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַרגאָנס זון. נאָך דער מעשה זײַנען די פּאָלאָס איבער טאַבריז געקומען קיין טראַפּעזונד, פון דאָרט זיך אַריבערגעשיפט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און געקומען צוריק קיין ווענעציע אַרום 1295.

מען דערציילט, אַז ווען די צוריקגעקומענע רייזנדערס, אָנגעטאָן אין טאָטערשע מלבושים, זײַנען אָנגעקומען צו זיך אַהיים, האָט מען זיי ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין שטוב. עס האָט גענומען אַ שטיק צײַט, ביז זיי האָבן געקאָנט באַווײַזן, אַז זיי זײַנען דאָס טאַקע די באַלעבאַטים. אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיי דערין געגלויבט, זײַנען נאָך אַליין געווען נוטה צו קוקן קרום אויף זיי ווי אויף אַרומשלעפּערס איבער דער וועלט. בכדי אַראָפּצונעמען פון זיך דעם שלעכטן שם, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע מאָלצײַט, און אַז די סעודה איז געווען אין העכסטן ברען, האָבן זיי געבראַכט זייערע אַלטע אָפּגעטראָגענע בגדים, אַרויסגעשיקט די באַדינערס און האָבן די קליידער פונאַנדערגעעפנט — און די פאַרחידושטע און געפּלעפטע געסט האָבן דערזען, ווי עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן „רובינען, סאַפירן, גאָרפינקל־שטיינער, סמאַראַגדן, די־

מענטן". אַפילו נאָך דער דאָזיקער מעשה פּלעגט מען נאָך אַלץ בשתיקה חוזק איבער מאַרקאָס דערציילונגען וועגן דער גרייס און דער באַפעלקערונג פון כינע. לצים האָבן אים אַ צונאָמען געגעבן „איל מיליאָנע", וואָרעם ער פלעגט כסדר ריידן וועגן מיליאָנען מענטשן און מיליאָנען גילדענע רענדלעך.

דאָס איז געווען די געשיכטע, וואָס האָט פאַרחידושט דעם עולם צוערשט אין ווענעציע, און שפּעטער אין גאָר דער מערבדיקער וועלט. אין דער אייראָפּעיִשע ליטעראַטור, באַזונדערס אין אייראָפּעיִשן ראָמאַן פון פופצנטן יאָרהונדערט קלינגען אָפּ נעמען פון מאַרקאָ פּאָלאָס געשיכטע: עס באַגעגענען זיך קאַטײַ, קאַמבאַלוק און כדומה אַזעלכע.

---

4. די אָטאָמאַנישע טערקן און קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די דאָזיקע נסיעות פון מאַרקאָ פּאָלאָ זיינען געווען ניט מער ווי דער אָנהייב פון אַ זייער גרויסער רייזע־באַוועגונג. נאָר איידער מיר גייען באַשרייבן די גרויסע אויסברייטערונג פון די גייסטיקע האָריזאָנטן פון אייראָפּע, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן און וואָס דאָס דאָזיקע רייזע־בוך האָט דערצו געגעבן טאַקע אַ סך שטאָף, וועט זיין פּאַסיק צו פאַרצייכענען אַ טשעקאַוון טפל־רעזולטאַט פון די גרויסע באַצווינגונגען פון די מאָנגאָלן: דאָס איז דאָס וואָס די אָטאָמאַנישע טערקן האָבן זיך באַוויזן ביי די דאַרדאַנעלן. און ווייטער דאַרף מען דערציילן אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי אַזוי די אימפּעריע פון דזשינגיס כאַן איז צעריסן געוואָרן און ווי אַזוי די איינציקע טיילן אירע האָבן זיך אַנטוויקלט.

די אָטאָמאַנישע טערקן זיינען געווען אַ קליינע אָפּטיילונג פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין דרומית־מערבית, בעת דזשינגיס כאַן איז דאָס ערשטע מאָל באַפאַלן מערב־טורקעסטאַן. זיי האָבן דורכגעמאַכט זייער לאַנגן וועג פון צענטראַל־אַזיע איבער מדבריות און בערג און דורך אַ פרעמדער באַפעלקערונג זוכנדיק אַ ניי לאַנד וואו זיך צו באַזעצן. „אַ קליין הייפל פרעמדע פּאַסטעכער, זאָגט סער מאַרק סייקס, וואַנדערן ניט געטשעפּעט דורך קרייץ־צוגן און קאָנטר־קרייץ־צוגן, דורך פירשטנ־

טימער, אימפעריעס און מלוכות. וואו האָבן זיי זיך געלעגערט, ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַוועגט און אָפּגעהיט זייערע שאָף און רינדער, וואו האָבן

די קאַטעדראַלע אין מילאַן. מוסטער פון דער איטאַליענישער גאָטיק. געגרינדעט 1368.

זיי געפונען פּאַשע, ווי אַזוי האָבן זיי געהאַלטן שלום מיט די פאַרשיידענע הויפּט־לייט, וואָס דורך זייערע טעריטאָריעס זיינען זיי דורכגעגאַנגען, דאָס זיינען אַלץ פראַגעס, וואָס מען שטעלט מיט חידוש".

צולעצט האָבן זיי געפֿונען אַ רו־פּלאַץ און קריבישע שכנים אויף די הויך־פּלאַטאָס פֿון קליין־אַזיע צווישן די סעלדזשוקישע טערקן. דער גרעסטער טייל פֿון דאָזיקן לאַנד, די איצטיקע אַנאַטאָליע, איז דעמאָלט לויט דער שפּראַך געווען טערקיש און לויט דער רעליגיע מוסלימיש, מער ניט וואָס צווישן דער שטאָט־באַפֿעלקערונג איז געווען אַ באַטייטיקער טייל גריכן, יידן און אַרמעניער. אָן ספֿק, אין דעם בלוט פֿון פֿאָלק זיינען נאָך געפֿלאָסן די פֿאַרשיידענע שטריכן פֿון די חיתּים, פֿריגיער, טראָיאַנער, לידער, יאָנישע גריכן, קימערער, גאַלאַטער און איטאַליענער (פֿון די צייטן פֿון פּערגאַמאָן), אָבער זיי אַליין האָבן שוין לאַנג געהאַט פֿאַרגעסן זייערע אבֿות. זיי זיינען געווען גענוי דער זעלביקער אויסמיש פֿון די פֿאַרצייטיקע מיטללענדישע טונקל־ווייסע, נאָרדישע אַריער, סעמיטן און מאָנגאָלן, ווי די איינוואוינער פֿון דעם באַלקאַן־האַלבאינזל, נאָר זיי האָבן פֿון זיך געהאַלטן, אַז זיי זיינען אַ ריין טוראַנישע ראַסע און אַז זיי זיינען לחלוטין העכער פֿון די קריסטן אויף ביידע זייטן באָספּאָר.

בהדרגה זיינען די אָטאָמאַנישע טערקן געוואָרן וויכטיק, און צולעצט זיינען זיי געוואָרן די ערשטע צווישן די קליינע פֿירשטנטימער, וואָס אין זיי איז געווען צעפֿאַלן די סעלדזשוקישע אימפּעריע, די אימפּעריע פֿון „ראָום“. זייערע באַציִונגען מיט דער יורדישער אימפּעריע פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען געבליבן עטלעכע יאָרהונדערטער טאָלעראַנט פֿיינדלעך. זיי האָבן ניט געמאַכט קיין אָנפֿאַלן איבערן באָספּאָר, נאָר זיי האָבן אַריינגעשטעלט אַ פֿוס ביי די דאַרדאַנעלן און, אויסגענוצט דעם דאָזיקן וועג — דעם וועג פֿון קסערקסעס און ניט פֿון דריוש — האָבן זיי זיך געשטופּט כּסדר ווייטער קיין מאַקעדאָניע, עפּירוס, אילירייע, יוגאָ־סלאַוויע, בולגאַריע.

אין די סערבן (יוגאָ־סלאַוון) און בולגאַרן האָבן די טערקן געפֿונען אַ פֿאָלק שטאַרק ענלעך צו זיי אַליין בנוגע קולטור און מסתּמא זייער ענלעך אויך אין ראַסן־אויסגעמיש, הגם קיינער פֿון די צדדים האָט דאָס ניט אָנערקענט, מיט עטוואָס ווייניקער פֿון די טונקל־מיטללענדישע און מאָנגאָלישע שטריכן, איידער די טערקן, און מיט אַ קאַפּעלע מער פֿון דעם נאָרדישן עלעמענט. אָבער די דאָזיקע באַלקאַן־פֿעלקער זיינען געווען קריסטן און דם־שונאים איינע די אַנדערע. די

טערקן פון דער אַנדער זייט האָבן גערעדט איין שפּראַך; זיי האָבן גע־האַט אַ גרעסערן געפיל פון אחדות, זיי האָבן פאַרמאָגט די מוסלימישע מידות פון איינגעהאַלטנקייט און פּשוטקייט און זיי זיינען געווען אין גרויסן און גאַנצן בעסערע זעלנערס. האָבן זיי פון דער באַצוואונגע־נער באַפעלקערונג באַקערט צום איסלאַם וויפיל עס האָט זיך געלאָזט, די קריסטן האָבן זיי אַנטוואָפנט און אַרויפגעלייגט אויף זיי צו צאָלן שטייערן, בעת די מוסלימס זיינען געווען דערפון פטור. בהדרגה האָבן די אָטאָמאַנישע פירשטן איינגעפעסטיקט אַן אימפּעריע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון די טאַורישע בערג אין מזרח ביז צו די גרענעצן פון רומעניע און אונגאַרן אין מערב. אַדריאַנאָפּאָל איז געוואָרן זייער הויפּט־שטאָט. זיי האָבן אַרומגערינגלט די איינגעשרומפּענע אימפּעריע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון אַלע זייטן. דעמאָלט איז שוין ניט קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל געווען דער שליסל־וואַל פון איראָפּע, נייערט אונגאַרן — אַ קריסטלעך טערקיש פאָלק האָט באַשיצט איראָפּע קעגן די מוסלימי־שע טערקן.

די אָטאָמאַנען האָבן אָרגאַניזירט אַ שטענדיקע מיליטער־מאַכט, די יאַניטשאַרן, לויט דעם מוסטער פון די מאַמעלוקן, וואָס האָבן געהערשט אין עגיפּטן.

„צוליב צונויפשטעלן דעם דאָזיקן חייל פלעגט מען נעמען רעקרוטן פון צווישן קריסטלעכע יונגעלייט צו טויזנט אַ יאָר און מען פלעגט זיי אַריינגעבן אין דערוויש־אָרדן פון די בעקטאַשי, און הגם זיי זיינען צוערשט ניט געצוואונגען געווען אָנצונעמען איסלאַם, דאָך פלעגן זיי ווערן דורכגעדרונגען מיט די מיסטישע און ברודערשאַפטלעכע אידעעס פון דעם אָרדן, וואָס צו אים האָבן זיי געהערט. הויך באַצאָלט, גוט דיסציפּלינירט, אַ געשלאָסענע פּאַנאַטישע געהיימע גע־זעלשאַפט, האָבן די יאַניטשאַרן צוגעשטעלט דער ניי זיך אויסבילדנ־דיקער אָטאָמאַנישער אימפּעריע אַ פּאַטריאָטישן כוח פון גוט איינגע־מושטירטע פוסגייער־זעלנער, וואָס אין אַ תקופה פון לייכטער קאַוואַ־לעריע און באַצאָלטע געדונגענע זעלנערס זיינען זיי געווען אַן אַקטיוו ניט אָפּצושאַצן...

„די באַצווינגונגען צווישן די אָטאָמאַנישע סולטאַנען און די ביזאַנ־טישע קיסרים זיינען געוואָרן אַזעלכע, וואָס עס איז צו זיי קיין דוגמא

ניטאָ אין דער געשיכטע פון די מוסלימישע און קריסטלעכע מלוכות.
די טערקן זיינען געוואָרן אַריינגעצויגן אין די משפחה-און דינאַסטיע-
סיכסוכים פון דער קיסרלעכער שטאָט, זיינען געווען אויסגעבונדן דורך
בלוט-פאַרבונד מיט די הערשנדיקע משפחות, פלעגן אָפטמאָל צושטעלן
חיילות צו פאַרטיידיקן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ביי אַ געלעגנהייט פלעגן זיי
דינגען טיילן פון איר גאַרניזאָן צו העלפן זיי אין זייערע פאַרשיידענע
קריגס-קאַמפּאַניעס. די זין פון די קיסרים און ביזאַנטישע מלוכה-
לייט פלעגן אַפילו באַלייטן די טערקישע חיילות אין שלאַכט-פעלד.
דאָך האָבן די אָטאָמאַנען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו אַנעקטירן בי-
זאַנטישע טעריטאָריעס און שטעט סיי אין אַזיע און סיי אין טראַקיע.
אָט די טשיקאַווע אויפטראָגן צווישן דעם הויז אָסמאַן און צווישן דער
קיסרלעכער רעגירונג האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף ביידע אינ-
סטיטוציעס: די גריכן זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער דערנידעריקט
און דעמאָראַליזירט דורך די דריידלעך און קונצן, וואָס זייער מיליטע-
רישע שוואַכקייט האָט זיי געצוואונגען אָנצווענדן קעגן זייערע שונאים;
די טערקן זיינען געוואָרן פאַרדאָרבן דורך דער פרעמדער אַטמאָספער
פון אינטריגע און פאַלשקייט, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין זייער היי-
מיש לעבן. ברודער-מאָרד און פאָטער-מאָרד, די צוויי פאַרברעכן
וואָס האָבן אָפטער ווי אַלץ פאַרפלעקט דאָס לעבן פון קיסרלעכן פאַ-
לאַץ, האָבן ביי געלעגנהייט געבילדעט אויך אַ טייל פון דער פאָ-
ליטיק פון דער אָטאָמאַנישער דינאַסטיע. איינער פון די זין פון מוראַד
I האָט פאַרפירט אַן אינטריגע בשותפות מיט אַנדראָניקוס, דעם זון פון
גריכישן קיסר, אַז זיי זאָלן דערהרגענען איטלעכער זיין אייגענעם
פאָטער...

„די ביזאַנטער האָבן געהאַלטן פאַר גרינגער צו האָבן צו טאָן
מיט דעם אָטאָמאַנישן פאַשאַ איידער מיטן פויפּס. אין משך פון יאָרן
האָבן די טערקן און ביזאַנטער זיך משדך געווען צווישן זיך און האָבן
זיך פאָרוויז אַרומגעדרייט אויף מאָדנע זייטן-וועגן פון דער די-
פּלאָמאַטיע. די אָטאָמאַנען פלעגן אויסשפּילן די בולגאַרן און סערבן
פון אייראָפּע קעגן דעם קיסר, פונקט ווי דער קיסר פלעגט אויסשפּילן
דעם אַזיאַטישן עמיר קעגן סולטאַן. די גריכישע און די טערקישע קי-
ניגלעכע פּרינצן פלעגן זיך אויפריידן צווישן אַנאַנד, אַז איינער זאָל

האַלטן דעם אַנדערנס קאָנקורענט אין געפאַנגענשאַפט און ערבות. פאַקטיש האָט די טערקישע און ביזאַנטישע פּאָליטיק געהאַט זיך אַזוי צונויפגעפלאָנטערט, אַז עס איז שווער צו זאָגן, צי האָבן די טערקן באַטראַכט די גריכן פאַר זייערע פאַרבינדעטע, צי פאַר שונאים אָדער פאַר אונטערטאַנען, אָדער צי האָבן די גריכן געקוקט אויף די טערקן ווי אויף זייערע טיראַנען, צעשטערערס אָדער ווי אויף זייערע באַשיצערס“...
(זעער מאַרק סייקס, „דעם כאַליפס לעצטע ירושה“).



ערשט אין יאָר 1453, אונטער דעם אָטאָמאַנישן סולטאַן מוכאַמעד II, איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל געפאַלן פאַר די מוסלימס. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף איר פון דער אייראָפּעישער זייט, און מיט אַ גרויסער מאַכט פון אַרטילעריע. דער גריכישער קיסר איז דערהרגעט געוואָרן און עס זיינען געווען גרויסע רויבערייען און שחיטות. די גרויסע קירך פון דער הייליקער סאָפיאַ, וואָס יוסטיניאַן דער גרויסער האָט אויסגעבויט (532), איז געוואָרן אויסגערויבט פון אירע אוצרות און באַלד גע-

מאַכט פֿאַר אַ מעטשעט. די דאָזיקע געשעעניש האָט אויפֿגעוועקט די געמיטער אומעטום אין אייראָפּע, און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ קרייץ־צוג; נאָר די טעג פֿון די קרייץ־צוגן זיינען שוין געווען פֿאַרביי.

סער מאַרק סייקס זאָגט: „פֿאַר די טערקן איז די איינגעמונג פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען אַ הויכע באַלוינונג, אָבער צוגלייך אויך אַ פֿאַטאַלער קלאַפּ. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען די וואָס האָט געהאָלפֿן די טערקן דערציען און אויספֿיינערן. כּל־זמן די אָטאָמאַנען האָבן געקאָנט אָפּלערנען וויסן, קענטשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿיע, קונסט און טאָלעראַנץ פֿון אַ לעבעדיקן קוואַל פֿון ציוויליזאַציע אינמיטן האַרץ פֿון זייער אימפּעריע, אַזוי לאַנג האָבן די אָטאָמאַנען געהאַט ניט נאָר דעם גראָבן כּוח, נייערט אויך אינטעלעקטועלע מאַכט. כּל־זמן די אָטאָמאַנישע אימפּעריע האָט געהאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ פּרייען האַפֿן, אַ מאַרק, אַ צענטער פֿון די וועלט־פֿינאַנסן, אַ ברונעם גאָלד, אַ בערזע, אַזוי לאַנג האָט די אָטאָמאַנען קיין מאָל ניט אויסגעפֿעלט קיין געלט און קיין פֿינאַנסיעלע שטיצע. מוכאַמעד איז געווען אַ גרויסער מלוכה־מאַן: באַלד אין דעם מאָמענט ווען ער איז אַריין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ער געפּרוּווט פֿאַרריכטן דעם שאָדן, וואָס זיין אַמביציע האָט אָנגעטאָן. ער האָט אונטערגעהאַלטן דעם פּאַטריאַרך, פֿריינדלעך צוגענומען די גריכן, ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט, בכדי קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָל בלייבן די קאָנסטאַנטינאָפּאָל פֿון די קיסרים... אָבער דער פֿאַטאַלער שריט איז שוין געווען געמאַכט: קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווי די שטאָט פֿון די סולטאַנען איז שוין מער ניט געווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די מערק זיינען אויסגעשטאָרבן, קולטור און ציוויליזאַציע זיינען אַנטלאָפֿן, די פֿינאַנסן זיינען פֿאַרשוואונדן פֿון אויג. די טערקן האָבן פֿאַרלאָרן זייערע גוווערניאָרן און זייער אָנהאַלט. פֿון דער אַנדער זייט, די שלעכטע מידות פֿון ביזאַנץ זיינען געבליבן: די ביוראָקראַטיע, די עוונוכן, די פּאַלאַץ־גוואַרדיע, די שפּיאָנען, די שוחד־געבער, די פּאַקטערס — דאָס אַלץ האָבן די אָטאָמאַנען איבערגענומען און דאָס אַלץ האָט געלעבט אַ לעבן פֿון לוקסוס. איינגעמענדיק סטאַמבול, האָבן די טערקן געלאָזט אַרויסגליטשן זיך צו אוצר און געוואונען האָבן זיי אַ פּעסט"...

מולאַמעדס אמביציע איז ניט געווען געשטילט מיטן אײַננעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף רוים. ער האָט אײַנגענומען און אויסגערויבט די איטאַליענישע שטאָט אָטראַנטאָ, און עס לאָזט זיך משער זײַן, אַז נאָר זײַן טויט (1481), האָט אָפּגעווענדט אַ מעכטיקן פּרווו צו באַצווינגען איטאַליע, וואָס וואָלט אפשר זיך אײַנגעגעבן אויך, מחמת דער האַלבּ־אינזל איז געווען צעטיילט און צעקריגט צווישן אַנאַנד. זײַנע זין זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין אַ ברודער־מערדערישן גערענגל. אונטער באַיאַזיד II (1481 — 1512), וואָס האָט געקיניגט נאָך אים, איז געווען אַ מלחמה מיט פּוילן און דער גרעסטער טייל גריכנלאַנד איז געוואָרן אײַנגענומען. סעלים (1512 — 1520), באַיאַזידס זון, האָט אויסגעשפּרייט די אָטאָמאַנישע מאַכט איבער אַרמעניע און האָט אײַנגענומען עגיפּטן. אין עגיפּטן האָט דער אַבּאַסידישער כאַליף געלעבט אונטער דעם שוץ פון דעם מאַמעלוקישן סולטאַן — וואָרעם דער פאַטימידישער כאַליפאַט איז שוין לאַנג בטל געוואָרן. סעלים האָט אָפּגעקויפט דעם טיטל כאַליף פון דעם דעגענערירטן אַבּאַסיד און האָט זיך אָנגעאייגנט די הייליקע פאָנע און די איבעריקע רעליקוויעס פון דעם נביא. אַזוי אַרום איז דער אָטאָמאַנישער סולטאַן געוואָרן אויך דער כאַליף פון גאָר דעם איסלאַם. נאָך סעלים האָט געקיניגט סולײמאַן דער גרויסאַרטיקער (1520 — 1566), וואָס האָט אײַנגענומען באַגדאַד אין מזרח און דעם גרעסטן טייל אונגאַרן אין מערב און האָט שיר־שיר ניט אײַנגענומען ווין. אין משך פון דריי יאָרהונדערטער האָט אונגאַרן אויסגעהאַלטן אַנטקעגן דעם סולטאַן, נאָר די מפּלה בײַ מאָהאַקס (1526), וואָס דעמאָלט איז דער קיניג פון אונגאַרן דערהרגעט געוואָרן, האָט אַנידערגעוואָרפן דאָס לאַנד צו די פיס פון דעם באַצווינגער. זײַן פלאָט האָט אויך אײַנגענומען אַלזשיר און אָנגעטאָן אַ סך צרות די ווענעציאַנער. אין דעם רוב פון זײַנע מלחמות מיט דער דײַטשער אימפּעריע איז ער געווען פאַרבונדן מיט די פראַנצויזן. אונטער זײַן ממשלה האָט די אָטאָמאַנישע מאַכט דערגרייכט צו איר העכסטן פונקט.

---

5. פאַרוואָס זיינען די מאָנגאָלן ניט געוואָרן קריסטן.

לאָמיר איצט בקיצור דורכלויפן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די הויפּט-טיילן פון דער אימפּעריע פון דעם גרויס-כאַן. אין קיין פאַל איז עס דעם קריסטנטום ניט געראָטן איינצונעמען דעם כּוח הדמיון פון די דאָזיקע מאָנגאָלישע מלוכות. קריסטנטום איז געווען אין אַ צו-שטאַנד פון מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן באַנקראָט, אָן אַ וואָסער עס איז קאָלעקטיוון גלויבן, ענערגיע אָדער כּבוד-געפיל. מיר האָבן שוין דערציילט וועגן דעם שלימזלדיקן פאָר פחדנותדיקע דאָמיניקאַנער, וואָס זיי האָט דער פּויפּס געשיקט אויפן פאַרלאַנג פון קובלאַי כאַן, און מיר האָבן שוין פאַרצייכנט וועגן דעם אַלגעמיינעם דורכפאַל פון די קריסטלעכע מיסיאָנערן אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט. דער אַפּאָס-טאָלישער ברען, וואָס איז געווען בכּוח איינצונעמען גאַנצע פעלקער פאַרן קיניגרייך פון הימל, איז איצט אין דער קירך געווען אויסגעלאָשן.

וויי מיר האָבן שוין דערציילט, איז דער פּויפּס אין יאָר 1305 געוואָרן אַ געפאַנגענער פון פראַנצויזישן קיניג. גאָר די קונצן און די פּאָליטיק וואָס די פּויפּסן האָבן אָנגעווענדט אין 13טן יאָרהונדערט בכדי אַרויסצושטופּן דעם קיסר פון איטאַליע, האָבן געדינט נאָר אויף צו לאָזן די פראַנצויזן פאַרנעמען זיין אָרט. פון 1309 ביז 1377 זיינען די פּויפּסן געבליבן אין אַוויניאָן. און די שוואַכע מיסיאָנערישע פּרוּוון וואָס זיי האָבן געמאַכט זיינען געווען נאָר אַ טייל פון דער סטראַטעגיע פון דער מערב-אייראָפּעיִשער פּאָליטיק. אין יאָר 1377 איז דער פּויפּס גרע-גאָר XI געקומען טאַקע צוריק קיין רוים און איז דאָרט געשטאָרבן, אָבער די פראַנצויזישע קאַרדינאַלן האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון די איבעריקע, בשעת מען האָט באַדאַרפט אויסקלייבן דעם נייעם פּויפּס, און עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צוויי פּויפּסן, איינער אין אַוויניאָן און דער צווייטער אין רוים. די דאָזיקע שפּאַלטונג, די גרויסע סכיזמע, האָט געדויערט פון 1378 ביז 1418. איטלעכער פּויפּס האָט פאַרשאָלטן דעם אַנדערן און אַריינגעלייגט זיינע אונטערהאַלטערס אין חרם. דאָס איז געווען דער צו-שטאַנד פון דער קירך, און אַזעלכע זיינען געווען איצט די היטערס פון די לערנונגען פון ישו פון נצרת. גאַנץ אַזוי איז געווען פאַרטיק צום שניט, נאָר עס איז ניט געווען קיין כּוח דאָס אָראָפּצונעמען.

אַז די קירך איז סוף־כּל־סוף געווען ווידער פּאַראייניקט, און מיט דער גרינדונג פון דעם יעזויִטן־אָרדן איז געקומען צוריק די מיסיאָנע־רישע ענערגיע, איז שוין די געלעגנהייט געווען פאַרביי. די מאָנגאָלן פון כינע און צענטראַל־אַזיע האָבן זיך געווענדט צום בודיזם; אין דרום־רוסלאַנד, מערב־טורקעסטאַן און אין דער ילכאַנישער אימפּעריע האָבן זיי אָנגענומען איסלאַם.

---

6. די דינאַסטיעס יואַן און מינג אין כינע.

אין כינע זיינען די מאָנגאָלן געווען אָנגעזעטיקט מיט דער כי־נעזישער ציוויליזאַציע שוין אין דער צייט פון קובלאַי. נאָך 1280 באַ־האַנדלען די כינעזישע כראָניקעס קובלאַי ווי אַ כינעזישן מאָנאַרך, דעם גרינדער פון דער יואַן־דינאַסטיע (1280 — 1368). די דאָזיקע מאָנגאָלישע דינאַסטיע איז סוף־כּל־סוף געוואָרן באַזיגט דורך אַ כינעזישער נאַ־ציאָנאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעזעצט די מינג־דינאַס־טיע (1368 — 1644) — דאָס איז געווען אַ דינאַסטיע פון הויך קול־טיווירטע און קינסטלעריש געשטימטע קיסרים, וואָס האָבן רעגירט, ביז עס איז געקומען אַ צפונדיק פאָלק, די מאַנטשוס, וואָס זיינען געווען די זעלביקע ווי דאָס פאָלק קין, וואָס דזשינגיס האָט מנצח גע־ווען, האָבן איינגענומען כינע און איינגעשטעלט אַ דינאַסטיע, וואָס איז אָפּגעטראָטן ערשט פאַר אַ רעפּובליקאַנישער רעגירונגס־פאָרם אין יאָר 1912.

די מאַנטשוס זיינען דאָס געווען די וואָס האָבן געצוואונגען די כינעזער צו טראָגן צעפּ ווי אַ סימן פון אונטערטעניקייט. דער באַ־צאָפּטער כינעזער איז בכן אַ גאַנץ נייע געשטאַלט אין דער געשיכטע. אַז עס איז געוואָרן די רעפּובליק, איז שוין מער ניט געווען קיין צוואַנג צו טראָגן צעפּ, און אַ סך כינעזער האָבן שאַקע אויפגעהערט צו טראָגן אַ צאָפּ.

די דאָזיקע שינויים אין ווייטן מזרח, וואָס מיר מוזן דאָ פאַרצייכענען אַזוי בקיצור, זיינען צוגעגאַנגען איבער דעם פלאַך פון אַ ציוויליזירטן מאַסן־לעבן. כינעזישע קונסט האָט שטענדיק אויסגעקליבן מאַטעריאַלן

וואָס ברעכן זיך גרינג און גייען לאיבוד, און דערפאַר האָבן מיר ניט פון דער קינסטלערישער שאַפונג פון דעם סונג-און יואַן-פּעריאָד אַזאַ גרויסן רייכטום איבערגעבליבענע ווערק ווי פון דער ווייט ניט אַזוי הויך אַנטוויקלטער קונסט פון אייראָפּע אין דער זעלביקער צייט. נאָר מיר האָבן גענוג, בכדי מיר זאָלן אײַנזען, ווי פיין דער דאָזיקער פּעריאָד איז געווען. הגם די סונג-דינאַסטיע באַצייכנט אַ פּעריאָד פון פּאָליטישער ירידה אונטער דעם דרוק פון דער מאַכט פון די כיטאַן און קין און כסיאַ, דאָך איז דאָס געווען אַ פּעריאָד פון גרויסער קינסטלערישער אַקטיוויטעט. בעת דעם דרומדיקן סונג-פּעריאָד. זאָגט מען, האָט די כינעזישע מאָלעריי דערגרייכט צו איר העכסטער מדרגה. „גרויסאַרטיק אין קונסט און אויך אין פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, שרייבט מ"ר לאָרענס ביניאָן, באַשטייט דער דאָזיקער פּעריאָד אין אַזיע אַנטקעגן דער פּעריקלעישער תקופה אין אייראָפּע... מיט אַ ליבשאַפט צו דער נאַטור, וואָס האָט אין אייראָפּע צו זיך קיין גלייכן ניט ביז די טעג פון ענגלישן פּאָעט וואָרדסוואָרטה, האָבן די קינסטלער אין סונג-פּעריאָד געמאָלט זייער התפּעלות פון די בערג, נעפּלען, רייסנדיקע שטראָמען, פון דעם פּלי פון ווילדע גענז צווישן ראָר-שטעקלעך, די פאַרחלומטע מתבודדים אין געדיכטן וואַלד אונטער לבנה-שיין, דעם פישער אין זיין שיפל אויף דער אָזערע אָדער אויפן טייך".

דער שוואונג פון מאָלעריי אין דער סונג-צייט איז ווייטער געגאַנגען אָן אַ גרויסן שינוי אין משך פון דער צייט פון דער יואַן-דינאַסטיע. נאָר אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעגירונג פון די מינגס, האָט זיך באַוויזן אַ געוויסע אָפּשוואַכונג און אויסגעפיינטקייט. מיט די מינגס קומען מיר צו אַ פּעריאָד, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ סך מאָנומענטן. עס זיינען געבליבן אַ סך שניצערייען אין האָלץ און העלפאַנד-ביין; שאָלן און שניצערייען פון גרינשטיין און באַרג-קרישטאָל און אַ סך פיינע בראָנז-ווערק. די אַלעעס פון קאָלאָסאַלע שטיינערנע סטאַטועס וואָס פירן צו די קברים פון די מינג-קיסרים, הגם זיי זיינען לחלוטין ניט קיין מוסטערן פון דער בעסטער כינעזישער סקולפּטור, זיינען גוט באַוואוסט. בהדרגה האָט זיך אַריינגעריסן אין דער כינעזישער שניצעריי אַ טומל-

דיקע איבערגעקינסטלטקייט, ביז זי איז פאַרשטיקט געוואָרן אונטער דער איבערמאָס פון דראַקאָנעס, בלומען און סימבאָלישע פיגורן.

הגם „עפּעס אַזוינס וואָס איז ווערט דעם נאָמען פּאָרצעליי“, זאָגט וויליאַם בערטאָן, איז געוואָרן געמאַכט נאָך אין דעם טאַנג־פּע־ריאָד, שטאַמט די פריסטע כינעזישע פּאָרצעליי, וואָס איז נאָך פאַראַן,



צוויי גענז. כינעזישע מאָלעריי פון דעם סונג־פּעריאָד. אין בריטישן מוזיי.

ערשט פון סונג־פּעריאָד. פּאָרצעליי האָט גענומען גיין קיין מערב צוזאַמען מיט זיידנס, און עס איז פאַראַן אַ ידיעה, אַז סאַלאַדין האָט געשיקט דעם סולטאַן פון דמשק אַ מתנה פון פערציק שטיק פּאָרצעליי. אַז די מינג־דינאַסטיע איז געקומען צו דער מאַכט, האָט די אויסאַרבעטונג פון ליימענע כלים געקראָגן אַ באַזונדער שטופּ, מחמת זי האָט גענאָסן דירעקטע שטיצע פון די קיסרים, און זי האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַן

אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע און הצלחה. מען האָט גענומען נוצן געמאָלטע דעקאָרירונג, און אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט מען אַרויסגעקראָגן די פיינסטע בלאָע און ווייסע פאָרצעליי. אומגלויבלעך פיינע פאָרצעליי, געלעכערטע פאָרצעליי, און אַ הפלאדיקע אונטער=גלאַזור אין רויט געהערן צו די העכסטע דערגרייכונגען פון דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן פעריאָד אין כינעזישער קעראַמיק.

---

7. די מאָנגאָלן קערן זיך אום צו דער שבט=אָרדענונג.

אין פּאַמיר, אין אַ גרויסן טייל פון מזרח=און מערב=טורקעסטאַן און אין צפון זיינען די מאָנגאָלן צוריק אַראָפּגעפאַלן צום מעמד פון דער שבט=אָרדענונג, וואָס דזשינגיס האָט זיי געהאַט פון איר אַרויסגעהויבן. עס איז מעגלעך אָנצוצייכענען כמעט ביז צו אונזער צייט די געשיכטע פון אַ סך פון די קליינע כאַנען, וואָס זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיק אין משך פון דעם פעריאָד, ווי אַזוי זייער ממשלה איז כסדר געמינערט געוואָרן. די קאַלמיקן האָבן אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט געגרינדעט אַ באַטייטיקע אימפעריע, נאָר דינאַסטישע מהומות האָבן די צעריסן, איידער זי האָט געהאַט אויסגעשפּרייט איר מאַכט איבער האַלב פון צענטראַל=אַזיע. די כינעזער האָבן אָפּגענומען ביי זיי מזרח=טורקעסטאַן אַן ערך אין יאָר 1757.

טיבעט איז געוואָרן אַליץ פעסטער און פעסטער פאַרבונדן מיט כינע און איז געוואָרן די גרויסע היים פון בודיזם און פון בודיסטישן מאָנאַכנטום.

איבער דעם גרעסטן טייל פון דעם לאַנד=שטח פון דער מערבדיקער צענטראַל=אַזיע און פערסיע און מעסאָפּאָטאַמיע איז נאָך געבליבן ביזן היינטיקן טאָג דער אַלטער אונטערשייד צווישן דער נאָמאַדישער און דער אַיינגעזעסענער באַפעלקערונג. דער שטאָט=מענטש פאַראַכט און באַעוולט די נאָמאַדן, די נאָמאַדן באַהאַנדלען שלעכט און פאַראַכטן די שטאָט=מענטשן.

---

8. די קיפטשאַק־אימפעריע און דער צאַר פון מאָסקווע.

די מאָנגאָלן פון דער גרויסער מלוכה קיפטשאַק זיינען געבליבן נאָמאַדן און האָבן געפיטערט זייערע סטאַדעס אויף די ברייטע פליינען פון דרום־רוסלאַנד און מערב־אַזיע בשכנות פון רוסלאַנד. זיי זיינען געוואָרן ניט קיין שטאַרק פרומע מוסלימס און האָבן אויפגעהיט אַ סך רעשטן פון זייער פריערדיקן בארבאַרישן שאַמאַניזם. זייער הויפט־כאַן איז געווען דער כאַן פון דער גילדערנער האָרדע. צו מערב צו, איבער גרויסע שטרעקעס אָפּענעם לאַנד, בפרט אין דער געגנט, וואָס איז איצט באַוואוסט אונטערן נאָמען אוקראַינע, האָט די אַלטע סקיטישע באַפעלקערונג, סלאַוון מיט אַ מאָנגאָלישן צומיש, זיך אומגעקערט צו אַן ענלעכן נאָמאַדן־לעבן. די דאָזיקע קריסטלעכע נאָמאַדן, די קאָזאַקן, האָבן געבילדעט אַ מין גרענעץ־מחיצה קעגן די טאָטערן, און זייער פריי און אַוואַנטוריסטיש לעבן האָט אַזוי צוגעצויגן די פויערים פון פוילן און ליטע, אַז מען האָט געמוזט איינפירן שטרענגע געזעצן, בכדי צו פאַרהיטן אַן אויסוואַנדערונג פון אַקער־לאַנד אין די סטעפּעס. די פוילישע פריצים, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער לייב־אייגענע, האָבן מחמת דעם געקוקט מיט שנאה אויף די קאָזאַקן, און עס זיינען געווען פונקט אַזוי אָפט קריג צווישן דער פוילישער רייטעריי און די קאָזאַקן, ווי צווישן די לעצטע און די טאָטערן.

אין דער אימפעריע פון קיפטשאַק איז געווען דער סדר אַזוי, ווי עס איז אין טורקעסטאַן כמעט ביזן היינטיקן טאָג: בעת די נאָמאַדן פלעגן אַרומוואַנדערן איבער גרויסע שטרעקעס, איז געווען אַ געוויסע צאָל שטעט און קולטיווירטע געגנטן מיט אַן איינגעזעסענער באַפעלקערונג, וואָס האָט געווינטלעך געצאָלט צינז דעם נאָמאַדישן כאַן. אין אַזעלכע שטעט ווי קיעוו, מאָסקווע וכדומה, איז דאָס פאַר־מאָנגאָלישע, קריסטלעכע שטאָט־לעבן זיך ווייטער געגאַנגען אונטער רוסישע פירשטן אָדער טאָטערשע גובערנאַטאָרן, וואָס האָבן אויפגעמאָנט דעם צינז פאַרן כאַן פון דער גילדערנער האָרדע. דער גרויס־פירשט פון מאָסקווע האָט געוואונען דעם כאַנס צוטרוי און בהדרגה האָט ער געקראָגן אַ דעה איבער אַ סך פון די אונטערטעניקע פירשטן. אין

15טן יאָרהונדערט, אונטער דעם גרויספירשט איוואַן III, איוואַן דעם גרויסן (1462 — 1505), האָט מאָסקעווע צעריסן איר פאַרבינדונג מיט די מאָנגאָלן און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן ווייטער צינז (1480).

כינעזישע מאָלעריי פון דעם מינג-פעריאָד (15טער י"ה). אין בריטישן מוזיי: די פייע וואו ווי מיטן פויגל פעניקס.

קאָנסטאַנטינס יורשים האָבן דעמאָלט מער ניט רעגירט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, און איוואַן האָט זיך אָנגעאייגנט דעם ביזאַנטישן צוויי־קעפּיקן אָדלער ווי אַ מלוכה־הערב. ער האָט פּרעטענדירט צו זיין דער יורש פון ביזאַנץ, מחמת ער האָט חתונה געהאַט (1472) מיט זאָע פּאַלעאָלאָג פון דער קיסרלעכער פאַמיליע. דאָס גרויספירשטנטום מאָסקווע האָט אונטערטעניק געמאַכט די אַלטע נאָרמאַנישע האַנדלס־רעפּובליק נאָווגאָראָד און אַזוי אַרום אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר דער איצטיקער רוסישער מלוכה און איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט דעם האַנדלס־לעבן פון באַלטישן ים. נאָר איוואַן III האָט ניט אויסגעבריייטערט זיינע פּרעטענזיעס אויף דער ירושה פון די קריסט־לעכע מושלים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַזוי וויט, אַז ער זאָל אָננעמען דעם קיסרלעכן טיטל. דאָס האָט געטאָן זיין אייניקל, איוואַן IV (אי־וואַן דער אכזר, פון וועגן זיינע ווילדע מעשים וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, 1533 — 1584). הגם דער מושל פון מאָסקווע האָט זיך אָנגערופן צאַר (קיסר), איז זיין טראַדיציע אין כמה פּרטים געווען מער טאַטעריש איידער אייראָפּעיש; ער איז געווען אַן אַווטאָקראַט לויטן אַזיאַטישן אומבאַגרענעצטן מוסטער, און די פאָרם פון קריסטנטום, וואָס ער האָט געהאַלטן, איז געווען די מזרחדיקע, די הויף־רעגירטע, „אָר־טאָדאָקסע" פאָרם, וואָס איז געקומען קיין רוסלאַנד אַ לאַנגע צייט פריער פאַר דער מאָנגאָלישער באַצווינגונג דורך בולגאַרישע מיסיאָנערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין מערב־זייט פון דער קיפּטשאַק־אימפּעריע, וואָס אַהין האָט די מאָנגאָלישע ממשלה ניט געגרייכט, איז אין 10טן און 11טן יאָר־הונדערט געגרינדעט געוואָרן נאָך אַ צענטער פון סלאַווישער פאַראיי־ניקונג אין פּוילן. די מאָנגאָלישע כוואַליע האָט אַ פליי געטאָן איבער פּוילן, נאָר האָט זי קיינמאָל ניט אונטערטעניק געמאַכט. פּוילן איז ניט געווען „אָרטאָדאָקס" לויט דער רעליגיע, נייערט רוימיש־קאַטוילישע. זי האָט גענוצט דעם לאַטיינישן אלף־בית אַנשטאָט די מאָדנע רוסישע אותיות, און איר מאָנאַרך האָט קיין מאָל ניט געקראָגן קיין פולע אומאָפּהענגיקייט פון קיסר. פּוילן איז אין דער אמתן אין אָנ־הייב געווען אַן אַרויסגערוקטער טייל פון קריסטנטום און פון דער הייליקער אימפּעריע; רוסלאַנד איז דאָס קיין מאָל ניט געווען.

9. טימורלאַן.

דער מהות און די אַנטוויקלונג פון דער אימפעריע פון די אילכאַנס אין פערסיע, מעסאָפאָטאַמיע און סיריע איז אפשר דער אינטערעסאַנטסטער צווישן די אַלע געשיכטעס פון די מאָנגאָלישע מלוכות, וואָרעם אין איר געביט האָט דאָס נאָמאַדנטום פאַקטיש געמאַכט אַ פרווו, און דער פרווו איז אים אויך אין אַ זייער גרויסער מאָס געראָטן, צו פאַרטיליקן און אויסצוראָמען פון לעבן אַ ציוויליזירטע ישוב-סיסטעם. בעת דזשינגיס כאַן האָט איינגענומען כינע, דערציילט מען, איז געווען אַן ערנסטער קלער ביי די מאָנגאָלישע אָנפירער, צי מען זאָל ניט די אַלע שטעט און באַזעסענע ישובים חרוב מאַכן. פאַר די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען געווען צוגעוויינט צום פשוטן לעבן אונטערן פרייען הימל, האָבן די איינגעזעסענע מענטשן אויסגעוויזן פאַרדאָרבן, דערעסיק, זינדיק, פאַרצערטלט, געפערלעך און אומפאַרשטענדלעך; דער ישוב פאַרנעמט אומזיסט-אומנישט אַן אָרט, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ גוטער פאַשע-פלאַץ. פאַר זיי האָבן די שטעט צו גאָרנישט ניט געטויגט. די אַלטע פראַנקען און די אַנגלאָ-סאַקסישע באַצווינגערס פון דרום-בריטאַניע האָבן משמעות געהאַט דעם זעלביקן געפיל אַנטקעגן שטאָט-מענטשן. נאָר עס ווייזט אויס, אַז נאָר אונטער הולאַגו אין מעסאָפאָטאַמיע זיינען די דאָזיקע פאָרשטעלונגען געוואָרן פאַרקערפערט אין אַן אויסגערעכנטער פאָליטיק. די מאָנגאָלן האָבן זיך דאָ ניט באַנוגנט דערמיט וואָס זיי האָבן געברענט און געקוילעט: זיי האָבן צעשטערט די באַוואַסער-סיסטעם וואָס האָט זיך געהאַלטן לכל-הפחות אַן אַכט טויזנט יאָר, און מיט דעם איז געקומען אַ סוף צו דער מוטער-ציוויליזאַציע פון גאָר דער מערבדיקער וועלט. זינט די צייטן פון די כוהנים-מלכים פון שומער איז אין די דאָזיקע פרוכפעריקע געגנטן געווען אַ כסדרדיקע קולטיווירונג פון דער ערד, אַן אָנקלייב פון טראַדיציע, אַ גרויסע באַפעלקערונג, אַ ריי האַנדל-שטעט: ערידו, ניפור, בבל, נינווה, קטעסיפאָן און באַגדאַד. איצטער איז די פרוכפעריקייט אָפגענומען געוואָרן. מעסאָפאָטאַמיע איז געוואָרן אַ לאַנד פון חורבות און פאַרוויסטונג, וואָס דורך איר זיינען גרויסע טייכן געפלאָסן אין זאַמד אַריין אָדער זיי זיינען אַריבערגעפלאָסן זייערע ברעגעס און אָנגעמאַכט זומפן

מיט מאַלאַריע־פיבער. שפּעטער־צו זיינען באַגדאַד און מאָסול ווידער שוואַך באַלעבט געוואָרן צו שטעט פון צווייטער מדרגה...

אויב הולאַגוס גענעראַל קעטבאָגאַ וואָלט ניט געקלאַפּט און דערהרגעט געוואָרן אין פּאַלעסטינע (1260), וואָלט עגיפּטן געהאַט דעם זעלביקן סוף. נאָר עגיפּטן איז איצט געווען אַן עגיפּטישער סולטאַנאַט; זי איז געוואָרן באַהערשט דורך אַ זעלנער־קאָרפּוס פון מאַמעלוקן, וואָס פונקט ווי די יאַניטשאַרן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וואָס האָבן זיי נאָכגעמאַכט, האָבן זיי זיך רעקרוטירט פון יונגע שקלאַפן וואָס מען פלעגט זיי אויסמושטירן פאַר דעם זעלנער־פאַך. איז דער סולטאַן געווען אַ העלדישער מענטש, פלעגן זיי אים פאָלגן; אויב ער פלעגט זיין אַ שוואַכער אָדער אַ שלעכטער, פלעגן זיי אים אַראָפּזעצן און אַוועקזעצן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. אונטער דער דאָזיקער הערשאַפט איז עגיפּטן געבליבן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה ביז 1517, וואָס דעמאָלט איז זי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אָטאָמאַנישע טערקן.

דער ערשטער צעשטער־אימפּעט פון הולאַגוס מאָנגאָלן איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט, נאָר אין 15טן יאָרהונדערט האָט זיך אויפגעהויבן אַ לעצטער שטורעם פון נאָמאַדנטום אין מערב־טורקעסטאַן אונטער דעם אָנפיר פון אַ געוויסן טימור דעם הינקעדיקן אָדער טימורלאַן. ער האָט אָפּגעשטאַמט אין ווייבלעכער ליניע פון דזשינגיס כאַן. ער האָט זיך איינגעפעסטיקט אין סאַמאַרקאַנד און האָט אויסגעשפּרייט זיין ממשלה איבער קיפּטשאַק (פון טורקעסטאַן ביז דרום־רוסלאַנד), סיביר און אין דרום־זייט אַזש ביזן אינדוס. ער האָט אָנגענומען דעם טיטל גרויס־כאַן אין יאָר 1369. ער איז געווען אַ נאָמאַד פון דעם ווילדן שניט און האָט געשאַפן אַן אימפּעריע פון צעשטערונג, וואָס האָט זיך געצויגן פון צפון־אינדיע ביז סיריע. פּיראַמידעס פון שאַרבנס האָט ער ליב געהאַט צונויפצושיטן; נאָכן איינעמען איספּאַהאַן האָט ער געמאַכט אַ בערגל פון 70.000 שאַרבנס.

ער האָט געהאַט בדעה אויפצוריכטן די אימפּעריע פון דזשינגיס כאַן, ווערליך ער האָט דאָס באַנומען, נאָר ער איז מיט זיין פּלאַן אינגאַנצן דורכגעפאַלן. ער האָט אויסגעשפּרייט חורבן ווייט און ברייט; די אָטאָמאַנישע טערקן — דאָס איז געווען איידער זיי האָבן איינגענומען

קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיי זיינען געקומען צו זייער גדולה — און עגיפּטן האָבן אים געצאָלט צינז; פּענדזשאַב האָט ער פאַרוויסט, און דעלהי האָט זיך אים אונטערגעגעבן. נאָכדעם ווי דעלהי האָט זיך אים אונטערגעגעבן, האָט ער אָנגעמאַכט אַ שחיטה צווישן אירע איינוואוינער. צו דער צייט פון זיין טויט (1405) איז ווייניק וואָס געבליבן עדות צו זאָגן אויף זיין מאַכט, חוץ אַ נאָמען פון אימה, חורבות און פאַרוויסטע לענדער און אַ צונויפגעשרומפּן און פאַראָרעמט געביט אין פּערסיע.

אין פופציק יאָר אַרום האָט אַן אַנדער טורקמענישע האָרדע פאַרטיליקט די דינאַסטיע, וואָס טימור האָט געגרינדעט אין פּערסיע.

---

10. די מאָנגאָלישע אימפּעריע פון אינדיע.

אין יאָר 1505 איז אַ קליינער טורקמענישער הויפּטמאַן, מיטן נאָמען באַבער, פון דער משפחה פון טימור און ממילא פון דזשינגיס, געווען געצוואונגען נאָך עטלעכע יאָר מלחמה און נאָך עטלעכע צייטווייליקע ניצחונות — אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַט פאַרכאַפּט סאַמאַרקאַנד — צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט אייניקע אָנהענגערס איבער דעם הינדו-קוש קיין אַפגאַניסטאַן. דאָ איז זיין באַנדע אויסגעוואַקסן און ער האָט פאַרכאַפּט קאַבול. ער האָט צונויפגעקליבן אַן אַרמיי, צונויפגענומען האַרמאַטן און דערנאָך אַרויסגעשטעלט אַ תביעה אויף פּענדזשאַב, מחמת מיט הונדערט מיט זיבן יאָר צוריק האָט טימור געהאַט דאָס לאַנד איינגענומען. ער האָט זיין ממשלה פאַרברייטערט אויך אַריבער דעם פּענדזשאַב. אינדיע איז געווען אין אַ צושטאַנד פון צעטיילונג און גרייט אויפצונעמען איטלעכן אַריינדרינגער, וואָס וועט איר צוזאָגן שלום און אָרדענונג. נאָך פאַרשיידענע וואַקלענישן פון מזל אַהין און אַהער האָט באַבער זיך צונויפגעטראָפן מיטן סולטאַן פון דעלהי אין פּעניפּעט (1525), צען מייל צפונדיק פון דער דאָזיקער שטאָט; ער האָט געהאַט נאָר 25.000 מאַן, דערפאַר אָבער מיט האַרמאַטן, קעגן אַ טויזנט העלפאַנדן און אַ חייל פיר מאָל אַזוי גרויס ווי זיינער — אגב, די צאָלן זיינען זיין אייגענע שאַ-

צונג — און האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולן ניצחון. ער האָט מער ניט אָנגע־
רופן זיך קיניג פון קאַבול און האָט אָנגענומען דעם טיטל קיסר פון

דער מאָגול־קיסר באַבער. א מאָגולישע מאָלעריי. פון דער פאריזער
נאציאָנאלער ביבליאָטעק.

הינדאָסטאַן. „דאָס איז, האָט ער געשריבן, גאָר אַן אַנדער וועלט ווי
אונזערע לענדער". זי איז געווען שענער, פרוכפּערדיקער, לחלוטין

רייכער. ער האָט באַצוואונגען דאָס לאַנד אַזש ביז בענגאַליע, נאָר זיין פריצייטיקער טויט אין יאָר 1530 האָט פאַרהאַלטן דעם שטראָם פון דער מאָנגאָלישער באַצווינגונג אויף אַ פערטל יאָרהונדערט, און ערשט אַז זיין אייניקל אַקבאַר האָט איבערגענומען די רעגירונג, האָט זי אַ שטראָם געטאָן ווייטער. אַקבאַר האָט אונטערטעניק געמאַכט גאַנץ אינדיע אַזש ביז בעראַר, און זיין אוראייניקל אורונגזעב (1658 — 1707) איז פאַקטיש געווען דער האַר איבערן גאַנצן האַלב־אינזל. די דאָזיקע גרויסע דינאַסטיע פון באַבער (1526—1530), הומאַיון (1530—1556), אַקבאַר (1556 — 1605), דזשעהאַנדזשיר (1605 —1627), שאַך דזשעהאַן (1628 — 1658) און אורונגזעב (1658 —1707), וואו אין משך פון זעקס דורות האָט דער זון געקיניגט נאָכן פאָטער, די דאָזיקע „מאָגול (=מאָנגאָלישע) דינאַסטיע", באַצייכנט די גלענצנד־סטע תקופה, וואָס אינדיע האָט ביז אַהער דורכגעמאַכט. אַקבאַר איז געווען איינער פון די גרעסטע אינדישע מאָנאַרכן, אפשר דער צווייטער פון אַסאָקאַ, און איינער פון די ווינציק קיניגלעכע פיגורן, וואָס דערנענטערן זיך צו דער מאָס פון אַ גרויסן מענטשן.

אַקבאַר פאַרדינט דעם זעלביקן אויפמערק, ווי מיר האָבן אַרויס־געוויזן בנוגע צו קאַרל דעם גרויסן און צו קאָנסטאַנטין דעם גרויסן. ער איז איינער פון די רינגען פון דער היסטאָרישער קייט. אַ סך פון זיין ווערק צו פאַרפעסטיקן און אָרגאַניזירן אינדיע לעבט נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג. די ענגלענדער, אַז זיי זיינען געוואָרן די יורשים פון די מאָגול־קיסרים, האָבן דאָס איבערגענומען און ווייטער געפידט. דער בריטישער מאָנאַרך האָט איצט ווי זיין אינדישן טיטל דעם טיטל פון די מאָגול־קיסרים: „קאַיסאַר־אי־הינד". אַלע אַנדערע גרויסע מלו־כות פון דזשינגיס כאַנס יורשים אין רוסלאַנד, אין גאַנץ מערב־און צענטראַל־אַזיע און אין כינע, זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן און פאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע רעגירונגס־פאָרמען. זייערע רעגי־רונגען זיינען פאַקטיש געווען ניט קיין סך מער ווי רעגירונגען צו מאָנען שטייערן: אַ סיסטעם אָנצוקלייבן אָפּצאָלונגען אויף אויסצו־האַלטן די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דעם רעגירער, ווי די גילדענע האָרדע אין דרום־רוסלאַנד אָדער די קיסרלעכע שטאָט אין קאַראַקאָ־רום אָדער פעקין. דאָס לעבן און די געדאַנקען פון פאָלק האָבן זיי גע־

לאָזט אָן אַכט, עס האָט זיי ניט געאַרט, ווי אַזוי דאָס פאָלק לעבט—כל־
זמן עס האָט געצאָלט. אַזוי איז דאָס געשען, אַז נאָך יאָרהונדערטער



דער מאָגול־קיסר אַקבאַר. א מאָגולישע מאַלעריי. פון דער פּאַריזער
נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

פון אונטערטעניקייט האָט זיך ווידער אויפגעהויבן פון דער מאָנגאָלישער
פאַרפלייצונג אַ קריסטלעכע מאָסקעווע און קיעוו, אַ שיִיטישע פערסיע

און אַ דורכאויס כינעזישע כינע. אַקבאַר אָבער האָט געמאַכט אַ נייע אינדיע. ער האָט געגעבן די פֿירשטן און די רעגירנדיקע קלאַסן פֿון אינדיע כאָטש אַ שטיקל רמז אויף אַ בשותפֿישן אינטערעס. אויב אינדיע איז איצט עפּעס מער ווי אַ זאַק שמאַטעס פֿון מלוכות און ראַסעס. וואָס זיינען צווישן אַנאַנד ניט פֿאַרבונדן, אַ רויב פֿון איטלעכן צופֿעליקן אָנפֿאַלער פֿון צפֿון־זייט, האָט מען דאָס אין גרויסן און גאַנצן אים צו פֿאַרדאַנקען.

די מידה, וואָס האָט אים באַזונדערס אויסגעצייכנט איז געווען זיין אָפֿנהאַרציקייט. ער האָט זיך אַריינגענומען אין זינען צו ברענגען דערצו, אַז איטלעכער פֿעיִקער מענטש אין אינדיע, אַליין איינס וואָס זיין רעליגיע אָדער ראַסע זאָל זיין, זאָל אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער כלל־אַרבעט אין אינדישן לעבן. זיין אינסטינקט איז געווען דער אינסטינקט פֿאַר סינטעז פֿון דעם אמתן מלוכה־מאַן. זיין אימפּעריע האָט ניט געדאַרפֿט זיין ניט קיין מוסלימישע און ניט קיין מאָנגאָלישע, ניט קיין ראַדזשפּוטאַנישע אָדער אַרישע אָדער דראַווידישע אָדער הינדוישע, ניט פֿון אַ הויכער און ניט פֿון אַ נידעריקער קאַסטע: זי האָט באַדאַרפֿט זיין אַ א י נ ד י ש ע. „אין זיינע לערן־יאָרן האָט ער געהאַט אַ סך געלעגנהייטן צו באַמערקן די גוטע מידות, די געטריישאַפֿט, די איבערגעגעבנקייט, אָפֿטמאָל די נשמה־איידלקייט פֿון יענע הינדוישע פֿירשטן, וואָס זיינע מוסלימישע הויף־לייט האָבן זיי ביי זיך אין האַרצן שוין געהאַט פֿאַרמשפּט אויף אייביקן גיהנום, מחמת זיי זיינען געווען אָנהענגער פֿון בראַמאַ. ער האָט באַמערקט, אַז יענע מענטשן און אַזעלכע וואָס האַלטן ווי זיי בילדן די גרעסטע מערהייט פֿון זיינע אונטערטאַנען. ער האָט ווייטער באַמערקט, אַז אַ סך פֿון זיי, און גראָד די, וואָס זיי האָט מען געמאָנט צום מיינסטן געטרייען, הגם פֿון וועלטלעכן שטאַנדפּונקט אויס וואָלטן זיי אַ סך געקאָנט געווינען, אויב זיי וואָלטן אָנגענומען די רעליגיע פֿון הויף, פֿונדעסטוועגן האַלטן זיי פֿעסט זייער אייגענע אמונה. דערפֿאַר האָט ער פֿון לכתחילה אָן ניט געוואָלט אָננעמען די טעאָריע, אַז דערפֿאַר וואָס ער, דער באַצווינגער, דער האַר, איז צופֿעליק געוואָרן אַ מוכאַמעדאַנער, איז דער איסלאַם אמת פֿאַר גאָר דער מענטשהייט. צו ביסלעכווייז האָט ער גענומען אויסדריקן זיינע געדאַנקען אין אַזעלכע ווערטער: ווי אַזוי קאָן איך

דאָס פּרעטענדירן צו פירן מענטשן, איידער איך האָב זיך אַליין געפירט אויפן רעכטן וועג? און אַז ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו אַנדערע שיטות און צו אַנדערע אַני־מאמינס, זיינען זיינע ערלעכע ספקות באַשטעטיקט געוואָרן, און באַמערקנדיק טעגלעך די באַגרענעצטקייט און ענגהאַרציקייט פון סעקטירעריי, אַלץ איינס פון וואָסער רעליגיע, איז ער אַלץ מער און מער געוואָרן צוגעבונדן צום פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ פאַר אַלעמען".

„דער זון פון אַן אַנטלאָפענעם קנעכט, זאָגט ד"ר עמיל שמיט, געבאָרן אין מדבר, אויפגעהאָדעוועט אין דחקות, האָט ער זיך באַקענט מיט דער שלעכטער זייט פון לעבן פון קינדוויז אויף. די נאַטור האָט אים געגעבן אַ מעכטיקן קערפּער־געבוי, וואָס ער האָט אים איינגעניט צו דערטראָגן די שווערסטע אָנשטרענגונג. פיזישע געניטונג איז פאַר אים געווען אַ ליידנשאַפט; ער איז געווען איבערגעגעבן צום געיעג, און באַזונדערס דער ווילדער אויפרעגונג פון כאַפּן דעם ווילדן פערד אָדער הערפּאַנד אָדער טייטן דעם געפערלעכן טיגער. ביי איין געלעגנהייט, ווען עס איז נייטיק געווען איבערצורייידן דעם ראַדזשאַ פון דזשאָדפּאָר, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פּלאַן צו צווינגען די אלמנה פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון זיך צו לאָזן פאַרברענען אויפן באַגרעבעניש־שייטערהויפן, איז אַקבאַר דורכגעריטן צוויי הונדערט מיט צוואַנציק מייל אין צוויי טעג. אין שלאַכט פלעגט ער אַרויסווייזן די העכסטע גבורה. ער פלעגט אַליין פירן זיינע חיילות בעת דעם געפערלעכן טייל פון אַ קאַמפּאַניע, און פאַר זיינע גענעראַלן פלעגט ער איבערלאָזן די גרינגערע אויפגאַבע פון פאַרענדיקן דעם קריג. ביי איטלעכן ניצחון פלעגט ער אַרויסווייזן מענטשלעכקייט בנוגע דעם באַזיגטן און איז געווען לחלוטין קעגן יעטווידער אכזריות. פריי פון יענע פאָראורטיילן, וואָס צעטיילן אַ געזעלשאַפט און שאַפן מחלוקת, טאָלעראַנט צו מענטשן פון אַנדערע אמונות, אומפּאַרטייאיש בנוגע צו מענטשן פון אַנדערע ראַסעס, צי הינדוס צי דראַווידן, איז ער געווען אַ מאַן וואָס איז בפירוש מסוגל געווען צונויפצושמעלצן די ווידעראַנאַנדיקע עלעמענטן פון זיין קיניגרייך אין אַ שטאַרקער און בליענדיקער גאַנצהייט.

„מיט גאָר דעם ערנסט האָט ער זיך אָפּגעגעבן דעם ווערק פון שלום. געמעסיקט אין אַלע פאַרגעניגנס, גענייטיקט נאָר אין ווינציק שלאָף און געוויינט אײַנצוטיילן זיין צייט מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט, האָט ער געפונען פרייע צייט זיך אָפּצוגעבן מיט וויסנשאַפט און קונסט, נאָכדעם ווי ער פלעגט אויספירן זיינע רעגירונגס-חובות. די באַרימטע פערזאָנען און געלערנטע, וואָס האָבן באַשיינט די הויפּטשטאָט, וואָס ער האָט געהאַט זיך אויסגעבויט אין פייטפור-סיקרי, זיינען צוגלייך געווען זיינע גוטע פריינד: איטלעכן דאָנערשטאָג אין אָוונט פלעגט זיך צונויפקלייבן אַ קרייז פון די דאָזיקע מענטשן צוליב פירן קלוגע שמועסן און פילאָסאָפישע וויכוחים. זיינע נעענטסטע גוטע פריינד זיינען געווען צוויי הויך טאַלענטירטע ברידער, פאַיזי און אַבול פאַזל, די זין פון אַ געלערנטן פריידענקער. דער עלטסטער פון זיי איז געווען אַ באַרימטער געלערנטער אין דער אינדישער ליטעראַטור: מיט זיין הילף און אונטער זיין אָנפיר האָט אַקבאַר געלאָזט איבערזעצן די וויכטיקסטע ווערק פון דער סאַנסקריט-ליטעראַטור אין פערסיש. פאַזל, ווידער, וואָס איז געווען אַ באַזונדערס נאָענטער פריינד מיט אַקבאַרן, איז געווען אַ גענעראַל, אַ מלוכה-מאַן און אַן אָרגאַניזאַטאָר, און גראָד זיין ווירקונג האָט אַקבאַרס קיניגרייך צו פאַרדאַנקען די פעסטקייט פון איר אָרגאַניזאַציע“*.

פונקט ווי קאַרל דער גרויסער און ווי טאַי-טסונג, האָט אויך אַקבאַר זיך אַרומגעעסקט מיט רעליגיעזע פראַגעס: ער האָט געהאַט לאַנגע וויכוחים מיט יעזויטישע מיסיאָנערן, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן.

אָט דאָס איז געווען דער כאַראַקטער פון דעם קרייז, וואָס האָט געהאַט דעם מנהג זיך צונויפצוקלייבן אין די פאַלאַצן פון פייטפור-סיקרי — בנינים וואָס שטייען נאָך איצט אין אינדישער זון-שיין, נאָר פוסט און פאַרלאָזן. פייטפור-סיקרי איז, פונקט ווי די שטאָט פון עמבער, אַ טויטע שטאָט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ פאַנטער אין איינער פון אירע שטילע גאַסן פאַרצוקט אַ קינד פון אַן ענגלישן באַאַמטן.

* ד״ר שמיט אין העלמאָלטס „וועלטגעשיכטע“ (דייטש).

אַקבאַר האָט ווי אַלע מענטשן, גרויסע צי קליינע, געלעבט אין די גרענעצן פון זיין צייט און אין אירע אידעען־קרייזן. און אַ טורקמען, וואָס רעגירט אין אינדיע, האָט בשום אופן ניט געקאָנט וויסן אַ סך זאַכן, וואָס אייראָפּע האָט מיט גרויס מי זיך אויסגעלערנט אין משך פון טויזנט יאָר. ער האָט גאָר נישט ניט געוואוסט וועגן דעם וואוקס פון אַ פאָלקס־באַוואוסטזיין אין אייראָפּע און ווינציק אָדער גאָרניט פון די ברייטע בילדונגס־מעגלעכקייטן, וואָס די קירך האָט אויסגעאַרבעט אין מערב. דערצו איז נייטיק געווען עפּעס מער ווי אַ צופעליקער וויכוח מיט אַ קריסטלעכן מיסיאָנער. דאָס וואָס ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין איסלאַם און זיין אַיינגעבאָרענער זשעני האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז אַ גרויסע מלוכה־נאַציע קאָן ווערן צונויפצעמענטירט אין אינדיע נאָר דורך אַלגמיינע אידעעס אויף אַ רעליגיעזן יסוד, נאָר וויסן, אַז אַזאַ אחדות קאָן ווערן געשאַפן און אונטערגעהאַלטן נאָר דורך אַלגעמיינער שול־בילדונג, וואָלוועלע ביכער און אַן אוניווערסיטעט־סיסטעם, וואָס איז צוגלייך אָרגאַניזירט און פריי אין איר געדאַנק, — וואָס צו דעם טאַפּט זיך ערשט דורך אַ וועג די מאָדערנע מלוכה, — דאָס וויסן האָט ער ניט געקאָנט, פונקט ווי ער האָט ניט געקאָנט האָבן קיין ידיעה וועגן דאַמף־שיפן און אַעראָפּלאַנען. די פאָרם פון איסלאַם, וואָס ער האָט צום בעסטן געוואוסט, איז געווען די ענגע און ווילד פאַנאַטישע פאָרם פון די טערקישע סוניטן. די מוסלימס זיינען געווען נאָר אַ מיעוט פון דער באַפעלקערונג. די פּראָבלעם, וואָס ער איז געשטאַנען פאַר איר, איז געווען שטאַרק ענלעך צו דער פּראָבלעם פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסן. נאָר ער האָט געהאַט אייגענע שוועריקייטן פון אַ באַזונדער מין. דער איינציקער פּרוּוו זיינער צוצופּאַסן דעם איסלאַם פאַר ברייטערע פאָלקס־קרייזן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט צו פאַרבייטן די פאָרמל: „פאַראַן נאָר איין גאָט, און מוכאַמעד איז זיין נביא“, דורך דער פאָרמל: „פאַראַן נאָר איין גאָט, און דער קיסר איז זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד“. ער האָט געמיינט, אַז דאָס קאָן בילדן אַן אַלגעמיינע פּלאַטפאָרמע פאַר אַלע מינים אמונות אין אינדיע, פאַר דעם גאָרן קאַליידאָסקאָפּ פון רעליגיעס. מיט אָט דעם גלויבן האָט ער פאַרבונדן אַ פּשוטן ריטואַל, אַנטליען ביי די פּערסישע זאָראָאַסטריער (די פּאַרסן), וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט, און זיינען נאָך געבליבן ביזן

הײַנטיקן טאָג, אין אינדיע. נאָר די דאָזיקע נײַע מלוכה-רעליגיע איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט אים, וואָרעם זי האָט ניט געהאַט קיין שום וואָרצלען אין די געמיטער פֿון פֿאָלק אַרום אים.

דער גרונט-פֿאַקטאָר אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון אַ לעבעדיקער מלוכה, וואָס די וועלט באַדאַרף רעאַליזירן, איז די אָרגאַניזאַציע פֿון בילדונג. דאָס האָט אַקבאַר קיין מאָל ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט אויך ניט געהאַט קיין קלאַס מענטשן, וואָס זאָלן זײַן מסוגל אים פֿירצוברענגען אַזאַ געדאַנק אָדער העלפֿן אים אויספֿירן. די מוסלימישע לערערס אין אינדיע זײַנען ניט געווען אַזוי פֿיל לערערס, ווי היטערס פֿון אַ שטאַרק ביגאָטישער פֿרומקייט; זייער פֿאַרלאַנג איז געווען ניט קיין אַלגעמיינער גייסט אין אינדיע, נאָר אַן אַלגעמיינע אומטאָלעראַנץ אין איסלאַם. די בראַמינער, וואָס האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל פֿון לערערײַ צווישן די הינדוס, האָבן פֿאַרמאָגט גאָר די גאווה און גאָר די אָפּגעלאָזנקייט פֿון געירשנטע פּריווילעגיעס. נאָר הגם אַקבאַר האָט ניט געשאַפֿן קיין אַלגעמיינעם בילדונגס-פּלאַן פֿאַר אינדיע, נאָר אַ צאָל מוסלימישע און אינדישע שולן האָט ער דאָך געגרינדעט.

די קינסטלערישע און אַרכיטעקטורישע רעשטן פֿון די מאָגולס זײַנען נאָך זייער בשפֿעדיק, און אַז מענטשן ריידן סתם וועגן אינדישער קונסט אָן אַ באַזונדער באַצייכעניש, האָבן זיי געוויינטלעך אין זינען דעם דאָזיקן גרויסן פּעריאָד. די מאָלערײַ פֿון יענער צײַט איז איידל און שיין, און לויטן טיפּ און כאַראַקטער זייער נאָענט צו דער פּערסישער מאָלערײַ פֿון יענער צײַט. מיר גיבן פֿאַרשיידענע מוסטערן אין אונזערע אילוסטראַציעס.

בנוגע בויען איז אַלע מאָל געווען דער גורל פֿון אינדיע אַרײַנצוברענגען דעם זוימען פֿון הויך אַנטוויקלטע מעטאָדן און אַרויפֿצולייגן אויף זיי אירע אייגענע מאָדיפֿיקאַציעס און באַאַרבעטונגען. ערשט נאָך דער העלענישער אינוואַזיע האָט שטיין-אַרכיטעקטור געקראָגן די איבערהאַנט: די סטופּאַס, דענקמאָל-סלופּעס און אַנדערע אויפֿשטעלונגען אונטער אַסאָקאַ באַווײַזן אומעטום דעם אָנטייל פֿון פּערסישע און העלענישע קינסטלער. די בודיסטישע קונסט, וואָס האָט

איבערגעלאָזט אַזעלכע מערקווערדיקע רעשטן אין דעם גאַנדהאַראַ=קרייז בײם צפונית=מערבית=גרענעץ, פון די ערשטע פיר יאָרהונדערטער נאָך קר., איז אויך שטאַרק העלעניש. מען געפינט פּאַסאַדן, וואָס זיינען רעפּרעזענטירט מיט נאָרמאַלע קאָרינטישע קאָלאָנעס.

ערשט אונטער דער גופּטאַ=דינאַסטיע און אין 5טן און 6טן יאָרהונדערט נאָך קר. איז די אַרכיטעקטור און סקולפּטור אין אינדיע געוואָרן בפירוש הינדויש, מיט אַן אייגענעם כאַראַקטער און אייגענער ווערדע. די דראַווידישע השפּעה פון דרום האָט באַגרענעצט



אַקבּאַרס געדעכניש=הויז אין פייטפּור=סיקרי. מוסטער פון א מאָגולישן בנין.

די הערשאַפט פון ווערטיקאַלע ליניעס און אײַנגעפירט דאָס בויען מיט האָריזאָנטאַלע באַפּוצונגען און געגאָרנטע פּיראַמידעס. די שוואַרצע פּיראַמידע פון קאַנאַראַק איז איינער פון די פיינסטע און כאַראַקטעריסטישע אינדישע טעמפּלען פון פאַר דער איסלאַמישער צייט.

די מוסלימישע באַצווינגונג האָט אַריינגעבראַכט די הויפּטפאָרמען פון דעם סאַראַצענישן סטיל, דעם מינאַרעט, די פאַרשפּיצטע אַרקע; און אויף דעם דאָזיקן נייעם באַזיס האָט אינדיע געאַרבעט מיט די פיינסטע שניצערייען, פענסטער=צייכענונגען און דורכגעשטאָכענע צאַמען. דער דזשאַמאַ=מעטשעט אין אַכמעדאַבאַד (15טער י״ה) איז איינער פון די פיינסטע אינדישע מעטשעטן, נאָר אפשר דער

גלענצנדסטער און טיפּישסטער מוסטער פון גאָר דער מאָנגאָלישער אַרכיטעקטור איז דער טאַדזש-מאַהאַל, דער קבר, וואָס שאַך דזשעהאַן (1627 — 1658) האָט אויסגעבויט פאַר זיין ווייב. איטאַליענישע אַרכיטעקטן און בוי-מייסטערס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אינדישע אויף דעם דאָזיקן גראַציעזן בנין.

---

11. די ציגיינער.

אַ טשעקאַווער טפל-רעוואָלטאַט פון די לעצטע מאָנגאָלישע מהומות — פון 14טן יאָרהונדערט, וואָס טימורלאַן איז געווען דער קאָפּ און דער צענטער פון זיי — איז דאָס, וואָס אין אייראָפּע האָבן זיך באַוויזן אָרומוואַנדערנדיקע הייפלעך פון אַ מאָדנעם פאָלק, וואָס איז געקומען פון מזרח, די ציגיינער. זיי האָבן זיך באַוויזן אַן ערך צום סוף 14טן און אָנהייב 15טן יאָרהונדערט אין גריכנלאַנד, וואו מען האָט געהאַלטן, אַז זיי זיינען מצרים, און זיי גופא האָבן די דאָזיקע מיינונג איבערגענומען און פאַרשפּרייט זי אומעטום. זייערע אָנפירערס אָבער האָבן זיך טיטולירט „גראַפן פון קליין-אַזיע".

זיי האָבן זיך מסתמא אַרומגעטריבן איבער מערב-אַזיע מיט עטלעכע יאָרהונדערטער פריער, איידער טימורלאַנס שחיטות האָבן זיי אַריבערגעיאָגט איבערן העלעספּאָנט. זיי זיינען אפשר פאַרטריבן געוואָרן פון זייער אָפּשטאָם-לאַנד דורך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון דזשינגיס כאַן — פונקט ווי די אָטאָמאַנישע טערקן — אָדער אַפילו פריער. זיי האָבן אויך אַזוי אַרומגעוואַנדערט ווי די אָטאָמאַנישע טערקן, אָבער מיט ווינציקער הצלחה. זיי האָבן פּאַוואָליע זיך פאַרשפּרייט קיין מערב-זייט דורך אייראָפּע: אויסטערלישע ברעקלעך פון נאָמאַדנטום אין אַ וועלט פון אַקער און שטאָט, אַוועקגעטריבן פון זייער אַלטן וואוין-אָרט אין די באַקטרישע סטעפּעס צו זוכן זיך אַ מקלט אויף אייראָפּעישע שליאַכן, צווישן צאַם-געוויקסן, אין ווילדע וועלדער און אויף זייטיקע שטעגן. די דייטשן רופן זיי „אונגאַרן" און „טאַטערן" און די פראַנצויזן רופן זיי „בעמער" (באָ-העם).

זיי האָבן קענטיק ניט אַיינגעהיט די ריכטיקע טראַדיציע פון זייער אָפּשטאַם, אָבער זיי האָבן אַ באַזונדער שפּראַך, און זי ווייזט אָן זייער פאַרלאָרן געגאַנגענע געשיכטע: זי האַלט אין זיך אַ סך צפון-אינדישע ווערטער און איז מסתמא לויט איר אָפּשטאַם צפון-אינדיש אָדער באַקטריש. עס זיינען אויך אין דער ציגיינערשער שפּראַך היפּש אַריינגעמישט אַרמענישע און פערסישע עלעמענטן.

מען קאָן זיי ביי היינטיקן טאָג געפינען אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. זיי זיינען קופּער-שמידן, פאַקנטרעגערס, פערד-הענדלער, קאָמעדיאַנטן, וואָרזאָגערס און בעטלערס. פאַר אַ סך פאַנטאַסטישע געמיטער האָבן זייערע לאַגערס אין פרייען פעלד, מיט די רויכערנדיקע פייערן, מיט די קיילעכדיקע געצעלטן, אונטערהינקענדיקע פערד, מיטן ליאַרעם פון זון-פאַרברענטע קינדער, אַ גאַנץ שטאַרקן צוצי.

ציוויליזאַציע איז אַזאַ נייע זאַך אין דער געשיכטע און איז על-פי-רוב געווען באַגרענעצט מער אין געוויסע ערטער, אַז זי באַדאַרף נאָך ערשט באַצווינגען און אַסימילירן צוליב אירע צוועקן דעם גרעסטן רוב פון אונזערע אינסטינקטן. אין דעם גרעסטן טייל פון אונז שלאָגט נאָך אַן אָדער פון אַ נאָמאַד. ניט מיטן פולן האַרצן זיינען מיר שטוב-זיצערס. דאָס בלוט אין אונזערע אָדערן איז געברויט געוואָרן אויף די סטעפּעס ניט ווינציקער ווי אין די אַקערלענדער.

צווישן די אַנדערע ווירקונגען פון די ציגיינער אויף די לענדער, וואו זיי זיינען דורכגעוואַנדערט, איז צו פאַרצייכענען זייער ווירקונג אויף דער פאָלקס-מוזיק. זיי זיינען שטענדיק געווען ענטוזיאַסטישע, הגם ניט זייער אָריגינעלע מוזיקער; אומעטום האָבן זיי אַריינגעבראַכט פאָלקס-געזאַנג און צוגעגעבן אים זייער אייגענעם גוסט. זיי האָבן געגנבעט פאָלקס-לידער, פונקט ווי זיי גנבענען אַמאָל קינדער און מאַכן פון זיי ציגיינער. זיי האָבן קיין מאָל ניט גענוצט קיין נאָטן צו פאַרשרייבן די לידער, אָבער זייער טראַדיציע איז געווען אַ שטאַרקע. און ביי היינטיקן טאָג האָט דער ציגיינערשער געזאַנג געגעבן רייכע פרוכט אין דער מוזיק פון אונגאַרן, שפּאַניע און רוסלאַנד.

קאַפּיטל 33

די אויפלעבונג פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע

(אָנשטאָט יבשה=וועגן — ים=וועגן)

1. קריסטנטום און פאָלקס=בילדונג. 2. אייראָפּע נעמט טראַכטן פאַר זיך אַליין. 3. די גרויסע פעסט און דער באַגינען פון קאָמוניזם. 4. ווי אַזוי פּאַפּיר האָט באַפרייט דעם מענטשלעכן גייסט. 5. פּראָטעסטאַנטיזם פון די פירשטן און פּראָטעסטאַנטיזם פון די פעלקער. 6. די אויפוואַכונג פון נאַטורוויסנשאַפט. 7. דער נייער אויסוואַקס פון די אייראָפּעישע שטעט. 8. די ליטעראַרישע אויפלעבונג. 9. די קינסטלערישע אויפלעבונג. 10. אַמעריקע קומט אַריין אין דער געשיכטע. 11. וואָס מאַקיאַוועלי האָט געקלערט וועגן דער וועלט. 12. די רעפּובליק שווייץ. 13. דאָס לעבן פון קייסר קאַרל V. 14. פּראָטעסטאַנטן, אויב דער פירשט וויל דאָס. 15. די אינטעלעקטועלע אונטערשטרעמונג.

ווען מען זאָל משפּטן לויט דער קאַרטע, זיינען די דריי יאָרהונדערטער פון אָנהייב 13טן ביזן סוף 15טן יאָרהונדערט געווען אַ תּקופה פון צוריקגאַנג פאַרן קריסטנטום. די דאָזיקע יאָרהונדערטער זיינען געווען די תּקופה פון די מאָנגאָלישע פעלקער. דאָס נאָמאַדנטום פון צענטראַל=אַזיע האָט געוועלטיקט איבער דער באַוואוסטער וועלט. אויפן הויך=פּונקט פון דעם פּעריאָד זיינען געווען רעגירערס פון דער מאָנגאָלישער און פון דער קרובישער טערקישער ראַסע און טראַדיציע אין כינע, אינדיע, פּערסיע, עגיפּטן, צפון=אַפריקע, באַלקאַנישן האַלב=אינזל, אונגאַרן און רוסלאַנד.

די אָטאָמאַנישע טערקן האָבן אַפילו געהאַט פאַרכאַפּט דעם ים און האָבן געקעמפט מיט די ווענעציאַנער אין זייערע אייגענע מיטללענדישע



די זייל אין צענטער פון דעם אודיענץ־זאַל אין פֿייטפּור־סיקרי. מוסטער פון מאָגולישער אַרכיטעקטור.

וואַסערן. אין יאָר 1529 האָבן די טערקן באַלעגערט ווין און זיינען צעקלאַפּט געוואָרן גיכער דורך דער וויטערונג, איידער דורך די פּאַרטיידיקער פון דער שטאָט. די האַבסבורגער אימפּעריע פון קאַרל V האָט געצאָלט צינז דעם סולטאַן. ערשט אין דער שלאַכט פון לעפּאַנטאָ, אין יאָר 1571 — די שלאַכט, וואָס אין איר האָט סערוואַנטעס, דער מחבר פון „דאָן-קיכאָט", אָנגעוואָרן זיין לינקע האַנט — האָט דאָס קריסטנטום, צו ריידן מיט זיינע ווערטער: „איינגעבראָכן די גאווה פון די אָסמאַנען און באַפרייט די וועלט פון דעם טעות, אַז דעם טערקישן פלאָט איז ניט צו באַזיגן".

דאָס איינציקע געביט, וואו דאָס קריסטנטום האָט זיך גערוקט פאָראויס, איז געווען שפּאַניע. עמעצער, וואָס וואָלט באַטראַכט די וועלט אָנהייב זעכצנטער יאָרהונדערט און וואָלט געוואָלט פאָראויסזאָגן די צוקונפט, וואָלט מסתמא געקומען צו דער מסקנא, אַז עס וועלן אַוועקגיין נאָך עטלעכע דורות, און די גאַנצע וועלט וועט זיין מאָנגאָליש — און גיכער פון אַלץ מוסלימיש. פּונקט אַזוי ווי ביי היינטיקן טאָג זיינען קענטיק דאָס רוב מענטשן באַזיכערט, אַז די הערשאַפט פון איראָפּעער און אַ מין ליבעראַלער קריסטנטום וועלן זיך אויסשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט. ווייניק מענטשן שטעלן זיך, ווייזט אויס, פאָר, ווי יונג עס איז די איראָפּעיִשע ממשלה, און אַז זי איז נאָר אַ צייטווייליקע. ערשט אַז דער פופצנטער יאָרהונדערט האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, האָבן זיך געלאָזט ווייזן דייטלעכע סימנים פון דער אמתער לעבנס-קראַפט פון מערב-איראָפּע.

אונזער געשיכטע דערנענטערט זיך איצט צו אונזער אייגענער צייט און אונזער אויספאָרשונג ווערט אַלץ מער און מער אַן אויספאָרשונג פון איצטיקן צושטאַנד. די איראָפּעיִשע אָדער איראָפּעיִזירטע סיסטעם, וואָס אין איר לעבט דער לייענער, איז די זעלביקע סיסטעם, וואָס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין דער איינגעשרומפּענער, פון די מאָנגאָלן באַדרויעטער איראָפּע פון פריען פופצנטן יאָרהונדערט. אירע פּראָבלעמען זיינען געווען די זעלביקע פּראָבלעמען פון היינטיקן טאָג אין עמבריאָנאַלן צושטאַנד. עס איז אוממעגלעך צו באַקלערן יענע צייט אָן צו באַקלערן אונזער אייגענע צייט. אַזוי אַרום ווערן מיר פּאָליטיש ניט ווילנדיק. „פּאָליטיק אָן געשיכטע

האָט קיין וואָרצל ניט, זאָגט סער דזש. ר. סילי,—געשיכטע אָן פּאָליטיק האָט קיין פּירות ניט".

לאָמיר פּרוּוון אויפדעקן מיט דער אָנפּניותדיקייט, ווי מיר זיינען נאָר אין שטאַנד, וואָס זיינען געווען די כּוחות וואָס האָבן צעטיילט און פאַרהאַלטן די ענערגיע פון איירָאָפּע בעת דעם מוראדיקן אַריינרייס פון די מאָנגאָלישע פעלקער, און ווי אַזוי האָבן מיר צו דערקלערן דעם אָנקלייב פון גייסטיקער און פיזישער ענערגיע, וואָס איז בלי־שום־ספק אָנגעגאַנגען בעת דעם דאָזיקן פּאַזים פון אויסוויינקסטן צוריקגאַנג און וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט מיט אַזאַ כּוח צום סוף פון דעם פּעריאָד.

איז אָט, פּונקט ווי אין דער מעזאָזאָישער תּקופה, בעת די גרויסע שרצים האָבן געוועלטיקט איבער דער ערד, האָבן זיך ערגעץ אין פאַרוקטע ווינקעלעך אַנטוויקלט יענע האָריקע זייגערס און באַפּעדערטע פייגלען, וואָס האָבן סוף־כּל־סוף באַדאַרפט פאַרבייטן אינגאַנצן יענע מוראדיקע בריות, ווייל זיי האָבן בעסער געקאָנט זיך צופּאַסן צו די נייע תּנאים, אַזוי איז אויך אין דעם באַגרענעצטן שטח פון מערב־איירָאָפּע אין מיטלעלטער, בעת די מאָנגאָלישע אימפּעריעס האָבן באַהערשט די וועלט פון דונאַי ביזן שטילן אָקעאַן און פון די אייז־ימים ביז קיין מאַדראַס און מאַראָקאָ און דעם נילוס, אַוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַנייעם, פעסטערן און ווירקונגס־פולערן טיפּ פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דעם דאָזיקן טיפּ פון צוזאַמענלעבן, וואָס האַלט זיך יעצט אין פאָרמירן, וואָס האַלט אין וואַקסן און ווערן אויסגעפּרוּווט, קאָנען מיר אפשר אָנרופן „מאָדערנע מלוכה". מיר מוזן מודה זיין, אַז דאָס איז אַן אומבאַשטימטער אויסדרוק, אָבער מיר וועלן פּרוּוון ווייטער אַריינקריגן אין אים מער באַטייט.

מיר האָבן פאַרצייכנט, ווי עס באַווייזן זיך אירע וואָרצל־אידעען אין די גריכישע רעפּובליקן, בפרט אין אַטען, אין דער גרויסער רוימישער רעפּובליק, אין דער יהדות, אין איסלאַם און אין דער געשיכטע פון מערבדיקן קאַטוליציזם. אין איר עצם מהות איז די דאָזיקע מאָדערנע מלוכה, ווי מיר זעען זי וואַקסן פאַר אונזערע אויגן ביי היינטיקן טאָג, אַ פּרוּוו צו קאָמבינירן צוויי בפירוש סותרדיקע אי־

דעם, די אידעע פון אַ געמיינשאַפט פון גלויבן און פּאָלגן, ווי די פריסטע ציוויליזאַציעס זיינען בלי־ספק געווען, און די אידעע פון אַ געמיינשאַפט פון ווילן, אַזעלכע ווי עס זיינען געווען די לכתחילהדיקע פּאָליטישע גרופּירונגען פון די נאָרדישע און הונישע פעלקער. אין משך פון טויזנטער יאָרן האָבן די איינגעזעסענע ציוויליזירטע פעלקער, וואָס זיינען לכתחילה געווען אין גרעסטן טייל פאַלן טונקל־ווייסע קאַווקאַזישע אָדער דראַווידישע אָדער דרום־מאָנגאָלישע פעלקער, קענטיק אַנטוויקלט זייערע אידעעס און רגילותן אויף דער ליניע פון קולט און פּערזענלעכער הכנעה, און די נאָמאַדישע פעלקער האָבן זייער לעבן געפירט אויף דער ליניע פון פּערזענלעכער אַליינזיכערקייט און אַליינבאַהויפּטונג. אונטער די תנאים איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די נאָמאַדישע פעלקער האָבן כסדר פאַרזאָרגט די ציוויליזאַציעס אַלץ מיט פרישע רעגירערס און נייע אַריסטאָקראַטיעס. דאָס איז דער ריטמוס פון גאָר דער אַלטער געשיכטע. ערשט נאָך טויזנטער יאָרן פון ציקלישע ענדערונגען צווישן אויפפרישונג פון נאָמאַדישער ציוויליזאַציע, ירידה און ווידער אַמאָל באַצווינגונג, האָט זיך אָנגעהויבן דער איצטיקער פּראָצעס פון קעגנזייטיקן צונויפשמעלץ פון „ציוויליזירטע“ אָדער הכנעהדיק אַרבעטנדיקע עלעמענטן מיט „פרייע“ אָדער אַריסטאָקראַטישע און אַוואַנטוריסטישע עלעמענטן אין אַ נייעם טיפ פון צוזאַמענלעבן, וואָס פאַרלאַנגט איצט אונזער אויפמערק און וואָס איז דער עצם מהות פון דער מאָדערנער געשיכטע.

מיר האָבן אָנגעצייכנט אין דער דאָזיקער געשיכטע די פאַמעלעכע אַנטוויקלונג פון אַלץ גרעסערע און גרעסערע „ציוויליזירטע“ מענטשלעכע געמיינשאַפטן זינט די טעג פון דעם פּרימיטיוון פּאַלעאָליטישן משפחה־שבט. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די נוצן און נייטיקייטן פון ערד־קולטיווירונג, די שרעק פאַר די שבט־געטער, די אידעעס פון דעם כוהן־מלך און גאָט־מלך האָבן געשפּילט אַ ראָלע ביים איינפעסטיקן אַלץ גרעסערע און מעכטיקערע געמיינדעס אין געגנטן פון דער גרעסטער פרוכפּערקייט. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי עס באַווייזט זיך אין די דאָזיקע פריע ציוויליזאַציעס דער כוהן, וואָס איז געוויינטלעך אַן איינגעבאָרענער, און דער מאָנאַרך, וואָס איז געוויינטלעך אַ פרעמדער, ווי אַזוי עס אַנטוויקלט זיך אַ געשריבענע טראַדיציע און מאַכט זיך פריי פון דעם קאָנטראָל פון די כוהנים,

ווי אַזוי עס באַווייזן זיך נייע כּוחות, צוערשט באַשיימפּערלעך צופּעליקע און סעקונדערע, וואָס מיר האָבן זיי אָנגערופן די פרייע אינטעליגענץ און דאָס פרייע געוויסן פון דער מענטשהייט. מיר האָבן געזען, ווי די רעגירערס פון די פרימיטיווע ציוויליזאַציעס פון די טייך־טאָלן פאַרברייטערן זייער שטח און פאַרגרעסערן זייער שוואונג, און גלייכצייטיק האָבן מיר געזען, ווי אַזוי אויך די ווינציקער פרוכפּעריקע שטרעקעס פון דער ערד האָבן ווילדע שבטים זיך אַנטוויקלט צו אַ מער געאייניקטן און פּאָליטיש שטאַרקן נאָמאַדנטום.

אַזוי אָדער אַזוי איז די מענטשהייט כּסדר געגאַנגען אין איינער פון די צוויי ריכטונגען. אין משך פון לאַנגע תּקופות האָבן אַלע ציוויליזאַציעס געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך אין אַ מאָנאַרכיסטישער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, און אין איטלעכער מאָנאַרכיע און דינאַסטיע האָבן מיר געקאָנט באַמערקן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ נויטווענדיקער פּראָצעס, אַז לכתּחילהדיקע אַקטיוויטעט און ענערגיע ווערט פאַרביטן דורך לוקסוס, פוילקייט און ירידה, ביז עס קומט אַ פרישע דינאַסטיע פון מדבר אָדער סטעפּ און וואַרפט אַראָפּ די פריערדיקע אָפּגעשוואַכטע.

די געשיכטע פון די עלטערע ערד־קולטיווירנדיקע ציוויליזאַציעס, פון זייערע טעמפּלען און קיניגלעכע הויפן און שטעט פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, נאָר עס איז גוט צו געדענקען, אַז די סצענע, וואָס אויף איר האָט די דאָזיקע געשיכטע זיך אָפּגעשפּילט, איז קיין מאָל ניט געווען מער ווי גאָר אַ קליינער טייל פון דער יבשה, פון דעם כּדור־הארץ. איבער דעם גרעסטן טייל פון דער ערד האָבן ביז נאָך גאָר ניט לאַנג, ביז די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, אונטערגעהאַלטן און אַנטוויקלט זייערע אייגענע לעבנס־וועגן די מער פאַרהאַרטעוועטע און ווינציקער צאָליקע שבטים־פעלקער פון וואַלד־און פאַרק־לענדער און די נאָמאַדישע פעלקער פון די גראָזלענדער.

די פרימיטיווע ציוויליזאַציעס, וואָלטן מיר געזאָגט, זיינען געווען „געמיינשאַפטן פון פאָלגן“: פאָלגן דעם גאָט־קיניג אָדער דעם קיניג אונטערן גאָט — דאָס איז געווען זייער צעמענט; די נאָמאַדישע טענדענץ, פאַרקערט, איז שטענדיק געווענדט צו גאָר אַן אַנדער

טיפ פון פארבינדונג, וואס מיר וועלן דא אנרופן א „געמיינשאפט פון ווילן“. אין א וואנדערנדיקער, קעמפנדיקער געמיינשאפט מוז דער יחיד זיין צוגלייך אי זיכער ביי זיך אי דיסציפלינירט. די הויפטלייט פון אזעלכע געמיינדעס באדארפן זיין הויפטלייט וואס מען פאלגט זיי מיטן גוטן ווילן, ניט הארן וואס צווינגען. די דאזיקע געמיינשאפט פון ווילן לאזט זיך געפינען דורך דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט: אומעטום געפינען מיר, אז דער לכתחילהדיקער כאראקטער פון אלע נאמאדן, אליץ איינס, צי נארדישע, סעמיטן אדער מאנגאלן, איז אינדיווידועל מער נוטה, צום ווילן און מער שטאליץ, איידער דער כאראקטער פון דעם איינגעזעסענעם פאלק. די נארדישע פעלקער זיינען אריינגעקומען קיין איטאליע און גריכנלאנד אונטער אנפירערס מלכים; זיי האבן ניט מיטגעבראכט קיין סיסטעמאטישן טעמפל-קולט מיט זיך, זיי האבן געפונען די דאזיקע זאכן אין דעם איינגענומענעם לאנד און האבן דאס איבערגענומען און צוגעפאסט צו זיך. די גריכן און לאטיינער זיינען זייער גרינג ווידער צעפאלן אין רעפובליקן, דאס נעמלעכע אויך די ארייער אין אינדיע. געווען אויך א טראדיציע פון וואלן אין די עלטערע פראנקישע און גערמאנישע קיניגרייכן, הגם געוויינטלעך פלעגט מען אויסקלייבן דעם אדער יענעם מיטגליד פון א קיניגלעכער קאסטע אדער פאמיליע. די ערשטע כאליפן זיינען געווען געקליבענע, די שופטים פון ישראל און די „מלכים“ פון קארטאגא און צור זיינען געווען געקליבענע, און דאס נעמלעכע דער גרויס-כאן פון די מאנגאלן, ביז קובלאי איז געווארן א כינעזישער מאנארך.

פונקט אזוי שטענדיק געפינען מיר אין די ישוב-לענדער די פארקערטע אידעע, די אידעע, אז די מלכים ווערן ניט געקליבן, נאר עס שטעקט אין זיי א געטלעכער כוח און אז זיי פארמאגן א נאטירלעך און איינגעבארן רעכט צו רעגירן.

אז אונזער געשיכטע האט זיך אנטוויקלט, האבן מיר פארצייכנט, ווי עס באווייזן זיך נייע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, וואס האבן זי געמאכט מער קאמפליצירט. מיר האבן געזען, אז דער נאמאד איז געווארן א פארמיטלער, עס באווייזט זיך דער סוחר, און מיר האבן באמערקט, ווי עס ווערט אליץ וויכטיקער אין דער וועלט די שיפעריי. עס ווייזט אויס, אז עס איז אומאויסמיידלעך, אז רייזן מוז

מאַכן די מענטשן פריי אין זייער גייסט, פונקט ווי איינגעזעסנקייט אינ־מיטן אַ שמאָלן האָריזאָנט מוז די מענטשן מאַכן אומדרייסט און הכנעה־דיק... נאָר, ניט געקוקט אויף אַזעלכע קאָמפּליקאַציעס, ציט זיך אין גרויסן און גאַנצן דער אַנטאַגאָניזם צווישן דער מעטאָדע פון באַלגן און צווישן דער מעטאָדע פון ווילן דורך דער גאַנצער געשיכטע ביז צו אונזער אייגענער צייט אַריין. ביז צום היינטיקן טאָג איז נאָך זייער צונויפגיסונג ניט פאַרענדיקט.

ציוויליזאַציע, אַפילו אין אירע צום מיינסט שקלאַפישע פאָרמען, האָט שטענדיק געהאַט אין זיך אַ סך זאַכן אַזוינע, וואָס זיינען געוואַלדיק צוציענדיק, באַקוועם און סימפּאַטיש פאַר דער מענטשהייט; נאָר עפּעס אַזוינס אין אונזער ראַסע אומרויִקס און ניט איינגעצאַמטס האָט אָן אויפהער געשטרעבט אָפּצווענדן די ציוויליזאַציע, וואָס איז לכתחילה געבויט אויף דער אונטערטעניקייט פון אַרבעטנדיקע מאַסן, צו אַ געזעלשאַפט, וואו דער ווילן פון די דאָזיקע מאַסן לאָזט זיך שפּירן. און דאָס נאָמאַדנטום, וואָס שטעקט אין אונזער בלוט, בפרט אין דעם בלוט פון מאָנאַרכן און אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן (בלי־ספק אָנגע־טיילט דערמיט די שפּעטערדיקע דורות, — דאַרף אויך גערעכנט ווערן פאַר דער סיבה, וואָס שטופּט איטלעכע מלוכה צו פאַרברייטערן אירע גרענעצן, אויב זי קאָן דאָס נאָר דערלאַנגען, און אויסצושפּרייטן אירע אינטערעסן אין אַלע עקן פון דער וועלט. די מאַכט פון דער נאָ־מאַדישער אומרויִקייט איז קענטיק אויך אידענטיש מיט יענעם גייסט, וואָס ברענגט דעם גרעסטן טייל פון אונז דערצו, אַז מיר קאָנען ניט פאַרטראָגן קיין אָנווייזן און באַגרענעצונגען און מיר זוכן צו נעמען אַן אָנטייל אין אַ רעגירונג, וואָס איז אונז געפעלן.

אָט דעם דאָזיקן נאַטירלעכן קאַמף אין דעם טעמפּעראַמענט פון דער מענטשהייט דערפאַר, אַז ציוויליזאַציע זאָל ווערן פאַראייניקט מיט פרייהייט, האָט אונטערגעהאַלטן דור־אויס דור־איין די מיליטערישע און פּאָליטישע אָנמאַכט פון יעטווידער „געמיינשאַפט פון פאָלגעוו־דיקייט“, וואָס האָט ווען עס איז עקסיסטירט. וויבאַלד מענטשן זיינען שוין געווען איינגעבראָכן צו פאָלגן, איז שוין געווען אַלץ איינס, ווער עס איז דער האַר: די קנעכט זיינען איבערגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן; אַ ראיה דערצו זיינען עגיפּטן, מעסאָפּאָטאַמיע און אינדיע, די לכתחילהדיקע און טיפּישע לענדער פון אונטערטעניקייט, די „וויגן

פון דער ציוויליזאַציע", ווי זיי זיינען פּאַסיוו איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַ קנעכטישע ציוויליזאַציע האָט אַ שטענדיקן רייץ פאַר פרייע מענטשן, וואָס זוכן רויב, צו קומען און צו נעמען.

נאָר אַ „געמיינשאַפט פון ווילן" פאַרלאַנגט, פון דער אַנדער זייט, די צונויפגיסונג פון איינגעשפּאַרטע עלעמענטן, וואָס עס איז שווער זיי צונויפצוברענגען; אַזאַ געמיינשאַפט איז אַ סך שווערער צו שאַפן און נאָך שווערער איינצוהאַלטן. די געשיכטע פון אלכסנדר דעם גרויסן באַווייזט, ווי אַזוי די געמיינשאַפט פון ווילן פון די מאַקעדאָנישע הויפטלייט האָט גענומען בהדרגה צעפאַלן ווערן, ווען ער האָט געשטעלט זיי די פאָדערונג, זיי זאָלן זיך בוקן צו אים. דער פאַל פון קליטוסעס מאָרד איז גאַנץ טיפיש פאַר דעם קאַמף צווישן דער פרייער און דער קנעכטישער טראַדיציע, וואָס גייט צו, ווי נאָר אַ נייער באַצווינגער פאַרלאָזט זיינע פרייע סטעפּעס און די פרייע לופט און באַזעצט זיך אין פּאַלאַץ פון אַן אַלטן מאָנאַרך.

אין דעם פאַל פון דער רוימישער רעפּובליק דערציילט אונז די געשיכטע וועגן דער ערשטער גרויסער ווילנס-געמיינשאַפט אין דער וועלט-געשיכטע, דער ערשטער פרייער געמיינדע, וואָס איז געווען פיל גרעסער ווי אַ שטאָט: ווי אַזוי זי איז געוואָרן שוואַכער, וואָס מער זי איז געוואַקסן, און האָט זיך אַליין אויסגעבראַכט אויף איר הצלחה, ביז זי האָט סוף-כל-סוף אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר אַ מאָנאַרכיע פון דעם אַלטן טיפּ און איז גיך אַראָפּגעגנידערט צום צושטאַנד פון איינער פון די שוואַכסטע געמיינדעס פון קנעכטשאַפט, וואָס זיינען ווען עס איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ הייפל אַריינדרינגער. מיר האָבן אין דעם דאָזיקן בוך זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל גענויער אויף די פאַקטאָרן פון דער ירידה פון רוים, מחמת זיי האָבן די גרעסטע וויכטיקייט פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע. איינער פון די בולטסטע פאַקטאָרן איז געווען דאָס אויספעלן פון אַ ברייטער אָרגאַניזאַציע פון בילדונג, בכדי איינצושטעלן דעם גייסט פון געוויינטלעכן בירגער אויף דער אידעע, אַז עס איז פאַראַן אַ חוב צו דינען דער רעפּובליק, דאָס הייסט, אונטערצוהאַלטן זיין ווילן. אַ צווייטער פאַקטאָר איז געווען דאָס פעלן פון אַ סביבה פון אַלגעמיינער אינפאָרמאַציע, בכדי צו ברענגען אין האַרמאָניע די אַקטיוויטעט

פון אַלע בירגער, כּדי זיי צו מאַכן פעיִק צו וועלן ווי איין גאַנצהייט. די ווילנס־געמיינשאַפט איז באַגרענעצט אין איר גרייס, מחמת זי איז אָפּהענגיק פון דער באַגרענעצטער מעגלעכקייט צו ווערן אַ געמיינ־שאַפט פון וויסן. דאָס וואָס אייגנטום איז געוואָרן קאָנצענטרירט



דער טעמפּל פון סוריא, אָדער די שוואַרצע פּיראַמידע אין קאַנאַראַק. אַ מוסטער פון אינדישער אַרכיטעקטור פון פאַר־סאַראַצענישער צייט.

אין ווינציק הענט און די פרייע אַרבעטער זיינען פאַרביטן געוואָרן דורך שקלאַפן, איז געוואָרן מעגלעך מחמת דער ירידה פון געזעל־שאַפטלעכן גייסט און דער צעטומלעניש פון דער געזעלשאַפטלעכער אינטעליגענץ, וואָס זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון די דאָזיקע באַ־גרענעצונגען.

ווייטער, אין דער רוימישער מלוכה האָט ניט געשטעקט קיין ווירקעוודיקע רעליגיעזע אידעע; דער פינסטערער עטרוסקישער קולט פון רוים מיט זיין לעבער-קוקעניש איז פונקט אַזוי געווען צוגעפּאַסט צו די פּאָליטישע נויטן פון אַ גרויסער געמיינדע, ווי דער שטאַרק ענלעכער שאַמאַניזם פון די מאָנגאָלן. די געוואַלדיקע היסטאָרישע באַדייטונג סיי פון קריסטנטום סיי פון איסלאַם, ווי פאַרשיידן עס זיינען זייערע וועגן, באַשטייט גראָד דערין, וואָס זיי זאָגן לכל-הפחות צו, דאָס ערשטע מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ממלא צו זיין דעם דאָזיקן בפירושן חסרון סיי פון דער רוימישער רעפּובליקאַנישער סיסטעם און סיי פון דער נאָמאַדישער סיסטעם, צו געבן אַן אַלגעמיינע מאָראַלישע דערציונג די פאָלקס-מאַסן, צו פאַרזאָרגן זיי מיט אַ געשיכטע אין עבר און מיט אַן אַלגעמיינער אידעע פון מענטשלעכן ציל און באַשטימונג. סיי פּלאַטאָן און סיי אַריסטאָטעלעס האָבן באַגרענעצט, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, די אידעאַלע געמיינדע מיט אַ צאָל פון עטלעכע טויזנט בירגער, וואָרעם זיי האָבן ניט געהאַט קיין השגה, ווי אַזוי קאָן מען אַ גרעסערע מאַסע צוזאַמענהאַלטן דורך אַן אַלגעמיינער אידעע. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אין דערציונג, חוץ די מעטאָדן פון היימישע גוווערניאָרן פון זייער צייט. גריכישע בילדונג איז געווען כמעט נאָר בילדונג אויף אויסווייניק, און דערפאַר איז זי געווען צוטריטלעך נאָר פאַר אַ באַגרענעצטער אַריסטאָקראַטיע. סיי דאָס קריסטנטום און סיי דער איסלאַם האָבן באַוויזן, ווי ווייט די דאָזיקע באַגרענעצונג איז אומגעזונט. מיר מעגן האַלטן, אַז זיי האָבן אויסגעפירט זייער דערציונגס-אויפגאַבע אויף זייער ברייטן אַרבעטס-פעלד רוי אָדער שלעכט, אָבער אינטערעסאַנט איז פאַר אונז דאָס, וואָס זיי האָבן דאָס בכלל געטאָן. ביידע האָבן זיי אונטערגעהאַלטן אַ פּראָפּאַגאַנדע פון אידעע און באַגייסטערונג כמעט איבער גאָר דער וועלט. ביידע האָבן מיט הצלחה זיך געשטיצט אויף דער מאַכט פון געשריבענעם וואָרט, בכדי צו פאַרבינדן גרויסע מאַסן פאַרשיידענע מענטשן צו אַלגעמיינע אונטערנעמונגען.

אַרום עלפטן יאָרהונדערט, האָבן מיר געזען, איז די אידעע פון קריסטנטום אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף גאָר דעם קריגערישן פעלקער-געמיש פון דער צעבראָכענער און צעשטויבטער מערבדיקער אימ=

פּעריע און אויף אייראָפּע ווייט אַריבער אירע גרענעצן, ווי אַ פּאַר־אייניקנדיקע און באַגייסטערנדיקע אידעע. זי האָט געשאַפן אַ פּלאַבע אָבער ענערגישע ווילנס־געמיינשאַפט איבער אַ שטרעקע, וואָס איר גלייכן איז פריער ניט געווען, און איבער אַ מאַסע מענטשן, וואָס איר גלייכן איז נאָך קיין מאָל געווען באַווירקט פון איין אידעע. די יידן האָבן צוזאַמענגעהאַלטן זייער געמיינדע דורך סיסטעמאַטישער דערציִונג לכל־הפחות שוין זינט דעם אָנהייב פון דער קריסטלעכער צייט. מער ניט אין איין פאַל האָט געטראָפן מיט אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט עפּעס ענלעכס, און דאָס איז די אידעע פון גוטן אויפפיר, וואָס די „בוך־געלערנטע“ האָבן פאַרשפּרייט אומעטום אין כינע.

די קאַטוילישע קירך האָט געזאָרגט פאַר דעם, וואָס אין דער רוימישער רעפּובליק האָט דאָס אויסגעפעלט, דאָס איז אַ סיסטעם פון פאָלקס־בילדונג, אַ געוויסע צאָל אוניווערסיטעטן און מעטאָדן פון אינטעלעקטועלן פאַרקער. דורך אָט דעם אויפטו איז געעפנט געוואָרן דער וועג צו נייע מעגלעכקייטן. נאָר אַרום דרייצנטן יאָרהונדערט באַווייזן זיך שוין אָנצוהערענישן אויף אַן אידעאַל פון אַ רעגירונג, וואָס דאַרף נאָך ערשט פאַרווירקלעכט ווערן, דער מאָדערנער אידעאַל, דער אידעאַל פון אַ דערציִונגס־רעגירונג, וואָס אונטער איר איז דער געמיינער מאַן ניט קיין שקלאַף פון אַן אַבסאָלוטן מאָנאַרך און ניט קיין שקלאַף פון אַ מלוכה רעגירט פון דעמאַגאָגן, נייערט אַ מיטגליד פון זיין געמיינדע, וואָס איז אינפאָרמירט וועגן אַלץ, באַגייסטערט מיט זיין מלוכה און זאָגט אַ דעה אין אַלע ענינים. דאָ ווערט דער אַקצענט געלייגט אויף דערציִונג און אויף דעם געדאַנק, אַז איידער מען פרעגט ביי איינעם אַן עצה, באַדאַרף מען אים אינפאָרמירן, וועגן וואָס דאָ גייט.

אין דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון דעם געדאַנק, אַז דערציִונג איז אַ פונקציע פון דער געזעלשאַפט, און ניט קיין פריוואַטער ענין, — דערין ליגט איינער פון די גרונט־אונטערשיידן צווישן דער „מאָדערנער מלוכה“ און צווישן אַלע פריערדיקע מלוכה־פאָרמען. מענטשן האָבן גענומען אַיינזען, אַז דער מאָדערנער בירגער מוז קודם־כל ווערן אינפאָרמירט, און דערנאָך ערשט קאָן מען פרעגן ביי אים אַ דעה. איידער ער שטימט, באַדאַרף ער הערן באַווייזן; איידער

ער קאָן באַשטימען, מוז ער וויסן. ניט דורך אויפשטעלן שטים=ביידלעך, נאָר דורך גרינדן שולן און שאַפן ליטעראַטור און וויסן און מאַכן, אַז ניט זאָל צוקומען צו אַלעמען, — נאָר דורך דעם ווערט געעפנט דער אַרויסגאַנג פון קנעכטשאַפט און תוהו ובוהו צו יענער מלוכה פון גערנוויליקער קאָאָפּעראַציע, וואָס זי איז דער מאָדערנער אידעאַל. שטימען פאַר זיך האָבן קיין ווערט ניט. מענטשן האָבן געשטימט אין איטאַליע אין דער צייט פון די גראַקכן. אָבער זייער שטימען האָט זיי ניט געהאָלפן. כּל=זמן אַ מענטש האָט קיין בילדונג ניט, איז שטים=רעכט אַן אומנוציקע און געפערלעכע זאַך פאַר אים. די אידעאַלע געמיינשאַפט, וואָס מיר גייען צו איר, איז ניט די געמיינשאַפט פשוט פון ווילן; דאָס איז אַ געמיינשאַפט פון וויסן און ווילן, וואָס פאַרבייט דעם אָרט פון אַ געמיינשאַפט פון גלויבן און פאָלגן. בילדונג איז דאָס דער כּוח, וואָס וועט צופאַסן דעם נאָמאַדישן גייסט פון פרייהייט און אַליינזיכערקייט צו דער צוזאַמענאַרבעט און רייכטום און איינגעפונדעוועטקייט פון דער ציוויליזאַציע.

---

2. איירָאָפּע נעמט טראַכטן פאַר זיך אַליין.

נאָר הגם עס איז געווים, אַז די קאַטוילישע קירך האָט דורך איר פּראָפּאַגאַנדע, אירע ווענדונגען צום פאָלק, אירע שולן אין אוניווערסיטעטן געעפנט אַן אויסקוק אויף דער מאָדערנער דערציערישער מלוכה אין איירָאָפּע, איז אָבער צוגלייך זיכער, אַז די קאַטוילישע קירך האָט קיין מאָל ניט געהאַט בדעה דאָס צו טאָן. זי האָט ניט אַרויסגעשיקט דאָס וויסן צוזאַמען מיט איר ברכה; זי האָט עס געלאָזט פאַלן ווי כּלאחר יד. די קירך האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יורש ניט פון דער רוימישער רעפּובליק, נאָר פון דעם רוימישן קיסר. איר באַגריף פון דערציונג איז געווען ניט באַפרייונג, ניט קיין פאַרבעטונג זיך צו באַטייליקן, נייערט די אונטערדריקונג פון די גייסטער. צוויי פון די גרעסטע דערציערס אין מיטלעלטער זיינען גאָר ניט געווען קיין קירך=

מענער, נאָר מאָנאַרכן און מלוכה־לייט, דאָס זיינען קאַרל דער גרויסער און אַלפֿרעד דער גרויסער פֿון ענגלאַנד — זיי האָבן נאָר אויסגענוצט די אָרגאַניזאַציע פֿון דער קירך. נאָר די אָרגאַניזאַציע האָט טאַקע געשאַפֿן און צוגעשטעלט די קירך. די קירך און דער מאָנאַרך אין זייער געראַנגל קעגן אַנאַנד פֿאַר דער מאַכט האָבן ביידע גערופֿן צו הילף די געדאַנקען פֿון דעם געמיינעם מאַן. ענטפֿערנדיק אויף אָט דעם רוף פֿון די קעמפֿנדיקע צדדים האָט דער געמיינער מאַן, דער ניט אָפֿיציעלער בורר אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, גענומען טראַכטן זיין אייגענעם געדאַנק.

שוין אין 13טן יאָרהונדערט האָבן מיר געזען ווי דער פּויפּס גרעגאָר IX און דער קיסר פֿרידריך II זיינען פֿאַרכאַפּט אין אַ שטאַרקער עפֿנטלעכער מחלוקת. שוין דעמאָלט איז געווען אַ געפֿיל, אַז עס איז געקומען אין דער וועלט אַ נייער שופֿט, גרעסער ווי דער פּויפּס אָדער די מאָנאַרכיע, דאָס זיינען די לייענערס און די עפֿנטלעכע מיינונג. דער גלות פֿון די פּויפּסן אין אַוויניאָן און די טיילונגען און מהומות אין פֿערצנטן יאָרהונדערט האָבן געוואַלדיק אַ רוק געטאָן דעם דאָזיקן פֿרייען אורטייל אין גאַנץ אייראָפּע.

צוערשט איז די לויפֿיקע קריטיק לגבי דער קירך געווען שייך נאָר צו מאָראַלישע און מאַטעריעלע ענינים. דער רייכטום און לוקסוס פֿון דער העכערער גייסטלעכקייט און די שווערע שטייערן פֿאַר דעם פּויפּס זיינען געווען די הויפּט־סיבות אויף צו באַקלאָגן זיך. די ערשטע פּרוּוון ווידער אויפֿצוריכטן די קריסטלעכע פּשוטקייט, אַ שטייגער, די גרינדונג פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער אָרדן, זיינען ניט געווען קיין באַוועגונגען זיך אָפּצוטיילן, נאָר באַוועגונגען אויפֿצולעבן. ערשט שפּעטער האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ טיפֿערע און מער צעשטערערישע קריטיק, וואָס איז אָנגעפֿאַלן אויף דעם צענטראַלן פֿאַקט פֿון דער לערנונג פֿון דער קירך און אויף דער באַגרינדונג פֿון דער וויכטיקייט פֿון דער גייסטלעכקייט, — דאָס איז אויף דעם מעסע־קרבן.

מיר האָבן אָנגעוואָרפֿן אין ברייטע קאָנטורן די פֿריע אָנהייבן פֿון קריסטנטום און מיר האָבן געוויזן, ווי האַסטיק דער האַרבער און שטרענגער באַגריף פֿון גאָטס קיניגרייך, וואָס איז געווען די צענטראַלע אידעע פֿון די לערנונגען פֿון ישו פֿון נצרת, איז פֿאַרשטיקט געוואָרן דורך דעם אויפֿלעב פֿון דער פּאַרצייטיקער קרבן־אידעע, אַ

דאָקטרינע, וואָס אין דער אמתן איז שווער זי תּופס צו זיין, אָבער דערפאַר איז גרינגער צו פאַרבינדן זי מיט די רגילותן און נטיות און כאַראַקטער פון טאָגטעגלעכן לעבן אין גאָענטן מזרח. מיר האָבן פאַרצייכנט, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען אַ מין טעאָקראַסיאַ צווישן קריסטנטום און יהדות און דעם סעראַפּעום-קולט און דעם מיטראַיזם און אַלע איבעריקע קאָנקורירנדיקע קולטן, וואָס אין איר האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן דער מיטראַישער זון-טאָג, די אַלט-יידישע אידעע



דער דזשאַמאַ-מעטשעט, אָדער גרויסער מעטשעט, אין דעלהי, איינער פון די גרויסאַרטיקסטע בנינים, וואָס עס האָט געגרינדעט שאַך דזשעהאַן, דער פערטער קיסר פון דער מאָגול-דינאַסטיע.

וועגן רעליגיעזן באַטייט פון בלוט, די אלכּסנדרינישע השגה וועגן דער וויכטיקייט פון גאָטס מוטער, דער געגאָלטער און פאַסטנדיקער כּוהן, זיך פייניקנדיקער אַסקעטיזם און אַ סך אַנדערע יסודות פון גלויבן און ריטואַל און פּראַקטיק, און וואָס זיי האָבן דאָס געבילדעט די נייע רעליגיע. אָן ספק, די דאָזיקע צופּאַסונגען האָבן געמאַכט די נייע תּורה אַ סך מער פאַרשטענדלעך און גרינגער אָנצונעמען אין עגיפּטן און סיריע און כּדומה אַזעלכע לענדער. דאָס זיינען געווען זאַכן, וואָס

האָבן געשטימט מיטן געדאַנקען־גאַנג פון דער טונקל־ווייסער מיטל־לענדישער ראַסע; דאָס איז געווען נאָענט צו איר גייסטיקן טיפּ. נאָר ווי מיר האָבן באַוויזן אין דער געשיכטע פון מוכאַמעד, פאַר די אַראַבישע נאָמאַדן איז דאָס קריסטנטום דורך די דאָזיקע אָנשאַפונגען ניט געוואָרן צוציענדיקער; פאַרקערט, מחמת די דאָזיקע שטריכן האָבן זיי אין דעם קיין טעם ניט געפונען. דאָס נעמלעכע האָבן די שוואַרץ געקליידטע און געשאָרענע מאָנאַך און מנישקע און פאַטער, ווי עס ווייזט אויס, דערוועקט אַ מין אינסטינקטיווע פיינדשאַפט אויך ביי די נאָרדישע באַרבאַרן אין צפון און מערב. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט די אייגנטימלעכע שנאה פון די אַלטע אַנגלאָ־סאַקסן און נאָרמאַנען צו די מאָנאַכן און מנישקעס. זיי האָבן קענטיק געשפּירט, אַז דאָס לעבן און די מנהגים פון די דאָזיקע פרומע לייט זיינען משונההדיק און אומנאַטירלעך.

דער צונויפשטויס צווישן דעם וואָס מיר וואָלטן אָנגערופן די „טונקל־ווייסע פאַקטאָרן" און צווישן די נייערע עלעמענטן אין קריסטנטום איז בלי ספק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם פּויפּס גרעגאָר VIIנס פאַרבאָט פאַר די קאַטוילישע גייסטלעכע חתונה צו האָבן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 11טן יאָרהונדערט. דער מורח האָט טויזנטער יאָרן געוואוסט פון אַזעלכע געהייליקטע מענטשן, וואָס האָבן קיין חתונה ניט; אין מערב אָבער האָט מען געקוקט אויף זיי מיט סקעפּטיציזם און חשד.

און איצט אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט, בעת די וועלטלעכע מענטשן פון די נאָרדישע פעלקער האָבן גענומען קריגן וויסנשאַפט, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און זיך אויסצודריקן, און אַז דער דאָזיקער וועלטלעכער גייסט איז געקומען אין באַריר מיט דער וועקנדיקער אַקטיוויטעט פון אַראַבישן גייסט, הייבט זיך אָן אַ סך אַ שטאַרקערע קריטיק פון קאַטוליציזם, אַן אינטעלעקטועלע אַטאַקע אויפן כוהן ווי אַ כוהן און אויף דער מעסע־צערעמאָניע ווי אויף דעם צענטראַלן פאַקט פון רעליגיעזן לעבן, פאַרבונדן מיט אַ פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צו ישוס אייגענע לערנונגען, ווי ווייט זיי זיינען פאַרשריבן אין די עוואַנגעליעס.

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן דעם ענגלענדער וויקליף (1320—1384) און ווי אַזוי ער האָט איבערזעצט די ביבל אין ענגליש, בכדי צו האָבן אַן אַוטאָריטעט, וואָס זאָל באַשטיין קעגן דעם אַוטאָריטעט פון פויפּס. ער האָט דערקלערט, אַז די דאָקטרינעס פון דער קירך מכוח דער מעסע זיינען אַ שעדלעכער טעות, בפרט דער פונקט אַז דאָס געגעסענע ברויט ווערט אויף אַ מאַגישן וועג מגולגל אין קריס־טוסעס קערפּער. מיר האָבן דאָ ניט ברעה זיך צו פאַרטיפן אין די פּלאָנטערנישן פון דער פראַגע פון דער טראַנסובסטאַנציאַציע, ווי מען פלעגט אָנרופן דעם דאָזיקן פּראָצעס פון מיסטישן איבערבייט פון די עלעמענטן אין דעם סאַקראַמענט. דאָס איז אַן ענין פאַר טעאָלאָגן ספּעציאַליסטן. נאָר עס איז קלאָר, אַז אַ דאָקטרינע, ווי אָט די קאַטוילישע, וואָס לויט איר איז די הייליקונג פון די עלעמענטן אין דער הייליקער האַנדלונג אַ מופתדיקער פּראָצעס, וואָס קאָן דורכגעפירט ווערן נאָר דורך דעם כוהן און וואָס מאַכט דעם סאַקראַמענט פאַר אַ צענטראַלער נויטווענדיקייט פון דער רעליגיעזער סיסטעם, — פאַרגרעסערט אָן אַ שיעור די וויכטיקייט פון דעם כוהנים־שטאַנד.

פון דער אַנדער זייט טוט דער קוק, וואָס ער איז געווען דער טי־פישער קוק פון „פּראָטעסטאַנטן“, אַז דער דאָזיקער סאַקראַמענט איז פשוט עסן ברויט און טרינקען ווייַן, כדי צו דערמאָנען זיך אָן ישו פון נצרת, סוף־כל־סוף ברענגען דערצו, אַז מען קאָן זיך בכלל באַגיין אָן ספּעציעלע כוהנים.

וויקליף גופא איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט; ער איז געווען אַ כוהן און איז געבליבן אַ כוהן ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט געהאַלטן, אַז גאָט איז פאַראַן אין דעם געהייליקטן ברויט, אויב ניט סובסטאַנ־ציאָנעל, איז דאָך ספּיריטועל. אָבער זיין דאָקטרינע האָט אויפגעהויבן אַ פראַגע, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן מענטשן ווייט אַריבער די גרע־נעצן, וואָס ער האָט געוואָלט. פון דעם שטאַנדפונקט פון היסטאָריקער איז דער קאַמף קעגן רוים, וואָס וויקליף האָט אָנגעהויבן, גאָר אינגיכן געוואָרן אַ קאַמף פון דעם, וואָס מען קאָן אָנרופן ראַציאָנאַלע אָדער וועלטמענישע רעליגיע, וואָס זי ווענדט זיך צו דעם פרייען שכל און דעם פרייען געוויסן פון דער מענטשהייט, אַנטקעגן דער אויטאָ־ריטאַטיווער, טראַדיציאָנעלער, צערעמאָניעלער און כהונישער רעליגיע.

די לעצטע טענדענץ פון דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן קאַמף איז אַראָפּצונעמען פון קריסטנטום, פּונקט ווי עס איז איצט דער איסלאַם, איטלעכן סימן פון דער אַלטער כּהונהשאַפט, אומצוקערן זיך צו די ביבלישע דאָקומענטן ווי צו אַן אַווטאָריטעט און צו אַנטדעקן, אויב דאָס איז מעגלעך, די לכתּחילהדיקע לערנונגען פון ישו. דער גרעסטער טייל פון די פראַגן, וואָס אַרום זיי איז מען מחולק, זיינען נאָך ניט פאַרענטפערט ביזן היינטיקן טאָג.

וויקליפס שריפטן האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה פון אומעטום אין טשעכיע. אַרום 1396 האָט אַ געלערנטער טשעך, יאָהאַן הוס, געהאַלטן אין פּראָגער אוניווערסיטעט אַ ריי לעקציעס, באַגרינדעט אויף די דאָקטרינעס פון דעם גרויסן אָקספאָרדער לערער. הוס איז געוואָרן דער רעקטאָר פון פּראָגער אוניווערסיטעט, און זיינע לערנונגען האָבן באַוואויגן די קירך אים אַריינצולייגן אין חרם (1412).

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער גרויסער סכיזמע, גראָד איידער עס האָט זיך צונויפגעקליבן דער קאָנציל פון קאָנסטאַנץ (1414 — 1418) צו באַהאַנדלען די סקאַנדאַליעזע אומאָרדענונג אין דער קירך. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אַזוי די סכיזמע איז געוואָרן פאַרענדיקט דורך דעם וואָס מען האָט אויסגעקליבן דעם פּויפּס מאַרטין V. דער קאָנציל האָט געשטרעבט צו פאַראייניקן דאָס קריסטנטום פולקום. נאָר די מעטאָדן, וואָס דורך זיי האָט ער געוואָלט דורכפירן די דאָזיקע פאַראייניקונג, דערוועקן אַ שוידער אין אונזער מאָדערנעם געוויסן. וויקליפס ביינער זיינען געוואָרן פאַרמשפּט צו פאַרברענען. הוס איז געוואָרן אַריינגענאַרט קיין קאָנסטאַנץ מיטן צוזאָג, אַז עס וועט אים גאָרנישט ניט געשען, און דערנאָך האָט מען אים געשטעלט צו אַ משפּט פאַר אפּיקורסות. מען האָט אים באַפוילן זיך אָפּצוזאָגן עפּעטלעך פון איינעקע פּונקטן פון זיין דאָקטרינע. האָט ער געענטפערט, אַז ער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן, ביז מען וועט אים ניט דערוויזן, אַז ער האָט אַ טעות. האָט מען צו אים געזאָגט, אַז ער איז מחויב זיך אָפּצוזאָגן, אויב זיינע עלטסטע פאָדערן דאָס, אַליין איינס, צי מען האָט אים דערוויזן צי ניין. נאָר ער האָט דעם דאָזיקן קוק ניט געוואָלט אָננעמען. ניט געקוקט דערויף וואָס דער קיסר האָט אים צוגעזאָגט צו באַשיצן, איז ער געוואָרן פאַרברענט לעבעדיקערהייט

(1415), אַ מאַרטירער ניט פאַר אַ וואָסער עס איז באַזונדער דאָקטרינע, נאָר פאַרן פרייען געדאַנק און פאַרן פרייען געוויסן פון דער מענטשהייט.

עס וואָלט געווען אוממעגלעך אַוועקצושטעלן דעם חילוק=דעות צווישן כּוהן און אַנטי=כּוהן קלערער, ווי דאָס איז געשטאַנען אין דעם פּראָצעס פון יאָהאַן הוס, אָדער צו דעמאָנסטרירן פולקומער דעם בייזן גייסט פון דער כּהונהשאַפט. אין אַ יאָר אַרום איז פאַרברענט געוואָרן הוס' אַ קאָלעגע, היעראָנימוס פון פּראָג.

די דאָזיקע געוואַלד=מעשים האָבן געבראַכט צו אַן אויפשטאַנד פון די הוסיטן אין טשעכיע (1419), דאָס איז געווען די ערשטע פון אַ ריי רעליגיעזע מלחמות, וואָס צייכענען אָן דעם ריס אין קריסטנטום. אין יאָר 1420 האָט דער פּויפּס מאַרטין V אַרויסגעלאָזט אַ בולע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַ קרייץ=צוג „צו פאַרטיליקן די וויקליפיטן, הוסיטן און אַלע אַנדערע אפּיקורסים אין באָהעמיע“. צוגעצויגן דורך דעם רוף, האָבן זיך אַלאָז געטאָן אויפן דאָזיקן בראַוון לאַנד אַוואַנטוריסטן לײדיקגײערס און אַלע מינים באַנדיטן פון גאַנץ אייראָפּע. אָבער באָהעמיע האָט זיך מעכטיק אַנטקעגנגעשטעלט אונטער דעם אָנפיר פון איר גרויסן פירער זשיזשקאַ, און די באַנדעס האָבן דאָרט געטראָפן מער שווערקייט און ווינציקער רויב, ווי געוויינטלעך אויף קרייץ=צוגן. די הוסיטן האָבן געפירט זייערע ענינים אויפן העכסט דעמאָקראַטישן שטייגער און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אָנגעצונדן מיט ענטוזיאַזם. די קרייץ=פאָרערס האָבן באַלעגערט פּראָג, נאָר זיי האָבן זי ניט געקאָנט איינגעמען; זיי האָבן געליטן אַ ריי מפּלות, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט זייער צוריקצי פון באָהעמיע. אַ צווייטער קרייץ=צוג (1421) האָט געהאַט ניט מער הצלחה. און נאָך צוויי קרייץ=צוגן זיינען דורכגעפאַלן. דערנאָך זיינען, צום אומגליק, אַרויסגעקומען קריגערייען צווישן די הוסיטן גופא. אויפגעמונטערט דורך דעם, איז אַ פינפטער קרייץ=צוג (1431) אַריבער דעם גרענעץ אונטער פרידריך, דעם מאַרקגראַף פון בראַנדענבורג.

די אַרמיי פון די דאָזיקע קרייץ=פאָרער איז באַשטאַנען, לויט די נידעריקסטע שאַצונגען, פון 90.000 פוסגייער און 40.000 רייטערס. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף באָהעמיע פון מערב=זייט, האָבן צוערשט

באַלעגערט די שטאָט טאַכאָוו, נאָר אַז זיי האָבן ניט געקאָנט אײַננעמען
די שטאַרק באַפעסטיקטע שטאָט, האָבן זיי זיך אַוואָרף געטאָן אויפן
קלײנעם שטעטל מאָסט און דאָ, און אויך אין דער אַרומיקער



אַ געמעל פון דעם מאָגול־פעריאָד. אָפגעמעלט איז שאַיסטאַה כאַן, דער
פעטער פון אַורונגזעב פון מוטערס צד, מיט זײַנע באַדינער.

געגנט, האָבן זיי אָפּגעטאָן די שרעקלעכסטע יציחות אַנטקעגן אַ באַפעלקערונג, וואָס אַ גרויסער טייל פון איר איז בכלל געווען אומשולדיק בנוגע טעאָלאָגיע.

פּאַוואָליע זיינען די קרייץ־פאָרערס אַריינגעדרונגען אין לאַנד, ביז זיי זיינען דערגאַנגען צו דער אומגעגנט פון דאָמאַזליצע. עס איז געווען דעם 14טן אַווגוסט 1431. 3 אַ זייגער פרי האָבן די קרייץ־פאָרערס, וואָס האָבן זיך געלעגערט אין דעם פליין צווישן דאָמאַזליצע און האָרסאָוויטין, געקראָגן די ידיעה, אַז עס דערנעענטערן זיך די הוסיטן אונטערן אָנפיר פון פּראָקאָפּ דעם גרויסן. די טשעכן זיינען נאָך געווען ווייט פיר מייל, נאָר מען האָט שוין געקאָנט הערן דעם רעש פון זייערע קריגס־וואָגנס און דעם געזאַנג „איר אַלע קריגס־לייט פון גאָט“, וואָס דער גאַנצער חייל האָט געזונגען. די באַגייסטערונג פון די קרייץ־פאָרערס איז מיט איין מאָל פאַרפלויגן. ליצאָוו אין זיין ווערק „באָהעמיע“ באַשרייבט, ווי אַזוי דער פאָרשטייער פון פויפּס און דער הערצאָג פון זאַקסן זיינען אַרויף אויף אַ בערגל, בכדי צו באַטראַכטן דאָס שלאַכט־פעלד. דער דייטשער לאַגער איז געווען אין גרויס טומלעניש. רייטערס האָבן זיך געיאָגט אין אַלע ריכטונגען און די קלאַפּעריי פון די פוסטע וועגענער, וואָס זיינען אַרומגעטריבן געוואָרן אין אַלע זייטן, האָט כמעט איבערגעהילכט דעם שרעקלעכן געזאַנג פון די הוסיטן. די קרייץ־פאָרערס האָבן איבערגעלאָזט אַפילו זייער זאַקרויב. עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון מאַרקגראַף פון בראַנדענבורג, אַז ער עצהט צו אַנטלויפן: מען האָט דאָס מיליטער ניט געקאָנט מער איינהאַלטן. זיי זיינען געווען געפערלעך איצט נאָר פאַר זייער אייגענעם צד, און דער פאָרשטייער פון פויפּס האָט פאַרבראַכט ניט קיין געשמאַקע נאַכט אין וואַלד, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר זיי... אַזוי האָט זיך געענדיקט דער בעמישער קרייץ־צוג.

אין יאָר 1434 איז ווידער אויסגעבראָכן אַ בירגער־קריג צווישן די הוסיטן, וואָס אין איה איז די עקסטרעמע און די מוטיקסטע פּאַרטיי געוואָרן צעקלאַפּט, און 1436 איז געוואָרן געשלאָסן אַן אָפּמאַך צווישן דעם קאָנציל אין באַזעל און די מעסיקע הוסיטן, וואָס לויט אים איז דער באָהעמישער קירך דערלויבט געוואָרן איינצוהאַלטן גע־

ווייסע אָפּטרעטונגען פון דער אַלגעמיינער קאַטוילישער פּראַקטיק. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט זיך געהאַלטן ביז דער דייטשער רע־פאָרמאַציע אין 16טן יאָרהונדערט.

---

3. די גרויסע מגפה און דער באַגינען פון קאָמוניזם.

די שפּאַלטונג צווישן די הויפּטן איז אַרויסגעקומען דער עיקר מחמת דעם, וואָס אַן עקסטרעמע פּאַרטיי צווישן זיי האָט געשטרעבט צו אַ פּרימיטיווען קאָמוניזם, און דאָס האָט באַאומרויִקט די רייכערע און מעכטיקערע טשעכישע פּריצים. ענלעכע טענדענצן האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן צווישן די ענגלישע וויקליפיטן. עס ווייזט אויס, אַז קאָמוניסטישע אידעען באַווייזן זיך נויטווענדיק אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָקטרינעס וועגן גלייכער מענטשלעכער ברודערשאַפט אַלע מאָל, ווען עס ווערט געמאַכט אַ פּרווו צו קומען צוריק צו די יסודות פון קריסטנטום.

די אַנטוויקלונג פון אַזעלכע אידעעס איז געוואָרן שטאַרק אונטערשטיצט דורך אַ מוראדיקער פּלאָג, וואָס האָט פּאַרפּלייצט די וועלט און האָט אויפגעדעקט די גרונטפעסטן פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז אַ פּעסט פון אומגעהערטער מאַכט. זי ווערט אָנגערופן „דער שוואַרצער טויט“ און זי איז נעענטער צוגעקומען צו דער פּאַר־לענדונג פון גאַנצן מין מענטש, ווי וואָסער עס איז פריערדיקע פּורעניות. זי האָט געבראַכט אַ סך מער טויט ווי די פּעסט פון פּעדיקלעס, די פּעסט פון מאַרקוס אַורעליוס אָדער די פּעסט־כוואַליע אין דער צייט פון יוסטיניאַן און גרעגאָר דעם גרויסן, וואָס האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די לאַנגאָבאַרדן קיין איטאַליע. זי איז אויפגעקומען אין דרום־רוסלאַנד אָדער צענטראַל־אַזיע און איז אַריבער־געקומען איבער קרים און דורך גענועזער שיפן קיין גענואַ און קיין מערב־אייראָפּע. זי איז דורכגעגאַנגען איבער אַרמעניע קיין קליין־אַזיע, עגיפּטן און צפון־אַפריקע. זי האָט דערגרייכט קיין ענגלאַנד אין יאָר 1348. מען דערציילט, אַז צוויי דריטל סטודענטן אין

אָקספֿאָרד זיינען געשטאָרבן; מען שאַצט, אַז בכלל איז אומגעקומען אין יענער צייט צווישן אַ פֿערטל און אַ העלפֿט פֿון גאָר דער ענגלישער באַפֿעלקערונג. אומעטום אין גאַנץ אייראָפּע איז געווען אַ גרויסע שטאַרבלעכקייט. העקער שאַצט, אַז אַרום און אַרום זיינען געווען דריי און צוואַנציק מיליאָן טויטע. די פּעסט האָט זיך אויסגעשפּרייט אין מזרח־זייט קיין כינע, און ווערליק די כינעזישע כראָניקעס דערציילן, זיינען דאָרט אומגעקומען דרייצן מיליאָן מענטשן. ד״ר ס. אָ. סטאַליבראַס זאָגט, אַז די דאָזיקע מגפֿה האָט דערגרייכט קיין כינע מיט 30 אָדער 40 יאָר שפּעטער, נאָך דעם ווי זי האָט זיך צוערשט באַוויזן אין אייראָפּע. דער אַראַבישער רייזנדער אבן־באַטוטאַ, וואָס איז געווען אין כינע פֿון 1342 ביז 1346, האָט צוערשט אָנגעטראָפֿן די מגפֿה ביי זיין צוריקקער קיין דמשק. דער שוואַרצער טויט איז אַ מענטשלעכע פֿאָרם פֿון דער קרענק, וואָס איז ענדעמיש ביי עטלעכע מינים קליינע נאָג־חיות, וואָס האַלטן זיך אויף אין די געגנטן אַרום שפּיץ פֿון קאַספּישן ים. אין כינע האָט די סאָציאַלע דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס די פּעסט האָט געבראַכט, גורם געווען דערצו, אַז מען האָט פֿאַרזען אַכטונג צו געבן אויף די טייכן־דאַמבעס, און מחמת דעם האָבן גרויסע פֿאַרפֿלייצונגען פֿאַרוויסט די געדיכט באַפֿעלקערטע אַקער־לענדער.

קיין מאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ אָפֿענע התראה פֿאַר דער מענטשהייט צו זוכן וויסנשאַפֿט און אויפֿצוהערן זיך אַרומצוקריגן, צו פֿאַראייניקן זיך קעגן די פֿינסטערע כוחות פֿון דער נאַטור. אַלע שחיטות פֿון הולאַגו און טימורלאַן זיינען געווען אַ גאָרנישט לגבי דעם. „די מגפֿה האָט צום שטאַרקסטן געווילדעוועט — זאָגט דזש. ר. גרין — אין די גרעסערע שטעט, וואו די שמוציקע גאַסן אָן קאַנאַליזאַציע זיינען שטענדיק געווען אַן אָרט פֿון צרעת און קדחת. אויף דעם בית־הקברות, וואָס סער וואַלטער־מעני האָט געקויפֿט פֿאַר די בירגער פֿון לאָנדאָן, אַ פּלאַץ וואָס איז שפּעטער געווען באַצייכנט דורך דעם טשאַרטער־הויז, זיינען, זאָגט מען, באַגראָבן געוואָרן איבער 50.000 טויטע. טויזנטער מענטשן זיינען אומגעקומען אין נאָרוויטש, און אין בריסטאָל זיינען די לעבעדיקע קוים געווען בכוח צו פֿאַרברענגען די טויטע.

„נאָר דער שוואַרצער טויט איז אָנגעפֿאַלן אויף די דערפֿער כמעט מיט דער זעלביקער ווילדקייט, ווי אויף די שטעט. עס איז באַוואוסט, אַז מער ווי אַ העלפֿט גייסטלעכע פֿון יאָרקשייר זיינען אומגעקומען; אין דעם קירכן-קרייז נאָרוויטש האָבן צוויי דריטל פֿון די פּאַראַפֿיעס איבערגעביטן זייערע פּאָרשטייער. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַרבעט איז געווען צעשרויפֿט. די קנאַפּקייט פֿון אַרבעטסהענט האָט געמאַכט שווער פֿאַר די קלענערע פּאָסעסאָרס אויסצופֿירן די אַרבעטן וואָס זיינען נייטיק פֿאַר זייערע פֿעלדער, און נאָר אויב די אייגנטימער פֿון דער ערד זיינען געווען מרוצה, צייטווייליק אַראָפּצולאָזן די רענטע אויף דער העלפֿט, האָבן די אַרענדאַטאָרן געקאָנט בלייבן אויף זייערע ערטער. אַ געוויסע צייט איז געוואָרן אוממעגלעך צו באַאַרבעטן די ערד. „די שאָף און רינדער, זאָגט איינער אַ בן-דור, האָבן אַרומגעטאָפּטשעט איבער די פֿעלדער צווישן קאָרן, און עס איז ניט געבליבן קיינער, וואָס זאָל זיי אָפּטרייבן”.

פֿון אָט דעם חורבן שטאַמען די פּויערים-מלחמות פֿון 14טן יאָרהונדערט. עס איז שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן די צאָל אַרבעטער, עס זיינען שטאַרק אָפּגעקומען די רייכטימער, און די רייכע אַבאַטן און קלויסטערס, וואָס האָבן געהאַט אַזוי פֿיל ערד זייער אייגנס, און די פּריצים און די רייכע סוחרים, זיינען געווען אַזוי אומוויסנדיק אין די עקאָנאָמישע געזעצן, אַז זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי טאָרן ניט דריקן אַזוי די אַרבעטער אין אַזאַ צייט פֿון אַלגעמיינעם חורבן. זיי האָבן געזען, ווי זייער אייגנטום ווערט קלענער, ווי זייער ערד בלייבט ניט באַאַרבעט, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן שטרענגע געזעצן צו צווינגען מענטשן צו אַרבעטן אָן צו הייבן זייער שכירות און צו פֿאַרהיטן, זיי זאָלן ניט קאָנען גיין וואו אַנדערש זוכן פֿאַר זיך בעסערע אַרבעט. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ נייעם בונט קעגן דער גאַנצער סיסטעם פֿון סאָציאַלער אומגלייכהייט, וואָס ביז דעמאָלט האָט קיינער קעגן איר קיין פֿראַגעס ניט געשטעלט און אָנגענומען זי פֿאַר דער געטלעכער וועלט-אָרדענונג. דער געשריי פֿון די אָרעמע לייט האָט געפֿונען אַ מוראדיקן אויסדרוק אין די ווערטער פֿון „אַ משוגענעם גייסטלעכן פֿון קענט”, ווי עס רופֿט אים דער עלעגאַנטער פֿראַנצויזישער כראָ-

ניקער פּראָסאַר. דאָס איז געווען דזשאָן באָל, וואָס האָט ניט געקוקט אויף חרמות און תּפיסות, אין משך פון צוואַנציק יאָר (1360 — 1381) געפּונען צוהערערס פאַר זיינע רעדעס צווישן די קריפּטיקע פּויערים, וואָס פלעגן זיך צונויפקלייבן אין די קירך=הויפן פון קענט. די ערד=אייגנטימער האָבן אים טאַקע אָנגערופן משוגע, נאָר אין זיינע רעדעס האָט ענגלאַנד צום ערשטן מאָל געהערט אַ דעקלאַראַציע פון דער נאַטירלעכער גלייכקייט און פון מענטשן=רעכט. „גוטע מענטשן, פלעגט שרייען דער פּרעדיקער, קיין מאָל וועט עס ניט גיין גוט אין ענגלאַנד, כּל=זמן רייכטום וועט ניט זיין שותּפיש און כּל=זמן עס זיינען פאַראַן פּראָסטע פּויערים און אַדל=לייט. מיט וואָסער רעכט זיינען יענע, וואָס מען רופט זיי לאָרדן, גרעסערע מענטשן פאַר אונז? אויף וואָסער יסוד האָבן זיי דאָס זיך דערדינט? פאַרוואָס האַלטן זיי אונז אין קנעכטשאַפט? אויב מיר אַלע קומען אַרויס פון איין פאָטער און איין מוטער, פון אדם און חוה, טאָ ווי אַזוי קאָנען זיי זאָגן אָדער באַווייזן, אַז זיי זיינען בעסער פאַר אונז, סיידן דורך דעם וואָס זיי צווינגען אונז צו פאַרדינען פאַר זיי דורך אונזער פּראַצע דאָס, וואָס זיי פאַרשווענדן מחמת זייער גאווה? זיי זיינען אָנגעטאָן אין סאַמעט און וואַרעמען זיך אין זייערע פוטערס און הערמעלינס, און מיר זיינען באַדעקט מיט שמאַטעס. זיי האָבן וויין און געווירצן און פיין ברויט; מיר האָבן האָבערנע פלעצלעך און שטרוי און וואַסער צום טרינקען. זיי האָבן פרייע צייט און פיינע הייזער; מיר האָבן פּיין און האָרעוואַניע, דעם רעגן און דעם ווינט אין די פעלדער. און דאָך שטאַמט דער גאַנצער פּוץ און גאָר די רייכקייט, וואָס די דאָזיקע לייט האָבן, פון אונז און פון אונזער פּראַצע". אַ גייסט, וואָס איז געפּערלעך פאַר גאָר דער סיסטעם פון מיטלעלטער, אָטעמט אַרויס אין דעם פאָלקס=ווערטל, וואָס אין אים איז געווען דער תּמצית פון דזשאָן באָלס אויסגלייך=דאָקטרינע: „בשעת אדם האָט די ערד געגראָבן און חוה האָט געשפּונען, ווער איז דעמאָלט געווען דער אַדלמאַן?"

וואָט טיילער, דער אָנפירער פון די ענגלישע מורדים, איז דערהרגעט געוואָרן דורך דעם מער פון לאָנדאָן פאַר די אויגן פון דעם יונגן קיניג ריטשאַרד II (1381), און זיין באַוועגונג איז דערשטיקט געוואָרן.

די קאָמוניסטישע זייט פון דער הוסיטישער באַוועגונג איז אויך געווען אַ טייל פון דער זעלביקער סיסטעם פון מהומות. אַ ביסל פריער פאַר דעם ענגלישן אויפשטאַנד האָט געטראָפן די פראַנצויזישע „זשאַקערי“ (1358), וואָס דעמאָלט זיינען די פראַנצויזישע פויערים אויפגעשטאַנען, האָבן אונטערגעצונדן שלעסער און פאַרוויסט דאָס לאַנד. מיט הונדערט יאָר שפּעטער איז דייטשלאַנד געוואָרן אַריינגעשלעפּט דורך דער זעלביקער נויטווענדיקייט אין אַ ריי בלוטיקע פויערים־מלחמות. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעט אין 15טן יאָרהונדערט. עקאָנאָמישע און רעליגיעזע מהומות האָבן אין דייטשלאַנד נאָך דייטלעכער זיך אויסגעמישט, ווי אין ענגלאַנד.

איין מערקווערדיקער פאַזיס פון די דייטשע מהומות איז געווען דער אַנאַבאַפּטיסטישער אויפשטאַנד. די סעקטע אַנאַבאַפּטיסטן האָט זיך באַוויזן אין וויטענבערג אין יאָר 1521 אונטער דריי „נביאים“ און איז אויסגעבראָכן אין אַן אויפשטאַנד אין יאָר 1525. צווישן 1532 און 1535 האָבן די מורדים געהאַלטן פאַרנומען די שטאָט מינסטער אין וועסטפאַלן און האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געקאָנט אויף צו פאַרווירקלעכן זייערע געדאַנקען וועגן אַ רעליגיעזן קאָמוניזם. דער ביסקופ פון מינסטער האָט זיי באַלעגערט, און אונטער די צרות פון דער באַלעגערונג האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ מין שיגעון: מען זאָגט, אַז עס זיינען געווען צופאַלן פון מענטשנפרעסעריי, און אַ געווויסער יאָהאַן פון ליידען האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט זיך פּראָקלאַמירט פאַרן יורש פון דוד המלך און האָט איינגעפירט פּאָליגאַמיע, לויטן שלעכטן ביישפּיל פון דעם דאָזיקן קיניג. נאָך דעם ווי די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט דער ביסקופ דער זיגער געפּייניקט מיט מוראדיקע עינויים די אָנפירערס פון די אַנאַבאַפּטיסטן און געלאָזט זיי קעפּן אויפן מאַרק־פּלאַץ, זייערע צעקאַלעטשעטע קערפּערס זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן אין שטייגן אויף אַ טורעם פון אַ קירך, כדי גאָר די וועלט זאָל וויסן, אַז פיינע מידות און אָרדענונג זיינען איצט אויפגעריכט געוואָרן אין מינסטער...

די דאָזיקע אויפשטאַנדן פון די געמיינע אַרבעטס־מענטשן אין די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט זיינען געווען ערנסטער און אויסגעהאַלטענער, ווי האָסערע עס איז

פריערדיקע אין דער וועלט-געשיכטע. צום נעענטסטן קומט צו זיי צו פון די פריערדיקע א קאמוניסטישע מוכאמעדאנישע באוועגונג אין פערסיע. געווען נאך א פויערים-אויפשטאנד אין נארמאנדיע ארום 1000 נאך קר., און עס זיינען געווען בונטן פון פויערים אין לעצטע צייטן פון דער רוימישער אימפעריע, אבער זיי זיינען ניט אין ערך געווען אזוי געוואלדיק ווי די. זיי ווייזן, אז אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט איז געוואקסן א נייער גייסט, א גייסט וואס איז לחלוטיי

יאהאן הוס פארן קאנסטאנצער קאנציל. פון א געמעל פון קארל לעסינג, אין א בילדער-גאלעריע אין פראנקפורט ביים מאין.

פארשיידן פון דער אפאטיע, וואס שטעלט קיין שאלות ניט ביי די קנעכט און פויערים אין די שטאט-געביטן פון דער ציוויליזאציע, אבער אויך פארשיידן פון דער אנארכיסטישער פאריאושטקייט פון די שקלאפן און לייב-אייגענע, וואס האבן געארבעט פאר די רוימישע קאפיטאליסטן.

אלע די דאזיקע עלטערע אויפשטאנדן פון ארבעטער, וואס מיר האבן דערמאנט, זיינען געווארן דערשטיקט מיט דער גרעסטער אכזריות, אבער די באוועגונג גופא איז קיין מאל ניט אויסגעווארצלט

געוואָרן איינגאַנצן. זינט יענער צייט ביז היינט איז שטענדיק געווען אַ גייסט פון בונט אין די אונטערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּיראַמידע. עס זיינען געווען פּאַזעס פון אויפשטאַנד, פּאַזעס פון אונטערדריקונג, פּאַזעס פון פּשרה און לפי-ערכדיקן שלום; נאָר זינט יענער צייט און ביזן היינטיקן טאָג האָט דער קאַמף קיין מאָל ניט אויפגעהערט איינגאַנצן. מיר וועלן זען, ווי ער פלאַקערט אויף בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צום סוף 18טן יאָרהונדערט, הייבט זיך אויף ווידער אין מיטן פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון זיין לעצטן פערטל און דערגרייכט צו אַ גרויסן פאַרנעם אין דער היינטיקער וועלט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון 19טן יאָרהונדערט איז געווען נאָר איין נוסח פון אָט דעם כּסדרדיקן בונט.

אין אַ סך לענדער, למשל, אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד, האָט די אַרבעטער-באַוועגונג אָנגענומען טיילמאָל אַ פיינדלעכע האַלטונג בנוגע צום קריסטנטום, נאָר עס איז כּמעט קיין ספק ניט, אַז דער דאָזיקער כּסדרדיקער און אין גרויסן און גאַנצן וואַקסנדיקער פּראָטעסט פון דעם געמיינעם מאַן אין מערב קעגן אַ לעבן פון פּראַצע און אונטערטעניקייט איז גאָענט פאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער תורה. די קירך און די קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן געמעגט ניט האָבן אין זינען צו פאַרשפּרייטן די דאָקטרינעס פון גלייכקייט, אָבער הינטער דער קירך שטייט די ניט-אויסלעשלעכע פּערזענלעכקייט פון ישו פון נצרת, און קעגן דעם אייגענעם ווילן האָבן די קריסטלעכע פּרעדיקער געבראַכט מיט זיך די זאָמען פון פרייהייט און אחריותדיקייט, און פריער אָדער שפּעטער זיינען זיי אַרויסגעשפּראָצט אומעטום וואו דער קריסטנטום איז געווען.

אָט דער דאָזיקער שטענדיקער און וואַקסנדיקער אויפשטאַנד פון די אַרבעטער, די אַנטוויקלונג פון זייער באַוואוסטזיניקייט ווי אַ קלאַס און פון זייערע פאָדערונגען קעגן דער וועלט בכלל, שיידט אָפּ, פּונקט ווי דאָס טוט די עקסיסטענץ פון שולן און אוניווערסיטעטן, פּונקט ווי די גרויסע צאָל געדרוקטע ביכער און דער וואַקסנדיקער און זיך אויסשפּרייטנדיקער פּראָצעס פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, אונזער איצטיקן טיפּ ציוויליזאַציע, די „מאָדערנע ציוויליזאַציע“, פון יעטווידער פריערדיקן צושטאַנד פון דער מענטשלעכער געזעל-

שאַפט, און ער צייכנט זי אָפּ, מיט אַלע אירע צופעליקע אויפטוען, ווי אַ זאַך וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיקט און געפינט זיך אין אַן איבערגאַנגס=צושטאַנד. זי איז אַ התחלה פון עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף נאָך ווערן, אָדער זי איז פאַרמשפּט צום שטאַרבן. זי מוז זיין מסוגל צו פאַרענטפערן די פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעם פון קאָאָרדינירן האָרעוואַניע און גליק, און אַזוי אַרום זיך צופּאַסן צו די באַדערפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה, אָדער זי וועט דאָס ניט באַווייזן און וועט ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע, ווי די רוימישע סיסטעם. זי דאַרף זיין אַן אָנהייב פון אַ מער גלייכוואָגיקע און באַפרידיקנדיקע געזעלשאַפטס=אָרדענונג, אָדער איר איז באַשערט פונאַנדערצופאַלן און אויף איר אָרט דאַרף זיך אויסבויען אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט גאָר לויט אַן אַנדער מעטאָדע.

פונקט ווי די פריערדיקע ציוויליזאַציעס, איז אפשר אויך די איצטיקע ניט מער ווי איינער פון יענע מינים, וואָס אַן ערד=אַרבעטער זייט, בכדי אויסצובעסערן זיין ערד דורך אַריינציען דעם אַזאָט פון דער לופט; אפשר איז זי אויסגעוואַקסן נאָר צוליב דעם, כדי, אָנגעקליבן געוויסע טראַדיציעס, זאָל זי ווידער אַריינגעאַקערט ווערן אין דעם ערד=באָדן, וואָס פון אים זאָלן אויסוואַקסן קומענדיקע בעסערע זאַכן. אַזעלכע פראַגן ווי די זיינען די פּראַקטישע ווירקלעכקייטן פון דער געשיכטע, און אין אַלץ וואָס עס קומט ווייטער וועלן מיר זען, ווי זיי ווערן קלערער און וויכטיקער, ביז אין דעם לעצטן קאַפּיטל וועלן מיר ענדיקן, פונקט ווי עס ענדיקן אַלע אונזערע טעג און יאָרן, מיט אַן איבערחזרונג פון אונזערע האָפענונגען און זאָרגן — און מיט אַ פרעג=צייכן.

---

4. ווי אַזוי פּאַפּיר האָט באַפרייט דעם מענטשלעכן גייסט.

די אַנטוויקלונג פון דעם פרייען געדאַנק אין דער דאָזיקער יווירונגס=תקופה האָט געקראָגן אַ געוואַלדיקן שטופּ פאָרויס דורך דעם וואָס עס האָבן זיך באַוויזן געדרוקטע ביכער. ערשט אַז מען האָט

פון מזרח אַריינגעפירט דאָס פּאַפּיר, האָט מען געקאָנט פּאַקטיש אויסנוצן די מעטאָדע פון דרוקן, וואָס איז שוין לאַנג געווען מער ווייניקער באַוואוסט. עס איז נאָך שווער צו באַשטימען, וועמען עס קומט דער כּבוד פאַר געברויכן צוערשט די פּשוטע מעטאָדע פון דרוקן, כּדי צו מולטיפּליצירן ביכער. דאָס איז אַ פראַגע, וואָס קיין גרויסן באַטרעף האָט זי ניט, נאָר מען האָט איבער איר אַ סך דיסקוטירט און פאַרפּלאָנטערט זי. עס איז באַשיימפּערלעך, אַז דער כּבוד, ווי ווייט ער איז פאַראַן, געהער צו האָלאַנד. אין האַרלעם האָט אַ געוויסער קאָסטער געדרוקט פון באַוועגלעכע אותיות אַ שטיקל צייט פאַר 1446. גוטענבערג האָט געדרוקט אין מאַינץ אַן ערך אין דער זעלביקער צייט. עס זיינען געווען דרוקערס אין איטאַליע אַרום 1467, און קעקסטאָן האָט אַוועקגעשטעלט זיין דרוק-פּרעס אין וועסטמינסטער אין יאָר 1477. דאָס ערשטע בוך, וואָס איז געדרוקט אין אונגאַרן, איז דאַטירט 1473. אַ צייט פריער האָט מען צום טייל גענוצט דרוקן. פאַראַן מאַנוסקריפּטן פון צוועלפטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן אָנהייב אותיות, וואָס האָבן געקאָנט זיין אָפּגעדרוקט פון הילצערנע שטאַמפּן.

אַ סך וויכטיקער איז די פראַגע וועגן דער אויסאַרבעטונג פון פּאַפּיר. עס איז קוים צו פיל צו זאָגן, אַז פּאַפּיר האָט געמאַכט מעגלעך די אויפלעבונג פון אייראָפּע. פּאַפּיר שטאַמט פון כינע, וואו זיין באַנוץ גרייכט מסתמא צוריק ביז צום צווייטן יאָרהונדערט פאַר קר. אין יאָר 751 האָבן די כינעזער געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די אַראַבישע מוסלימס אין סאַמאַרקאַנד; מען האָט זיי אָפּגעשטופּט, און צווישן די געפאַנגענע וואָס מען האָט ביי זיי גענומען זיינען געווען עטלעכע געלערנטע פּאַפּיר-מאַכערס, און פון זיי האָט מען דאָס אָפּגעלערנט די מלאכה. אַראַבישע כּתב-ידן אויף פּאַפּיר זיינען שוין פאַראַן אָנגעהויבן פון 9טן יאָרהונדערט. די פּאַפּיר-פאַבריקאַציע איז געקומען צו דער קריסטלעכער וועלט אָדער דורך גריכנלאַנד אָדער דורך שפּאַניע: אַז די קריסטן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד, האָבן זיי געפונען דאָרט מאַורישע פּאַפּיר-מילן. נאָר אונטער די קריסטלעכע שפּאַניער איז דער פּראָדוקט שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן. גוט פּאַפּיר איז געמאַכט געוואָרן אין דער קריסטלעכער אייראָפּע ניט

פריער ווי צום סוף פון 13טן יאָרהונדערט, און דעמאָלט איז דאָס געווען איטאַליע, וואָס איז געווען די ערשטע אין דעם פאַך. ערשט אין 14טן יאָרהונדערט איז די פּאַפּיר־פאַבריקאַציע געקומען קיין דייטשלאַנד, און ניט פריער פון סוף פון דאָזיקן יאָרהונדערט איז עס געווען וואָלוול גענוג און אין אַזעלכע מאָסן, אַז עס זאָל לוינען מאַכן פון דרוקן ביכער אַ געשעפט. דערנאָך איז שוין דאָס דרוקן געקומען פון זיך אַליין, און דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון דער וועלט איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייעם און מעכטיקערן פאַזיס. עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קליין אַריבערטריפן פון גייסט צו גייסט; עס איז געוואָרן אַ ברייטער שטראָם, וואָס אין אים האָבן גענומען אָנטייל טויזנטער, און ביי היינטיקן טאָג פיל צענדליקער און הונדערטער טויזנטער גייסטער.

איין באַלדיקער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער דערגרייכונג אין דרוקן איז געווען דאָס, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל ביבל־ביכער אין דער וועלט. אַ צווייטער רעזולטאַט — וואָס שול־ביכער זיינען וואָלוול געוואָרן. דאָס קענען לייענען האָט זיך גיך פאַרשפּרייט. ניט נאָר איז פאַרמערט געוואָרן די צאָל ביכער אין דער וועלט, נייערט די ביכער וואָס זיינען איצט געמאַכט געוואָרן זיינען געווען דייטלעכער צום לייענען און גרינגער צו פאַרשטיין. אָנשטאָט אָפּצומאַטערן זיך אויף אַ שלעכט געשריבענעם טעקסט און דערנאָך ערשט צו קלערן וועגן זיין טייטש, האָבן די לייענערס איצט געקאָנט טראַכטן אומגעשטערט בעתן לייענען גופא. וואָס גרינגער עס איז געוואָרן דאָס לייענען, אַלץ מער איז געוואַקסן דאָס לייענענדיקע־פּובליקום. דאָס בוך האָט אויפגעהערט צו זיין אַ העכסט אויסגעפּוצטע צאַצקע אָדער דער סוד פון אַ געלערנטן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן ביכער, וואָס פּשוטע מענטשן האָבן זיי געקאָנט אָנקוקן און לייענען.

מיטן 14טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן די אמתע געשיכטע פון די אייראָפּעישע ליטעראַטורן. די אָרטיקע דיאַלעקטן ווערן גיך פאַרביטן דורך אַן אַלגעמיינעם איטאַליעניש, אַלגעמיינעם ענגליש, אַלגעמיינעם פראַנצויזיש, אַלגעמיינעם שפּאַניש, און שפּעטער אויך אַל-

געמיינעם דייטש. די דאָזיקע שפּראַכן זיינען געוואָרן ליטעראַטור־שפּראַכן, איטלעכע אין איר לאַנד; זיי זיינען געליטערט געוואָרן, גע־שליפן דורכן באַנוץ און געוואָרן פּינקטלעך און מעכטיק. זיי זיינען געוואָרן פּונקט אַזוי מסוגל אויסצודריקן פילאָסאָפישע חקירות, ווי גריכיש אָדער לאַטייניש.

---

5. פּראָטעסטאַנטיזם פון די פירשטן און פּראָטע־סטאַנטיזם פון די פעלקער.

דאָ גיבן מיר אָפּ אַ פּאַראַגראַף אויף צו באַטראַכטן די באַוועגונג פון די רעליגיעזע אידעען פון די מענטשן אין משך פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ נויטווענדיקער אַריינפיר צו דער פּאָליטי־שער געשיכטע פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, וואָס קומט דערנאָך.

מיר מוזן אונטערשיידן קלאָר צווישן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע סיס־טעמען פון אָפּאָזיציע צו דער קאַטוילישער קירך. זיי זיינען שטאַרק אויסגעמישט און געפּלאָנטערט. די קירך האָט געהאַט אָנגעוואָרן איר מאַכט איבער דעם געוויסן פון פירשטן און רייכע לייט און מענטשן מיט קאָפּ; זי האָט אָבער אויך געהאַלטן אין פאַרלירן דעם גלויבן און צוטרוי פון געמיינעם פאָלק. דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס איז געפאַלן די גייסטיקע מאַכט פון דער קירך אויף דעם ערשטן קלאַס, איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן זיך גענומען אַנט־קעגנשטעלן קעגן איר אַריינמישונג, קעגן אירע מאָראַלישע באַגרענע־צונגען, קעגן אירע פּרעטענזיעס אויף אייבערהערשאַפט, אירע פּרע־טענזיעס צו מאָנען שטייערן און פונאַנדערצובינדן התחייבותן. זיי האָבן אויפגעהערט צו רעספּעקטירן איר מאַכט און איר אייגנס. דאָס דאָזיקע ניט־וועלן־פאָלגן פון די פירשטן און רעגירערס האָט אָנ־געהאַלטן אין משך פון גאַנצן מיטלעלטער, נאָר ערשט אין 16טן יאָרהונדערט, אַז די קירך האָט אָנגעהויבן אָפן צו שטעלן זיך אויפן צד פון איר פריערדיקן קעגנער דעם קיסר, אַז זי האָט אים אָנגעבאָטן איר שטיצע און האָט אָנגענומען זיין הילף אין דעם קאַמף קעגן דער אפּיקורסות, דעמאָלט האָבן די פירשטן גענומען ערנסט קלערן

וועגן אַרויסרייסן זיך פֿון דעם רוימישן פֿאַרבאַנד און גרינדן קירכן פֿאַר זיך. און זיי וואָלטן דאָס קיינמאָל ניט געטאָן, אויב זיי וואָלטן ניט געוואוסט, אַז די מאַכט פֿון דער קירך איבער די מאַסן פֿון דער מענטשהייט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

דער בונט פֿון די פֿירשטן איז געווען בעצם אַ אירדיש־רעליגיעזער בונט קעגן דער וועלט־הערשאַפֿט פֿון דער קירך. דער קיסר פֿרידריך

דזשאָן באָל, אַן ענגלישער גייסטלעכער, רופֿט די פּויערים צוצושטיין צום אויפֿשטאַנד פֿון וואָט טיילער. פֿון אַ בוך־אילומינאַציע פֿון 15טן י"ה אין בריטישן מוזיי.

II מיט זיינע בריוו צו זיינע חברים פֿירשטן איז געווען דער פֿאָרגייער. דער בונט פֿון פֿאָלק קעגן דער קירך, פֿאַרקערט, איז געווען אין עצם מהות אַ רעליגיעזער אויפֿשטאַנד. זיי האָבן געהאַט טענות ניט צו דער מאַכט פֿון דער קירך, נאָר צו איר שוואַכקייט. זיי האָבן געדאַרפֿט האָבן אַ טיף גערעכטע און מוטיקע קירך, וואָס זאָל זיי העלפֿן און אָרגאַניזירן קעגן דער רשעות פֿון מעכטיקע מענטשן. זייערע באַווע־

גונגען קעגן דער קירך, אין איר און אַרום איר, זיינען געווען באַוועגונגען ניט אויף צו באַפרייען זיך פון אַ רעליגיעזן קאָנטראָל, נייערט אויף צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן דעם קאָנטראָל פון דער רעליגיע. זיי האָבן ניט באַדאַרפט ווינציקער רעליגיעזע הערשאַפט, נאָר אדרבא מער — נאָר זיי האָבן באַדאַרפט זיין באַזיכערט, אַז דאָס איז געווען טאַקע אַ רעליגיעזע הערשאַפט. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן פּויפּס ניט דערפאַר ווייל ער איז געווען דער רעליגיעזער פירשט פון דער וועלט, נאָר דערפאַר ווייל ער איז דאָס ניט געווען, ווייל ער איז געווען אַ רייכער ערדישער פירשט, אין דער צייט ווען ער האָט באַדאַרפט זיין זייער גייסטיקער פירער.

דער קאַמף אין אייראָפּע איז זינט דעם 14טן יאָרהונדערט געווען, הייסט דאָס, אַ דריי־ווינקלדיקער קאַמף. די פירשטן האָבן געוואָלט אויסנוצן די כוחות פון פאָלק קעגן פּויפּס, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט לאָזן די דאָזיקע כוחות אויסוואַקסן צופיל, אַז זיי זאָלן ניט אַריבערשטייגן זייער אייגענע מאַכט און גלאַנץ. אין משך פון אַ לאַנגער צייט איז די קירך אַרומגעגאַנגען פון איין פירשט צום צווייטן, זוכנדיק פאַר זיך אַ פאַרבינדעטן, און זי האָט ניט אײַנגעזען, אַז דער פאַרלאָרענער פאַרבינדעטער, וואָס אים האָט זי נייטיק באַדאַרפט צוריק אײַננעמען, איז געווען נאָר די פאַרגעטערונג פון פאָלק.

מחמת אָט דעם דרייענדיקן אָנבליק פון די גייסטיקע און מאָראַלישע קאָנפליקטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין 14טן, 15טן און 16טן יאָרהונדערט, האָבן אויך די שינויים, וואָס זיינען דערפון אַרויסגעקומען, די שינויים, וואָס זיינען בכלל באַוואוסט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען רעפאָרמאַציע, אָנגענומען אַ דרייענדיק אויסזען. געווען איין רעפאָרמאַציע לויט דעם פאַרלאַנג פון די פירשטן, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשטעלן דעם שטראָם געלט, וואָס איז געפלאָסן קיין רוים און אײַנהאַלטן דעם מאָראַלישן אַוטאָריטעט, די דערציערישע מאַכט און דאָס מאַטעריעלע אייגנס פון דער קירך אין זייערע אייגענע לענדער. געווען ווידער אַ רעפאָרמאַציע לויט דעם פאַרלאַנג פון פאָלק, וואָס האָט זיך געמיט צו מאַכן דאָס קריסטנטום פאַר אַ מאַכט קעגן אומגערעכטיקייט, בפרט קעגן דער אומגערעכטיקייט פון די רייכע און מעכטיקע. און געווען צולעצט אַ רעפאָרמאַציע

אין דער קירך גופא, וואָס פראַנציסק פון אַסיזי איז געווען איר פאָרגייער, וואָס זי האָט געזוכט אויפצוריכטן די גוטע מידות פון דער קירך און דורך די גוטע מידות אירע ווידער אויפצוריכטן איר מאַכט.

די רעפאָרמאַציע לויטן ווילן פון די פירשטן האָט אָנגענומען די פאָרם פון פאַרבייטן דעם פויפס דורכן פירשט, וואָס ווערט דער קאָפּ פון דער רעליגיע און דער משגיח איבער דעם געוויסן פון זיין פאָלק. די פירשטן האָבן ניט געהאַט בדעה צו לאָזן פריי די געדאַנקען פון זייערע אונטערטאַנען, בפרט נאָך אַז זיי האָבן געהאַט די ביישפילן פון די הוסיטן און אַנאַבאַפטיסטן; זיי האָבן זיך געסטאַרעט צו גרינדן נאַציאָנאַלע קירכן אָפּגעהאַנגען פון דעם טרוין. בעת ענגלאַנד, שאָטלאַנד, שוועדן, נאָרוועגן, דענעמאַרק, צפון־דייטשלאַנד און בעמען האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם רוימישן פאַרבאַנד, האָבן די פירשטן און זייערע מיניסטאָרן זיך געסטאַרעט מיט אַלע כוחות צו האַלטן די באַוועגונג אונטער זייער קאָנטראָל. נאָר גענוי אַזוי פיל רעפאָרמאַציע, וויפיל מען באַדאַרף אויף פונאַנדערצורייסן דעם פאַרבאַנד מיט רוים, האָבן זיי דערלויבט; ווי נאָר עפּעס הויך דעם, אַ געפערלעכער אָפּנייג צו די לכתחילהדיקע לערנונגען פון ישו אָדער אַיינצוטייטשן די ביבל לויטן פשוטן פשט — קעגן דעם האָבן זיי זיך באַלד אַנטקעגנגעשטעלט. די אַנגליקאַנישע קירך אין ענגלאַנד איז איינער פון די טיפּישסטע ביישפּילן פון דעם רעזולטאַט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער פשרה צווישן די שטרעמונגען. זי איז נאָך סאַקראַמענטאַל און כּהוניש; נאָר אירע אָרגאַניזיר־צענטרען זיינען דער קיניגלעכער הויף און דער לאָרד־קאַנצלער. און הגם אין די אונטערשטע און אָרעמערע רייען פון דער גייסטלעכקייט ברעכן אַמאָל טאַקע אויס איבערקערערישע מיינונגען, נאָר זיי זיינען צו שוואַך אויסצוקעמפן פאַר זיך וואָסער השפעה אָדער אַוטאָריטעט.

די רעפאָרמאַציע לויט דעם נוסח פון געמיינעם מאַן איז געווען אינגאַנצן פאַרשיידן אין גייסט פון דער פירשטלעכער רעפאָרמאַציע. מיר האָבן שוין אַ ביסל גערעדט מכוח די פרוון פון פאָלק דורכצופירן אַ רעפאָרמאַציע אין בעמען און דייטשלאַנד. אָט די ברייטע גייסטיקע באַוועגונגען פון יענער צייט זיינען געווען צוגלייך

אי ערלעכער, אי געפּלאָנטערטער, אי דויערנדיקער, אָבער זיי האָבן אין זייער צייט ווינציקער אויפגעטאָן, איידער די רעפאָרמעס פון די פירשטן. זייער ווינציק רעליגיעז־באַגייסטערטע מענטשן האָבן געהאַט די דרייסטקייט איבערצורייסן אָדער די איינשטעלעניש זיך מודה צו זיין, אַז זיי האָבן איבערגעריסן מיט יעטווידער אַווטאָריטאַטיווער לערנונג און אַז זיי פאַרלאָזן זיך איצט איינגאַנצן אויף זייער אייגענעם שכל און אויף זייער אייגענעם געוויסן. צוליב דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ זייער הויכן אינטעלעקטועלן מוט. דער עיקר שטרעב פון דעם געמיינעם מאַן אין יענעם פּעריאָד אין אייראָפּע איז געווען אַוועקצושטעלן זיין נייעם אוצר, וואָס ער האָט זיך אָנגעשאַפט, די ביבל, ווי אַן אַווטאָריטעט קעגן דער קירך. דאָס איז געווען באַזונדערס דער פאַל מיטן גרויסן פירער פון דייטשן פּראָטעסטאַנטיזם, **מאַרטין לוטער** (1483 — 1546). אין גאַנץ דייטשלאַנד, גענויער, אין גאַנץ מערב־אייראָפּע, זיינען מענטשן געזעסן און געקנעלט איבער די שוואַרץ־אותיותדיקע עמודים פון דער ניי איבערזעצטער און געדרוקטער ביבל, איבער דעם ספר תורת כוהנים און איבער שיר־השירים און איבער דער אַנטפּלעקונג פון יוחנן — אויסטערלישע ביכער, וואָס האָבן געקאָנט פאַרטומלען — אָבער אויך איבער דער פּשוטער און פאַרגייסטיקטער דערציילונג וועגן ישוע אין די עוואַנגעליעס. עס איז נאַטירלעך, אַז דאָס האָט אַרויסגעבראַכט אויסטערלישע מיינונגען און משונהדיקע אויסטייטשן. נאָר דער מענטשלעכער שכל איז איינגעשפּאַרט און וויל קריטיקירן און אָפּקלייבן אויף להכעיס אונזערע אייגענע החלטות. דער רוב פון אָט די נייע לייענער און שטודירער פון דער ביבל האָבן גענומען פון איר דאָס וואָס זייער געוויסן האָט געהאַלטן פאַר גוט און אירע רעטענישן און סתירות האָבן זיי ניט געוואָלט באַמערקן.

אין גאַנץ אייראָפּע, אומעטום וואו עס זיינען געגרינדעט געוואָרן פּראָטעסטאַנטישע קירכן דורך די פירשטן, איז נאָך אַלץ געבליבן אַ רעשט לעבעדיקע און זייער אַקטיווע פּראָטעסטאַנטן, וואָס האָבן ניט געוואָלט ליידן, אַז מען זאָל פאַר זיי מאַכן אַ רעליגיע אויף דעם אופן. דאָס זיינען געווען די נאָנקאָנפאָרמיסטן, אַ געמיש פון סעקטעס, וואָס האָבן געהאַט שותּפותדיקס נאָר זייער קעגנערשאַפט קעגן אַן

אויטאָריטאַטיווער רעליגיע, אַליך איינס, צי זי איז אַרויסגעלייגט פון פויפּס צי פון דער מלוכה. אין דייטשלאַנד זיינען די נאָנקאָנפאָרמיסטן צום גרעסטן טייל געוואָרן פאַרטיליקט דורך די פירשטן. אין גרויס-

יאָהאַן גוטענבערג, דער ערשטער דייטשער דרוקער. פון אַן אַלטער גראַווירונג.

בריטאַניע זיינען זיי געבליבן מעכטיק און געטיילט אין פאַרשיידענע סעקטעס. אַ סך פון די אונטערשיידן אין דער האַלטינג פון דעם

דייטשן און פון ענגלישן פאָלק איז, ווייזט אויס, צו דערקלערן דערמיט, וואָס אין דייטשלאַנד איז מער געוואָרן אונטערדריקט דער פרייער געדאַנק.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע נאָנקאָנפאָרמיסטן, אָבער ניט אַלע, האָבן זיך געהאַלטן פאַר דער ביבל, וואָס איז געווען פאַר זיי דער פון גאָט געגעבענער אויטאָריטאַטיווער פירער. דאָס איז גיכער געווען אַ סטראַטעגישע, איידער אַ שטענדיקע פּאָזיציע: ביי היינ-טיקן טאָג איז ביי די נאָנקאָנפאָרמיסטן פאַראַן אַ טענדענץ זיך אָפּ-צוּווענדן פון זייער לכתחילהדיקער צוגעבונדנקייט צום אות פון דער ביבל צו אַן אָפּגעשוואַכטער און סענטימענטאַליזירטער אָנערקענונג פון די ריינע לערנונגען פון ישו פון נצרת. חוץ די רייען פון די נאָנקאָנפאָרמיסטן, חוץ די רייען פון קריסטנטום ווי אַ קאָנפעסיע, איז אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע איצט פאַראַן שוין אַ סך און אַלץ וואַקסנדיקע מאַסע פון גלויביקע אין דער גלייכהייט פון מענטשן און אַ פולע אַלטרויִסטיש געשטימטע מענטשן. שטאַמען שטאַמט דער דאָזיקער גייסט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, פון קריסטנטום.

לאָמיר איצט זאָגן אַ וואָרט וועגן דריטן פאַזיס אין דעם רעפאָר-מאַציע-פּראָצעס, דער רעפאָרמאַציע אין דער קירך גופא. דאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט, אַז עס האָבן זיך באַוויזן די „שוואַרצע“ און די „גרויע“ ברידער (קאַפּיטל 31, § 14). אין 16טן יאָרהונדערט, גראָד ווען די קירך האָט זיך דערין צום מיינסט געניטיקט, איז געקומען אַ פרישער שטופּ פון דעם זעלביקן מין. דאָס איז געווען די גרינדונג פון דער ישו-געזעלשאַפט (דער יעזויִטן-אָרדן) דורך איניגאָ לאָפּעס דע רעקאַלדע, וואָס איז דער איצטיקער וועלט מער באַוואוסט אונטערן נאָמען דער הייליקער אי-גנאַצי פון לאָיאָלאַ.

איגנאַצי האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ זייער האָפער-דיקער און עלעגאַנטער יונגער שפּאַניער. ער איז געווען קלוג און געשיקט און אַ גרויסער ליבהאָבער זיך אַרומצושלאָגן אין דועלן און זיך באַרימט צו מאַכן דורך פאַרשיידענע שפּיצלעך און סקאַנדאַלן. זיינע ליבע-אַוואַנטורעס האָבן געהאַט אַ שם. אין יאָר 1521 האָבן די פראַנצויזן איינגענומען די שטאָט פּאַמפּעלונאַ אין שפּאַניע פון קיסר

קאַרל V, און איגנאַצי איז געווען צווישן די פּאַרטייִדיקער פון שטאָט. זיינע פיס זיינען געוואָרן צעקלאַפּט פון אַ האַרמאַטן-קויל און ער איז גענומען געוואָרן געפאַנגען. איין פוס איז געוואָרן דערנאָך ביים היילן שלעכט צונויפגעהעפט, און מען האָט אים באַדאַרפט ווידער צעברעכן, און די דאָזיקע ווייטאָגדיקע און שווערע אָפּעראַציע האָט אים שיר ניט געקאָסט דאָס לעבן. ער האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן און האָט געהאַט גענומען די לעצטע סאַקראַמענטן. פּיינאַכט האָט אים אָנגעהויבן ווערן בעסער און איצט ווי אַ געזונדיקער האָט ער גענומען קלערן, ווי אַזוי וועט ער דאָס פירן ווייטער זיין לעבן אפשר בלייבנדיק אַ קאַליקע. האָבן זיך זיינע געדאַנקען אַ ווענד געטאָן צו רעליגיע. צייטנווייז פלעגט ער קלערן וועגן אַ הויך געשטעלטער דאַמע, און ווי אַזוי ער וועט געווינען איר ליבע, ניט געקוקט אויף זיין קרומען פוס, דורך עפּעס אַ חידושדיקער גבורה; און אַמאָל פלעגט ער קלערן, אַז ער איז אויף אַ באַזונדערן אין פערזענלעכן וועג דער ריטער פון קריסטוסן. אינמיטן אָט דער צעטומלעניש, דערציילט ער, איז ער איין נאַכט געלעגן וואַך, און ער האָט געהאַט אַזאַ זעונג: עס האָט זיך באַוויזן די געבענטשטע בתולה מאַריע, האַלטנדיק אויף דער האַנט דאָס קינד יעזוס. „באַלד האָט אים אָנגעכאַפּט אַן עקל פאַר זיינע מעשים פון זיין פריערדיקן לעבן". ער האָט באַשלאָסן אַוועקצוואַרפן איטלעכן געדאַנק וועגן אַן ערדישער פרוי און צו פירן אַ לעבן אין לויטער ריינקייט און איבערגעגעבנקייט דער מוטער גאָטס. ער האָט גענומען אויף זיך גרויסע וואַנדערונגען אין די הייליקע ערטער און דאָס לעבן פון אַ מאָנאַך.

דער אופן, ווי אַזוי ער האָט זיינע נדרים מקיים געווען, באַצייכנט אים ווי אַ לאַנדסמאַן פון דאָן קיכאָט. ער האָט געקראָגן צוריק זיין כוח, און ער איז אַרויסגערייטן אין דער וועלט אַריין אָן אַ ציל און אָן אַ פרוטה, זיך פאַרלאָזנדיק אויפן צופאַל, וואָס וועט זיך מאַכן. מיט זיך האָט ער געהאַט נאָר זיין געווער און זיין מויל-אייזל. איין מאָל האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ מאַור. זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען און האָבן פאַרפירט אַ שמועס, ביז זיי זיינען אַרויף אויף אַ וויכוח וועגן רעליגיע. דער מאַור איז געווען מער געבילדעט פאַר אים; ער איז געווען שטאַרקער מיט זיינע טענות

און האָט געזאָגט אַזעלכע באַליידיקנדיקע זאַכן וועגן דער בתולה מאַריע, וואָס עס איז געווען שווער צו ענטפערן אויף זיי, און איז זיך אַוועק מיט ניצחון פון ציגנאַצין. דאָס האָט דעם יונגן ריטער פון דער הייליקער בתולה פאַרדראָסן, ער האָט געזאָדן פאַר חרפה און כעס. האָט ער גענומען קווענקלען, צי זאָל ער נאָכיאָגן דעם מאַור און אים דערהרגענען אָדער גיין ווייטער זיין וועג צו די הייליקע ערטער, ווי ער האָט פריער געהאַט בדעה. ביי אַ שייד־וועג האָט ער איבערגעלאָזט צו אַנטשיידן די זאַך דעם מויל־אייזל, און יענער האָט דעם מאַור פאַרשוינט.

איז ער געקומען צום בענעדיקטינער קלויסטער פון מאָנסעראַט ניט ווייט פון מאַנרעסאַ און האָט דאָ נאָכגעמאַכט דעם אומפאַרגלייכלעכן ריטער פון מיטלעלטערלעכן ראָמאַן אַמאַדיס פון גאַליע און פלעגט אַלע נאַכט האַלטן וואַך פאַרן אַלטאַר פון דער געבענטשטער בתולה. זיין מויל־אייזל האָט ער אָפּגעשאָנקען דעם קלויסטער, זיינע וועלטלעכע קליידער האָט ער אָפּגעגעבן אַ בעטלער, זיין שווערד און קינזשאַל האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן אַלטאַר, און אַליין האָט ער זיך אָנגעטאָן אין קליידער פון זאַק־לייוונט און אויף די פיס שיך פון שטריק געמאַכט. ער האָט זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט אין אַ קירכלעכן הכנסת־אורחים בשכנות און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט סיגופים און שלאָגן זיך מלקות. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געפאַסט. פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט עולה רגל זיין אין הייליקן לאַנד.

עטלעכע יאָר איז ער אַרומגעוואַנדערט, פאַרנומען מיטן געדאַנק צו גרינדן עפּעס אַ נייעם אָרדן פון רעליגיעזע ריטערס, נאָר ער האָט קלאָר ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס אויסצופירן. ער איז אַלץ מער און מער געוואָר געוואָרן, ווי ווייט ער איז אומגעבילדעט, און די אינקוויזיציע, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין טועכץ, האָט אים פאַרבאָטן צו לערנען מיט אַנדערע, איידער ער וועט לכל־הפחות פיר יאָר פאַרברענגען אין שטודירן. פאַר דער טיר פון דער אינקוויזיציע הויערט אַזוי פיל אכזריות און אומטאָלעראַנץ, אַז עס איז אָנגענעם צו פאַרצייכענען, אַז בנוגע צו אָט דעם היציקן, פאַנטאַזיע־פולן יונגן ענטוזיאַסט האָט זי זיך אַרויסגעוויזן סימפּאַ־

טיש און פאַרשטאַנדיק. זי האָט אָנערקענט זיין כּוח און געהאָפט צו האָבן פון אים נוצן; זי האָט געזען אַ סכּנה דערין, אויב ער וועט בלייבן אומוויסנדיק. ער האָט שטודירט אין סאַלאַמאַנקאַ און פּאַריז און אַנ-

מארטין לוטער, ד"ר ראש פון דייטשן פּראָטעסטאנטיזם. א געמעל פון האָלביין. איצט אין א קונסט-גאַלערייע אין רוים.

דערע ערטער. אין יאָר 1538 איז ער געוואָרן געהייליקט פאַר אַ גייסטלעכן, און מיט אַ יאָר שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן דער אָרדן, וואָס ער האָט וועגן אים לאַנג געחלומט, אונטערן נאָמען

„געזעלשאַפט פון יעזוס". פונקט ווי די אויסלייזונגס־אַרמיי אין היינ־טיקן ענגלאַנד, האָט ער געמאַכט דעם פּרווו אַריינצופירן די טראַ־דיציעס פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין אין דעם דינסט פון דער רעליגיע.

דער דאָזיקער איגנאַצי פון לאָיאָלאַ, וואָס האָט געגרינדעט דעם יעזויטן־אָרדן, איז געווען אַ מאַן פון 47 יאָר; ער איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי יענער יונגערמאַן וואָס האָט נאָכגעקריכט אַמאַדיס פון גאַליע און האָט געהאַלטן וואַך אין קלויסטער פון מאַנרעסאַ: ער איז געווען אַ סך קליגער און שטאַנדהאַפטיקער. די אָרגאַניזאַציע פאַר מיסיאָנערישע און דערציערישע צוועקן, וואָס ער האָט געשאַפן און געשטעלט אין רשות פון פּויפּס, איז געווען איינע פון די מעכטיקסטע געצייג, וואָס די קירך האָט ווען עס איז גענוצט.

די יעזויטן האָבן זיך אָפּגעגעבן פרייוויליק און אינגאַנצן דעם דינסט פון דער קירך. דער אָרדן פון די יעזויטן איז געווען דער וואָס האָט ווידער געבראַכט דאָס קריסטנטום קיין כינע נאָכן פאַלן פון דער מינג־דינאַסטיע, יעזויטן זיינען געווען די הויפּט־מיסיאָנערן פון קריסטנ־טום אין אינדיע און צפון־אַמעריקע. מכּוח זייער ציוויליזיר־אַרבעט צווישן די אינדיאַנער אין דרום־אַמעריקע וועלן מיר איצט נאָר אָנ־ווייזן מיט אַ רמז. נאָר זייער הויפּט־אויפטו באַשטייט דערין, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן דעם שטאַנד פון דער קאַטוילישער דערציִונג. זייערע שולן זיינען געוואָרן און געבליבן אַ לאַנגע צייט די בעסטע שולן אין קריסטנטום. לאָרד ווערולעם (סער פרענסיס בעקאָן) זאָגט: „וואָס איז שייך פּעדאַגאָגישע אַרבעט... קוק זיך צו צו די שולן פון די יעזויטן, ווייל קיין בעסערע זיינען אין דער פּראַקטיק ניטאָ". זיי האָבן אויפגעהויבן דעם שטאַנד פון דער אינטעליגענץ, זיי האָבן אויפ־געוועקט דאָס באַוואוסטזיין פון דער קאַטוילישער אייראָפּע און האָבן געצוווּנגען די פּראָטעסטאַנטישע אייראָפּע אויך צו פאַרבעסערן איר דערציִונג, כּדי צו קאָנען קאָנקורירן מיט זיי.

עס קאָן זיין, אַז אין איינעם אַ שיינעם טאָג וועלן מיר זען אַ נייעם יעזויטן־אָרדן, וואָס גיט זיך אָפּ ניט מיט באַדינען דעם פּויפּס, נאָר מיט באַדינען די גאַנצע מענטשהייט.

צוגלייך מיט דער דאַזיקער גרויסער כוואַליע פון דערציערישער אָנשטרענגונג, איז בכלל דער טאָן און דער כאַראַקטער פון דער קירך געוואָרן אויסגעבעסערט דורך קלערער מאַכן די דאָקטרינע און דורך רעפאָרמעס אין דער אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דעם טריענטער קאָנציל. דער דאָזיקער קאָנציל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט הפסקות אין טריענט אָדער באָלאָניאַ צווישן די יאָרן 1545 און 1563 און זיין אויפטו איז געווען לכל-הפּחות אַזוי וויכטיק, ווי די ענערגיע פון די יעזויטן אויף אָפּצושטעלן די פאַרברעכנס און פעלערן, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז איין מלוכה נאָך דער אַנדערער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם רוימישן פאַרבונד. די פאַרענדערונג, וואָס די רעפאָרמאַציע האָט אַריינגעבראַכט אין דער קאַטוילישער קירך, איז געווען ניט קלענער ווי די פאַרענדערונג, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין די פּראָטעסטאַנטישע קירכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער מוטער-קירך. זינט דעמאָלט זיינען שוין מער ניט צו פאַרצייכענען קיין תּכיזמעס אָדער סקאַנדאַלן. נאָר וואָס גראָד: עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די שמאָלקייט פון דער דאָקטרינע, און אַזעלכע פאַזעס פון פאַנטאַזיע-פולער מאַכט, ווי די וואָס זיינען רעפּרעזענטירט דורך גרעגאָר דעם גרויסן, דורך דער גרופּע פּויפּסן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט גרעגאָר VII און אורבאַן II אָדער מיט דער גרופּע וואָס הייבט זיך אָן מיט אינאָקענטי III, טוען שוין ניט באַלעבן איצט די טרוקענע און ניכטערע דערציילונג. די קירך האָט זיך אַיינגעשטעלט צו דעם וואָס זי איז איצט: אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע, אָפּגעטיילט פון דער מלוכה-מאַכט, איין רעליגיעזע קערפּערשאַפט צווישן אַנדערע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן. די מלוכה-רוט איז פון רוים אַוועק.

---

6. די אויפוואַכונג פון נאַטורוויסנשאַפט.

דער לייענער דאַרף ניט מיינען, אַז די צעשטערערישע קריטיק פון דער קאַטוילישער קירך און פון קאַטוילישן קריסטנטום און דאָס דרוקן און שטודירן די ביבל זיינען געווען די איינציקע אָדער אַפילו די וויכטיקסטע אינטעלעקטועלע אַקטיוויטעט אין 14טן און

15טן יאָרהונדערט. דאָס איז מער ניט געווען דער פּאָלקסטימלעכער און מער אָנזיכטיקער אויסדרוק פון דער אינטעלעקטועלער אויפלעבונג פון יענער צייט. הינטער אָט דער פּאָלקסטימלעכער אויפוואַכונג צו דענקען און קלערן איז געגאַנגען אַ גייסטיקע אַנטוויקלונג, וואָס איז פון אויסווייניק געווען ווינציקער קענטיק, נאָר אין גרונט איז זי געווען אַ סך וויכטיקער. פון אָט דער גרויסער אַנטוויקלונג מוזן מיר איצט געבן עטלעכע קורצע אָנווייזן. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פריער, איידער מען האָט גענומען דרוקן ביכער, נאָר דאָס דרוקן האָט זי אַרויסגעבראַכט צו דער ליכטיקער שיין.

מיר האָבן שוין דערציילט מכּוח דעם, ווי אַזוי אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט זיך באַוויזן די פרייע אינטעליגענץ, דער גייסט פון פאָרשונג און קלאָר-מאַכונג. אין צענטער פון דער געשיכטע פון דעם ערשטן פּרוּוו פון אַ סיסטעמאַטישער וויסנשאַפט שטייט דער נאָמען פון אַריסטאָטעלעס. מיר האָבן אויך באַצייכנט דעם קורצן פּאַזים פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין אַלכּסנדריא. זינט יענער צייט האָבן די פּאַרפּלאָנטערטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע קאָנפליקטן פון אייראָפּע און מערב-אַזיע געשטערט דעם ווייטערדיקן אינטעלעקטועלן פּראָגרעס. די דאָזיקע געגנטן זיינען, ווי מיר האָבן געזען, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון דעם אָריענטאַלישן טיפּ מאָנאַרכיע און אונטער אָריענטאַלישע רעליגיעזע טראַדיציעס. רוים האָט אויסגעבילדעט אַ שקלאַפן-סיסטעם פון אינדוסטריע און האָט זי פאַרלאָזן. די ערשטע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט זיך אַנטוויקלט און איז געפאַלן מחמת איר אייגענער אינעווייניקסטער שוואַכקייט. אייראָפּע איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַלגעמיינער אומזיכערקייט. די סעמיטן זיינען אויפגעשטאַנען קעגן די אַריער און האָבן אין גאַנץ מערב-אַזיע און עגיפּטן איינגעשטעלט אָנשטאָט דער העלענישער ציוויליזאַציע די אַראַבישע קולטור. גאַנץ מערב-אַזיע און האַלב אייראָפּע זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון די מאָנגאָלן. ערשט אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט הייבט די אַרישע אינטעליגענץ אָן זיך ווידער דורכצושלאָגן צו אַ קלאָרן אויסדרוק.

מיר געפֿינען דעמאָלט, ווי אין די וואַקסנדיקע אוניווערסיטעטן פֿון פּאַריז, אָקספֿאָרד און באָלאָניאַ אַנטוויקלט זיך אַ פֿילאָסאָפֿישע חקירה. אין דער פֿאָרם איז זי דער עיקר אַ חקירה פֿון לאָגישע פֿראַגעס. ווי אַ יסוד פֿון דער חקירה זיינען גענומען געוואָרן אַ טייל פֿון אַריסטאָטעלעסעס שריפֿטן, ניט די גאַנצע מאַסע שריפֿטן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, נאָר מער ניט זיין לאָגיק. שפּעטער צו איז זיין ווערק געוואָרן מער באַוואוסט דורך די לאַטיינישע איבערזעצונגען פֿון דער אַראַבישער אויסגאַבע מיט אַ פּירוש פֿון אַווערראָעס. חוץ די דאָזיקע איבערזעצונגען פֿון אַריסטאָטעלעס — און זיי זיינען געווען זייער שלעכטע איבערזעצונגען — האָט מען אין מערב-אייראָפּע געלייענט זייער ווינציק פֿון דער גריכישער פֿילאָסאָפֿישער ליטעראַטור ביזן פֿופֿצנטן יאָרהונדערט.

דער שפּעטערישער פּלאַטאָן — אַזוי פֿאַרשיידן פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן אַריסטאָטעלעס — איז געווען כמעט אומבאַקאַנט. אייראָפּע האָט געהאַט די גריכישע קריטיק אָן דעם גריכישן אימפּעט. עס זיינען געווען באַוואוסט עטלעכע נעאָ-פּלאַטאָנישע שרייבערס, נאָר נעאָ-פּלאַטאָניזם האָט גאָר אַ קנאַפּע שייכות צו פּלאַטאָנען.

שרייבער פֿון דער נייער צייט זיינען זיך נוהג צו דערקלערן, אַז די פֿילאָסאָפֿישע חקירה פֿון די מיטלעלטערלעכע „סכאָלאַסטן" איז געווען נודנע און נישטיק. עס איז לחלוטין ניט אַזוי. זי האָט געמוזט זיין אויסגעהאַלטן אין אַ שטרענג טעכנישער פֿאָרם, ווייל די פֿירשטן פֿון דער קירך, אומוויסנדיקע און אומטאָלעראַנטע, האָבן שטענדיק געגישטערט נאָך אפּיקורסות. דעריבער האָט דער מיטלעלטערלעכער פֿילאָסאָפֿ געפֿעלט די געשמאַקע קלאָרקייט פֿון פֿרייען געדאַנק. זי האָט אָפֿט מרמז געווען אויף דעם וואָס זי האָט ניט דערוועגט זיך צו זאָגן. נאָר באַהאַנדלט האָט זי העכסט וויכטיקע ענינים. עס איז געווען אַ לאַנגער און נויטווענדיקער קאַמף אויפֿצוקלערן און צו פֿאַרריכטן געוויסע פֿעלערן וואָס שטעקן אין מענטשלעכן גייסט, און אַ סך מענטשן בלאָנדזשען נאָך ביי היינטיקן טאָג

ארום אין געפערלעכע טעותים, ווייל זיי נעמען ניט אין אכט די רע־זולטאטן פון די חקירות פון די סכאלאסטיקער.

עס איז פאראן א נאטירלעכע טענדעניץ פון מענטשלעכן גייסט מגזם צו זיין אין דעם באטייט פון די אונטערשיידן און ענלעכקייטן, וואס אויף זיי איז באגרינדעט א קלאסיפיקאציע, צו מיינען, אז זאכן וואס ווערן אנגערופן מיט פארשיידענע נעמען זיינען טאקע אינגאנצן פארשיידן, און פארקערט זאכן וואס טראגן דעם זעלביקן



דער קלויסטער מאנטסעראט, ניט ווייט פון מאנרעסא אין שפאניע, צווישן די בערג. דא האט געלעבט דער ראש פון די יעזויטן איגנאצי פון לאיאלא.

נאמען זיינען טאקע פאקטיש איינע און די זעלביקע. די דאזיקע טענדעניץ, צו שטעלן צו הויך דעם באטייט פון קלאסיפיקאציע ברענגט טויזנטער צרות און עוולות. למשל, אויפן געביט פון ראסע אדער נאציע איז אן „אייראפעער" אפט נוטה, צו באהאנדלען אן „אזיאט", ווי ער וואלט געווען עפעס א בעל־חי פון אן אנדער מין, בעת א צווייטן „אייראפעער" איז ער גרייט צו באטראכטן אן שום טענות פון לכתחילה אן פאר א פיינעם מאן, ווי ער איז אליין. עס איז פאר אים קיין מאל קיין ספק ניטא צו שטעלן זיך תמיד אויפן צד פון איי־

ראָפּעער קענען אַזיאַטן. נאָר ווי דער לייענער פון דער דאָזיקער געשיכטע מוז פאַרשטיין, איז גאָר ניטאָ אַזאַ חילוק צווישן מענטשן, ווי אָט דאָס אַנטקעגנשטעלן פון די נעמען וויל האָבן. דאָס איז נאָר אַן איינגערעדטער חילוק, וואָס איז געשאַפן דורך די צוויי נעמען...

די הויפט-פּלוגתא צווישן די דענקער אין מיטלעלטער איז געווען צווישן די „רעאַליסטן“ און „נאָמינאַליסטן“, און מען מוז וואָרענען דעם לייענער, אַז דאָס וואָרט „רעאַליסט“ אין דער מיטלעלטערלעכער חקירה האָט באַטייט כמעט פונקט דעם היפוך פון דעם וואָרט „רעאַליסט“, ווי עס ווערט איצט געברויכט אין דער מאָדערנער קריטיק. דער מאָדערנער „רעאַליסט“ איז אַזאַ איינער, וואָס האַלט שטאַרק פון די מאַטעריאַליסטישע פּרטים; דער מיטלעלטערלעכער „רעאַליסט“ איז געווען אַ סך נעענטער צו דעם וואָס מיר רופן ביי היינטיקן טאָג „אידעאַליסט“, און ער האָט גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט צופעליקע פּרטים. די רעאַליסטן זיינען דערגאַנגען צום ווייטסטן אין דער אַלגעמיין מענטשלעכער טענדענץ מגזם צו זיין דעם באַטייט פון די קלאַסן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אין אַ נאָמען, אין אַן אַלגעמיינעם נאָמען איז פאַראַן עפּעס רעאַלס. למשל, זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פאַראַן אַ טיפּישער „אייראָפּעער“, אַן אידעאַלער אייראָפּעער, וואָס איז אַ סך מער רעאַל ווי איטלעכער אינדיווידועלער אייראָפּעער. איטלעכער אייראָפּעער איז געווען אַזוי ווי אַ דורכפאַל, אַן אָפּנייג, אַ ניט-איינגעגעבענער מוסטער פון יענער טיפער רעאַליטעט. פאַרקערט, דער נאָמינאַליסט האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע רעאַליטעטן אין דעם פאַל זיינען געווען די אינדיווידועלע אייראָפּעער, אַז דער נאָמען „אייראָפּעער“ איז פּשוט אַ נאָמען, און גישט מער פון אַ נאָמען, וואָס איז צוגעפּאַסט צו אַלע די איינציקע מוסטערן.

קיין זאַך איז ניט אַזוי שווער ווי צונויפצופּרעסן אין קורצע זאַצן פילאָסאָפישע חקירות, וואָס לויט זייער טבע מוזן זיי זיין ברייט און פאַרשיידן און באַפאָרבן דורך דעם אינדיווידועלן קאָליר פון די פאַרשיידענע גייסטער. האָבנדיק פאַר זיך דעם אונטערשייד צווישן רעאַליסט און נאָמינאַליסט, ווי מיר האָבן אים דאָ באַשטימט

אין גראָבע שטריכן, וועט אַ מאָדערנער לייענער, וואָס איז ניט געווינט צו פילאָסאָפישער חקירה, געוויס זיין נוטה צו שטעלן זיך באַלד אויפן צד פון דעם נאָמינאַליסט. די מעשה איז אָבער ניט אַזוי פשוט, אַז די פראַגע זאָל קאָנען ווערן באַשיידט נאָר אויפן סמך פון איין ביישפיל, און דאָ האָבן מיר מיט אַ כיוון אויסגעקליבן אַזאַ עקסטרעמען ביישפיל. נעמען און קלאַסיפיקאַציעס זיינען פאַרשיידן לויט זייער ווערט און רעאַליטעט. בעת עס איז אַן אַבסורד משער צו זיין, אַז עס קאָן זיין אַ טיפער קלאַסן־אונטערשייד צווישן מענטשן וואָס הייסן טאָמאַס און מענטשן וואָס הייסן וויליאַם, און אַז עס איז פאַראַן אַן אידעאַלער און אין־תוכדיקער טאָמאַס צי וויליאַם, דאָך מוז מען מודה זיין, אַז עס זיינען פאַראַן טיפערע אונטערשיידן צווישן אַ האָטנטאָט און אַ ווייסן, און נאָך מער צווישן אַ „האָמאָ סאַפיענס" און אַ „האָמאָ נעאַנדערטאַלענזיס"; און אויב ווידער דער חילוק צווישן דעם קלאַס בעלי־חיים שפּילכעלעך און דעם קלאַס נוציקע בעלי־חיים איז געווענדט אָן גאָר לייכטע אונטערשיידן אין געוויינהייט און צופּאַסונג, איז דער חילוק צווישן אַ קאַץ און אַ הונט אַזוי טיף, אַז דער מיקראָסקאָפּ קאָן אים באַווייזן אין אַ טראָפּן בלוט אָדער אין אַן איינציקן האָר. בעת אייניקע קלאַסיפיקאַציעס זיינען אויבנאויפיק און פלאַך, זיינען אַנדערע, ווייזט אויס, גרונטיק און רעאַל. ווען מען באַטראַכט די פראַגע פון דעם דאָזיקן אויסקוק, דעמאָלט הייבט מען אָן פאַרשטיין, פאַרוואָס דער נאָמינאַליזם האָט סוף־כל־סוף געמוזט אָפּטרעטן פון דעם געדאַנק, אַז נעמען האָבן פונקט אַזוי ווינציק באַטייט ווי עטיקעטקעס, און ווי אַזוי פון דעם רעווידירטן און אויסגעבעסערטן נאָמינאַליזם איז אויסגעוואַקסן יענער סיסטעמאַטישער פּרוּוו צו געפינען די א מ ת ע — דאָס הייסט די צום מיינסט באַטייטפולע און צום מיינסט פּרוכפּעריקע — קלאַסיפיקאַציע פון זאַכן און סובסטאַנצן, וואָס ווערט אָנגערופן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג.

און עס איז כמעט אַזוי קלאָר, אַז בעת די טענדענץ פון רעאַליזם, וואָס איז די נאַטירלעכע טענדענץ פון איטלעכן ניט־געשולטן גייסט, איז געווענדט צו אַ דאָגמע, צו שטרענגע איינטיילונגען, שטרענגע אורטיילן און אָנפשרותדיקע האַלטונגען, איז די טענדענץ פון

על-טערן און יינגערן נאָמינאַליזם געווען געווענדט צו באַדינגטע באַ-הויפּטונגען, צום אויספּרווון אינדיווידועלע ביישפּילן, צו אויספאָר-שונג און עקספּערימענט און סקעפּטיציזם.

אין דער צייט ווען אויף די מערק און וועגן פון טאָג-טעגלעכן לעבן האָבן מענטשן זיך געשטעלט קשיות וועגן דער מאָראַל און רעכטפאַרטיקייט פון דער גייסטלעכקייט, וועגן דעם צי זיי זיינען טאַקע מיט אַן אמת אַזוי כּשר בנוגע צו פרויען, ווי זיי זאָגן, און צי זיינען גערעכט די פּרעטענזיעס פון פּויפּס, אַז מען זאָל אים צאָלן שטייערן; אין דער צייט ווען אין טעאָלאָגישע קרייזלעך האָט מען זיך געאַמפּערט, צי איז ריכטיק די טראַנסובסטאַנטיווירונג, צי איז טאַקע די געטלעכקייט פאַראַן אין דעם ברויט און וויין פון דער מעסע, — איז געגאַנגען אַ קריטיק פון די מעטאָדן פון דער גע-ווינטלעכער לערנונג פון קאַטוליציזם און האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט.

מיר קאָנען דאָ ניט פּרווון אָפּצוצייכענען וואָסער באַטייט האָבן געהאַט פאַר דעם פּראָצעס איטלעכער באַזונדער פון די נעמען פּעטער אַבעלאַר (1079 — 1142), אַלבערט דער גרויסער (1193 — 1280) און טאָמאַס פון אַקווינאָ (1225 — 1274). די דאָזיקע מענער האָבן געשטרעבט איבערצובויען דעם קאַטוליציזם אויף אַ געזונטערער סיס-טעם פון דענקען, און זיי האָבן זיך געווענדט צום נאָמינאַליזם. די ערשטע צווישן זייערע קריטיקער און יורשים זיינען געווען דונס סקאָטוס (?— 1308), אַ פראַנציסקאַנער פון אָקספאָרד און, ווען מען זאָל משפּטן לויט זיין ווידערשפּעניקן געדאַנק און אויסגערעכנטער פיינקייט — מסתמא אַ שאָטלענדער, און אָקאַם, אַן ענגלענדער (? — 1347).

די צוויי לעצטע האָבן, פּונקט ווי אַווערראָעס, געמאַכט סוף-כּל-סוף אַן אונטערשייד צווישן טעאָלאָגישן און פילאָסאָפישן אמת; זיי האָבן די טעאָלאָגיע אַוועקגעשטעלט אויף אַ שפּיץ טורעם, אָבער זיי האָבן זי אַזוי הויך אַוועקגעשטעלט, אַז זי האָט שוין מער ניט געקאָנט שטערן דער ווייסנשאַפטלעכער פאָרשונג: דונס סקאָטוס האָט דער-קלערט, אַז עס איז ניט מעגלעך צו דערווייזן על-פּי-שכל די עקסיסטענץ פון גאָט אָדער די דריי-איינקייט אָדער די באַשאַ-פונג פון דער וועלט. אָקאַם איז נאָך מער באַשטאַנען דערויף, אַז

מען מוז אָפּשיידן טעאָלאָגיע פון דעם פּראַקטישן אמת — אַן אָפּשיידונג, וואָס האָט בּאַשיימפּערלעך בּאַפרייט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דעם דאָגמאַטישן קאָנטראָל. פּראָפעסאָר פּרינגל פּעטיסאָן זאָגט אין דעם אַרטיקל „סכאָלאַסטיק“ אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ בּריטאַניקאַ“: „אָקאַם, וואָס איז נאָך אַ סכאָלאַסטיקער, גיט אונז אַ סכאָלאַסטישע בּאַרעכטיקונג פון דעם גייסט, וואָס האָט שוין געוועלטיקט בּיי ראָדזשער בּעקאָן און וואָס האָט בּאַדאַרפט קומען צו פולער הערשאַפט אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט“.

דער דאָזיקער ראָדזשער בּעקאָן (פון אַן ערך 1210 בּיז אַן ערך 1293), וואָס איז אויך געווען אַן ענגלענדער, שטייט גאָר בּאַזונדער מחמת זיין אויסשליסלעכן זשעני. ער איז געווען אַ פראַנציסקאַנער פון אָקספאָרד און אַן אמת טיפּישער ענגלענדער, אַ כּעסן, אַ האַסטיקער, אַן ערלעכער מאַן און אַ קריגעלניק. ער איז מיט צוויי הונדערט יאָר געווען פאָראויס פאַר זיין דור. ה. אָ. טיילאָר אין זיין ווערק „דער מיטלעלטערלעכער גייסט“ זאָגט: „בּעקאָנס לעבּן איז געווען אַן אינטעלעקטועלע טראַגעדיע לויט אַלע כּללים פון דער אַלטער טראַגישער קונסט: דער כאַראַקטער פון העלד בּאַדאַרף זיין גרויס און איידל, אָבּער ניט אָן פעלערן, אַזוי אַז דער פאַטאַלער סוף האָט געמוזט אַרויסדרינגען פון כאַראַקטער, און ניט טרעפן מחמת אַ צופאַל. ער איז געשטאָרבּן אַן אַלטער מאַן. ער איז, פונקט ווי אין זיינע יונגע יאָרן, אויך אויף דער עלטער געבּליבּן איבּערגעגעבּן דער וויסנשאַפט. זיין שטרעבּן צו אַ וויסנשאַפט, וואָס איז ניט אינגאַנצן בּיכערגעלערנטקייט, האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט בּיי זיין אָרדן, וואָס ער איז געווען אַן אומגעראָטענער און בּונטערישער מיטגליד פון אים. פונקט אַזוי פאַטאַל איז זיין אויפטו געוואָרן בּאַדרייט דורך די פּרינציפּן, וואָס ער האָט איבּערגענומען פון זיין צייט. נאָר ער טראָגט די אחריות, פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען די לויפיקע מיינונגען. אַז זיינע מיינונגען האָבּן דערוועקט דעם אומצוטרוי פון זיינע בּרידער מאָנאַכן, האָט זיין ניט-איינגעהאַלטענער טעמפּעראַמענט צוגעצויגן זייער פיינדשאַפט אויף זיין קאָפּ. אַזאַ איינער, וואָס האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן אַזעלכע נייע אידעען ווי זיינע צווישן זיינע חברים, האָט נייטיק בּאַדאַרפט האָבּן איבּערציינגונגס-קראַפט און טאַקט, אַנדערש האָט

ער, אין דרייצנטן יאָרהונדערט, ניט געקאָנט אויסמיידן קיין רדיפות פאַר פאַרשפרייטן זיינע מיינונגען. בעקאָן איז אָנגעפאַלן אויף טויטע און לעבעדיקע חשובע מענטשן, טאַקטלאָז, נאַריש און ניט פיין. פון זיין לעבן איז קנאַפּ וואָס באַוואוסט, חוץ זיינע אָנצוהערענישן



דער אסטראָנאָם קאָפּערניק.

אויף זיך און אַנדערע, און דאָס איז ניט גענוג, אַז מען זאָל קאָנען קאָנסטרויִרן אַפילו אַ שוואַך צוזאַמענהענגענדיקע דערציילונג. ער איז געבאָרן; האָט שטודירט אין אָקספאָרד; אַוועק קיין פּאַריז, שטודירט, עקספּערימענטירט; איז ווידער אין אָקספאָרד, שוין אַ פראַנציסקאַנער; שטודירט, לערנט מיט תּלמידים, ווערט חשודיק בײ

זיין אָרדן; ווערט געשיקט צוריק קיין פּאַריז, געהאַלטן אונטער השגחה, באַקומט אַ בריוו פון פּויפּס; שרייבט, שרייבט, שרייבט — זיינע דריי צום בעסטן באַקאַנטע ביכער; האָט ווידער צרות, איינגעשלאָסן אין תפיסה אַ סך יאָר, באַפרייט, און געשטאָרבן, און געשטאָרבן אין גאַנצן, דער נאָמען צוגלייך מיטן גוף, ביז מען האָט אים צום טייל ווידער אויסגעגראָבן אין פינף יאָרהונדערטער אַרום".

דער אינהאַלט פון די דאָזיקע „דריי צום בעסטן באַקאַנטע ביכער" איז אַ פלאַמענדיקער און טיילמאָל גאַנץ באַליידיקנדיקער, אָבער אַ דורכאויס גערעכטער אָנפאַל אויף דעם אומוויסן פון יענע צייטן, פאַרבונדן מיט אַ רייכטום פון איינפאַלן, ווי אַזוי צו פאַרמערן וויסנשאַפט. אין זיין היציקער פאָדערונג, אַז מען מוז האָבן עקספּערימענטן און מען מוז קלייבן וויסנשאַפט דורך דערפאַרונג, לעבט ווידער דער גייסט פון אַריסטאָטעלעס. „עקספּערימענט, עקספּערימענט" דאָס איז דער שטענדיקער מאמר החוזר פון ראָדזשער בעקאָן.

נאָר אויף אַריסטאָטעלעסן גופא איז ראָדזשער בעקאָן אָנגעפאַלן. אָנגעפאַלן אויף אים איז ער דערפאַר, ווייל מענטשן זיינען, אָנשטאָט דרייסט צו קוקן די פאַקטן אין פּנים, געזעסן אין שטיבער און האָבן געקנעלט איבער די שלעכטע לאַטיינישע איבערזעצונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט נוצן פון דעם מייסטערס ירושה. „וואָלט איך געהאַט די מאַכט, האָט ער געשריבן אין זיין ניט־איינגעהאַלטענעם שטייגער, וואָלט איך פאַרברענט אַלע ביכער אַריסטאָטעלעסעס, וואָרעם דאָס שטודירן זיי קאָן ברענגען נאָר צו פטרן צייט, ברענגען צו טעותים און גרעסער מאַכן עם־הארצות". אַריסטאָטעלעס גופא וואָלט געוויס מסכים געווען צו דער מיינונג, אויב ער וואָלט געקאָנט קומען צוריק צו אַ וועלט, וואו מען האָט זיינע ביכער ניט אַזוי פיל געלייענט, ווי געבוקט זיך צו זיי — און דערצו, ווי בעקאָן האָט דאָס באַוויזן, אין אַזעלכע אומגעטרייע איבערזעצונגען.

דורך זיינע ביכער, מער ניט אַ ביסל פאַרשטעלט, מחמת מען האָט געמוזט לפנים זיך צופּאַסן צו דער אָרטאָדאָקסיע, וואָרעם אַז ניט איז געווען די סכנה פון תפיסה און פון נאָך ערגערס — האָט

ראָדזשער בעקאָן גערופן צו דער מענטשהייט: „לאָז זיך ניט רעגירן דורך דאָגמע און אַוטאָריטעט; קוק אויף דער וועלט!“

ער האָט אָנגעוויזן אויף פיר הויפט=וואָרצלען פון אומוויסן: יראת=הכבוד פאַר אַן אַוטאָריטעט, רגילות, דער געפיל פון עם=הארצישן המון און די פוסטע, גאווהדיקע עקשנות פון אונזערע נאַטירלעכע נטיות. זאָלן מענטשן נאָר גובר זיין די דאָזיקע מניעות, וועט זיך פאַר זיי עפענען אַ וועלט פון מאַכט. „עס זיינען מעגלעך מאַשינעס פאַר שיפעריי אָן רודערס, אַזוי אַז גרויסע שיפן, געפירט גאָר פון איין מענטשן, זאָלן קאָנען פאָרן איבער אַ טייך אָדער אָקעאַן אַ סך גיכער ווי אויב זיי וואָלטן געווען פול מיט מענטשן. דאָס געמעלעכע קאָנען ווערן געמאַכט אַזעלכע וועגענער, וואָס אָן ציבהמות זאָלן זיי זיך באַוועגן מיט ניט אָפּצושאַצנדיקער גיכקייט, ווי אונז דוכט זיך, אַז אַזוי זיינען געלאָפן די רייטוועגן מיט די קאָסעס, וואָס מען האָט אין אַלטערטום מיט זיי זיך געשלאָגן. און עס זיינען מעגלעך פלי=מאַשינעס, אַזוי אַז אַ מענטש זאָל זיצן אינמיטן און דרייען עפּעס אַ שרייפל, וואָס דורך דעם זאָלן קינסטלעכע פליגלען קלאַפּן די לופט, אויפן שטייגער ווי פליענדיקע פייגלען“.

אָקאַם און ראָדזשער בעקאָן זיינען געווען די פריע פאָרגייערס פון אַ גרויסער באַוועגונג אין אייראָפּע, וואָס איז געגאַנגען פון „רעאַליזם“ צו רעאַליטעט. אַ שטיק צייט האָבן די אַלטע השפעות געקעמפט קעגן נאַטוראַליזם פון די נייע נאָמינאַליסטן. אין יאָר 1339 זיינען אָקאַמס ביכער אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם און דער נאָמינאַליזם פייערלעך, פאַרמשפט. נאָך אין יאָר 1473 איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו, פאַרשפּעטיקט און אָן הצלחה, אַרויפצולייגן אויף לערערס אין פאַריז דעם חוב, זיי זאָלן לערנען דווקא רעאַליזם. ערשט אין 16טן יאָרהונדערט, אַז עס האָבן זיך פאַרמערט די געדרוקטע ביכער און עס איז בכלל געוואַקסן די אינטעליגענץ, האָט די באַוועגונג צום עקספּערימענט אָנגענומען אַ מאַסן=כאַראַקטער, ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די צוזאַמענאַרבעט פון די פאָרשער.

אין משך פון 13טן און 14טן יאָרהונדערט איז כסדר געוואַקסן די צאָל עקספּערימענטן מיט מאַטעריעלע זאַכן, מענטשן האָבן צו=

געקראָגן פּרטים פֿון וויסן, אָבער עס איז ניט געווען קיין געבונדענער פּראָצעס, אַז איינער זאָל וויסן און אויסנוצן די אויפֿטוען פֿון צווייטן. די אַרבעט איז געוואָרן געטאָן אָפּגעזונדערט, געגנבֿעטערהייט און אויף ניט קיין פֿיינעם אופֿן. אַ טראַדיציע פֿון פֿאַראיינצלטער פֿאָרשונג איז אַריבערגעקומען קיין אייראָפּע פֿון די אַראַבער, און אַ היפּשע שטיק פֿאָרש-אַרבעט, פֿאַר זיך און באַהאַלטן, האָבן אָפּגעטאָן די אַלכעמיקער, וואָס מאָדערנע שרייבערס זיינען אַ ביסל צו פֿיל נוטה זיי צו מאַכן צו נישט. די דאָזיקע אַלכעמיקער זיינען געווען אין אַ נאָענטן באַריר מיט די גלאָז- און מעטאַל-אַרבעטער און מיט די גרעזער-קלייבערס און מיט די מעדיצין-מאַכערס פֿון זייער צייט. זיי האָבן זיך דערגרונטעוועט צו אַ סך סודות פֿון דער נאַטור, זיי זיינען אָבער געווען פֿאַרכאַפּט פֿון „פּראַקטישע" אידעען. זיי האָבן געזוכט ניט וויסן, נאָר מאַכט. זיי האָבן געוואָלט אַרויסגעפֿינען, ווי אַזוי מען מאַכט גאָלד פֿון וועלוועלערע מאַטעריאַלן, ווי אַזוי מאַכט מען מענטשן אומשטאַרבֿלעך דורך דעם לעבנס-עלעקסיר, און כּדומה נאָך אַזעלכע חלומות פֿון דעם פֿאָלקס-מענטש. צופֿעליק זיינען זיי אין זייערע פֿאָרשונגען דערגאַנגען אַ סך ידיעות מכּוח סמים, פֿאַרבן, מעטאַלורגיע וכדומה. זיי האָבן אַרויסגעפֿונען פֿאַרשיידענע פֿייער-פֿעסטע סובסטאַנצן און האָבן זיך דורכגעאַרבעט צו קלאָרן גלאָז, און דערנאָך צו לינזן און צו אָפּטישע אינסטרומענטן. אָבער ווי וויסנשאַפֿטס-מענטשן זאָגן אונז שטענדיק, און „פּראַקטישע" מענטשן ווילן דאָס נאָך אַלץ ניט הערן, קאָן נאָר די וויסנשאַפֿט, וואָס ווערט געזוכט לשם וויסנשאַפֿט, געבן רייכע און אומגעריכטע מתּנות פֿאַר די וואָס דינען צו איר.

די הייִנטיקע וועלט איז נאָך אַ סך מער נוטה אויסצוגעבן געלט אויף טעכנישע אויספֿאָרשונגען, איידער אויף ריינער וויסנשאַפֿט. מיר לעבן נאָך ביי הייִנטיקן טאָג אין גרויסן און גאַנצן אין דער תּקופֿה פֿון אַלכעמיקער, ניט געקוקט אויף גאָר אונזער געשפּעט בנוגע זייער אָנדענק. דער „ביזנעס-מאַן" פֿון הייִנטיקן טאָג קלערט וועגן אויס-פֿאָרשונג ווי וועגן אַ מין אַלכעמיע.

ענג פֿאַרבונדן מיט די אַלכעמיקער זיינען געווען די אַסטראָלאָגן, וואָס זיינען אויך געווען אַ פּראַקטיש פֿאָלק. זיי האָבן געפֿאָרשט די שטערן — בכדי פֿאָראויסצוזאָגן דעם מזל. זיי האָט געפֿעלט דער

ברייטערער גלויבן און פארשטאנד, וואס פירט די מענטשן פשוט צו פארשן די שטערן.

ניט פריער פון פופצנטן יארהונדערט האבן די אידעען, וואס ראדזשער בעקאן האט אויסגעדריקט, אנגעהויבן צו טראגן זייער ערשטלינג-פרוכט אין נייער וויסנשאפט און פארברייטערטן אויסקוק. דערנאך, פלוצים, ביים אויפשיין פון זעכצנטן יארהונדערט, דעמאלט ווען די וועלט איז געקומען צו זיך נאכן שטורעם פון די סאציאלע מהומות. וואס זיינען אויסגעבראכן נאך די מגפות פון פערצנטן יארהונדערט, האט מערב-אייראפע א בליץ געטאן מיט א פלעיאדע נעמען, וואס פארבלענדט די העכסטע וויסנשאפטלעכע רעפוטאציעס פון דער בעסטער תקופה פון גריכנלאנד. זאל דער לעזער זיך פארצייכענען: כמעט איטלעכע נאציע האט צוגעטראגן איר חלק, ווארעם וויסנשאפט ווייס ניט פון נאציאנאליטעט.

איינער פון די פריסטע און גלענצנדיקסטע שטערן אין דעם דאזיקן שטערן-בילד איז דער פלארענטינער לעאנארדא דא ווינטשי (1452 — 1519), א מענטש מיט א כמעט מופתדיקן קוק פאר דערווירקלעכקייט. ער איז געווען א נאטורפארשער, אן אנאטאמיקער, אן אינזשעניער, פונקט ווי ער איז געווען א זייער גרויסער קינסטלער. ער איז געווען דער ערשטער פון די מאדערנע, וואס האט פארשטאנען דעם אמתן באטייט פון די פארשטיינערונגען, ער האט אין זיינע נאטיץ-ביכער פארצייכנט אכטגעבונגען, וואס ברענגען נאך איצט אונז אריין אין התפעלות; ער איז געווען איבערציינגט, אז מען קאן מאכן א פלי-מאשין. א צווייטער גרויסער נאמען איז קאפערניק, א פאליאק (1473—1543), וואס האט געמאכט דעם ערשטן קלארן אנאליז פון די באוועגונגען פון די הימלקערפערס און האט דערוויזן, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון. טיקא בראהע (1546 — 1601), א דענער וואס האט געארבעט ביים פראגער אוניווערסיטעט, האט די דאזיקע מיינונג ניט געוואלט אננעמען, נאר זיינע אכטגעבונגען אויף די הימלישע באוועגונגען האבן געהאט דעם גרעסטן ווערט פאר זיינע נאכגייערס, און באזונדערס פארן דייטש קעפלער (1571 — 1630). גאלילעא גאליליי (1564 — 1642) איז געווען דער גרינדער פון דער וויסנשאפט דינאמיק. פאר זיין צייט האט מען געמיינט, אז דאס וואס איז הונדערט מאל שווע-

דער אין וואָג ווי עפּעס אַ זאַך, פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד הונדערט מאָל אַזוי גיך. גאַליליי האָט דאָס אָפּגעלייקנט. אַנשטאָט צו חקירהן זיך מכוח דעם, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געלערנטן און פאַר אַן אַדלמאַן, בכדי צו דערווייזן, אַז זיין הגהה איז ריכטיק, האָט ער פּשוט גענומען און געמאַכט אַן עקספּערימענט, געלאָזט אַראָפּפאַלן צוויי קערפּערס מיט אַ פאַרשיידענער וואָג פון דער אייבערשטער גאַלעריע פון דעם איינגעבויגענעם טורעם אין פּיזאַ — צום שרעק פון אַלע געלערנטע מענטשן.

גאַליליי האָט געמאַכט אַ שפּאַקטיוו, וואָס איז שוין געווען כּמעט ווי דער ערשטער טעלעסקאָפּ, און האָט אַנטוויקלט די אַסטראָנאָמישע טעאָריע פון קאָפּערניק. נאָר די קירך, וואָס האָט העלדיש געקעמפט קעגן ליכטיקייט, האָט באַשלאָסן, אַז גלויבן דערין, אַז די ערד איז קלענער און נידעריקער פאַר דער זון, איז מבטל דעם מענטשן און דאָס קריסטנטום. אַזוי אַרום איז גאַליליי געוואָרן געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין קוק און ווידער אַוועקצושטעלן די ערד אומבאַוועגלעך אין צענטער פון דעם וועלט־אַל. זיבן קאַרדינאַלן האָבן אים פאַרמשפּט צו תּפיסה און ער האָט געהאַט אַ באַפעל צו זאָגן די זיבן תּשובה־מזמורים איין מאָל אַ וואָך אין משך פון דריי יאָר.

ניוטאָן (1642 — 1727) איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר פון גאַליליים טויט. דורך זיין אַרויסגעפינען די שווערקייט־געזעצן האָט ער פול געמאַכט דאָס קלאָרע בילד פון דער שטערן־וועלט, וואָס מיר האָבן ביי היינטיקן טאָג. נאָר ניוטאָן טראָגט אונז שוין אַריבער אין אַכצנטן יאָרהונדערט. ער טראָגט אונז אַוועק ווייט פון דעם איצטיקן קאַפּיטל.

צווישן די עלטערע נעמען צייכנט זיך אויס דער נאָמען פון ד"ר דזשילבערט פון קאָלטשעסטער (1540 — 1603). ראָדזשער בעקאָן האָט געפּרעדיקט פאַר עקספּערימענט, דזשילבערט איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט דאָס אויסגעפירט אין דער פּראַקטיק. עס קאָן כּמעט קיין ספק ניט זיין, אַז זיין ווערק, וואָס איז געווען דער עיקר אָפּגעגעבן מאַגנעטיזם, האָט געהאָלפן אויספורעמען די געדאַנקען פון פּרענסים בעקאָן, לאָרד ווערולאַם (1561 — 1626), דעם לאָרד־קאַנצלער פון קיניג דזשיימס I פון ענגלאַנד. דער דאָזיקער פּרענסים

בעקאָן איז אָנגערופֿן געוואָרן דער „פֿאָטער פֿון דער עקספּערימענטעלער פֿילאָסאָפֿיע“, נאָר פֿון זיין אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט איז געמאַכט געוואָרן אַ צו גרויס ווען. ער איז געווען, זאָגט סער ר. אַ. גרעגאָרי, „ניט קיין גרינדער, נאָר אַן אַפּאָסטאָל“ פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער מעטאָדע. זיין גרעסטער פֿאַרדינסט פֿאַר דער וויסנשאַפֿט איז געווען אַ פֿאַנטאַסטיש בוך „די נייע אַטלאַנטיס“. אין זיין „נייער אַטלאַנטיס“ האָט פֿרענסיס בעקאָן אויסגעפּלאַנעוועט אין אַן עטוואָס פֿאַנטאַזיעפֿולער שפּראַך אַ דערפֿינדונגס־פּאַלאַץ, אַ גרויסן טעמפּל פֿון וויסנשאַפֿט, וואו די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט איז געווען אָרגאַניזירט לויט די פּרינציפּן פֿון העכסטער פּראָדוקטיווקייט.

פֿון דעם דאָזיקן אוטאָפּיסטישן חלום איז אַרויסגעקומען די לאָנדאָנער „קיניגלעכע געזעלשאַפֿט“ (ראָיאַל סאָסייטי), וואָס האָט געקראָגן אַ קיניגלעכן טשאַרטער פֿון קאַרל II פֿון ענגלאַנד אין יאָר 1662. דער הויפּט־נוץ און דער הויפּט־כּוח פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט איז געווען און איז אין פּובליקאַציע. איר פֿאָרמירונג צייכנט אָן אַן ענדגילטיקן טראָט פֿון אָפּגעזונדערטער פֿאָרשונג צו פֿאַראייניקטער צוזאַמענאַרבעט, פֿון פֿאַרבאָרגענע און פֿאַראיינזאַמטע אונטערזוכונגען פֿון דעם אַלכעמיקער צו דער פֿרייער מיטטיילונג און עפֿנטלעכער דיסקוסיע, וואָס איז דאָס לעבן פֿון דעם מאָדערנעם וויסנשאַפֿטלעכן פּראָצעס. וואָרעם דאָס איז די אמתע וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדע: ניט צו מאַכן ניט־נייטיקע היפּאָטעזעס, ניט צו פֿאַרלאָזן זיך אויף קיין באַהויפּטונג אָן זי צו קאָנטראָלירן, אויסצופּרוּוון אַלצדינג וואָס ווייט מעגלעך שטרענג, ניט צו האַלטן קיין סודות, ניט צו וועלן פֿאַרנעמען קיין מאָנאָפּאָלן, אַרויסצוגעבן דאָס וואָס מען פֿאַרמאָגט באַשיידן און קלאָר, ניט צו דינען קיין אַנדער ציל, נייערט נאָר דער וויסנשאַפֿט.

די לאַנג שלאָפֿנדיקע וויסנשאַפֿט פֿון אַנאַטאָמיע איז באַלעבט געוואָרן דורך האַרווי (1578 — 1657), וואָס האָט באַוויזן די בלוט־צירקולאַציע. באַלד האָט דער האָלענדער לעווענהוק (1632 — 1723) פּאַרטיק געמאַכט דעם ערשטן רויען מיקראָסקאָפּ, כּדי צו דערגיין צו די פֿאַרבאָרגענע קלענסטע בריאים.



פיגור פון אַסטראָנאָם טיקאָ בראַהע אויף זיין קבר אין פּראָג.

דאָס זיינען נאָר עטלעכע פון די ליכטיקסטע שטערן צווישן דער אַלין וואַקסנדיקער צאָל מענטשן, וואָס האָבן פון 15טן יאָרהונדערט ביז צו אונזער צייט, מיט אַלץ מער און מער קאָלעקטיווער ענערגיע און קראַפט, געמאַכט אויפלייכטן אונזער בילד פון דעם וועלט-אַל און געשטאַרקט אונזער מאַכט איבער די תנאים פון אונזער לעבן.

---

7. דער נייער אויסוואַקס פון די איירָאָפּעִישע שטעט.

מיר האָבן דערציילט אַזוי בפרטיות וועגן דעם אומקער פון ווּיסנשאַפטלעכן שטודיום אין מיטלעלטער, מחמת דאָס איז זייער וויכטיק פאַר די מענטשלעכע ענינים. סוף-כל-סוף האָט דאָך ראָדזשער בעקאָן מער באַטייט פאַר דער מענטשהייט, ווי יואָסער עס איז מאָנאַרך פון זיין צייט. נאָר די וועלט האָט דעמאָלט צום גרעסטן טייל גאָר-נישט געוואוסט וועגן אָט דער פאַרבאַהאַלטענער טעטיקייט אין שטודיר-און-לייען-צימער, און אין די לאַבאָראַטאָריעס פון די אַלכעמי-קער, אַ טעטיקייט, וואָס האָט איננגיכן באַדאַרפט אומענדערן אַלע לעבנס-תנאים. די קירך, אמת, האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף דעם וואָס עס גייט צו, אָבער נאָר מחמת דעם וואָס זי האָט ניט געהאַלטן פון די מסקנות. די קירך האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז די ערד שטייט אין סאַמע צענטער פון גאָטס באַשאַף, און אַז דער פויפּס איז פון אייבערשטן אַליין באַשטימט צו רעגירן איבער דער ערד. און זי איז באַשטאַנען דערויף, אַז די געדאַנקען פון מענטשן אין דעם פּרט טאָרן ניט ווערן געשטערט דורך יואָסער עס איז סותרדיקער לערנונג. איז בכן ווי נאָר זי האָט געהאַט געצוואונגען גאַלילייען צו זאָגן, אַז די וועלט באַוועגט זיך ניט, איז זי שוין געווען באַפרי-דיקט; זי האָט משמעות ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שלעכטער סימן דאָס איז פאַר איר, וואָס די ערד באַוועגט זיך פאָרט.

אַ גרויסע סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג איז גע-גאַנגען אין מערב-איירָאָפּע אין משך פון דעם דאָזיקן פּעריאָד פון שפּעטן מיטלעלטער. נאָר דער מענטשלעכער גייסט איז תופס גע-

שעענישן אַ סך לעבעדיקער, ווי פֿאַרענדערונגען, און מענטשן האָבן דעמאָלט, פּונקט ווי היינט, זיך געהאַלטן פֿאַר זייערע טראַדיציעס, ניט געקוקט דערויף וואָס די סצענע אַרום זיי רוקט זיך איבער.

אין אַזאַ קורצן סך־הכּל ווי דער דאָזיקער „קאָנטור“ איז ניט מעגלעך צונויפֿצונעמען אַלע געשעענישן פֿון דער געשיכטע, וואָס ווייזן ניט קלאָר דעם הויפּט־פּראָצעס פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ווי גלענצנדיק און מאָלעריש זיי זאָלן אויך זיין. מיר האָבן צו פֿאַרצייכענען דעם כּסדרדיקן וואוקס פֿון די שטעט, די אויפֿלעבנדיקע מאַכט פֿון האַנדל און געלט, די בהדרגהדיקע איינשטעלונג פֿון געזעץ און מנהג, די אויסשפּרייטונג פֿון זיכערקייט, די אָפּשאַפֿונג פֿון פּריוואַטע מלחמות, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אייראָפּע אין דעם פּעריאָד צווישן דעם ערשטן קרייץ־צוג און דעם 16טן יאָרהונדערט.

וועגן אַ סך זאַכן, וואָס פֿאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין אונזערע נאַציאָנאַלע געשיכטעס, קאָנען מיר גאָרנישט זאָגן. מיר האָבן ניט קיין אָרט פֿאַר דער געשיכטע, ווי אַזוי די ענגלישע מלכים האָבן כּסדר געמאַכט פּרוּוון איינצונעמען שאָטלאַנד און זיך אַוועקצוזעצן ווי מלכים פֿון פֿראַנקרייך, אָדער ווי אַזוי די נאָרמאַנישע ענגלענדער האָבן זיך איינגעזעצט ניט זיכער אין אירלאַנד (12טער יאָרהונדערט) און ווי אַזוי וויילס איז געוואָרן פֿאַרבונדן מיט דער ענגלישער קרוין (1282). אין משך פֿון גאַנצן מיטלעלטער האָט זיך געצויגן דער קאַמף צווישן ענגלאַנד מיט שאָטלאַנד און פֿראַנקרייך. עס זיינען געווען ציטן, ווען עס האָט אויסגעוויזן, אַז שאָטלאַנד איז שוין ענדגילטיק אונטערטעניק, און ווען דער ענגלישער קיניג האָט געהאַט אין פֿראַנקרייך מער טעריטאָריע, ווי איר טיטולירטער מאָנאַרך. אין די ענגלישע געשיכטעס איז אָט דער קאַמף מיט פֿראַנקרייך אָפֿט פֿאָרגעשטעלט ווי אַ קאַמף איינער אויף איינעם, וואָס איז געגאַנגען מיטן מיין איינצונעמען פֿראַנקרייך, און אַז ער האָט שיר זיך ניט איינגעגעבן. אין דער אמתן איז עס געווען אַ פֿאַראייניקטע אונטערנעמונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צוערשט בשותּפות מיט די פֿלאַמען און בייערן און שפּעטער מיט דער מעכטיקער פֿראַנצויזישער וואַסאַל־מלוכה בורגונד, כּדי איינצונעמען און צעטיילן די ירושה פֿון הוגאָ קאַפּעט.

וועגן דער ענגלישער מפּלה דורך די שאָטלענדער בײַ בע-נאָקבורן (1314) און וועגן די שאָטישע נאַציאָנאַלע העלדן וויליאַם וואָלעס און ראָבערט ברוס; וועגן די שלאַכטן פון קרעסי (1346) און פּואַטיע (1356) און אַזשענקור (1415) אין פראַנקרייך, וואָס לייכטן ווי שטערן אין דער ענגלישער פאַנטאַזיע און וואָס זיינען אין דער אמתן קליינע שלאַכטן, ווען דרייסטע בויגנשיסער האָבן אין משך פון עטלעכע וואָכן שוין אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן צווישן פראַנ-צויזישע געפּאַנצערטע ריטערס; וועגן שוואַרצן פּרינץ און הענריך V פון ענגלאַנד און ווי אַזוי אַ פּויערשע מיידל, זשאַן ד'אַרק, די בתולה פון אָרלעאַן, האָט ווידער אַרויסגעטריבן די ענגלענדער פון איר לאַנד (1429 — 1430) — וועגן דעם אַלעמען דערציילט די דאָ-דאָזיקע געשיכטע גאָרנישט. וואָרעם איטלעכס לאַנד האָט אַזעלכע באַליבטע נאַציאָנאַלע געשעענישן. זיי זיינען די אָביצעס אויף אויס-צופּוצן די געשיכטע, אָבער ניט טיילן פון בנין גופא. ראַדזשפּוטאַנאַ צי פּוילן, אונגאַרן, רוסלאַנד, שפּאַניע, פּערסיע און כינע — אַלע קאָנען זיי זיך אויסגלייכן מיט די שפּיץ-ראָמאַנטישע געשיכטעס פון מערב-אייראָפּע אָדער אַפילו אַריבערשטייגן זיי, מיט פּונקט אַזעל-כע העלדישע ריטערס און פּונקט אַזעלכע מעכטיקע פּרינצעסינס און פּונקט אַזעלכע קאַמפן קעגן אַ שלעכטער מערכה.

מיר קאָנען אויך ניט דערציילן קיין פּרטים וועגן דעם, ווי אַזוי לודוויג XI פון פראַנקרייך (1461 — 1483), דער זון פון קאַרל VII, וואָס זשאַן ד'אַרק האָט אים געקרוינט, האָט אונטערטעניק גע-מאַכט בורגונד און אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ צענטראַליזירטער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. מער באַטייט האָט דאָס, וואָס אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט איז געקומען קיין אייראָפּע שיס-פּולווער, די דאָזיקע מתנה פון די מאָנגאָלן, אַזוי אַז די מלכים (דערין אויך לודוויג XI) און דאָס געזעץ האָבן, זיך שטיצנדיק אויף די וואַקסנדיקע שטעט, געהאַט ביד אַראָפּצושיסן די שלעסער פון די האַלב אומ-אָפּהענגיקע רויב-ריטערס און באַראָנען פון פריען מיטלעלטער און פאַרפעסטיקן אַ מער צענטראַליזירטע מאַכט.

די קעמפנדיקע אַדללייט און ריטערס פון באַרבאַרישן פעריאָד פאַרשווינדן ביסלעכווייז פון דער געשיכטע אין משך פון די דאָזיקע יאָרהונדערטער. די קרייץ-צוגן האָבן זיי פאַרטיליקט, אַזעלכע דינאַסטישע מלחמות ווי די ענגלישע מלחמות פון די ראָזעס האָבן זיי אויסגעהרגעט, די פיילן פון די ענגלישע לאַנגע בויגנס האָבן זיי דורכגעלעכערט און אָפּגעשטופּט אויף אַ יאַרד אַהינטער, אינפאַנטעריע אַזוי באַוואָפנט האָט זיי אַרויסגעשטופּט פון שלאַכט-פעלד; זיי האָבן געמוזט שלום מאַכן מיטן האַנדל און האָבן געביטן זייער טבע. זיי זיינען פאַרשוואונדן, חוץ אין טיטלען, אומעטום פון מערב- און דרום-אייראָפּע, איידער זיי זיינען פאַרשוואונדן פון דייטשלאַנד. די ריטערס פון דייטשלאַנד זיינען פאַרבליבן פּראָפעסיאָנעלע זעלנערס ביז אין 16טן יאָרהונדערט אַריין.

צווישן עלפטן און פופצנטן יאָרהונדערט האָבן אין מערב-אייראָפּע, באַזונדערס אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, אַרויסגעשפּראָצט ווי בלומען אַ גאַנצע מאַסע זייער כאַראַקטעריסטישע און שיינע בנינים, קאַטעדראַלעס, קלויסטער-געביידעס וכדומה, די גאָטישע אַרכיטעקטור. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אירע כאַראַקטעריסטישע הויפּט-שטריכן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער בוי-באַוועגונג באַווייזט זיך אַ קערפּערשאַפט בעל-מלאכות, וואָס איז אין אָנהייב ענג פאַרבונדן מיט דער קירך. אויך אין איטאַליע און שפּאַניע האָט די וועלט ווידער אָנגעהויבן צו בויען פריי און שיין. צוערשט איז דאָס געווען די רייכקייט פון דער קירך, וואָס האָט באַזאָרגט דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע בנינים; דערנאָך האָבן אָנגעהויבן בויען אויך מלכים און סוחרים. לעבן דער קירך און דעם שלאָס באַווייזט זיך דער האָטעל און דאָס הויז.

פון דעם צוועלפטן יאָרהונדערט אָן און ווייטער, מיטן וואוקס פון האַנדל, הייבט זיך אָן אַן אויפבלי פון שטאָט-לעבן אין גאַנץ אייראָפּע. די אויסגעצייכנטסטע צווישן די דאָזיקע שטעט זיינען געווען ווענעציע מיט ראַגוזאַ און קאָרפו, וואָס האָבן צו איר געהערט, גענואַ, וועראָנאַ, באָלאָניאַ, פּיזאַ, פלאָרענץ, נעאַפּאָל, מילאַן, מאַרסעל, ליסאַבאָן, באַרסעלאָנאַ, נאַרבאָן, טור, אָרלעאַן, באָרדאָ, פּאַריז, גענט, בריגע, בולאָן, לאָנדאָן, אָקספאָרד, קיימברידזש, כאַוטהעמפּ-

טאָן, דאָווער, אַנטווערפּן, האַמבורג, ברעמען, קעלן, מאַינץ, נירנבערג; מינכען, לייפּציג, מאַגדעבורג, ברעסלע, שטעטין, דאַנציק, קיניגסבערג, ריגע, פּסקאָוו, נאָווגאָראָד, וויסבי און בערגען.

„אַ מערב-דייטשע שטאָט צווישן 1400 און 1500* האָט פאַרקערפּערט אַלע דערגרייכונגען פון פראָגרעס אין יענער צייט, הגם פון אַ מאָדערנעם שטאַנדפּונקט האָט אַ סך אויסגעפעלט... די גאַסן זיינען געווען על-פּי רוב שמאָל און געבויט ניט רעגלמעסיק, די הייזער צום גרעסטן טייל הילצערנע. כמעט איטלעכער בירגער האָט געהאַלטן זיינע בהמות ביי זיך אין שטוב, און די כּסדרע חזירים, וואָס דער שטאָטישער חזיר-היטער פלעגט אַלע פרימאָרגן אַרויסטרייבן אויפן פּאַשע-פּלאַץ, איז געווען אַ נויטווענדיקער טייל פון שטאָטישן לעבן". טשאַרלז דיקענס אין זיינע „אַמעריקאַנער נאָטיצן" דערמאָנט חזירים אויף בראָאַד-ווי אין ניו-יאָרק נאָך אין דער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. „אין פראַנקפורט ביים מיין איז נאָך 1481 פאַרבאָטן געווען צו האַלטן חזירים אין דער אַלטשטאָט, אָבער אין דער ניי-שטאָט און סאַקסענהאַוזען איז דאָס געבליבן אַ געווייטלעכער מנהג. ערשט 1645, נאָכדעם ווי אַזאַ פּרווו אין יאָר 1556 איז דורכגעפאַלן, זיינען חזירים-שטאַלן אַראָפּגעריסן געוואָרן אין לייפּציק אין די אינעווייניקסטע טיילן שטאָט. די רייכע בירגער, וואָס פלעגן צופעליק נעמען אַן אָנטייל אין גרויסע האַנדלס-קאָמפּאַניעס, זיינען באַשיימפערלעך געווען רייכע ערד-איינגנטימער און האָבן געהאַט גרויסע הויפן און פלעצער אין שטאָט צווישן די שטאָטישע מויערן. די רייכסטע פון זיי האָבן פאַרמאָגט יענע גלענצנדע פּאַטריצישע הייזער, וואָס מיר באַוואונדערן זיי נאָך ביי היינטיקן טאָג.

„אַפילו אין די עלטערע שטעט זיינען שוין פאַרשוואונדן דער גרעסטער טייל הייזער פון 15טן יאָרהונדערט. מער ניט דאָ און דאָרט דערמאָנט אונז אַ בנין פון אָפּענעם געהילץ-ווערק און אַריבערהענגענדיקע גאָרנס, אַ שטייגער אין באַכאַראַך אָדער מילטענבערג, אָן דעם אַרכיטעקטור-סטיל, וואָס איז דעמאָלט געווען אָנגענומען אין די הייזער פון די בירגער. די גרויסע מאַסע פון די אונטערשטע באַ-

---

* פון ד"ר טיללע אין העלמאָלטס וועלט-געשיכטע.

פעלקערונגס-שיכטן, וואָס האָבן געלעבט פון בעטלעריי אָדער האָבן געדאַט זייער אָרעמע חיונה פון די נידעריקסטע אַרבעטן, האָבן גע-וואוינט אין שמוציקע כאַלופּקעס אויסער די שטעט; דער שטאָט-מויער פלעגט אָפטמאָל זיין דער איינציקער 'שטיץ פאַר די דאָזיקע נעבעכדיקע בנינים. דער אינעווייניקסטער אויספּוץ פון די הייזער איז, לויט אונ-זערע איצטיקע השגות, געווען זייער אָרעם אַפילו ביי דער רייכער באַ-



דאָס ראָטהויז פון הילדעסהיים אין דייטשלאַנד, וואָס שטאַמט פון יאָר 1443. אין דער נייער צייט איז עס רעסטאַווירט געוואָרן.

פעלקערונג; דער גאָטישער סטיל האָט זיך פונקט אַזוי שלעכט גע-פאַסט פאַר די קליינע דעטאַלן פון לוקסוס-זאַכן, ווי ער איז געווען אויסגעצייכנט אָנגעמאָסטן פאַרן בוי פון קירכן און שטאָטישע ראָט-הייזער.

„אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין גאָטישן סטיל שטאָטישע קירכן און ראָטהייזער, וואָס דינען

נאָך עד-היום זייער לכתחילהדיקן צוועק. די מאַכט און רייכקייט פון די שטעט געפינען זייער בעסטן אויסדרוק אין די דאָזיקע בנינים און אין די שטאָטישע באַפעסטיקונגען מיט זייערע טורעמס און טויערן. איטלעך בילד פון אַ שטאָט פון 16טן יאָרהונדערט און שפּעטער באַווייזט באַשיימפּערלעך די דאָזיקע בנינים, וואָס דינען צום שוץ און צום כבוד פון שטאָט.

„די שטאָט האָט געטאָן אַ סך זאַכן, וואָס ביי היינטיקן טאָג טוט דאָס די מלוכה. מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמעס פלעגט זיך פאַרנעמען די שטאָט-אַדמיניסטראַציע אָדער די געהעריקע מוניציפּאַלע אָרגאַניזאַציע. די רעגולירונג פון האַנדל איז געווען שייך צו די גילדעס אין הסכם מיטן שטאָטראַט, די זאָרג וועגן די אָרעמעלייט האָט געהערט צו דער קירך, בעת דער ראַט האָט געזען, אַז די שטאָט-מויערן זאָלן זיין גאַנץ און עס זאָלן זיין די געהעריקע פייערלעשער-קאָמאַנדעס. דער שטאָטראַט האָט אויך געהאַט די השגחה, עס זאָלן זיין אָנגעפילט די מוניציפּאַלע שייערן מיט תבואה, כדי צו האָבן פאַרטיקע פאַרגרייטן אויף יאָרן פון דחקות. אזעלכע מאַגאַזינעס זיינען געווען אויסגעבויט כמעט אין איטלעכער שטאָט אין 15טן יאָרהונדערט. עס זיינען געווען איינגעשטעלט פּרייז-טאַריפן פאַרן פאַרקויף פון אַלע סחורות, הויך גענוג, אַז איטלעכער בעל-מלאכה זאָל קאָנען האָבן פיין פרנסה, און אַזוי אַז דער קונה זאָל האָבן אַ גאַראַנטיע, אַז די סחורות זיינען פון אַ גוטן סאָרט. שטאָט איז אויך געווען דער הויפּט-קאַפּיטאַליסט; זי האָט גענומען געלט אויף אויסצואָלן רענטעס אויפן לעבן און ירושות, און איז אַזוי אַרום געווען אַ באַנקיר און האָט גענאָסן אומבאַגרענעצטן קרעדיט. זי פלעגט קריגן מיטלען אויף צו בויען באַפעסטיקונגען אָדער פאַר אַזעלכע פאַלן, ווען מען האָט געקאָנט אָפּקויפן סוועדענע רעכט ביי אַ פירשט, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין געלט".

צום גרעסטן טייל זיינען די דאָזיקע אייראָפּעיִשע שטעט געווען אומאָפּהענגיקע אָדער כמו-אומאָפּהענגיקע אַריסטאָקראַטישע רעפּובליקן. דער גרעסטער טייל האָבן צוגעלאָזט אַן אומבאַשטימטע איבערהערשאַפט מצד דער קירך אָדער מצד דעם קיסר אָדער קיניג. אַנדערע זיינען געווען טיילן פון קיניגרייכן אָדער אַפילו די רעזידענצן פון

הערצאָגן אָדער מלכים. אין אַזעלכע פאַלן איז זייער אינעווייניקסטע פרייהייט געווען געשטיצט דורך אַ באַזונדערן קיניגלעכן אָדער קיסר־לעכן כתב. אין ענגלאַנד איז די קיניגלעכע שטאָט (ראָיאַל סיטי) פון וועסטמינסטער ביי דער טעמזע געשטאַנען זייט ביי זייט מיט דער אַרומ־געמויערטער שטאָט לאָנדאָן (סיטי אָוו לאָנדאָן), וואָס אַהין האָט דער קיניג געמעגט אַריינקומען נאָר מיט באַזונדערע צערעמאָניעס און מיט אַ דערלויבעניש פון שטאָט.

די אינגאַנצן פרייע ווענעציאַנישע רעפובליק האָט רעגירט איבער אַן אימפעריע פון אומאָפּהענגיקע אינזלען און האַנדלס־האַפנס, כמעט לויטן שטייגער פון דער אַטענישער רעפובליק. אויך גענוא איז גע־שטאַנען אַליין.

די דייטשע שטעט פון באַלטישן און צפונדיקן ים פון ריגע ביז מידדעלבורג אין האָלאַנד, דאָרטמונד און קעלן זיינען געווען לויז פאַרבונדן אין דער קאָנפעדעראַציע פון די האַנזאַ־שטעט, אונטערן אָנפיר פון האַמבורג, ברעמען און ליבעק, און די דאָזיקע קאָנפעדע־ראַציע איז נאָך לויזער געווען פאַרבונדן מיט דער אימפעריע. די דאָזיקע קאָנפעדעראַציע, וואָס האָט אַרומגענומען סך־הכל זיבעציק שטעט און וואָס האָט געהאַט אָפּלעגערס אין נאָווגאָראָד, בערגען, לאָנדאָן און בריגע, האָט אַ סך אויפגעטאָן אויף צו האַלטן די צפונדיקע ימים פריי פון ים־רויבערס, וואָס זיינען געווען אַ קללה פאַרן מיטללענדישן און פאַר די מזרחדיקע ימים.

די מזרחדיקע אימפעריע איז אין איר לעצטן פאַזיס, זינט די אָטאָמאַנישע אימפעריע האָט איינגענומען איר אייראָפּעיִש הינטערלאַנד אין 14טן און פריען 15טן יאָרהונדערט ביז צו איר פאַל אין יאָר 1453, פאַקטיש געווען נאָר די האַנדלסשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מיט דעם אויסנאַם, וואָס זי איז געווען באַשווערט פון אַ פאַרדאָרבענעם קיסרלעכן דויף.

די פולסטע און גלענצנדיקסטע אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן שטאָט־לעבן אין שפּעטן מיטלעלטער איז אויסגעפאַלן אין איטאַליע. נאָכדעם ווי עס איז אויסגעגאַנגען די האָהענשטאַופישע דינאַסטיע, איז די מאַכט פון דער הייליקער רוימישער אימפעריע איבער צפון־און מיטל־איטאַליע אָפּגעשוואַכט געוואָרן, הגם, ווי מיר וועלן נאָך

דערציילן, דייטשע קיסרים זיינען געוואָרן געקרוינט פאַר מלכים און קיסרים אין איטאַליע, ביז צו דער צייט פון קאַרל V (אַרום 1530). עס איז אויפגעשטאַנען אַ צאָל כמו-אומאָפּהענגיקע שטאָט-מלוכות אין צפון-זייט פון רוים, דעם פּויפּס' הויפּטשטאָט. דרום-איטאַליע און סיציליע, מער ניט, זיינען געבליבן אונטער פרעמדער הערשאַפט. גענואַ און איר קאָנקורענטין ווענעציע זיינען געווען די גרויסע האַנדלס-האַפנס פון יענער צייט; זייערע גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן, זייערע פירשטלעכע געמעלן דערוועקן נאָך ביי היינטיקן טאָג אונזער באַוואונדערונג. מילאַן, צופוסנס פון דעם ס"ט גאָטאַרד-איבערגאַנג, האָט אויך אויפגעלעבט צו רייכקייט און מאַכט. אפשר דער גלענצנדסטער פון אַלע שטערן אין דעם איטאַליענישן שטערנבילד פון שטעט איז געווען פלאָרענץ, אַ האַנדלס- און פינאַנץ-צענטער, וואָס האָט אונטער דער כמעט מאָנאַרכישער רעגירונג פון דער פאַמיליע מעדיטשי אין 15טן יאָרהונדערט איבערגעלעבט אַ צווייטע „פּעריקלעישע תקופה". אָבער נאָך איידער די דאָזיקע קולטורעלע מעדיטשיס האָבן געוועלטיקט אין פלאָרענץ, האָט די שטאָט שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט פיינע קונסט. דזשאָטאָ טורעם (דזשאָטאָ, 1266 — 1337) און די קאַטעדראַלע (דורך ברונעלעסקאָ, 1377 —1446) האָבן שוין עקסיסטירט. אַרום סוף פערצנטן יאָרהונדערט איז פלאָרענץ געוואָרן דער צענטער פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעפונען און רעסטאַווירט און נאָכגעמאַכט די אַלטע קונסט. אָבער וועגן דער אויפלעבונג פון דער קונסט, וואָס אין איר האָט פלאָרענץ געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע, געשיקט זיך צו ריידן באַזונדער אין אַ שפּעטערדיקן פּאַראַגראַף.

---

8. די ליטעראַרישע אויפלעבונג.

אַ גרויסער אויפבלי פון שפּעטערישער ליטעראַטור איז פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אויפוואַכונג פון דער מערב-אייראָפּעיִשער אינטעליגענץ. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ ליטעראַטור אין איטאַליעניש אונטער דער איניציאַטיוו פון קיסר פרידריך II. גלייכצייטיק האָבן די טרובאַדורן פון צפון-פראַנקרייך און פון

פּראָוואַנס אַוועקגעזעצט מענטשן צו שרייבן פּערזן אין צפונדיקן און אין דרומדיקן דיאַלעקט: ליבע־לידער, דערציייל־געזאַנגען וכדומה. אַלץ האָט, אַזוי צו זאָגן, זיך אַרויסגעריסן פון הינטער אַן אַלגעמיינער נטיה

פּאָרטרעט פון דאַנטע אַליגיערי, פון אַ פרעסקאָ ביי דזשאָטאָ, אין דעם נאַציאָנאַלן מוזיי אין פלאָרענץ.

און געוויינהייט צו שרייבן און צו לייענען לאַטייניש. דאָס איז געקומען פון דעם פאָלקסטימלעכן גייסט און פון דעם באַפרייטן גייסט, און ניט

פון דעם געלערנטן גייסט. אין פלאָרענץ איז אין יאָר 1265 געבאָרן געוואָרן דאַנטע אַליגיערי, וואָס איז, נאָך אַ שטאַרקער פּאָליטישער אַקטיווקייט, פאַרטריבן געוואָרן פון זיין שטאָט און האָט זיך גענומען פאַרן שרייבן. צווישן אַנדערע ווערק האָט ער אָנגעשריבן אַ קונסטפולע פּאָעמע אין געגראַמטן איטאַליעניש, די „געטלעכע קאָמעדיע“, אַ בונט געוועב פון אַלעגאָריע און אַריינגעשטעלטע עפּיזאָדן מיט רעליגיעזע זוכענישן. ער באַשרייבט אַ באַזוך אין גיהנום, אין לייטערגרוב און גן-עדן. זיין קרובישאַפט מיט דער אַלטער לאַטיינישער ליטעראַטור איז באַצייכנט דורך דעם פאַקט, וואָס דאַנטעס פירער אין דער אונטערוועלט איז ווירגילי. לייענט מען די איבערזעצונגען פון דעם ווערק, באַקומט מען אַ גאַנץ מטושטשדיקן איינדרוק, אָבער מבינים קאָנען זיך ניט אָפּלויבן פון דער אויסגעצייכנטער שיינקייט, אינטערעס און טיפקייט פון דעם אָריגינאַל. דאַנטע האָט אויך געשריבן אין לאַטייניש וועגן פּאָליטישע פראַגן און וועגן די פרעטענזיעס פון דער איטאַליענישער שפּראַך צו ווערן באַטראַכט ווי אַ ליטעראַטור-שפּראַך. מען האָט אים שטרענג קריטיקירט דערפאַר, וואָס ער האָט געשריבן איטאַליעניש, און מען האָט אים אויפגעוואָרפן, אַז ער איז ניט געווען פעיק צו שרייבן לאַטיינישע פערזן.

אַ ביסל שפּעטער האָט פּעטראַרקאַ (1374 — 1304) געשריבן אויך אין איטאַליעניש סאָנעטן און אָדעס, וואָס האָבן דערוועקט התפעלות ביי אַלע די, וואָס זיינען געווען קולטורעל גענוג, כדי זיך אָפּצורופן אויף זיי. למשל, דזשאָן עדינגטאָן סיימאָנדס האָט געשריבן: „די לידער וועגן לעבן און טויט פון דער מאַדאָנאַ לאַוראַ קאָנען קיין מאָל ניט פאַרעלטערט ווערן, וואָרעם פולקומע מעטרישע פאָרם איז דאָ געוואָרן צונויפגעפּאָרעט מיט דער געקליבנסטער און געלייטערטסטער שפּראַך“. די פּאָעמעס לאָזן אין אונז איבער אַ ספק, צי די מאַדאָנאַ לאַוראַ האָט ווען עס איז עקסיסטירט. פּעטראַרקאַ איז געווען איינער פון אַ גרופּע איטאַליענער, וואָס האָבן זיך געמיט אויפצוריכטן די גדולה פון דער לאַטיינישער ליטעראַטור. אין אַ קאָנטור פון געשיכטע איז אפשר די דאָזיקע גדולה ניט אַזוי הויך, ווי זי האָט אויסגעוויזן פאַר אַ דור איטאַליענער, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט צו געניסן דעם כישוף און דעם רייץ פון ליטעראַרישער שיינקייט. דאָס

שרייבן איטאַליעניש איז אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעשטופּט געוואָרן דורך דער אויפלעבונג פון דער לאַטיינישער ליטעראַטור. פּעטראַרקאַ האָט געשריבן אין לאַטייניש אַן עפּישע פּאָעמע „אַפריקאַ“. געווען אַ היפּשע צאָל פּסעוודאָ-קלאַסישע שריפטן, פּאָעמעס און טראַגעדיעס און קאָמעדיעס אין לאַטייניש, אָן ספק שטאַרק ענלעך צו די שירים און רעטאָרישער פּראָזע, וואָס מען קריגט אין ענגליש פון באַגאַבטע יונגע אינדיאַנער. ערשט שפּעטער מיט באָיאַרדאָ און אַריאָסטאָ (1475 — 1533) רוקט זיך די איטאַליענישע פּאָעזיע ווידער אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן. אַריאָסטאָס „אָרלאַנדאָ פוריאָזאָ“ איז נאָר געווען דער העכסטער מוסטער פון אַ גרויסער מאַסע ראָמאַנטישע פּאָעמעס, וואָס האָבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן די ווינציקער געבילדעטע לייענערס פון דער רענעסאַנס-צייט. די דאָזיקע פּאָעמעס האָבן אַלע מאָל מער אָדער ווייניקער נאָכגעמאַכט די קונסטפולע פּאָעמע ווירגילס, וואָס איז אַליין געווען נאָכגעמאַכט און אַ רעזולטאַט פון געלערנטער פאָרשונג. קאָמעדיעס און פּאָעמעס, קירצערע לידער אין פאַרשיידענע פאָרמען בילדן דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. די פּראָזע איז ניט געווען גענוג קינסטלעריש און פיין, זי זאָל קאָנען געפעלן ווערן אַ קריטישן געשמאַק.

די אויפוואַכונג פון ליטעראַרישן לעבן אין דער פראַנצויזיש-ריידנדיקער געמיינשאַפט איז אויך געווען באַהערשט דורך דעם אָנדענק פון דער לאַטיינישער ליטעראַטור. אין פראַנקרייך איז שוין געווען אַ ליטעראַטור פון פריילעכע לידער אין מיטלעלטערלעכן לאַטיין, שענק-לידער און וועג-לידער (די גאָליאַרדישע פּאָעזיע אין 13טן יאָרהונדערט), און דער גייסט פון דעם דאָזיקן עכטן שריפטום האָט געלעבט אין אַזעלכע אמתע און נאַטירלעכע פּערזן, ווי די פון ווילאָן (1431 1463). אָבער די אויפלעבונג פון די לאַטיינישע שטודיען איז אַריינגעדרונגען פון איטאַליע און האָט אַרויסגעליינט געקינצלטקייט אויף אַלע, חוץ די ווידערשפּעניקסטע גייסטער. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ געקינסטלטער סטיל, וואָס האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון דער ווערדע פון אַ מאָנומענטאַלער מויערי, און גלענצנדע פּאָעמעס און קלאַסישע טראַגעדיעס זיינען געווען געשאַפן גיכער צום חידוש פאַר די שפּעטערדיקע דורות, איידער צוליב זייער פאַרגעניגן. נאָך דער

זשעני פון פראַנצויזישן לעבן איז ניט געווען באַגרענעצט דורכ-
אויס מיט די דאָזיקע איידעלע אויפטוען; עס האָט זיך באַוויזן אַ פיינע
און בייגעוודיקע פּראָזע. מאָנטיין (1533 — 1592), דער ערשטער פון די

פראַנטשעסקאָ פּעטראַרקאַ, דער גרויסער איטאַליענישער דיכטער.

עסעיסטן האָט געשריבן פריינדלעך וועגן לעבן און אומפריינדלעך וועגן
די געלערנטע, און ראַבלע (1490?—1553) האָט זיך, ווי אַ רייסנדיקער
שטראָם פון ברענענדיקער, לאַרמענדיקער און לאַכנדיקער לאַווע, דורכ-
געריסן דורך גאָר דער שטייפקייט און אָנשטענדיקייט פון די פּעדאַנטן.

אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד האָבן די נייע אינטעלעקטועלע אימפּולסן געווירקט גלייכצייטיק מיט דעם געוואַלדיקן פּאָליטישן און רעליגיעזן דרוק פון דער רעפאָרמאַציע, און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט ווינציקער ריין קינסטלערישע פאָרמען. עראַסמוס, זאָגט זיש. עדינגטאָן סיימאָנדס, איז דער גרויסער פאָרשטייער פון רענעסאַנס אין האָלאַנד, פונקט ווי לוטער אין דייטשלאַנד, נאָר געשריבן האָט ער ניט האָלענדיש, נייערט לאַטייניש.

אין ענגלאַנד איז געווען אַן אויפבלי פון ליטעראַרישער אַקטיוויטעט שוין אין 14טן יאָרהונדערט. דזשאָפריי טשאָסער (1340? — 1400) האָט געשאַפן פיינע דערצייל־פּאָעזיע. וואָס האָט זייער דייטלעך געשטאַמט פון איטאַליענישע מאָדעלן, און עס זיינען געווען ראָמאַנטישע דערציילערישע פערזן פון פריערדיקע צייטן. נאָר די בירגער־קריג, די קריג פון די ראָזעס, מגפות און רעליגיעזע קאָנפליקטן האָבן דערשטיקט די ערשטע התחלות, און ערשט מיטן 16טן יאָרהונדערט און נאָך דער רעגירונג פון הענריך VIII האָט די ענגלישע ליטעראַטור מעכטיק אויפגעבליט. צוערשט האָט זיך האָסטיק אויסגעשפּרייט קלאַסישע בילדונג און עס איז געקומען אַ באַפרוכפּערנדיקער שטראָם פון איבערזעצונגען פון לאַטייניש, גריכיש און איטאַליעניש. דערנאָך איז געקומען אַ פּלוצימדיק געדעטעניש פון פיינעם ענגלישן שריפטום. די ענגלישע שפּראַך איז געוואָרן אויסגעאיידלט, געלייטערט, אַנטוויקלט. ספּענסער האָט געשריבן זיין „פייען־קיניגין“, אַ לאַנג־אָטעמדיק אַלעגאָריש ווערק פון אַ גרויסער דעקאָראַטיווער שיינקייט. אָבער זיין בעסטן אויסדרוק האָט דער ענגלישער זשעני דערגרייכט אין דער דראַמע, אין דער צייט פון קיניגין עליזאַבעט. זי איז קיין מאָל ניט געווען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער קלאַסישער טראַדיציע. די דראַמע פון עליזאַבעטס צייט איז געווען אַ נייע און פולערע און פרייערע, אַ מעכטיקערע און דורכאויס נאַטירלעכע ליטעראַרישע פאָרם. זי האָט געפונען איר העכסטן פאָרשטייער אין שעקספּירן (1564 — 1616), אַ מענטש וואָס איז צום גליק געווען מיט „ווינציק לאַטייניש און נאָך ווינציקער גריכיש“, וואָס זיינע רייכסטע און פיינסטע שאַפונגען זיינען געקומען פון היימישן און אַפילו פון סאַמע פּראָסטן שטייגער. ער איז געווען אַ מענטש פון

אַלעבּעדיקן הומאָר און פון גרויסער נשמה-צאַרטקייט, וואָס האָט איט-לעכע פראַזע, וואָס ער האָט געשריבּן, געמאַכט צו אַ מעלאָדיע. אַכט יאָר פאַר שעקספּירס טויט איז געבּאָרן געוואָרן מילטאָן (1608 — 1674). קלאַסישע סטודיעס אין די יונגע יאָרן האָבּן צוגעגעבּן סיי זיין פּראָזע און סיי זיינע פּערזן אַ שטאָלצן און אַ פייערלעכן טאָן, וואָס פון אים ווערן זיי קיין מאָל ניט פריי. ער איז געפאָרן קיין איטאַליע און

דער איטאַליענישער פּאָעט לודאָוויקאָ אַריאָסטאָ, לויט אַ פּאָרטרעט פון טיציאַן.

האָט געזען דעם גלאַנץ פון דער מאָלעריי פון רענעסאַנס. ער האָט די געמעלן פון ראַפאַעל און מיקעל אַנדזשעלאָ איבערזעצט אין געהויבענע ענגלישע פערזן אין זיינע גרויסע פּאָעמעס „דער פאַרלאָרענער גן־עדן“ און „דער צוריק געוואונענער גן־עדן“. עס איז גוט פאַר דער ענגלישער ליטעראַטור, וואָס שעקספּיר האָט געלעבט, כּדי צו שאַפן דעם גלייכוואָג אַנטקעגן מילטאָנען און אויסצולייזן דעם עצם גייסט אירן פון דער קלאַסישער הערשאַפט.

פּאָרטוגאַל האָט דורך דעם אָגריר פון דעם ליטעראַרישן רענעסאַנס אַרויסגעבראַכט אַ פּאָעמע, די „לוזיאַדע“ פון קאַמאָענס (1524 — 1580). נאָר שפּאַניע האָט, פּונקט ווי ענגלאַנד, געהאַט דאָס גליק צו געפינען אַ מאַן פון העכסטן זשעני, ניט באַלאָדן צו שטאַרק מיט געלערנטקייט, וואָס האָט געקאָנט אויסדריקן איר גייסט. סערוואַנטעס (1547 — 1616) האָט אויפגעכאַפּט די הומאָריסטישע זייטן און די אַבסורדקייטן פון אַ קאָנפליקט צווישן דער מיטלעלטערלעכער טראַדיציע פון ריטערטום, וואָס האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַן אויסגעדאַרטן, אָרעמען, האַלב־משוגענעם אַדלמאַן, און צווישן די נויטבאַדערפענישן און שטרעבונגען פון געוויינטלעכן לעבן. זיין דאָן קיכאָט און סאַנכאָ פּאַנסאָ האָבן, פּונקט ווי שעקספּירס סער דזשאָן פאַלסטאַף און ראַבלעס גאַרגאַנטואַ, דורכגעריסן די אָנגעצויגנקייט און דעם העלדנטום פון דער פאָרמאַלער ליטעראַטור, בכדי אַריינצולאָזן פרייהייט און געלעכטער. זיי האָבן זיי דורכגעריסן, פּונקט ווי ראָדזשער בעקאָן און די וויסנשאַפטלער האָבן דורכגעריסן די בוך־וויסנשאַפט פון די סכאָלאַסטיקער, און פּונקט ווי די מאָלערס און סקולפּטאָרן, וואָס מיר וועלן באַלד דערציילן וועגן זיי, האָבן זיך דורכגעגעריכן דורך די דעקאָראַטיווע אַרומגרענעצונגען און דורך דעם רעליגיעזן צופּוץ פון דער מיטלעלטערלעכער קונסט. דער גרונט־פאַקט פון רענעסאַנס איז געווען ניט קלאַסיציזם, נאָר באַפרייונג. די אויפלעבונג פין דער גריכישער און לאַטיינישער געלערנטקייט האָבן צוגעגעבן צו די פּאָזיטיווע ווערטן פון דעם רענעסאַנס גאָר אַזוי פיל, אויף וויפיל זי האָט געהאָלפן צעשטערן די קאַטוילישע, די גאָטישע און די קיבּרלעכע טראַדיציע.

9. די קינסטלערישע אויפלעבונג.

עס וואָלט געווען שטאַרק איבערגעכאַפּט די מאָס, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, אויב מיר וואָלטן געפּרוּווט צייכענען די אויפלעבונג פון דער פאַרשיידנאַרטיקער היימישער און דעקאָראַטיווער קונסט אין יענעם גרויסן פּעריאָד פון אויפוואַכונג פון מענטשלעכן גייסט, אָדער ווען מיר וואָלטן זיך גענומען דערציילן, ווי אַזוי דער צפונדיקער גאָטישער סטיל איז געוואָרן צוגעפּאַסט צו מוניציפּאַלע פּריוואַטע בנינים און מאָדיפיצירט און אין אַ גרויסער מאָס פאַרביטן דורך פאָרמען, וואָס שטאַמען אָפּ פון דעם איטאַליעניש-ראָמאַנישן סטיל און פון דער אויפלעבונג פון די קלאַסישע טראַדיציעס אין איטאַליע. איטאַליע האָט קיין מאָל ניט אָנגענומען גערן די גאָטישע פאָרמען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען צו איר פון צפון-זייט, אָדער די סאַראַצענישע פאָרמען, וואָס זיינען אַריינגעקומען פון דרום-זייט. די לאַטיינישע שריפטן וועגן אַרכיטעקטור פון וויטרוּוויוּס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין 15טן יאָרהונדערט און האָבן געהאַט זייער אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן פאַרענדערונגס-פּראָצעס, וואָס האָט שוין געהאַלטן אינמיטן. די קלאַסישע השפּעות, וואָס האָבן שוין מעכטיק געשטראָמט אין דער ליטעראַטור, האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין דער שוין אַקטיווער וועלט פון קינסטלערישער שאַפונג.

נאָר פונקט אַזוי ווי די ליטעראַרישע אויפלעבונג איז געקומען פריער פאַר דער אויפלעבונג פון דער קלאַסישער געלערנטקייט, אַזוי איז אויך די אויפוואַכונג פון דער קונסט שוין געווען אין פולן גאַנג, איידער דער אויפמערק איז געווענדט געוואָרן צו דער קלאַסישער פּלאַסטישער קונסט. שוין זינט די צייטן פון קאַרל דעם גרויסן האָט אין אייראָפּע גענומען בהדרגה אויפכאַפּן זיך דער חשק צו שאַפן לויט נאַטירלעכע מוסטערן און באַפרייען זיך פון דער געבונדנקייט צו דעקאָראַציע. אין דייטשלאַנד איז אין 12טן יאָרהונדערט געווען אַ קרעפטיקע אַנטוויקלונג פון מאָלעריי — צו מאָלן רעאַלע זאַכן אויף האָלץ. אין איטאַליע, וואו די אַרכיטעקטור-פאָרמען האָבן געגעבן מער אָרט, איידער אין דייטשלאַנד, איז אויך געוואַקסן די באַדייטונג פון דער וואַנט-מאָלעריי. די ערשטע באַשטימטע שול פון דייטשער

מאָלעריי איז געווען אין קעלן (זינט 1360). עטוואָס שפּעטער זיינען געקומען הובערט און יאַן וואַן עיק (אַרום 1380 — 1440) אין האָלאַנד. זייער ווערק איז ליכטיק און פריש און אָנגענעם; עס איז אַזוי ווי די אילוסטראַציע פון אַ מעסע־בוך, גענומען די לופט אין די ברייטערע ראַמען פון דער געמאָלטער פּאַנעל.

אין איטאַליע איז אין דרייצנטן יאָרהונדערט געווען אַ מאָלער טשימאַבוע, דער איז געווען דער לערער פון דזשאָטאָ (1266 —1337), וואָס צייכנט זיך אויס ווי די עלטסטע מייסטער־פיגור אין דעם דאָזיקן ערשטן פּאַזיס פון דער אויפלעבונג פון קונסט. דאָס איז געווען אַ פּאַזיס, וואָס זיין העכסטער שפּיץ איז געווען פראַ אַנדזשעליקאָ דאַ פיעזאָלע (1387 — 1455), און מיט אים ענדיקט ער זיך.

און איצט הייבט זיך אָן אין איטאַליע, בפרט אין פלאָרענץ, אַ שטרענג ווויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונג מכּוח די קונסטווערק פון רעאַליסטישן כאַראַקטער. מען קאָן דאָס ניט שטאַרק גענוג אונטערשטרייכן, וואָרעם קיין זאַך ווערט ניט מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט איגנאָרירט אין די ביכער וועגן קונסט ווי דער פאַקט, אַז דער עצם מהות פון די שינויים אין קונסט און סקולפּטור, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אייראָפּע אין דעם רענעסאַנס־פּעריאָד, איז געווען דאָס וואָס מען האָט פאַרלאָזן עסטעטישע סברות צוליב וויסנשאַפטלעכע. אָנשטאָט אַ צייכענונג און מוסטער, וואָס איז פאָרמאַל, אַבסטראַקט און ליבלעך, האָט מען געזוכט אַ רעאַליטעט, וואָס איז געווען צום בעסטן דרייסט און גלענצנדיק, און אָפט גראָב און ברוטאַל. די שוואונג און קראַפט פון דעם רויען מענטשלעכן קערפּער, וואָס די סאַראַצענישע קונסט האָט דערשטיקט און די ביזאַנטישע קונסט האָט געמאַכט פאַרפרירן, האָט זיך ווידער באַוויזן אויף מויער און שטיין. לעבן איז געקומען צוריק אין דער קונסט אַריין און האָט זיך אויסגעדריקט אין טאָן און באַוועגונג. עס זיינען געוואָרן אויסגעפאָרשט און פאַרענטפערט די פּראָבלעמען פון דער פּערספּעקטיווע, און צום ערשטן מאָל האָבן מאָלערס מיט זיכערקייט גענומען אויסמעלן די טיף אויפן געמעל. אַנאַטאָמיע איז אויסגעפאָרשט געוואָרן שאַרף און בפּרוטרוט. קונסט איז אַ געוויסע צייט דורכגענומען מיט דעם חשק אויסצומעלן דעטאַלן. מען האָט געשטרעבט איבערצוגעבן די ריכטיקע פאָרשטעלונג פון

פון אַלע זאַכן: בלומען און טייערע שטיינער, פאַלבן פון געוואַנט, אָפּשפּיגלונגען אין דורכלויכטיקע אָביעקטן. מען האָט דערגרייכט צו אַ פּאַזיס פון העכסטער דעקאָראַטיווער שיינקייט און מען האָט איס איבערגעשטייגט.

מיר קאָנען דאָ ניט אָנצייכענען דעם כּסדרדיקן אימפּעט פון די דאָזיקע אויפגעוואַכטע שטרעבונגען דורך די פאַרשיידענע שולן פון די איטאַליענישע און נידער־דייטשע שטעט, ניט די קעגנזייטיקע ווירקונג פון די פלעמישע, פלאָרענטינער, אומברישע און אַנדערע גרופּעס מאָלערס. מיר קאָנען נאָר אָנרופן צווישן די מייסטערס פון 15טן יאָרהונדערט די פלאָרענטינער פיליפּאָ ליפּי, באָטיטשעלי, גירלאַנדאַיאָ, און די אומבריער סיניאָרעלי, פּערודזשינאָ און מאַנטעניאַ. מאַנטעניאַ (1431 — 1506) צייכנט זיך אוים דערמיט, וואָס אין זיין ווערק געפינט מען מער ווי אין די ווערק פון די אַנדערע בני־דור דעם אויפגעלעבטן תּמצית פון דער אַלטער קלאַסישער קונסט. דאָס בעסטע אין אים איז אַן איינפאַכע שטרענגקייט, וואָס צו איר איז קיין גלייכן ניטאָ.

מיטן 16טן יאָרהונדערט איז געקומען לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וואָס איבער זיינע וויסנשאַפטלעכע חקירות האָבן מיר שוין גערעדט. אַ קרובישער גייסט אין נירענבערג איז געווען אַלבּרעכט דירער (1471 — 1528). ווענעציאַנישע קונסט איז אויסגעוואַקסן צו דער העכסטער מדרגה מיט טיציאַן (1476? — 1576), טינטאָרעטאָ (1518 — 1594) און פּאַאָלאָ וועראָנעזע (1528 — 1588). נאָר פאַרן לעזער וואָלט דאָס האָבן גאָר אַ קליינעם באַטייט, ווען מיר זאָלן אויסרעכענען נעמען. אין אונזערע אילוסטראַציעס קאָנען מיר געבן נאָר אַ קנאַפּע באַקאַנטשאַפט מיטן כאַראַקטער פון די דאָזיקע מייסטערס און שולן. מיר קאָנען מער ניט קאָנסטאַטירן זייער אַלגעמיינע שייכות צו קונסט און לעבן, ווי אַ פאַקטאָר פון דער נייער באַציִונג צום קערפּער און צו דער חושים־וועלט. בכדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן זייער קונסט, מוז מען זיך ווענדן צו זייערע געמעלן.

קיין ענגלאַנד איז די קונסט אַריינגעקומען מיטן דייטשן מייסטער האַנס האָלביין (1497 — 1543), וואָרעם ענגלאַנד איז געווען צופע־ליק צעריסן דורכן בירגער־קריג, זי זאָל קאָנען האָבן ביי זיך וואָסער



דער פראַנצויזישער עסעיִסט מישעל עיקעם דע מאָנטיין.

מאָלעריי־שול. דאָס איז געווען נאָר אַ וויזיט. אַפילו די תקופה פון עליזאַבעט, וואָס איז אַזוי רייך אין ליטעראַטור, אַזוי פרוכפּעריק אין מו־זיק, האָט אויך ניט אַרויסגעבראַכט קיין ענגלישע מאָלעריי אָדער

סקולפטור, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן מיט דער איטאַליענישער אָדער פראַנצויזישער. מלחמות און פּאָליטישע מהומות האָבן צעטרייסלט דייטשלאַנד, אָבער דער פלעמישער אימפּולס איז איבערגעגאַנגען צו רובענסן (1577 — 1640), רעמבראַנדטן (1606 — 1669) און צו אַ גרויסער צאָל זשאַנר־און לאַנדשאַפט־מאָלערס, וואָס האָבן געשאַפן אייל־בילדער אין דעם עקסטרעמען מערב פון אייראָפּע; די דאָזיקע ווערק זיינען, אַז דעם מען זאָל קאָנען קלערן וועגן אַ באַריר אָדער אָפּשטאַם, טשיקאַווע ענלעך אין גייסט און אין סוזשעט צו עטלעכע פון די אינטערעסאַנטסטע כינעזישע ווערק. אפשר נעמט זיך די דאָזיקע ענלעכקייט פון אַ געוויסער ענלעכקייט אין די סאָציאַלע תּנאים.

זינט דעם סוף 16טן יאָרהונדערט זיינען שוין אין איטאַליע ניטאָ מער אַזעלכע גרויסע מאָלערס. די נייקייט און דער געשמאַק אין מאָלן דעם העל באַלויכטענעם מענטשלעכן קערפּער אין כלערליי פּאָזעס: איינגעצויגן, אויסגעצויגן, אין דער קרים, אויף אַ הינטער־גרונט פון מער אָדער ווייניקער לעבעדיקייט איז שוין געוואָרן אויס־געוועבט; די סוזשעטן פון דער קלאַסישער מיטאָלאָגיע פאַר די בילדער זיינען שוין געווען אין גרויסן און גאַנצן אויסגעשעפּט; די אויסמעלונג פון די פאַרשיידענע גוטע מידות און שלעכטע מידות, די קונסטן, וויסנשאַפטן, שטעט, פעלקער און אַזוי ווייטער דורך פריי אַנטבלויזטע פרויען־פיגורן אין שיינע פּאָזעס האָבן שוין אויפגע־הערט צוצוציען אָריגינעלע געמיטער, און איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער קונסט אַ ווינציקער ענערגישער טיפּ מייסטער, וואָס איז געווען צופרידן צו מאָלן בילדער, וואָס אין בעסטן פאַל האָבן זיי געזאָלט זיך אויסגלייכן מיט פריער געמאָלטע בילדער.

די אייראָפּעישע סקולפּטור, וואָס האָט געהאַט זיך אַנטוויקלט פּאַוואָליע און נאַטירלעך אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און צפון־איטאַליע פון דעם 11טן יאָרהונדערט אָן און ווייטער און וואָס האָט געהאַט אַרויס־געבראַכט אַזעלכע פיינע ווערק ווי די מלאכים אויף דער סענט שאַפּעל אין פּאַריז, די רייטער־סטאַטוע פון קאַן גראַנדע אין וועראָנאַ און די קאָלעאָני־סטאַטוע אין ווענעציע (די אַרבעט ווראָקיאָ און לעאָ־פּאַרדי), האָט זיך באַלד פאַרמאָסטן צו מאַכן אויפלעבן דעם אייגנ־טימלעכן כאַראַקטער פון די קלאַסישע סטאַטועס, וואָס זיינען אין

יענער צייט געוואָרן אויסגעגראָבן און באַוואונדערט. מיקעל אַנדזשעלאָ, פֿאַרשיכּורט מיט דער דאָזיקער באַגייסטערונג, האָט געשאַפֿן ווערק פֿון העכסטער קראַפֿט און ווערדע און אומפֿאַרגלייכלעכער מאַכט, וואָס האָט באַטויבט די שפּעטערדיקע מייסטערס, אַז זיי האָבן נאָר געפּרוווט זיי נאָכמאַכן. אין זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט די אייראָפּעיִשע מאָלעריי און סקולפּטור געהאַט דעם פּנים פֿון אַן אַטלעט, וואָס האָט זיך צופֿיל טרענירט און איז אויסגעוועבט געוואָרן; אָדער דאָס אויסזען ווי אַ רויז וואָס איז איבערגעבליט.

נאָר אַרכיטעקטור האָט זיך געהאַלטן, מחמת דער מאַטעריעלער נויטווענדיקייט, בעת ווינציקער נייטיקע קונסטן זיינען געווען דערונטער. אין משך פֿון 16טן און 17טן י״ה זיינען אין גאַנץ אייראָפּע אויסגעבויט געוואָרן פֿאַרשיידענע שיינע בנינים. מיר קאָנען אָנרופֿן נאָר דעם נאָמען פּאַלאַדיאָ (1518 — 1580), וואָס פֿון אים זיינען געבליבן אַ סך ווערק אין זיין געבוירן־שטאָט וויטשענצאַ און וואָס זיינע ביכער און לערנונג האָבן פֿאַרשפּרייט זיין באַליבטן קלאַסישן סטיל כמעט איבער אַלע אייראָפּעיִשע לענדער. ער איז געווען אַ גרויסער פֿאָנטאַן פֿון אַרכיטעקטורישע איינפֿאַלן. מיר קאָנען דאָ ניט אָנצייכענען די געפּלאָנטערטע וועגן פֿון דער אַרכיטעקטור אין דער רענעסאַנס־תקופֿה, וואָס האָט זיך געצויגן אין אַ כּסדרדיקער און נאַטירלעכער עוואָלוציע ביז צו אונזערע צייטן.

די מאָלעריי אין שפּאַניע איז ניט אויסגעוואַקסן ממש פֿון דער ערד אַרויס, ווי אין נידערלאַנד און איטאַליע. די שפּאַנישע מאָלערס פֿלעגן פֿאָרן קיין איטאַליע זיך לערנען און האָבן זייער קונסט געבראַכט אַהיים פֿון דאָרטן. נאָר אין דער ערשטער העלפֿט זיבעצנטן י״ה האָט ביי דעם איינגעשמעלטן, אָבער נאָך אַלץ רייכן שפּאַנישן הויף געבליט שפּאַנישע מאָלעריי אין דער גרויסער און אָריגינעלער פּערזענלעכקייט פֿון וועלאַסקעז (1590 — 1660). ער האָט געהאַט אַ נייע אוממיטלבאַרקייט אין זען, אַ נייע קראַפֿט אין זיין פּענזל. ער, אין איינעם מיט דעם האָלענדער רעמבראַנדט, צייכנט זיך אויס פֿון די איבעריקע מאָלערס פֿון דער רענעסאַנס אין גייסט און כאַראַקטער און גלייכט זיך אויס מיט די מעכטיקסטע ווערק פֿון שפּעטן 19טן יאָרהונדערט און פֿון אונזער צייט.

10. אַמעריקע קומט אַריין אין דער געשיכטע.

ווי מיר האָבן שוין דערציילט, איז אין יאָר 1453 געפאַלן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין משך פון אַ גאַנצן ווייטערדיקן יאָרהונדערט איז דער דרוק פון טערקיי אויף אייראָפּע געווען שווער און דויערנדיק. די גרענעץ=ליניע צווישן די מאָנגאָלן און אַריער, וואָס האָט אין פּעריקלעסעס צייטן זיך געצויגן ערגעץ אין מזרח=זייט פון סאַמיר, איז איצט דערגאַנגען ביז אונגאַרן. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַ צייט לאַנג געווען נאָר אַן אינזל פון קריסטן אויפן באַלקאַן=האַלבאינזל וואָס איז געווען אונטער דער ממשלה פון די טערקן. דער פאַל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אַ סך מיטגעווירקט איבערצורייסן דעם האַנדל מיטן מזרח.

פון די צוויי קאָנקורירנדיקע שטעט ביים מיטללענדישן ים איז וועניציע געוויינטלעך געווען אין בעסערע באַציונגען מיט טערקיי איידער גענוע. איטלעכער אינטעליגענטער גענועזער שיפער האָט זיך געערגערט איבער דעם האַנדלס=מאָנאָפּאָל פון וועניציע און האָט געזוכט צו געפינען עפּעס אַ וועג, כדי אים דורכצורייסן אָדער אַרומצוגיין. און עס זיינען געווען אויך נייע פעלקער, וואָס האָבן זיך גענומען פאַרן ים=האַנדל און וואָס האָבן געמוזט זוכן נייע וועגן צו די אַלטע מערק, מחמת די אַלטע וועגן זיינען געווען פאַרמאַכט.

למשל, די פּאָרטוגעזן האָבן אַנטוויקלט אַ האַנדל פּאַזע די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער אַטלאַנטישער אָקעאַן האָט געהאַלטן אין אויפכאַפּן זיך נאָך אַ לאַנגן פעריאָד פון פאַרלאָזנקייט, וואָס הייבט זיך אָן, זינט די רוימער האָבן חרוב געמאַכט קאַרטאַגאָ. עס איז ניט קיין גרינגע פראַגע צו באַשיידן, צי זיינען די מערב=איירָאָפּעער אַליין אַריינגעדרונגען אין אַטלאַנטישן ים אָדער זיי זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן אַהין דורך די טערקן, וואָס האָבן געוועלטיקט איבערן מיטללענדישן ים ביז צו דער שלאַכט פון לעפּאַנטאָ (1571). די וועניציאַנער און גענועזער שיפן זיינען געשוואומען ביז קיין אַנטווערפּן, און די ים=לייט פון די האַנזאַ=שטעט פלעגן קומען קיין דרום און אויסברייטערן זייער פאַר=קרייז. די ים=פאָרערײ און דער שיף=בוי האָבן זיך היפּש אַנטוויקלט. דער מיטללענדישער ים איז געווען אַ ים פאַר גאַלערעס און פאַר ברעג=שיפעריי. נאָר אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן

און אויפן צפון ים זיינען די ווינטן שטאַרקער, די כוואַליעס גרעסער, און דער ברעג איז אָפט מער אַ סכּנה, איידער אַ שוץ. אויף די דאָזיקע ימים האָט זיך בעסער געפּאַסט די זעגל-שיף, און אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט באַווייזט זיך טאַקע די זעגל-שיף, וואָס געפינט איר קורס לויטן קאָמפּאַס און לויט די שטערן.

אין דרייצנטן יאָרהונדערט פלעגן די האַנזאַ-סוחרים שוין זעגלען רעגולער פון בערגען דורך די גראָע קאַלטע ים-וואַסערן צו די נאָרמאַנען אין איסלאַנד. אין איסלאַנד האָבן די מענטשן געוואוסט וועגן גרענלאַנד, און אַוואַנטוריסטישע רייזנדערס האָבן שוין לאַנג געהאַט געפונען נאָך אַ ווייטער לאַנד אויף יענער זייט גרענלאַנד, ווינלאַנד, וואו דער קלימאַט איז געווען אָנגענעם און וואו מענטשן וואָלטן געקאָנט זיך באַזעצן, אויב זיי וואָלטן געוואָלט זיך אָפּרייסן פון דער איבעריקער מענטשהייט. דאָס דאָזיקע ווינלאַנד איז געווען אָדער נאָוואַ סקאָטיאַ אָדער, וואָס עס לייגט זיך מער אויפן שכל, ניו-ענגלאַנד.

אין גאַנץ אייראָפּע האָבן סוחרים און שיפערס געהאַלטן אין איין קלערן וועגן נייע וועגן קיין מזרח. די פּאָרטוגעזן, וואָס האָבן **נישט געוואוסט, אַז פּרעה נכו האָט שוין מיט דורות צוריק פאַרענטפערט** די פּראָבלעם, האָבן געזוכט, צי איז נישט מעגלעך צוצוקומען קיין אינדיע דורך אַרומשיפן אַפריקע. זייערע שיפן זיינען געשוואומען (1545) איבער דעם זעלביקן וועג וואָס האַנאָן ביז קיין קאַפּ ווערדע (דעם גרינעם ברעג-שפּיץ). זיי האָבן זיך געווענדט אין ים אַריין קיין מערב און האָבן געפונען די קאַנאַרישע אינזלען, מאַדייראַ און די אַזאָרן. דאָס איז געווען אַ היפּש לאַנגער שפּאַציר אַרויס אין אַנטלאַנטישן אָקעאַן. פאַר די פּאָרטוגעזן, זאָגט סער האַרי דזשאָנסטאָן, פלעגן שוין אַמאָל אַרויספאָרן אין 13טן, 14טן און אָנהייב 15טן י"ה אין די מזרח-טיילן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין צום מערבדיקן ברעג פון אַפריקע די נאָרמאַנען, קאַטאַלאָניער און גענועזער. נאָר אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט איז געוואַקסן די אַקטיוויטעט פון די פּאָרטוגעזן, און זיי האָבן אַריבערגעשטייגט אַלע איבעריקע, און זיי האָבן דאָס, בכל אופן, פאַרפיקסירט די אַנטדעקונגען, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען נאָר אומבאַשטימטע און צופעליקע באַזוכן. זיי זיינען געווען די פּיאָנערן פון ים-פאָרערישער אַסטראָנאָמיע. אין יאָר 1486 האָט אַ

פּאָרטוגעזער, באַרטאָלאָמעו דיאַז, געמאָלדן, אַז ער איז אַרומגע-
שוואומען דעם דרום פון אַפריקע. אַזוי אַרום האָט זיך געעפנט דער
וועג פאַר דער גרויסער אונטערנעמונג פון וואַסקאָ דאַ גאַמאַ מיט עלף



וויליאַם שעקספיר, לויט דעם פּאָרטרעט, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין
דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע דראַמאַטישע ווערק אין יאָר 1623.

יאָר שפּעטער. די פּאָרטוגעזן האָבן געמאַכט זייער וועג קיין מזרח פריער,
איידער די שפּאַניער זיינען געקומען קיין מערב.

אַ גענועזער, קריסטאָפער קאָלומבוס, האָט גענומען קלערן
וועגן אַן אונטערנעמונג, וואָס ביי היינטיקן טאָג איז זי אַ וואָכעדיקע

זאַך, נאָר אין 15טן יאָרהונדערט האָט זי געמוזט שטאַרק פֿאַרחידושן די פֿאַנטאַזיע: דאָס איז געווען אַ נסיעה דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן קיין מערבֿ. אין יענער צייט האָט קיין מענטש ניט געוואוסט וועגן דעם, אַז עס עקסיסטירט אַמעריקע ווי אַ באַזונדער קאָנטינענט. קאָלומבוס האָט געוואוסט, אַז די ערד איז אַ קיילעך, ער האָט אָבער ניט דערשאַצט איר גרייס: די רייזע־באַשרייבונג פֿון מאַרקאָ פּאָלאָ האָט אים געגעבן אַ גוזמאדיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם אויסשפּרייט פֿון אַזיע, און ער האָט משער געווען, אַז יאַפּאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט איר רייכקייט און גאָלד, באַדאַרף ליגן אַן ערך אין דעם אָרט וואו עס געפֿינט זיך מעקסיקע. ער האָט געהאַט געמאַכט פֿאַרשיידענע נסיעות איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן. ער איז געווען געקומען ביז קיין איסלאַנד און האָט אפֿשר געהערט וועגן ווינלאַנד, וואָס דאָס האָט געמוזט אים צוגעבן פֿרישן מוט צוליב זיינע פּלענער, און דער פּראָיעקט אַריבערצוזעגלען קיין מערבֿ איז געוואָרן דער הויפּט־צוועק פֿון זיין לעבן.

ער איז געווען אַן אָרעמאַן, טייל באַריכטן זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אָנזעצער, און זיין איינציקער וועג צו קריגן אַ שיף איז געווען צו קריגן עמעצן, וואָס זאָל אים אָנגעטרויען די קאָמאַנדע איבער אַ שיף. ער איז געקומען צוערשט צום קיניג יאָהאַן II פֿון פּאָרטוגאַל, וואָס האָט אים אויסגעהערט, געשטעלט פֿאַרשיידענע קשיות און דערנאָך אָרגאַניזירט אַן עקספּעדיציע אָן קאָלומבוסעס וויסן, אַ ריין פּאָרטוגעזישע עקספּעדיציע. דער דאָזיקער העכסטער דיפּלאָמאַטישער פּרווו אַרויסצוגנבֿענען אַן איינפֿאַל ביי אַן אָריגינעלן מענטשן האָט געליטן אַ מפּלה, און עס האָט טאַקע באַדאַרפֿט דורכפֿאַלן: די מאַנשאַפֿט האָט זיך צעבונטעוועט, דער קאַפּיטאַן האָט פֿאַרלאָרן זיין מוט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים (1483). דעמאָלט איז קאָלומבוס אַוועק צום הויף פֿון שפּאַניע.

צוערשט האָט ער ניט געקאָנט קריגן ניט קיין שיף און ניט קיין מיטלען. שפּאַניע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אָנפֿאַלן אויף גרענאַדע, דעם לעצטן אָנהאַלט פֿון די מוסלימס אין מערבֿ־איירָאָפּע. דעם גרעסטן טייל פֿון שפּאַניע האָבן די קריסטן געהאַט איינגענומען צווישן עלפֿטן און דרייצנטן יאָרהונדערט. דערנאָך איז גע־

קומען אַ הפסקה. און איצט האָט גאָר די קריסטלעכע שפּאַניע, פאַראייניקט דורכן שידוך צווישן פערדינאַנד פון אַראַגאָן מיט איזאַבעלאַ פון קאַסטיליע, זיך פירגענומען צו פאַרענדיקן די קריסטלעכע באַצווינגונג. פאַריאושט אין דער הילף פון שפּאַניע, האָט קאָלומבוס געשיקט זיין ברודער באַרטאָלאָמעאָ צום קיניג הענריך VII פון ענגלאַנד, נאָר די אונטערנעמונג האָט ניט צוגעצויגן דעם דאָזיקן פאָרזיכטיקן מאָנאַרך. צולעצט, אין יאָר 1492, איז גרענאַדע געפאַלן — אַ שטיקל קאָמפּענסאַציע דעם קריסטנטום פאַרן אָנווער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט פופציק יאָר צוריק. ערשט דעמאָלט האָט קאָלומבוס, מיט דער הילף פון עטלעכע סוחרים פון דער שטאָט פּאַלאָס, געקראָגן זיינע שיפן — דריי שיפן, וואָס נאָר איינע פון זיי, די „סאַנטאַ מאַריאַ“, מיט 100 טאָן באַלאָדונג, איז געווען באַדעקט; די איבעריקע צוויי זיינען געווען ניט געדעקטע שיפלעך פון אַ העלפט טאָנאַזש.

די קליינע עקספּעדיציע — זי האָט געציילט אַרום און אַרום אַכט=און=אַכציק מענטשן! — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט קיין דרום=זייט ביז צו די קאַנאַרישע אינזלען און דערנאָך האָט זי זיך געלאָזן שווימען גלייך קיין מערב דורך אומבאַקאַנטע וואַסערן, ביי אַ שיינעם צושטאַנד פון ים און אַ גינסטיקן ווינט.

די געשיכטע פון אָט דער מערקווערדיקער רייזע פון צוויי חדשים מיט ניין טעג באַדאַרף מען לייענען מיט די פּרטים, בכדי זי אָפּצושאַצן ווי געהעריק. די מאַנשאַפט איז געווען פול מיט ספקות און פחדים; זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אַזוי מוזן פאָרן אייביק. זיי זיינען געוואָרן געטרייסט און געשטאַרקט, אַז זיי האָבן דערזען פייגלען פליען, און שפּעטער אַז זיי האָבן געפונען אַ פלאָקן, וואָס איז קענטיק געווען באַאַרבעט פון מענטשישע הענט, און אַ צווייג מיט מאָדנע יאַגדעס. צען אַ זייגער אין דער נאַכט פון 11טן אָקטאָבער 1492 האָט קאָלומבוס דערזען אַ שיין פאַר זיך; אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מען דערזען יבשה. קאָלומבוס איז צוגעשטאַנען צום ברעג פון אַ נייער וועלט, רייך פאַרפּוצט און מיט דער קיניגלעכער שפּאַנישער פאָן אין דער האַנט.

אָנהייב 1493 האָט קאָלומבוס זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע. ער האָט געבראַכט גאָלד, באַוול, אויסטערלישע חיות און פייגלען

און צוויי ווילד־אויגיקע באַמאָלטע אינדיאַנער, וואָס מען האָט זיי באַדאַרפט טויפן. ער האָט געהאַט געפונען, האָט מען געמיינט, ניט יאַפּאַן, נאָר אינדיע. די אינזלען, וואָס ער האָט געפונען, זיינען דער־פאַר אָנגערופן געוואָרן מערב־אינדיע. דאָס זעלביקע יאָר האָט ער ווידער אַמאָל אָפּגעזעגלט מיט אַ גרויסער עקספּעדיציע פון זיבעצן שיפן מיט פופצן הונדערט מאַן, מיט דער בפירושער דערלויבעניש פון פויפּס צו פאַרנעמען די דאָזיקע לענדער פאַר דער שפּאַנישער קרוין.

מיר קאָנען דאָ ניט דערציילן, וואָס האָט ער אויפגעטאָן ווי אַ גובערנאַטאָר פון דער דאָזיקער שפּאַנישער קאָלאָניע, און אויך ניט, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַראָפּגעזעצט און געשמידט אין קייטן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַ גאַנצע מחנה שפּאַנישע אַוואַנטוריסטן גענומען זיך אויספאָרשן די נייע לענדער. נאָר עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז קאָלומבוס איז געשטאָרבן און האָט ניט געוואוסט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם קאָנטינענט. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער געמיינט, אַז ער איז אַרומגעזעגלט די וועלט ביז קיין אַזיע.

די בשורה וועגן זיין אַנטדעקונג האָט גורם געווען צו אַ גרויסער אויפרעגונג אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. זי האָט אָנגעטריבן די פּאָרטוגעזן צו באַנייען די פּרוּוון צו דערגרייכן קיין אינדיע איבער דרום־אַפריקע. אין יאָר 1497 איז וואַסקאָ דאַ גאַמאַ אָפּגעזעגלט פון ליסאַבאָן קיין זאַנזיבאַר, און פון דאָרט האָט ער, מיט אַן אַראַבישן לאָצמאַן, דורכגעקרייצט דעם אינדישן אָקעאַן ביז קיין קאַלקוטע אין אינדיע.

אין יאָר 1515 זיינען פּאָרטוגעזישע שיפן געווען אין יאַוואַ און אויף די מאָלוקן־אינזלען. 1519 איז אַ פּאָרטוגעזישער שיפער, וואָס איז געווען אין הינסט פון שפּאַנישן קיניג, אַרומגעשוואומען דרום־אַמעריקע פּאַזע די ברעגעס און איז דורכגעשוואומען דעם טונקעלן און געפערלעכן „מאַגעלאַן דורכגוס“ און איז אַזוי אַרום אַריינגעקומען אין שטילן אָקעאַן, וואָס צו אים האָבן אויך געהאַט דערגרייכט שפּאַנישע אויספאָרשערס, וואָס זיינען אַריבער דעם פּאַנאַמע־ערד־פּאַס.

מאַגעלאַנס עקספּעדיציע איז געגאַנגען ווייטער דורך דעם שטילן אָקעאַן קיין מערב. דאָס איז געווען אַ סך אַ העלדישערע רייזע ווי קאָלומבוסעס. וואָרעם אַ כ ט און צ ו ו א נ צ י ק טעג איז מאַגעלאַן גע־

זעגלט אָן אָפּשטעל איבער דעם פּוסטן און וויסטן אָקעאַן, ניט
געזען גאָרנישט, חוץ צוויי וויסטע אינזלען. די מאַנשאַפט איז געווען
קראַנק מיט סקאָרבוט; געווען ווינציק וואַסער און נאָר שלעכטע, פוילע
סוכאַרעס צום עסן. מען האָט געכאַפּט שטשורעס, מען האָט געגריי=
זשעט קו=פעל און מען האָט געשלונגען זעג=שפּענער, בכדי צו
שטילן די הונגער=פּיין.

אין דעם צושטאַנד האָט די עקספּעדיציע דערגרייכט צו די לאַנ=
דראָנען. זיי האָבן דערגרייכט ביז צו די פיליפינען, און דאָ איז מאַ=
געלאַן דערהרגעט געוואָרן אין אַ געשלעג מיט די אײַנגעבאָרענע. עטלעכע
קאַפּיטאַנען זיינען דערהרגעט געוואָרן פון די אייגענע מענטשן. אָפּ=
געפאָרן פון דער היים איז מאַגעלאַן אין אַווגוסט 1519 מיט פינף
שיפן און 280 מאַן; אין יולי 1522 איז די „וויטטאָריאַ“, מיט אַ
רעשט פון 31 מאַן, געקומען צוריק אין אַטלאַנטישן אָקעאַן אַריין
און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים מאָל פון סעווילאַ, אין טייך
גוואַדאַלקוויוויר — די ערשטע שיף וואָס איז אַרומגעשוואומען אונ=
זער פּלאַנעטע.

די ענגלענדער, פראַנצויזן, האָלענדער און די שיפערס פון
דער האַנזאַ האָבן ערשט שפּעטער גענומען זיך פאַר די אַנטדעקונגען.
זיי האָבן ניט געהאַט דעם זעלביקן שאַרפן אינטערעס אין דעם
מזרח=האַנדל. און אַז זיי זיינען געקומען, זיינען זייערע ערשטע אָנ=
שטרענגונגען געווען געווענדט אַרומצושווימען אַרום צפון=אַמעריקע,
אַזוי ווי מאַגעלאַן האָט אַרומגעזעגלט די ערד פון דרום זייט, און צו
שווימען אַרום צפון=אַזיע, אַזוי ווי וואַסקאָ דאַ גאַמאַ איז אַרומגע=
שוואומען אַרום דרום=אַפריקע. נאָר די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן
לכתחילה געמוזט דורכפאַלן מחמת דער נאַטור פון דער זאַך. סיי אין
אַמעריקע און סיי אין מזרח זיינען שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געקומען
מיט אַ יאָרהונדערט פריער, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך.

און דייטשלאַנד איז גאָר קיין מאָל ניט אַריין אין קאָן. דער קיניג
פון שפּאַניע איז אין יענע קריטישע יאָרן געווען דער קיסר פון דייטש=
לאַנד, און דער פּויפּס האָט געהאַט אָפּגעגעבן דעם מאָנאָפּאָל אויף
אַמעריקע צו שפּאַניע, און ניט סתם שפּאַניע, נאָר דעם קיניגרייך
קאַסטיליע. דאָס האָט געמוזט פון לכתחילה אָן אָפּהאַלטן סיי דייטש=

לאַנד און סיי האָלאַנד פון צו קומען קיין אַמעריקע. די האַנזאַ־שטעט זיינען געווען כמו־אומאָפּהענגיק; זיי האָבן ניט געהאַט הינטער זיך קיין מאָנאַרך, וואָס זאָל זיי אונטערהאַלטן, און אַליין צווישן זיך זיינען זיי ניט געווען גענוג פאַראייניקט צוליב אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג, ווי אַן אויספאָרשונג אויף יענער זייט אָקעאַן. עס איז געווען דאָס אומגליק פון דייטשלאַנד, און אפשר אויך פון דער וועלט, וואָס, ווי מיר וועלן באַלד דערציילן, אַ מלחמה האָט זי גראָד אויסגעמאַטערט אין דער צייט, וואָס די מערבדיקע מלוכות זיינען אַוועק אין די ניי געעפנטע שולן פון האַנדל און אַדמיניסטראַציע אין די ווייטע ימים.

פּאַוואָליע האָט אין משך פון 16טן יאָרהונדערט זיך אויפגעדעקט פאַר די פאַרחידושטע אויגן פון אייראָפּע די געוואַלדיקע עשירות פון קאַסטיליע. זי האָט געהאַט געפונען אַ נייע וועלט, רייך מיט גאָלד און מיט זילבער און מיט וואונדערפולע מעגלעכקייטן פון אַ ישוב. אַליץ איז געווען אירס, ווייל דער פויפס האָט עס געהאַט איר אַוועקגעגעבן. דער רוימישער הויף האָט אין אַן אָנפאַל פון גרויסמוט צעטיילט די דאָזיקע נייע וועלט פון אויסטערלישע לענדער, וואָס האָט זיך איצט געעפנט פאַר דער אייראָפּעישער פאַנטאַזיע, צווישן די שפּאַניער, וואָס צו זיי האָט באַדאַרפט געהערן אַלצדינג אין מזרח־זייט פון אַ ליניע 370 מייל מערבדיק פון די קאַפּ־ווערדע־אינזלען, און די פּאָרטוגעזן, וואָס צו זיי האָט געהערט אַליץ מזרחדיק פון דער דאָזיקער ליניע.

צוערשט זיינען די איינציקע פעלקער, וואָס די שפּאַניער האָבן באַגעגנט אין אַמעריקע, געווען ווילדע פון אַ מאָנגאָלאָידן טיפּ. אַ כך פון די ווילדע זיינען געווען מענטשן־פרעסערס. עס איז געווען אַן אומגליק פאַר דער וויסנשאַפט, וואָס די ערשטע אייראָפּעער וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע זיינען געווען שפּאַניער, וואָס האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט, חוץ מיט גאָלד, אָן אַ שום טעם פאַר וויסנשאַפט, פול מיט דער בלינדער פרומקייט פון אַן אָקאָרשט דורכגעמאַכטן רעליגיעזן קריג. זיי האָבן גאָר ווייניק זיך צוגעקוקט צום שטייגער לעבן און צו די געדאַנקען פון יענע פרימיטיווע מענטשן. זיי האָבן זיי געקוילעט, זיי האָבן זיי באַרויבט, זיי האָבן זיי פאַרשקלאַפט און זיי האָבן זיי געטויפט. נאָר זיי

האָבּן גאָר ווינציק פאַרצייכנט פון זייערע מנהגים און מאָטיוון, וואָס האָבּן זיך איצט אומגעבּיטן און זיינען פאַרשוואונדן אונטער דעם שפּאַנישן אָנפאַל. זיי זיינען געווען פונקט אַזוי צעשטערעריש און לייכטזיניק ווי די ערשטע בּריטישע קאָלאָניסטן אין טאַסמאַניע, וואָס האָבּן צעשאָסן אַלע פּאַלעאָליטישע מענטשן, וואָס האָבּן זיך דאָרט נאָך געפונען, און האָבּן אויסגעשטעלט פאַר זיי פאַרסמטע שפּייז.

גרויסע שטחים פון דער אינעווייניקסטער אַמעריקע זיינען געווען פּרעריע-לאַנד, וואו נאָמאַדישע שבטים האָבּן געצויגן זייער חיונה פון

אַן אַלעגאָריש בּילד „דער אָנקום פון פרילינג“ פון פלאָרענטינער מאָלער אַלעסאַנדראָ בּאָטיטשעלי. איצט אין דער אַקאַדעמיע אין פלאָרענץ.

גרויסע סטאַדעס פון די איצט פּאַקטיש פאַרשוואונדענע בּיזאָנעס. אין זייער שטייגער לעבּן, אין זייערע בּאַמאָלטע קליידער און אין זייער פרייען בּאַנוץ פון מאָלעריי, אין זייער אַלגעמיינעם פיזישן כאַראַקטער האָבּן די דאָזיקע אינדיאַנער פון די פּרעריעס אַרויסגעוויזן מערקווערדיקע ענלעכקייטן צו די שפּעט-פּאַלעאָליטישע מענטשן פון דער סאָליטרע-צייט אין איראָפּע. נאָר זיי האָבּן קיין פערד ניט געהאַט. זיי האָבּן, ווייזט אויס, זיך ניט געהאַט שטאַרק אַרוק געטאָן פון יענעם פּרימי-

טיוון צושטאַנד, וואָס אין אים זיינען מסתמא זייערע עלטער-זיידעס אָנגעקומען קיין אַמעריקע. נאָר זיי האָבן געוואוסט פון מעטאַלן, בפרט האָבן זיי גענוצט קופער וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע, אָבער ניט קיין אַייזן.

אַז די שפּאַניער זיינען אַריינגעדרונגען טיפער אין קאָנטינענט, האָבן זיי געפונען און זיינען אָנגעפאַלן און אויסגערויבט און חרוב געמאַכט צוויי באַזונדערע ציוויליזאַציע-סיסטעמען, וואָס האָבן זיך געהאַט אַנטוויקלט אין אַמעריקע, אפשר גאָר אומאָפּהענגיק פון די ציוויליזירטע סיסטעמען פון דער אַלטער וועלט. איינע פון זיי איז געווען די אַצ-טעקישע סיסטעם אין מעקסיקע, די אַנדערע פון פּערו. זיי זיינען אפשר אַרויסגעקומען פון דער נעאָליטישער אונטער-ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעשפּרייט איבער דעם שטילן אָקעאַן, אינזל פאַר אינזל, טראָט פאַר טראָט, דור נאָך דור, פון איר אָפּשטאַם-געביט אַרום דעם מיטללענדישן ים. מיר האָבן שוין פאַרצייכנט איינעם אָדער צוויי אינטערעסאַנטע פונקטן אין דער דאָזיקער איינהייטלעכער אַנט-וויקלונג. זיי זיינען געווען אויף טויזנטער יאָרן אָפּגעשטאַנען פון דעם מזרח און פון דעם מיטללענדישן באַסיין. גייענדיק אין אַן אייגענער ריכטונג, האָבן די דאָזיקע ציוויליזירטע פעלקער פון אַמעריקע געהאַט דערגרייכט צו אַ צושטאַנד, וואָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן פּאַראַלעל מיט דער קולטור פון דער פאַר-דינאַסטישער עגיפּטן אָדער פון די עלטסטע שומערישע שטעט. פאַר די אַצטעקן און פּערואַנער זיי-נען דאָרט געווען נאָך עלטערע התחלות פון ציוויליזאַציע, וואָס אָדער די שפּעטערדיקע מענטשן האָבן זיי חרוב געמאַכט, אָדער זיי זיינען פון זיך אַליין געפאַלן.

די אַצטעקן זיינען געווען, ווייזט אויס, אַ ווינציקער ציוויליזירט באַצווינגער-פאָלק, וואָס האָט געוועלטיקט איבער אַ מער ציוויליזירטער געמיינשאַפט, פונקט ווי די אַריער האָבן געוועלטיקט איבער גריכנלאַנד און צפון-אינדיע. זייער רעליגיע איז געווען אַ פּרימיטיווע געדרייטע און אכזריותדיקע סיסטעם, וואָס אין איר האָבן מענטשלעכע קרבנות און צערעמאָניעלע מענטשן-פרעסעריי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. זייערע נשמות זיינען געווען פאַרכאַפּט מיטן געדאַנק פון זינד און מיט דער נייטיקייט פון בלוטיקע כפרות. זייער רעליגיע איז געווען ווי אַן

אימהדיקע און פולע קאַריקאַטור פון דער פרימיטיווער קרבן־רעליגיע פון דער אַלטער וועלט.

די אַצטעקישע ציוויליזאַציע איז געוואָרן געשטערט דורך אַן עקספּעדיציע אונטער קאָרטעס. ער האָט געהאַט עלף שיפן, 400 אייראָפּער, 200 אינדיאַנער, 16 פערד און 14 האַרמאַטן. נאָך אין יוקאַטאַן האָט ער געפונען אַ בלאָנדזשענדיקן שפּאַניער, וואָס איז עטלעכע יאָר געווען געפאַנגען ביי די אינדיאַנער און האָט זיך געהאַט מער וויניקער אויסגעלערנט פאַרשיידענע אינדיאַנישע שפּראַכן; פון אָט דעם מענטשן איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אַ סך פון די אונטער־טאַנען פון די אַצטעקן זיינען שטאַרק ניט צופרידן מיט זייער אייבער־הערשאַפט. אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע אומצופרידענע איז קאָרטעס אַריבער איבער די בערג און איז אַריינגעדרונגען אין טאָל פון מעקסיקאָ (1519).

ווי אַזוי ער איז אַריין אין מעקסיקאָ, ווי אַזוי דער דאָרטיקער קריגס־הויפּטמאַן, מאָנטעזומאַ, איז געוואָרן דערהרגעט דורך זיין אייגענעם פאָלק, ווייל ער האָט באַגינסטיקט די שפּאַניער, ווי אַזוי קאָרטעס איז געוואָרן באַלעגערט אין מעקסיקאָ און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אָנווער פון זיינע פערד און האַרמאַטן, און ווי אַזוי ער איז נאָך אַ שרעקלעכן צוריקטריט צום ברעג געווען אין שטאַנד זיך אומ־צוקערן און אונטערטעניק צו מאַכן דאָס גאַנצע לאַנד, — דאָס איז אַ ראָמאַנטישע און מאָלערישע געשיכטע, וואָס מיר קאָנען אַפילו ניט פּרווון דאָ דערציילן. די באַפעלקערונג פון מעקסיקאָ איז ביי היינטיקן טאָג אין גרויסן און גאַנצן אַן איינגעבאָרענע לויטן בלוט, נאָר שפּאַניש האָט פאַרביטן די אָרטיקע שפּראַך, און וויפיל קולטור עס איז פאַראַן, איז זי קאַטוילִיש און שפּאַניש.

די נאָך מער־טשיקאַווע פּערואַנישע מלוכה איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ צווייטן אַוואַנטוריסט, פּיזאַרראָ. ער איז אָפּגעזעגלט פון דעם פּאַנאַמע־ערד־פּאַס אין יאָר 1530 מיט אַן עקספּעדיציע פון 168 שפּאַניער. פּונקט ווי קאָרטעס אין מעקסיקאָ, האָט ער אויסגענוצט די קריגערייען פון די איינגעבאָרענע, צו פאַרזיכערן די ממשלה איבער דער פאַרמשפּטער מלוכה. פּונקט ווי קאָרטעס, וואָס האָט געמאַכט מאָנטעזומאַ פאַר אַ געפאַנגענעם און פאַר אַ געצייג, אַזוי האָט פּי־

זאַראָ פאַרכאַפּט דעם אינקאַ פון פּערו דורך בגידה און האָט געפּרוּווט רעגירן אין זיין נאָמען.

דאָ קאָנען מיר ווידער זיך ניט אַריינטאָן אין דעם פּלאָנטער פון די ווייטערדיקע געשעענישן, ווי אַזוי די איינגעבאָרענע האָבן געמאַכט אויפשטאַנדן און זיי האָבן זיך ניט איינגעגעבן, ווי אַזוי עס זיינען אָנגעקומען שפּאַנישע פאַרשטאַרקונגען פון מעקסיקאָ און די מלוכה איז געוואָרן סוף־כל־סוף אַ שפּאַנישע פּראָווינץ. אויך קאָנען מיר ניט דערציילן קיין סך מער וועגן דעם, ווי אַזוי שפּאַנישע אוואַנטוריסטן האָבן זיך גיך אויסגעשפּרייט איבער די איבעריקע טיילן פון אַמעריקע חוץ בראַזיליע, וואָס איז געבליבן אין דער מאַכט פון די פּאָרטוגעזן. אין אָנהייב איז כמעט איטלעכע געשיכטע די געשיכטע פון אַוואַנטורעס און פון אכזריות און רויבערייען. די שפּאַניער זיינען זיך שלעכט באַגאַנגען מיט די איינגעבאָרענע, זיי האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך, עס האָבן געדויערט חדשים און יאָרן, ביז געזעץ און אָרדענונג פון שפּאַניע פלעגט צו זיי גרייכן. מער ניט גאָר פּאַמעלעך פלעגט דער פּאַזיס פון איבערגעוואַלד און באַצווינגונג איבערגיין אין אַ פּאַזיס פון רעגירונג און ישוב. נאָר אַ צייט פריער, איידער עס איז געוואָרן אָרדענונג אין אַמעריקע, האָט אַ שטענדיקער שטראָם פון גאָלד און זילבער גענומען פליסן איבער דעם אַטלאַנטישן ים צו דער שפּאַנישער רעגירונג און צום שפּאַנישן פאָלק.

נאָך די ערשטע יאָגענישן נאָך אוצרות און רויבערייען איבער דער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט אין פּלאַנטאַציעס און אין בערג־גרובן. דעמאָלט איז אויפגעקומען די ערשטע שווערקייט אין דער נייער וועלט מכוח אַרבעטער. צוערשט זיינען די אינדיאַנער געוואָרן פאַרשקלאַפּט מיט אַ סך אכזריות און אומרעכט; נאָר צום כבוד פון די שפּאַניער דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס איז ניט אַזוי גלאַט אַראָפּגעגאַנגען. עס האָבן זיך געפונען באַשיצער, און מעכטיקע באַשיצער, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די איינגעבאָרענע, דאָס זיינען געווען דער דאָמיניקאַנער־אָרדן און דער גייסטלעכער לאַס קאַזאַס, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיקל צייט אַ פּלאַנטאַטאָר און אַ שקלאַפן־איינגנטימער אויף קובאַ, ביז זיין געוויסן האָט אים אָנגערירט. גאַנץ פרי אין 16טן יאָרהונדערט האָט מען אויך אָנגעהויבן אַריינפירן

נעגער־שקלאַפֿן פֿון מערבֿ־אַפֿריקע. נאָך אַ שטיקל רעגרעס האָבן מעקסיקאָ, בראַזיליע און שפּאַנישע דרום־אַמעריקע אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען צו גרויסע מדינות, מיט אַ פֿולע שקלאַפֿן, וואָס ברענגען אַרויס גרויסע רייכטימער.

מיר קאָנען דאָ ניט דערציילן, ווי עס וואָלט זיך אונז דאָ געוואָלט, וועגן דער שיינער ציוויליזאַציע־אַרבעט, וואָס עס האָבן אָפּגעטאָן אין דרום־אַמעריקע, בפֿרט צווישן די אײַנגעבאָרענע, די פֿראַנציסקאַנער, און דערנאָך די יעזויטן, וואָס זײַנען געקומען קיין אַמעריקע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט (נאָך 1549).

אַזוי איז שפּאַניע צײַטווײַליק אויסגעוואַקסן צו מאַכט און באַדײַטונג אין דער וועלט. עס איז געווען אַ זייער פּלוצימדיקער און אַ זייער מערקווערדיקער אויסוואַקס. זינט דעם עלפֿטן יאָרהונדערט איז דער דאָזיקער אומפּרוכפּעריקער און בערגיקער האַלבֿ אינזל געווען צעטיילט, זײַן קריסטלעכע באַפֿעלקערונג האָט געפֿירט אַ בסדרדיקע מלחמה מיט די מאַורן. דערנאָך האָט זיך גראָד געמאַכט דער צופֿאַל, אַז גענוי אין דעם מאָמענט, ווען ער איז געוואָרן פֿאַראייניקט, האָט ער געקאָנט אויסנוצן די בענטשונג, וואָס עס האָט געבראַכט די אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע. פֿריער איז שפּאַניע שטענדיק געווען אַן אָרעם לאַנד; זי איז אויך הײַנט אַן אָרעם לאַנד; כּמעט איר איינציקער רײַכטום ליגט אין די בערג־גרובן. אָבער אין משך פֿון אַ יאָרהונדערט האָט זי, מחמת דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם גאָלד און זילבער פֿון אַמעריקע, געוועלטיקט איבער דער וועלט.

דער מזרח און דער צענטער פֿון אייראָפּע זײַנען נאָך געווען באַשאָטנט דורך די טערקן און מאָנגאָלן. די אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע איז פֿאַר זיך געווען אַ רעזולטאַט פֿון די טערקישע באַצווינגונגען. דער הפֿלאדיקער אויפֿבלײַך פֿון דער גײַסטיקער, פֿיזישער און סאָציאַלער ענערגיע אין דעם „אַטלאַנטישן קראַנץ“ האָט געהאַט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען די מאָנגאָלישע דערפֿינדונגען פֿון קאָמפּאַס און פּאַפּיר און דעם שטופּ, וואָס עס האָבן געגעבן די רייזעס אין אַזיע און די וואַקסנדיקע ידיעות וועגן דער רײַכקייט און ציוויליזאַציע פֿון מזרח־

אַזיע. באַלד נאָך דער אויפוואַכונג פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען געקומען פראַנקרייך און ענגלאַנד, און דערנאָך האָלאַנד, וואָס איטלעכע פון זיי האָט אויסגעשפּרייט איר ממשלה איבער די ווייטע לענדער אויף יענער זייט ים.

דער צענטער פון דעם אינטערעס פאַר אייראָפּעישער געשיכטע, וואָס איז אַמאָל געלעגן אין דעם לעוואַנט, רוקט זיך איצט אַריבער פון די אַלפּן און דעם מיטללענדישן ים צו די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערט ווערן די טערקישע אימפּעריע, רוסלאַנד און צענטראַל־אַזיע און כינע לפי־ערך ווינציק באַלויכטן פון די אייראָפּעישע היסטאָריקער. פונדעסטוועגן בלייבן דאָך די דאָזיקע צענטראַל־געביטן פון דער ערד צענטראַל, און זייער וואוילזיין און זייער אָנטייל איז נויטווענדיק צוליב דעם שטענדיקן שלום פון דער מענטשהייט.

---

11. וואָס מאַקיאַוועלי האָט געקלערט וועגן דער וועלט.

איצט לאָמיר באַטראַכטן די פּאָליטישע פּועל־יוצאס פון דער דאָזיקער גרויסער אויסשפּרייטונג פון די אייראָפּעישע אידעעס אין 14טן און 15טן יאָרהונדערט מיט דער נייער אַנטוויקלונג פון װיסנשאַפט, מיט דער אויספאָרשונג פון דער וועלט, מיט דער גרויסער פאַרשפּרייטונג פון וויסן דורך פּאַפּיר און דרוק און מיט דעם וואַקסן פון אַ נייער שטרעבונג צו פרייהייט און גלייכהייט. ווי האָט דאָס געווירקט אויף דער מענטאַליטעט פון די הויפן און מלכים, וואָס האָבן געפירט די אויסוויייניקסטע ענינים פון דער מענטשהייט? מיר האָבן שוין געוויזן, ווי אַזוי די מאַכט פון דער קאַטוילישער קירך איז געווען פון די מענטשן איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. מער ניט די שפּאַניער, וואָס זיינען אָקאָרשט פריי געוואָרן פון אַ לאַנגער און זיגרייכער רעליגיעזער מלחמה קענען דעם איסלאַם, האָבן נאָך פאַרמאָגט גענוג ענטוזיאַזם פאַר דער קירך. די טערקישע באַצווינגונגען און די אויסברייטערונג פון דער באַוואוסטער וועלט האָבן אָפּגענומען ביי דער רוימישער אימפּעריע

איר פריערדיקן פרעסטיזש פון אַלוועלטלעכקייט. די אַלטע גייסטיקע און מאָראַלישע ראַמען פון אייראָפּעיִשן לעבן זיינען דורכגעריסן געוואָרן. וואָס האָט געטראָפן מיט די הערצאָגן, פירשטן און מלכים פון דער אַלטער חלוקה אין משך פון אָט דער תקופה פון ענדערונג?

אין ענגלאַנד האָבן, ווי מיר וועלן ווייטער דערציילן, פּאַרבאַהאַלטענע און אינטערעסאַנטע טענדענצן געפירט צו אַ נייער רעגירונגס-מעטאָדע, דער מעטאָדע פון אַ פּאַרלאַמענט, וואָס האָט שפּעטער באַדאַרפט זיך אויסשפּרייטן כמעט איבער גאָר דער וועלט. נאָר אין 16טן יאָרהונדערט האָט די וועלט אין גרויסן און גאַנצן פון די דאָזיקע מעטאָדעס נאָך גאָרנישט געוואוסט.

ווינציק מאָנאַרכן האָבן איבערגעלאָזט אינטימע טאָג-ביכער. זיין אַ מאָנאַרך און זיין אויפריכטיק — דאָס זיינען זאַכן וואָס שטימען ניט צו אַנאַנד; מאָנאַרכיע איז פאַר זיך ניט אַנדערש אַ פּאָזע. דער היסטאָריקער איז געצוואונגען צו חקירהן זיך מכּוח דעם, וואָס עס קלערט אַזאַ קאָפּ וואָס טראָגט אַ קרוין, ווי עס לאָזט זיך. עס איז קיין ספק ניט, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון די מלכים האָט זיך געביטן מיט דער צייט. נאָר מיר האָבן די שריפטן פון איינעם זייער אַ פעיִקן מאַן פון יענעם פּעריאָד, וואָס האָט זיך פאַרגענומען צו שטודירן און אויסצוטייטשן די קונסט פון קיניגן לויט די השגות פון סוף 15טן יאָרהונדערט.

דאָס איז געווען דער באַרימטער פלאָרענטינער ניקאָלאָ מאַקיאַוועלי (1469 — 1527). ער איז געווען פון גוטן יחוס און פון אַ רייכער משפחה. ער האָט אָנגענומען אַן עפנטלעכע שטעלע אין דער רעפּובליק אין דער צייט, ווען ער איז געווען 25 יאָר. אין משך פון 18 יאָר איז ער געווען אין פלאָרענטינישן דיפּלאָמאַטישן דינסט. ער איז געווען פאַרנומען אין פאַרשיידענע אַמבאַסאַדעס, און אין יאָר 1500 איז ער געוואָרן געשיקט קיין פראַנקרייך צו פאַרהאַנדלען מיטן פראַנצויזישן קיניג. פון 1502 ביז 1512 איז ער געווען די רעכטע האַנט פון דעם גאָנפאַלאָניער (דעם פּרעזידענט אויף לעבנס-צייט) פון פלאָרענץ, סאָדעריני. מאַקיאַוועלי האָט רעאָרגאַניזירט די אַרמיי פון פלאָרענץ, האָט געשריבן רעדעס פאַר דעם גאָנפאַלאָניער, איז פאַקטיש געווען דער רעגירנדיקער גייסט פון פלאָרענץ. אַז סאָדעריני, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פראַנצויזן, איז באַזיגט געוואָרן

דורך דער פאַמיליע מעדיטשי, וואָס זיינען געוואָרן געשטיצט דורך די שפאַניער, האָט מאַקיאַוועלי געמאַכט אַ פרווו אַריבערצוגיין אויפן צד פון די זיגערס, נאָר זיי האָבן אים געפייניקט און פאַרטריבן פון שטאָט. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ ווילע ניט ווייט פון סאַן קאַשאַנאָ, אַ מייל 12 פון מילאַן, און דאָ האָט ער זיך מפרנס געווען צום טייל פון צונויפקלייבן און איבערשיקן צו זיינעם אַ גוטן פריינד קיין רוים ניבול־פהדיקע געשיכטעס און צום טייל דורך שרייבן ביכער וועגן איטאַליענישער פאָליטיק, וואָס קיין אַקטיווע ראָלע האָט ער שוין אין איר מער ניט געקאָנט שפילן. פונקט ווי מיר האָבן צו פאַרדאַנקען מאַרקאָ פאָלאָס בוך וועגן זיינע נסיעות זיין געפאַנגענשאַפט, אַזוי האָבן מיר צו פאַרדאַנקען מאַקיאַוועלים „פירשט“, זיין „פלאָרענטינישע געשיכטע“ און „די קונסט פון קריג“ זיין מפלה און דער איינזאַמקייט אין סאַן קאַשאַנאָ.

דער דויערנדיקער ווערט פון די דאָזיקע ביכער באַשטייט אין די קלאָרע פאָרשטעלונגען וואָס זיי גיבן אונז וועגן כאַראַקטער און גרענעצן פון די רעגירנדיקע גייסטער פון יענער תקופה. זייער אַטמאָספערע איז געווען זיין אַטמאָספערע. אויב ער האָט אַריינגעבראַכט אין זייער געשעפט אַן אויסנאַמלעך שאַרפן פאַרשטאַנד, שטעלט ער זיי אַרויס מער ניט אין אַ ליכטיקערער שיין.

אַ באַזונדערס גרויסן רושם האָט געמאַכט אויף זיין גייסט די דורכגעטריבנקייט, אכזריות, עזותקייט און אַמביציע פון צעזאַר באָרדושיאַ, הערצאָג פון וואַלענטינאָ, וואָס אין זיין לאַגער האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע חדשים ווי אַ שליח פון פלאָרענץ. אין זיין „פירשט“ האָט ער אידעאַליזירט דעם דאָזיקן חידושדיקן פאַרשוין. צעזאַר באָרדושיאַ (1476 — 1507), מוז דער לעזער וויסן, איז געווען דער זון פון פויפס אלכסנדר VI, ראָדריגאָ באָרדושיאַ (1492 — 1503). דער לייענער וועט אפשר זיין פאַרחידושט, ווי אַזוי קומט דאָס צו אַ פויפס אַ זון, נאָר ער באַדאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געווען אַ פויפס פון פאַר דער רעפאָרמאַציע. דאָס פויפסטום איז אין יענער צייט געווען אין צושטאַנד פון מאָראַלישער געפאַלנקייט, און הגם אלכסנדר האָט, ווי אַ גייסטלעכער, געגעבן אַ נדר ניט חתונה צו האָבן, האָט ער זיך דאָך ניט געלאָזט שטערן פון צו לעבן עפנטלעך מיט אַ פרוי אָן

חתונה און פון אויסנוצן אַלע מאַכטמיטלען פון דער קירך, בכדי צו דערהויבן זיין משפחה. צעזאַר איז געווען אַ יונג אַ בראַנד אַפילו פאַר דער צייט, וואָס ער האָט אין איר געלעבט: ער האָט שוין געהאַט אָנגעשטעלט מערדערס צו דערהרגען זיין עלטערן ברודער און אויך דעם מאַן פון זיין שוועסטער לוקרעציאַ. ער האָט נאָך אָפּגענאַרט און דערהרגעט אַ סך מענטשן. מיט דער הילף פון זיין פאָטער איז ער

רייטער-סטאַטוע פון באַרטאָלאָמעאָ קאָלעאָני אין ווענעציע, אַן איטאַליע-נישער אַוואַנטוריסט. דאָס ווערק פון וועראָקיאָ און לעאָפּאַרדי.

געוואָרן הערצאָג פון אַ גרויסן געביט אין מיטל-איטאַליע, בעת מאַ-קיאַוועלי האָט אים באַזוכט. ער איז געווען גאָר אַ קנאַפּער מיליטער-מאַן, דערפאַר אָבער אַ גאַנץ געשיקטער אַדמיניסטראַטאָר. זיין גדולה איז געווען נאָר אַ צייטווייליקע. ווי נאָר זיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז זי אײַנגעפאַלן ווי אַ דורכגעשטאָכענער פענכער. נאָר מאַקיאַוועלי האָט ניט דערזען זיין שוואַכקייט. דער הויפּט-אינטערעס, וואָס מיר

האבן אין צעזאר באָרדזשיאַ, איז דאָס, וואָס ער האָט פאַרקערפּערט מאַקיאַוועלים אידעאַל פון אַ גרויסאַרטיקן און באַגליקטן פירשט.

אַ סך האָט מען געשריבן צו באַווייזן, אַז מאַקיאַוועלי האָט געהאַט ברייטע און אײדעלע כוונות הינטער זיינע פּאָליטישע שריפטן, אָבער אַלע אַזעלכע פּרוּוון צו פאַראיידעלן אים וועלן דעם בקעפּטישן לעזער, וואָס לייענט די שורות אָנשטאָט צו לייענען אויסגעקלערטע זאַכן צווישן די שורות, לאָזן קאַלט צו אים. דער דאָזיקער מענטש האָט באַשיימפערלעך ניט געהאַט קיין גלויבן אין יושר בכלל, און ניט קיין גלויבן אין אַ גאָט וואָס רעגירט די וועלט אָדער אין אַ גאָט אין די מענטשנס הערצער, און ניט קיין פאַרשטאַנד פאַר דער מאַכט פון געוויסן אין די מענטשן. ניט זיין עסק זיינען געווען אוטאָפּישע זעונגען וועגן אַ וועלט-ברייטער מענטשלעכער אָרדענונג, אָדער פּרוּוון צו פאַרווירקלעכן „גאָטס מלוכה“. אַזעלכע זאַכן זיינען אים ניט געלעגן אין זינען. אים האָט אויסגעוויזן, אַז באַקומען מאַכט, באַפרידיקן די גלוסטן און תאוות און שנאה, אַרומטראָגן זיך גדולותדיק איבער דער וועלט, — אַז דאָס דאַרף זיין די שפּיץ פון מענטשנס פאַרלאַנג. מער ניט אַ פירשט איז בכוח צו פאַרווירקלעכן פולקום אַזאַ לעבן. אַ געוויסער שטריך פון פחדנות אָדער זיין געפיל פון דער נעבעכדיקייט פון זיינע אייגענע פאַרלאַנגען האָבן באַשיימפערלעך אים געבראַכט דערצו, אַז פאַר זיך האָט ער אַזוינע חלומות ניט געהאַט; נאָר ער האָט לכל-הפּחות געוואָלט האָבן, צו באַדינען אַ פירשט, צו לעבן נאָענט צו זיין גדולה, צו קריגן אַ שטיקל חלק אין דעם רויב און אין דער גלוסטיקייט און אין דער באַלוינונג פאַר רשעות. ער האָט אַפילו געוואָלט מאַכן זיך פאַר אַ דינער, וואָס מען קאָן זיך אָן אים ניט באַגיין. ער האָט זיך דערפאַר פירגענומען צו ווערן אַ „מומחה“ אין פירשטלעכקייט. ער האָט געהאָלפן אַראָפּוואַרפן סאָדעריני. און אַז די מעדיטשיס האָבן אים געפייניקט און אַרויסגעוואָרפן, און ער האָט מער קיין האָפענונג ניט געהאַט צו ווערן אַפילו אַ הויף-פּאַראַזיט, האָט ער אָנגעשריבן זיינע לערנביכער פון רמאות, כדי צו ווייזן, וואָס פאַר אַ חכם אַ דינער אַ געוויסער פירשט האָט אָנגעוואָרן. זיין הויפּט-געדאַנק, זיין גרויסער צושטייער צו דער פּאָליטישער ליטעראַטור איז געווען, אַז מאָראַלישע התחייבותן, וואָס בינדן געוויינטלעכע מענטשן, זיינען אויף אַ פירשט ניט חל.

פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז מאַקיאַוועלי איז געווען אַ פּאַטריאָט, מחמת ער האָט געפֿאָדערט, אַז איטאַליע, וואָס איז געווען שוואַך און צעטיילט — די טערקן זיינען אויף איר אָנגעפֿאַלן, און נאָך דער טויט פֿון סולטאַן מוכאַמעד האָט זי גראַטעוועט פֿון באַצוואונגען צו ווערן, און חוץ דעם האָבן איבער איר זיך אַרומגעשלאָגן די פֿראַנצויזן מיט די שפּאַניער, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרניט געווען קיין לעבעדיקע זאַך — זאָל ווערן געאייניקט און שטאַרק. נאָר ער האָט געזען אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט ניט מער ווי אַ גוטע געלעגנהייט פֿאַרן פֿירשט. און ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ נאַציאָנאַלע אַרמיי נאָך דערפֿאַר, ווייל ער האָט אײַנגעזען, אַז די איטאַליענישע מעטאָדע צו פֿירן מלחמות דורך געדונגענע אויסלענדישע באַנדעס האָט צו קיין גוטס ניט געקאָנט פֿירן. אין איין מאָמענט קאָנען אַזעלכע באַנדעס אַריבערגיין צו דעם וואָס צאָלט בעסער אָדער זיי קאָנען נעמען ראַבירן דאָס לאַנד, וואָס זיי מוזן שיצן. די ניצחונות פֿון די שווייצער איבער די מילאַנער האָבן אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם, אָבער אים האָט זיך קיין מאָל ניט פֿאָרגעשטעלט דער סוד פֿון דעם פֿרייען גייסט, וואָס האָט די דאָזיקע ניצחונות געמאַכט מעגלעך. דער פֿלאָרענטינישער חיל, וואָס ער האָט געשאַפֿן, איז געווען אַ פֿולער דורכפֿאַל. ער איז געווען אַ בלינדגעבאָרענער מענטש לגבי די מעלות, וואָס מאַכן פֿעלקער פֿריי און נאַציִעס גרויס.

נאָר דער דאָזיקער מאָראַליש בלינדער מענטש האָט געלעבט אין אַ קליינער וועלט פֿון מאָראַליש־בלינדע מענטשן. עס איז קלאָר, אַז דער סטיל פֿון זיין דענקען איז געווען דער סטיל פֿון דיינקען פֿון די פֿירשטן־הויפֿן אין יענער צייט. הינטער די פֿירשטן פֿון די נייע מלוכות, וואָס זיינען אויפֿגעשטאַנען אויף די חורבות פֿון דער אימפּעריע און נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער קירך, זיינען אומעטום געשטאַנען קאַנצלערס און סעקרעטאַרן און מיניסטאָרן פֿון דעם מאַקיאַוועלישן טיפּ. קראָמוועל, למשל, דער מיניסטער פֿון הענריך VIII פֿון ענגלאַנד, נאָכדעם ווי ער האָט אײַנגעריסן מיט רוים, האָט געהאַלטן מאַקיאַוועלים „פֿירשט" פֿאַרן תמצית פֿון פּאָליטישער חכמה. אַז די פֿירשטן אַליין זיינען געווען גענוג קלוג, זיינען זיי אַליין געווען מאַקיאַוועליש. זיי האָבן אַלץ געפּלאַנעוועט אַריבערצושטייגן איינער

דעם אַנדערן, צו באַרויבן שוואַכערע פירשטן, אונטערצוברענגען קאָנקורענטן, אַזוי אַז זיי זאָלן אַליין קאָנען אַ שטיקל צייט זיך גרייסן מיט זייער גדולה. זיי האָבן געהאַט ווינציק אָדער גאָר קיין פאַרשטעלונג ניט וועגן אַ וואָסער עס איז פּלאַן פון באַשטימונג פון דער מענטשהייט, חוץ דער דאָזיקער שפּיל, וואָס זיי האָבן געשפּילט איינער קעגן צווייטן.

---

12. די רעפּובליק שווייץ.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז יענע שווייצער אינפאַנטעריע, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף מאַקיאַוועלי, איז ניט געווען קיין טייל פון אַ פירשטלעכער סיסטעם אין אייראָפּע. אין דעם סאַמע צענטער פון דער אייראָפּעישער סיסטעם איז אויפגעקומען אַ קליינע קאָנפעדעראַציע פון פרייע מלוכות, די שווייצער קאָנפעדעראַציע, וואָס נאָך עטלעכע יאָרהונדערטער פון נאָמינעלער צוגעהעריקייט צו דער הייליקער רוימישער אימפּעריע איז זי געוואָרן אַ פרייע רעפּובליק אין יאָר 1499. שוין אין 13טן יאָרהונדערט האָבן די פּויערים איינוואוינער פון דריי טאָלן אַרום דער לוצערנער אָזערע זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז זיי קאָנען זיך באַגיין אָן אַן אייבערהאַר און אַז זיי קאָנען באַזאָרגן זייערע אייגענע ענינים אויף זייער אייגענעם שטייגער. די עיקר צרות זייערע האָבן זיך גענומען פון די תביעות פון אַ פּריצישער פאַמיליע אין דעם אַאַר־טאָל, די פאַמיליע האַבסבורג. אין יאָר 1245 האָבן די איינוואוינער פון שווייץ פאַרברענט דעם שלאָס ניי־האַבסבורג, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן לעבן דער לוצערנער אָזערע, כדי זיי צו האַלטן אין שרעק; זיינע חורבות זיינען נאָך היינט דאָרט צו זען.

די דאָזיקע משפּחה האַבסבורג איז געוואַקסן אין מאַכט און אין רייכקייט; זי האָט פאַרמאָגט לענדער און אייגנטום אין גאַנץ דייטשלאַנד. אין יאָר 1273, אַז עס איז אויסגעגאַנגען די דינאַסטיע פון די האָהענשטאַופענס, איז רודאָלף פון האַבסבורג געוואָרן אויסגעקליבן פאַרן קיסר פון דייטשלאַנד, און פאַקטיש איז די קיסרלעכע מאַכט געוואָרן זינט דעמאָלט אַ ירושה־מאַכט פון הויז האַבסבורג. די איינ־

וואוינער פון שוויץ, אורי און אונטערוואַלדען האָבן גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו ווערן רעגירט דורך אַ האַבסבורגער. זיי האָבן געבילדעט אַן אייביקן בונד אין יאָר 1291, און זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן צווישן די בערג זינט יענער צייט ביז צום היינטיקן טאָג, צוערשט ווי פרייע מיטגלידער פון דער אימפעריע און שפּעטער ווי אַ לחלוטין אומאָפּהענגיקע קאָנפעדעראַציע. וועגן דער העלדן־לעגענדע פון ווילהעלם טעל קאָנען מיר דאָ ניט דערציילן, פּונקט ווי מיר האָבן קיין אָרט ניט אָנצוצייכענען די בהדרגהדיקע אויסברייטערונג פון דער קאָנפעדעראַציע ביז צו אירע איצטערדיקע גרענעצן. צו דער מעכטיקער קליינער גרופּע רעפּובליקן זיינען צוגעשטאַנען פּליינען, וואו מען רעדט ראָמאַניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש. די זשענעווער פּאָנע מיטן רויטן קרייץ איז געוואָרן דער סימבאָל פון אינטערנאַציאָנאַלער מענטשלעכקייט אינמיטן מלחמות. די ליכטיקע און לעבעדיקע שטעט פון דער שווייץ זיינען געווען אַ מקלט פון פרייע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר טיראַנען.

---

13. דאָס לעבן פון קיסר קאַרל V.

דער גרעסטער טייל פון די פיגורן, וואָס זיינען אויסגעטיילט אין דער געשיכטע, צייכענען זיך אויס דורך אַן אויסנאַמלעכן פּערזענלעכן כאַראַקטער, אַ גוטן אָדער שלעכטן, וואָס גיט זיי צו מער באַטייט ווי זייערע מיטמענטשן, נאָר אָט איז געבאָרן געוואָרן יאָר 1500 אין גענט אין בעלגיע אַ מענטש מיט פעיקייטן פון אַ גאַנץ יאָר און מיט אַ מעלאַנכאָלישן כאַראַקטער, דער זון פון אַ גייסטיק דעפעקטיווער מוטער, וואָס מען האָט די חתונה געמאַכט איבער פּאָליטישע מאָטיוון, — און ער איז דאָס געוואָרן, אָן זיין אייגענער שולד, דער פּאָקוס פון די אָנגעקליבענע כוחות פון אייראָפּע. דער היסטאָריקער מוז זיך אָפּגעבן מיט אים, הגם ער האָט דאָס פּערזענלעך לחלוטין ניט פאַרדינט, פּונקט ווי מיט אַזעלכע בולטע פּערזענלעכקייטן ווי אלכסנדר און קאַרל דער גרויסער און פרידריך II. דאָס איז געווען דער קיסר קאַרל V. אַ שטיקל צייט

האָט עס געהאַט דעם פּנים, ווי ער איז דער גרעסטער מאָנאַרך אין אייראָפּע זינט קאַרל דעם גרויסן. נאָר סיי ער און סיי זיין אילוזאָרישע גרויסקייט זיינען געווען דער פּועל־יוצא פון דעם קונץ צו שליסן גוטע שידוכים, וואָס עס האָט באַוויזן זיין זיידע, קיסר מאַקסימיליאַן I (1459 — 1519).

טייל פאַמיליעס האָבן דערגרייכט צו וועלט־מאַכט דורך מלחמות, אַנדערע דורך אינטריגעס; די האַבסבורגער האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך שידוכים. מאַקסימיליאַן האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט דער ירושה פון די האַבסבורגער, עסטרייך, שטייערן, אַ טייל עלזאַס און אַנדערע געביטן; ער האָט חתונה — דער נאָמען פון דער קיניגין אינטערעסירט אונז קוים — מיט נידערלאַנד און בורגונד. דער גרעסטער טייל פון בורגונד איז אָפּגעפאַלן פון אים נאָך זיין ערשטער ווייבס טויט, נאָר נידערלאַנד האָט ער אײַנגעהאַלטן. דערנאָך האָט ער געפּרוווט חתונה צו האָבן מיט בריטאַניע, אָבער עס איז ניט געגאַנגען. ער איז געוואָרן קיסר נאָך זיין פאָטער, פרידריך III, אין יאָר 1498, און האָט חתונה געהאַט מיטן הערצאָגטום מילאַן. צולעצט האָט ער חתונה געמאַכט זיין זון מיט דער שוואַכזיניקער טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, יענער פערדינאַנד און איזאַבעלאַ פון קאָלומבוסן, וואָס האָבן לא די וואָס געקיניגט איבער דער פריש־פאַראייניקטער שפּאַניע און איבער סאַרדיניע און איבער דעם קיניגרייך פון די צוויי סיציליעס, נאָר זיי האָבן געוועלטיקט אויך, לויט דער מתנה פון פּויפּס דעם קיניגרייך קאַסטיליע, איבער גאַנץ אַמעריקע און מערב־זייט פון בראַזיליע. אַזוי אַרום האָט זיין אייניקל קאַרל געירשנט דעם גרעסטן טייל פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט און צווישן אַ דריטל און אַ העלפט פון דעם וואָס די טערקן האָבן נאָך געהאַט איבערגעלאָזט אין אייראָפּע. קאַרלס פאָטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1506, און מאַקסימיליאַן האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט, כּדי צו פאַרזיכערן זיין אייניקל, ער זאָל אויסגעקליבן ווערן פאַר אַ קיסר.

קאַרל איז געוואָרן דער מושל פון נידערלאַנד אין יאָר 1506; ער איז געוואָרן פּאַקטיש דער קיניג פון די שפּאַנישע מדינות, ווען פערדינאַנד איז געשטאָרבן אין יאָר 1516, מחמת זיין מוטער איז געווען חסר־דעה; און אַז זיין זיידע מאַקסימיליאַן איז געשטאָרבן אין

יאָר 1519, איז ער אין יאָר 1520 געוואָרן אויסגעקליבן פֿאַר אַ קיסר אין דעם לפֿי-ערך צאַרטן עלטער פֿון 20 יאָר.

קענען זיין וואָל פֿאַר אַ קיסר איז געשטאַנען דער יונגער און גלענצנדיקער קיניג פֿון פֿראַנקרייך פֿראַנץ I, וואָס איז אַרויף אויפֿן

פֿראַנסואַ ראַבלע.

פֿראַנצויזישן טרוין אין יאָר 1515 צו 21 יאָר. די קאַנדידאַטור פֿון פֿראַנצן האָט אונטערגעהאַלטן דער פּויפּס לעאָ X (1513), וואָס פֿאַרדינט אויך דעם עפּיטעט גלענצנדיקער. עס איז אין ייער אמתן געווען

אַ תּקופה פון גלענצנדיקע מאָנאַרכן. דאָס איז געווען די תּקופה פון באַבער אין אינדיע (1526 — 1530) און סולייםאַן אין טערקיי (1520). סיי לעאָ און סיי פראַנץ האָבן מורא געהאַט דערפאַר, אַז אַזוי פיל מאַכט זאָל זיך קאָנצענטרירן אין די הענט פון איין מענטשן, ווי דאָס וואָלט געווען ביי דער וואַל פון קאַרלען. נאָך אַ מאָנאַרך, וואָס האָט געהאַט אינטערעסן אין אייראָפּע, איז געווען הענריך VIII, וואָס איז געוואָרן קיניג פון ענגלאַנד אין יאָר 1509 צו 18 יאָר. ער האָט זיך אויך געשטעלט ווי אַ קאַנדידאַט פאַר אַ קיסר, און אַן ענגלישער לעזער מיט פאַנטאַזיע מעג זיך אויסמעלן די מעגלעכע רעזולטאַטן פון דער וואַל.

אין אָט דעם סגול פון מלכים איז געווען אַ סך אָרט פאַר דיפּלאָמאַטיע. קאַרל האָט אויף זיין נסיעה פון שפּאַניע קיין דייטשלאַנד באַזוכט ענגלאַנד און געזיכערט זיך די שטיצע פון הענריך קעגן פראַנץ דורך אונטערקויפן זיין מיניסטער, דעם קאַרדינאַל וואָלסי. הענריך האָט אויך געמאַכט אַ גרויס פּאַראַד פון פריינדשאַפט מיט פראַנצן; עס זיינען געווען סעודות און טורנירן און כּדומה נאָך אַזעלכע פאַרעלטערטע שפּילערייען אין פראַנקרייך אויף אַ הויפישן פּיקניק, וואָס איז באַוואוסט ביי די היסטאָריקער אונטערן נאָמען „דאָס פעלד פון גאָלדענעם קלייד" (1520). ריטערטום איז געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט אַ מאָלערישע שפּילעריי. דעם קיסר מאַקסימיליאַן I רופן די דייטשע היסטאָריקער „דער לעצטער ריטער".

די וואַל פון קאַרלען איז געווען געזיכערט, און עס איז כּדאי צו פאַרצייכענען, אין אַ גרויסער מאָס דורך שוחד. זיינע הויפּט־שטיצערס און קרעדיטאָרן זיינען געווען די פוגערס, דאָס גרויסע דייטשע האַנדלסהויז פון יענער צייט. די גרויסע ווירקונג פון געלט און קרעדיט, וואָס מיר רופן אַן פינאַנסן, איז זינט דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע געווען פאַרשוואונדן פון אייראָפּעישן פּאָליטישן לעבן, איצט האָט זי זיך ווידער געשטאַרקט. דער אויפקום פון די פוגערס, וואָס זייערע הייזער און פּאַלאַצן האָבן איבערגעשיינט דעם גלאַנץ פון די קיסרלעכע פּאַלאַצן, צייכנט אָן דעם אויפקום פון כּוחות, וואָס האָבן זיך געוומען באַוויזן מיט צוויי אָדער דריי יאָרהונדערטער פריער אין קאַהאָר, אין פראַנקרייך און אין פלאָרענץ און

אין אַנדערע איטאַליעניש שטעט. געלט, עפנטלעכע חובות, סאָציאַלער אומרו און אומצופרידנקייט קערן זיך אום אויף דער מיניאַטור־סצענע פון דאָזיקן „קאָנטור“. קאַרל V איז געווען אַ קיסר ניט אַזוי פון די האַבסבורגס, ווי פון די פוגערס.

אַ געוויסע צייט איז דער דאָזיקער פיגער, ניט זייער אינטעליגענט אויסזעענדיקער יונגערמאַן, מיט דער גראָבער אייבערשטער ליפ און דעם אויסגעצויגענעם קין, געווען אין גרויסן און גאַנצן אַ שפּילכל אין די הענט פון זיינע מיניסטאָרן. פעיקע דינערס האָבן אים צוערשט מחנך געווען אין דער קונסט פון קיניגן לויט מאַקיאַוועלים כללים. דערנאָך האָט ער פאַוואָליע, אָבער זיכער גענומען אַרויסווייזן זיין אייגענעם איך. תיכף ביים אָנהייב פון זיין רעגירונג אין דייטשלאַנד איז ער געשטאַנען פנים אל פנים מיט דער גרויסער מחלוקת אין קריסטנטום. דער בונט קעגן דער פויפּסלעכער מאַכט, וואָס איז אָנגעגאַנגען זינט די צייטן פון וויקליף און הוס, האָט זיך איצט ווידער געשטאַרקט דורך דעם נייעם און ציניש מנהג צו פאַרקויפן אינדולגענציעס, כדי אַרויסצוקריגן געלט אויף צו פאַרענדיקן דעם בוי פון דער פעטערס־קירך אין רוים. אַ מאָנאַך לוטער האָט, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן געהייליקט פאַר אַ גייסטלעכן, גענומען לייענען מיט קאָפּ די ביבל, און אַז ער איז שפּעטער געווען צוליב די עסקים פון זיין אָרדן אין רוים, האָט ער צו זיין בייז וואונדער דערזען גאָר די קלות און דעם וועלטלעכן גלאַנץ פון פויפּסטום. און אין יאָר 1517, אַז דעם פויפּס משולחים זיינען געקומען קיין ווּיטענבערג, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן זיי און האָט אַרויסגעשטעלט געוויסע טעזיסן און פאָרגעלייגט, זיי זאָלן אָננעמען מיט אים אַן עפנטלעכן דיספּוט. דערפון איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע ווייכוחים־ליטעראַטור.

צוערשט האָט לוטער געשריבן זיינע שריפטן קעגן פויפּסטום אין לאַטייניש, באַלד אָבער איז ער אַריבער צו דייטש, און אינגיכן איז דאָס פאָלק געווען אויפגערירט. בעת קאַרל איז אָנגעקומען פון שפּאַניע קיין דייטשלאַנד, האָט ער געפונען דעם דאָזיקן דיספּוט אין פולן ברען. האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג אָדער „רייכסטאַג“ אין וואָרמס ביים ריין. מען האָט צום רייכסטאַג גערופן אויך לוטערן, וואָס דער פויפּס לעאָ X האָט ביי אים געמאָנט, ער זאָל

זיך אָפּזאָגן פֿון זיינע מיינונגען, נאָר ער האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן. ער איז געקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג און, פּונקט ווי בשעתו הוס, האָט ער געמאָלדן, אַז ער וועט זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זיין מיינונג, סיידן מען וועט אים דערווייזן, אַז ער האָט אַ טעות, דורך לאָגישע ראיות אָדער דורך דעם אַווטאָריטעט פֿון דער שריפֿט. ער האָט אָבער אויסגעמיטן דעם סוף פֿון הוסן, מחמת זיינע באַשיצערס צווישן די פֿירשטן זיינען געווען צו מעכטיק.

פֿאַר דעם יונגן קיסר איז דאָס געווען אַ לאַגע, וואָס ער האָט ניט אַזוי גרינג געקאָנט אין איר זיך פֿונאַנדערקלייבן. עס איז פֿאַראַן אַ גרונט צו מיינען, אַז ער איז צוערשט נוטה געווען אונטערצוהאַלטן לוטערן קעגן פּויפּס. לעאָ X איז געווען קעגן דער וואַל פֿון קאַרלען און איז געווען גוטפֿריינד מיט זיין קאָנקורענט פֿראַנץ I. נאָר קאַרל V איז ניט געווען קיין גוטער מאַקיאַוועליער, און אין שפּאַניע האָט ער זיך אָנגעשאַפֿט אַ גאַנץ אויפֿריכטיקע פֿרומקייט. האָט ער דעריבער באַשלאָסן קעגן לוטערן. אַ סך דייטשע פֿירשטן, בפֿרט דער קורפֿירשט פֿון זאַקסן, זיינען געווען אויפֿן צד פֿון רעפֿאָרמאַטאָר. אונטער דעם שוץ פֿון דעם קורפֿירשט פֿון זאַקסן האָט לוטער זיך אויסבאַהאַלטן, און קאַרל האָט זיך געפֿונען פֿאַר אַ שפּאַלטונג, וואָס האָט צעריסן דאָס קריסטנטום אין צוויי פֿיינדלעכע לאַגערס.

באַלד נאָך די דאָזיקע מהומות און מסתמא פֿאַרבונדן מיט זיי איז געקומען אַ גרויסער פּויערים=אויפֿשטאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד. דער דאָזיקער אויפֿשטאַנד האָט שטאַרק איבערגעשראָקן לוטערן. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די געוואַלד=מעשים פֿון די אויפֿגעשטאַנענע. זינט יענער צייט האָט די רעפֿאָרמאַציע, וואָס ער איז געשטאַנען פֿאַר איר, אויפֿגעהערט צו זיין אַ רעפֿאָרמאַציע פֿאַרן פֿאָלק און איז געוואָרן אַ רעפֿאָרמאַציע פֿאַר די פֿירשטן. ער האָט אָנגעוואָרן זיין צוטרוי אין יענעם פֿרייען געדאַנק, וואָס אין זיין נאָמען איז ער אַזוי מוטיק אויפֿגעשטאַנען.

בינתים איז קאַרל געוואָר געוואָרן, אַז זיין גרויסע אימפּעריע געפֿינט זיך אין אַ גרויסער סכּנה סיי פֿון מערב=זייט און סיי פֿון מזרח=זייט. אין מערב=זייט איז געווען זיין מוטיקער קאָנקורענט פֿראַנץ I; אין מזרח=זייט איז געווען דער טערק און אונגאַרן, פֿאַרבונדן מיט

פֿראַנצן, און האָט געמאָנט עפּעס צינז, וואָס די עסטרייכישע פּראָווינצן זיינען אים שולדיק. קאַרל האָט געהאַט אין זיין רשות די אַרמיי און געלט פֿון שפּאַניע, אָבער פֿון דייטשלאַנד איז געווען זייער שווער אַרויסצוקריגן עפּעס געלט. זיין זיידע האָט געהאַט אַנטוויקלט אַ דייטשע אינפֿאַנטעריע לויטן שווייצער מוסטער, אין אַסך פּרטים לויט דער ריכטונג, וואָס מאַקיאַוועלי האָט אַנטוויקלט אין זיין „קריגס=קונסט“. נאָר די דאָזיקע זעלנער האָט מען געדאַרפֿט צאָלן. האָט ער חוץ די הילפֿסומעס, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון דער אימפּעריע, גע=מוזט אָנקומען צו ניט=געזיכערטע הלוואות, וואָס האָבן סוף=כּל=סוף בּדלות געשטעלט זיינע אונטערשטיצערס, די פֿוגערס.

אין גרויסן און גאַנצן האָט קאַרל, אין פֿאַרבּינדונג מיט העינריך VIII, געהאַט הצלחה קעגן פֿראַנץ I און די טערקן. זייער הויפּט=שלאַכטפֿעלד איז געווען צפֿון=איטאַליע. די פּירעשאַפֿט איז געווען טעמפּ אויף בּיידע זייטן: זייערע פֿאָרמאַרשן און צוריקטריטן זיינען געווען אָפּגעהאַנגען דער עיקר פֿון דעם אָנקומען פֿון פֿאַרשטאַרקונגען. די דייטשע אַרמיי איז אַריינגעדרונגען אין פֿראַנקרייך, האָט ניט געקאָנט איינעמען מאַרסייל, האָט אָפּגעצויגן צוריק קיין איטאַליע, פֿאַרלאָרן מילאַן און איז בּאַלעגערט געוואָרן אין פּאַוויאַ. פֿראַנץ I האָט אַ לאַנגע צייט בּאַלעגערט פּאַוויאַ, אָבער אָן הצלחה, דערנאָך האָט אים געכאַפּט אַ פֿריש אָנגעקומענער דייטשער חייל, צעקלאַפּט אים, פֿאַרוואונדעט און גענומען געפֿאַנגען. ער האָט געשיקט אַהיים צו זיין קיניגין אַ בּריוו, אַז „אַלץ איז פֿאַרלאָרן חוץ דעם כּבוד“, האָט געשלאָסן אַ דערנידעריקנדיקן שלום און האָט אים בּאַלד ווידער געבּראָכן, ווי ער איז געווען אויף דער פֿריי — אַזוי אַז דער כּבוד איז אויך געווען געראַטעוועט נאָר אויף דערווייל.

העינריך VIII און דער פּויפּס זיינען, בּהסכּם מיט די כּללים פֿון דער מאַקיאַוועלישער סטראַטעגיע, איצט אַריבּער אויפֿן צד פֿון פֿראַנקרייך, בּכדי צו פֿאַרהיטן, אַז קאַרל זאָל ניט ווערן צו מעכטיק. די דייטשע זעלנער אין מילאַן, אונטער דער קאָמאַנדע פֿון דער קאָנסטאַבּל פֿון בּורבּאָן, האָבן כּמעט ווי געצוואונגען זייער קאָמאַנדיר צו אַן אָנפֿאַל אויף רוים, מחמת מען האָט זיי ניט געצאָלט קיין שׂכירות און זיי האָבן געוואָלט זיך פֿאַרגיטיקן דורך זאַקרויבּ. זיי האָבן

אַיינגענומען די שטאָט און זי אויסגערויבט (1527). דער פּויפּס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין שלאָס ס"ט אַנדזשעלאָ, אין דער צייט ווען אין שטאָט איז געגאַנגען אַ שחיטה און רויבעריי. כּוּף-כּל-סוף

דזשאָן מילטאָן.

האָט ער זיך אויסגעקויפט בּיי די דייטשע זעלנערס פאַר אַ צאָלונג פון פיר מאָל הונדערט טויזנט גילדענע רענדלעך. נאָך צען יאָר פון אַזאַ מלחמה, מיט ניצחונות אַהין און אַהער, איז איראָפּע געבליבן

אַ פּאַראָרעמטע און דער קיסר האָט אײַנגעהאַלטן אין זײַן מאַכט מילאַן. אין יאָר 1530 האָט דער פּויפּס אים געקרוינט פֿאַר אַ קיסר אין באָלאָניאַ — ער איז געווען דער לעצטער דײַטשער קיסר, וואָס דער פּויפּס האָט געקרוינט. מען שטעלט זיך פֿאָר אָט דעם בלאָנדן פּנים מיט דער גראָבער ליפּ און אויסגעצויגענעם קין, דעם פּנים פֿון אַ מענטשן, וואָס ווייס קנאַפּ אויף וואָסער וועלט ער איז, בעת אָט דער צערעמאָניע פֿון קרוינונג, וואָס דאַרף זײַן אַ פֿײַערלעכער מאָמענט אין זײַן לעבן.

דערווײַל האָבן די טערקן אָנגעמאַכט חורבנות אין אונגאַרן. זיי האָבן צעקלאַפּט און דערהרגעט דעם קיניג פֿון אונגאַרן אין יאָר 1526, זיי האָבן פֿאַרנומען בודאַ און פּעשט, און אין יאָר 1529 האָט סולײמאַן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, שיר ניט געהאַט אײַנגענומען ווין. דעם קיסר האָבן אָט די ניצחונות פֿון די טערקן שטאַרק געאַרט, און ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט אויף אָפּצוטרײַבן זיי, נאָר עס איז אים זייער שווער אָנגעקומען צו שאַפֿן אחדות צווישן די דײַטשע פֿירשטן, אַפֿילו אין דער צײַט ווען אָט דער שרעקלעכער שונא איז געווען בײַ זייערע גרענעצן.

אַ שטיק צײַט האָט פֿראַנץ I זיך אויך ניט געלאָזט איבערבעטן, און עס האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט פֿראַנקרײַך. נאָר אין יאָר 1538 האָט קאַרל געצוואונגען זײַן שונא בעסער צו ווערן, דורכדעם וואָס ער האָט פֿאַרוויסט דרום=פֿראַנקרײַך. פֿראַנץ און קאַרל האָבן דעמאָלט געבילדעט אַ בונד קעגן די טערקן, אָבער די פּראָטעסטאַנטישע פֿירשטן, וואָס האָבן געהאַט באַשלאָסן אײַנצורײַסן מיט רוים, האָבן געבילדעט דעם שמאַלקאַלדישן בונד (וואָס איז אָנגערופֿן געוואָרן אַזוי נאָך דעם קליינעם שטעטל שמאַלקאַלדן אין בײַערן, וואו אָט דער בונד איז געשלאָסן געוואָרן) קעגן קיסר, און אָנשטאָט צו פֿירן אַ גרויסע מלחמה פֿאַר צוריקצוגעווינען אונגאַרן פֿאַרן קריסטנטום, האָט קאַרל געמוזט ווענדן זײַן אויפֿמערק אויף דעם אָנשטייענדיקן אינעווייניקסטן קאַמף אין דײַטשלאַנד. פֿון אָט דעם קאַמף האָט ער געזען נאָר דעם אָנהייב. צווישן די פֿירשטן איז געגאַנגען אַן אומזיניקע

בלוטיקע געשלעגערייַ פאַר מאַכט, וואָס אָט פלעגט זי אויפפלאַמען אין קריג און צעשטערונג, און אָט פלעגט זי זיך אַיינשטילן צו אינטריגעס און דיפּלאָמאַטיע. עס איז געווען אַן אמתע שלאַנגען־קנויל פון מאַקיאַוועלישער פּאָליטיק, וואָס האָט געפּויזעט און געצאַפּלט זיך ביז אין 19טן יאָרהונדערט אַריין און האָט ניט איין מאָל און ניט צוויי חרוב געמאַכט און פאַרוויסט צענטראַל־אייראָפּע.

דער קיסר האָט, ווייזט אויס, קיין מאָל ניט תופס געווען, וואָס זיינען די אמתע כוחות, וואָס ווירקן אין אָט דעם אָנשטייענדיקן קאַמף. ער איז געווען פאַר זיין צייט און פאַר זיין שטאַנד אַן אויסנאַמלעך ערלעכער מאַן, און עס האָט דעם פּנים, ווי ער וואָלט האָבן אָנגענומען די רעליגיעזע מחלוקתן, וואָס האָבן געריסן אייראָפּע אויף קעמפנדיקע שטיקער, פאַר ריין טעאָלאָגישע חילוקי־דעות. האָט ער גענומען קלייבן רייכסטאַגן און קאָנצילן צוליב אומזיסטע פרוון צו מאַכן שלום. מען האָט אויסגעפרווט פאַרשיידענע פאָרמולעס און קאָנפעסיעס. דער וואָס שטודירט די געשיכטע פון דייטשלאַנד מוז בייקומען די אַלע פּרטים פון דעם רעליגיעזן שלום אין נירנבערג, דעם אָפּמאַך פון דעם רייכסטאַג אין ראַטיסבאָן, דעם צייטווייליקן שלום אין אויגסבורג און כדומה. דאָ דערמאָנען מיר זיי נאָר ווי פּרטים אין דעם צעריסענעם לעבן פון קיסר קאַרל.

עס איז אַ פאַקט, אַז כמעט קיין איינער פון די פאַרשיידענע פירשטן און רעגירערס פון אייראָפּע האָט, קענטיק, ניט געהאַנדלט ערלעך. די ווייט פאַרשפּרייטע רעליגיעזע מהומה, דער דאָרשט פון געמיינעם פאָלק נאָך אמת און סאָציאַלער גערעכטיקייט, די וואַקסנדיקע וויסנשאַפט פון דער צייט — דאָס אַלץ איז געווען ניט מער ווי שפּילמאַרקעס אין די חשבונות פון דער פירשטלעכער דיפּלאָמאַטיע. הענריך VIII פון ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט אַ בוך געשריבן קעגן אפּיקורסות און איז באַלוינט געוואָרן דורכן פּויפּס מיטן טיטל „באַשיצער פון גלויבן”, נאָר היות ווי ער האָט געוואָלט אָפּגטן זיין פרוי, וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און נעמען זיך אַ פרוי אַ לעבעדיק יונג מיידל אַנע באָליין, און חוץ דעם האָט ער געוואָלט זיך שטעלן אויפן צד פון פראַנץ I קעגן קיסר און אויסרויבן די גרויסע רייכטימער פון דער ענגלישער קירך, איז ער אין יאָר 1530

צוגעשטאַנען צו דער חברה פון די פּראָטעסטאַנטישע פירשטן. שוועדן, דענעמאַרק און נאָרוועגן זיינען שוין פריער געווען אַריבערגעגאַנגען אויפן צד פון די פּראָטעסטאַנטן.

די דייטשע רעליגיעזע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1543, עטלעכע חדשים נאָך מאַרטין לוטערס טויט. מיר באַדאַרפן זיך ניט עסקן מיט די איינציקע געשעענישן פון דער קאַמפּאַניע. די פּראָטעסטאַנטישע זאַקסישע אַרמיי האָט געליטן אַ מיאוסע מפּלה ביי לאָכאַו. פיליפּ פון העסען, דעם קיסרס הויפּט-קעגנער, וואָס איז נאָך געבליבן, האָט מען געכאַפּט דורך אַ קונץ, וואָס איז זייער ענלעך צו אַ פעלשונג, און אַריינגעזעצט אין תּפיסה; פון די טערקן האָט מען זיך אויסגעקויפט דורך צאָלן זיי יערלעכן צינז. אין יאָר 1547 איז געשטאָרבן פראַנץ I, און דאָס איז דעם קיסר שטאַרק צוניץ געקומען. אַזוי אַרום האָט קאַרל אין יאָר 1547 איינגעשטעלט אַ שטיקל טאָלק און געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען צו פאַרפעסטיקן אַ שלום דאָרט וואו קיין שלום איז ניט געווען.

אין יאָר 1552 איז גאַנץ דייטשלאַנד ווידער געווען אין צושטאַנד פון מלחמה. נאָר דורך אַייליק אַנטלויפן פון אינסברוק האָט קאַרל זיך אַרויסגעראַטעוועט פון געפאַנגענשאַפט. מיטן שלום אין פּאַסאַו איז ווידער געקומען אַ ניט-שטאַנדהאַפטיקער גלייכוואָג. קאַרל איז שוין איצט געווען ביז לעצט אויסגעמאַטערט פון דעם גלאַנץ און פון די זאָרג פון דער רעגירונג. ער איז קיין מאָל ניט געווען אינגאַנצן געזונט, ער איז געווען פון דער נאַטור אַן אָפּגעלאָזענער און האָט געליטן פון פּאָדאַגרע. האָט ער אָפּגעדאַנקט. זיינע טווערענע רעכט איבער דייטשלאַנד האָט ער איבערגעגעבן זיין ברודער פערדינאַנד, און שפּאַניע און נידערלאַנד האָט ער באַשטימט פאַר זיין זון פיליפּ. דערנאָך האָט ער אין אַ מין גרויסאַרטיקן ברוגז זיך צוריקגעצויגן אין אַ קלויסטער אין יוסט, צווישן די דעמבעס-און קאַשטאַנען-וועלדער אויף די בערגלעך אין צפון-זייט פון דעם טאַגאָ-טאָל, און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1558.

אַ סך האָט מען געשריבן אין סענטימענטאַלן טאָן מכּוח אָט דעם פאַרמאַטערטן טיטאַן, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן, אָפּגעזאָגט זיך פון דער וועלט און איז געקומען וועלט-מיד זוכן אין שטרענגער איינ-

זאַמקייט זיין שלום מיט גאָט. אָבער זיין צוריקטריט איז ניט געווען ניט איינזאַם און ניט שטרענג: ער האָט געהאַט מיט זיך ביי א 150 דינערס; זיין וואוינונג האָט געהאַט אַלע תענוגים פון אַ קעניגלעכן הויף, אָן די שווערענישן, און פיליפּ II האָט אָפּגעהיט כּיבוד־אָב, אַזוי אַז דעם פּאָטערס אַן עצה איז פאַר אים געווען אַ באַפעל. וואָס איז שייך זיין איינגעהאַלטנקייט, זאָל פּרעסקאָט עדות זאָגן: „אין דער כּמעט טעגלעכער קאָרעספּאָנדענץ צווישן קיכאַדאַ אָדער גאַזטעלו מיטן מלוכה־סעקרעטאַר אין וואַלאַדאָליד איז קוים פאַראַן איין בריוו, וואָס זאָל ניט דערמאָנען וועגן דעם קיסרס עסן אָדער זיין שלאַפקייט. דאָס איינע גייט קעגנטיק נאָך דעם אַנדערן ווי אַ באַגלייטנדיקער פּירוש. טשיקאַוו איז, וואָס אַזאַ טעמע פאַרנעמט אַן אָרט אין די מיטטיילונגען אין אַ מלוכה־דעפּאַרטאַמענט. פאַרן סעקרעטאַר איז געווים ניט געווען גרינג צו בלייבן ערנסט ביים לייענען דעפּעשעס, וואָס אין זיי איז פּאָליטיק מיט גאַסטראָנאָמיע געווען אַזוי משונהדיק אויסגעמישט. דער קוריער פון וואַלאַדאָליד קיין ליסאַבאָן האָט געהאַט אַ באַפעל אָפּצוקערן אונטערוועגס קיין זשאַראַנדילאַ, בכדי צו ברענגען פון דאָרט פּראָדוקטן פאַרן קיסרס טיש. דאָנערשטאָג האָט ער געדאַרפט ברענגען פיש, מחמת פרייטאָג טאָרן פרומע קאַטויליקן ניט עסן קיין פלייש. דער פאָרעל־פיש אין דער נאָענט האָט קאַרלען אויסגעוויזן צו זיין צו קליין; האָט מען געמוזט שיקן אַנדערע פון וואַלאַדאָלידו, גרעסערע. אַלע מינים פיש האָבן אים געשמעקט, אַזוי ווי עס איז געווען עפּעס בכלל אין זיין טבע אָדער אין זיינע געוויינהייטן, וואָס האָט אים דערנענטערט צו אַ פיש. ווענגרעס, פרעש, אויסטערן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דעם קיסרס שפּייז־צעטל. פיש־קאָנסערוון, בפרט אַנטשאָוויס, זיינען ביי אים געווען אַ הויפּט־געריכט; און ער פלעגט אַלץ זשאַלעווען וואָס ער האָט ניט מיטגעבראַכט אַ גרעסערן פאַרגרייט פון זיי פון נידערלאַנד. פון אַ פּאַשטעט פון ווענגרעס פלעגט ער באַזונדערס לעקן די פינגער"*...

אין יאָר 1554 האָט קאַרל געקראָגן פון פּויפּס יוליוס III אַ בולע, וואָס האָט פון אים אַראָפּגענומען דעם חוב צו פאַסטן און וואָס

* פּרעסקאָט אין דער הוספה צו ראָבערטסאָנס „געשיכטע פון קאַרל V“.

האָט אים ערלויבט פרי זיך אָפּצופּאַסטן אַפילו אין דעם טאָג, ווען ער האָט באַדאַרפט נעמען דעם סאַקראַמענט.

„אַז קאַרל איז ניט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו זיין אָנטאָן אין יוסט, מעג מען דרינגען פון דעם פאַקט, וואָס אין זיין גאַרדעראָב זיינען געווען ניט ווינציקער פון זעכצן קאָסטיומען פון זיידנס און סאַמעט, אַרומגעזוימט מיט הערמעלין אָדער איידער־פוך אָדער מיט די ווייכע האָר פון דער בערבערישער ציג. וואָס איז שייך צו דעם אויס־פוץ פון זיינע צימערן, קאָן מען פון איין בליק אין דעם אינווענטאַר פון זיינע זאַכן, וואָס קיכאַדאַ און גאַזטעלו האָבן צונויפגעשטעלט באַלד נאָך זייער האַרס טויט, אַרויסנעמען, ווי ווינציק מען קאָן זיך פאַר־לאָזן אויף די אַלע מעשיות, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען מכּוח דעם. צווישן די זאַכן פון יענער רשימה געפינען מיר קאָבריצעס פון טערקיי און אַלקאַרעז, באַלדאַכינען פון סאַמעט און אַנדערע געוואַנטן, פאָרהאַנגען פון פיינעם שוואַרצן געוואַנט, וואָס זינט זיין מוטערס טויט האָט ער שטענדיק דערמיט אויסגעהאַנגען זיין שלאָף־צימער. אין די איבעריקע צימערן זיינען געווען צעשטעלט ניט ווינציקער פון פינף־און־צוואַנציק געגנ אָביצעס פון פלאַנדערשן געוועב, רייך אויס־געהאַפט מיט פיגורן פון בעלי־חיים און מיט לאַנדשאַפטן...

„צווישן די פאַרשיידענע כּלים געפינען מיר עטלעכע פון לויטער גאָלד, און אַנדערע באַזונדערס פאַרצייכנט פון וועגן זייער משיקאַ־ווער אויסאַרבעטונג; און היות ווי דאָס איז געווען אַ תּקופה, ווען די קונסט צו באַאַרבעטן טייערע מעטאַלן איז דערגאַנגען צו דער העכסטער שלמות, מעגן מיר זיין ניט מסופּק דערין, אַז דעם קיסר האָבן געהערט אייניקע פון די פיינסטע מוסטערן. אַלע זיינע כּלים אַרום און אַרום האָט מען געשאַצט צווישן צוועלף און דרייצן טויזנט אונ־ציעס וואָג"*...

קאַרל האָט קיין מאָל ניט געהאַט צוגעווינט זיך צו לייענען, אָבער ער האָט געהאַט הנאה, ווען מען פלעגט אים פירלייענען אויפן קול בעת די מאָלצייטן לויטן שטייגער פון קאַרל דעם גרויסן, און ביים לייענען פלעגט ער, ווי איין דערציילער שילדערט, „מאַכן אַ

---

* פּרעסקאָט אין אויבן ציטירטן ווערק.

זיסן און הימלישן פירוש״. ער פלעגט זיך אויך ווײלן מיט טעכנישע שפילכעלעך, צוהערנדיק זיך צו מוזיק אָדער דרשות פון גייסטלעכע אָדער צו באַריכטן וועגן ענינים פון דער אימפעריע, וואָס פלעגן נאָך אָנקומען צו אים. דער טויט פון דער קיסרינע, וואָס ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו איר, האָט געווענדט זיין געמיט צו רעליגיע, וואָס האָט ביי אים אָנגענומען אַ ריין צערעמאָניעלע פאָרם; איטלעכן פרייטאָג פון דער פאַסט־צייט פלעגט ער זיך אַליין שלאָגן מלקות אין איינעם מיט די איבעריקע מאָנאַכן ביז צו בלוט.

די דאָזיקע פייניקונגען און די פאָדאַגרע האָבן ביי קאַרלען אויפגעוועקט אַ ביגאָטישע פרומקייט, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אַיינגעהאַלטן דורך סברות פון פאָליטיק. דאָס וואָס עס האָבן זיך באַוויזן פראָטעסטאַנטן בשכנות פון וואַלאַדאָליד האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ ווילדן גרימצאָרן. „זאָג דעם גרויס־אינקוויזיטאָר און זיין ראַט, זיי זאָלן זיין אויף דער וואַך און אויסהאַקן דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל, איידער עס באַווייזט זיך אויסצושפרייטן ווייטער״... ער האָט אויסגעדריקט אַ מיינונג, צי איז ביי אַזאַ מיאוסער מעשה ניט כדאי אָפצוטרעטן פון דעם געוויינטלעכן סדר פון געריכט און צו משפטן אָן רחמנות: „זיסט וועט דער פאַרברעכער, אויב מען וועט אים מוחל זיין, האָבן די מעגלעכקייט איבערצוחזרן זיין פאַרברעך״. ווי אַ מוסטער־ביישפיל האָט ער רעקאָמענדירט זיין אייגענעם אויפפיר אין נידערלאַנד, „וואו אַלע וואָס זיינען געבליבן פאַרעקשנט אין זייער טעות זיינען געוואָרן פאַרברענט לעבעדיקערהייט און יענע וואָס מען האָט זיי געלאָזט תשובה טאָן זיינען געוואָרן געקעפט״.

כמעט סימבאָליש פאַר קאַרלס אָרט און ראָלע אין דער געשיכטע איז זיין ליבהאָבעריי פאַר באַגרעבעניש־צערעמאָניעס. עס איז געווען אַזוי ווי ער וואָלט האָבן געפילט, אַז ער מוז עפעס באַגראָבן אַ זאַך וואָס איר איז די נשמה אויסגעגאַנגען. ער פלעגט ניט נאָר מיטמאַכן איטלעכע באַגרעבעניש־צערעמאָניע וואָס האָט געטראָפן אין יוסט, נאָר ער האָט נאָך אַיינגעפירט טרויער־דינסטן פאַר געשטאָרבענע אין אַנדערע ערטער. צום יאָר־טאָג פון זיין פרויס טויט האָט ער אָפגעריכט צו איר אָנדענק אַ טרויער־צערעמאָניע און סוף־כל־סוף האָט ער אָפגעריכט זיין אייגענע לוויה.

„די קאַפּליצע איז געווען באַהאַנגען מיט שוואַרץ, און די שיין פון הונדערטער וועקסענע ליכט האָט קוים געקלעקט אויף צו פאַרטרייבן די פינסטערניש. די קלויסטער-ברידער אין זייערע מאָנאַכישע קליידער און די גאַנצע דינערשאַפט דעם קיסרס, אָנגעטאָן אין טיפן טרויער, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אַ הויכן קאַטאַפאַלק, אויך אײַנגעהילט אין שוואַרצן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דער קאַפּליצע. דערנאָך איז אָפּגעריכט געוואָרן דער באַגרעבעניש-דינסט פאַר אַ טויטן. מיטן קלאָגעדיקן געזאַנג פון די מאָנאַכן זײַנען אויפגעגאַנגען די תפילות פאַר דער אָפּגעגאַנגענער נשמה, אַז זי זאָל ווערן אויפגענומען אין די זיך-ערטער פון די געבענטשטע. די פאַרזאָרגטע דינערס זײַנען צעגאַנגען אין געוויין, ווען זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעמעלט זייער האַרס טויט — אָדער זיי זײַנען אפשר געווען גערירט פון רחמנות, זעענדיק זיין חולאַת. קאַרל, אײַנגעהילט אין אַ טונקעלן מאַנטל און אויסגעמישט מיט זײַנע דינערס, מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכט אין האַנט, איז געשטאַנען ווי אַ צוקוקער פון זיין אייגענער לוויה. די טרויעריקע צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט דערלאַנגט זיין ליכט דעם גייסטלעכן אין די הענט אַריין צום סימן, אַז ער גיט איבער זיין נשמה דעם אַלמעכטיקן“.

אַנדערע באַריכטן דערציילן, אַז קאַרל האָט געטראָגן תכריכים און איז געלעגן אין אַ טרומנע און איז דאָרט געבליבן אַליין, ביז דער לעצטער אָנטייל-נעמער אין דער טרויער-צערעמאָניע איז אַרויס פון דער קאַפּליצע.

עס זײַנען ניט אַוועק קיין צוויי חדשים פון אָט דעם מאַסקאַראַד, איז קאַרל געווען טויט. און מיט אים איז געשטאָרבן די גדולה פון דער הייליקער רוימישער אימפּעריע. די הייליקע רוימישע אימפּעריע האָט נאָך געקעמפּט ביז די טעג פון נאַפּאָלעאָן, אָבער ווי אַן אינוואַליד און נוטה למות. איר ניט-באַגראָבענע טראַדיציע פאַרסמט אונזער פּאָליטישע לופט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

14. פּראָטעסטאַנטן, אויב דער פירשט וויל דאָס.

קאַרל דעם פינפטנס ברודער פערדינאַנד האָט איבערגענומען יענעמס שטרעבן צו אחדות און האָט צונויפגערופן אין יאָר 1555 די דייטשע פירשטן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אויגסבורג. ווידער אַמאָל איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו איינצושטעלן אַ רעליגיעזן שלום. קיין זאַך קאָן ניט ווייזן דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן שלום און די בלינדקייט פון די פירשטן בנוגע די טיפערע און ברייטערע פּראָצעסן פון יענער צייט, ווי די פאָרם וואָס דער שלום האָט אָנגענומען. די אָנערקענונג פון דער רעליגיעזער פרייהייט האָט געמוזט צוגעפּאַסט ווערן צו די מלוכות און ניט צו איינציקע בירגער: cujus regio ejus religio, דאָס איז טייטש: די אמונה פון דעם אונטערטאַן איז אָפּגעהאַנגען פון דער אמונה פון פירשט.

---

15. די אינטעלעקטועלע אונטערשטרעמונג.

מיר האָבן געווענדט אַזוי פיל אויפמערק אויף די שריפטן פון מאַקיאַוועלי און אויף דער פּערזענלעכקייט פון קאַרל V, ווייל זיי וואַרפן אַ ליכטיקע שיין אויף די אַנטאַגאָניזמען אין דעם הייטערדיקן פּעריאָד פון אונזער געשיכטע. דער אָקערשטיקער קאַפּיטל האָט דערציילט די געשיכטע פון אַ גרויסער אויסברייטערונג פון די מענטשלעכע האָריזאָנטן און פון אַ גרויסן וואוקס און פונאַנדערטיילונג פון וויסנשאַפט; מיר האָבן געזען ווי עס כאַפּט זיך אויף דאָס באַוואוסטזיין פון געמיינעם מאַן און ווי עס פאַרשפּרייטן זיך בכלל אין גאָר דעם מצב פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע פאָרגעפילן פון אַ נייער און טיפערער סאָציאַלער גערעכטיקייט. נאָר דער דאָזיקער פּראָצעס פון ליכטיקייט און דענקען האָט ניט אָנגערירט די קיניגלעכע הויפן און דאָס פּאָליטישע לעבן פון דער וועלט. אין מאַקיאַוועלים שריפטן איז פאַראַן גאַנץ ווינציק אַזוינס, וואָס עס האָט ניט געקאָנט שרייבן אַ פאַרשטאַנדיקער סעקרעטאַר ביים הויף פון כוזרו I אָדער שי-כוואַנג-טי — אָדער אַפילו סרגון I אָדער פּעפּי. בעת די וועלט האָט אין אַלצדינג זיך גערוקט פאָרויס, איז זי אין פּאָליטישן געדאַנק, אין די אידעעס מכוח

דער שייכות פון מלוכה צו מלוכה און פון דעם כוועריען צו די בירגער נאָך געשטאַנען אויף אַן אָרט. ריכטיקער, זי איז געגאַנגען אויף צוריק. וואָרעם די גרויסע אידעע פון דער קאַטוילישער קירך וועגן

פּאָרטרעט פון דייטשן קיסר קאַרל V. ווערק פון בּאַרימטן מאָלער טיציאַן. איצט אין מינכען.

דער וועלט-מלוכה פון גאָט האָט די קירך גופא צעשטערט אין די מענטשנס גייסט. און דער חלום פון אַ וועלט-אימפעריע איז אין דער פערזאָן פון קאַרל V דורך גאַנץ אייראָפּע דורכגעטראָגן געוואָרן סימבאָליש ביז צו דער גסיסה. פאָליטיש האָט דאָס געהאַט דעם פּנים, ווי די וועלט וואָלט זיין דערגאַנגען צוריק צו דער פערזענלעכער מאָנאַרכיע פון אַשורישן אָדער מאַקעדאָנישן טיפּ.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז די פון דאָס ניי אויפגעוואַכטע אינטעלעקטועלע ענערגיע פון די מערב-אייראָפּעישע מענטשן זאָל זיין געווען צופיל אַריינגעטאָן אין טעאָלאָגישע חקירות, אין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, אין אַנטדעקונגען און אַנטוויקלונג פון האַנדל, אַז זי זאָל זיך האָבן געקאָנט אָפּגעבן מיט אַרומקלערן די תביעות און די התחייבותן פון אַ רעגירער. די מענטשן פון פאָלק האָבן לא די וואָס אַרויסגענומען אידעעס פון אַ טעאָקראַטישן אָדער רעפּובליקאַנישן אָדער קאָמוניסטישן כאַראַקטער פון דער ביבל, וואָס איז איצט געוואָרן צוטריטלעך פאַר זיי, נאָר דער באַנייטער שטודיום פון די גריכישע קלאַסיקער האָט געבראַכט דערצו, אַז דער שעפערישער און באַפרוכפערנדיקער גייסט פון פּלאַטאָן איז אַריינגעדרונגען אין גייסט פון מערב-אייראָפּע.

אין ענגלאַנד האָט סער טאָמאַס מאָר געשאַפן די „אוטאָפּיאַ“, אַ נאָכמאַכונג פון פּלאַטאָנס רעפּובליק, וואָס איז געגרינדעט אויף אַ מין אַווטאָקראַטישן קאָמוניזם. אין נעאַפּאָל האָט מיט הונדערט יאָר שפעטער איינער אַ מאָנאַך קאַמפּאַנעלאַ אויך געהאַט די דרייסטקייט אַרויסצוטרעטן מיט אַן ענלעכער שריפט וועגן דער „זון-מלוכה“. נאָר אַזעלכע חקירות האָבן ניט געקאָנט האָבן באַלד קיין ווירקונג אויף דעם פּאָליטישן סדר. אין פאַרגלייך מיט דער גרויסקייט פון דער אויפגאַבע ווייזן די דאָזיקע ביכער אויס צו זיין פּאָעטיש און שולמעסיק און אויבנאויפיק (נאָר שפעטער צו האָט די „אוטאָפּיאַ“ געלאָזט ברענגען פרוכט אין די ענגלישע געזעצן וועגן אָרעמעלייט).

די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון מערבדיקן גייסט און די שטרעבונג צו אַ מאַקיאַוועלישער מאָנאַרכיע אין אייראָפּע זיינען אַ געוויסע צייט געגאַנגען זייט ביי זייט אין דער זעלביקער וועלט, נאָר זיי זיינען געגאַנגען כמעט אומאָפּהענגיק פון אַנאַנד. די מלוכה-

לייט האָבן געפּלאָנטעט און מאַנעווירט, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געוואַקסן, חוץ דער מאַכט פון דורכגעטריבענע און מזלדיקע מלכים.

ערשט אין זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן אָט די צוויי טענדענצן — די טענדענץ פון די אַלגעמיינע אידעעס און די שטיצבונג פון דער טראַדיציאָנעלער און עגאָיסטישער מאָנאַרכישער דיפּלאָמאַטיע — זיך באַגעגנט און האָבן זיך צונויפגעשטויסן.

אינהאַלט פון באַנד IV

זייט

קאַפּ. 30. מוכאַמעד און דער איסלאַם

1. אראַביע פאַר מוכאַמעדן ... 5
2. מוכאַמעדס לעבן ביז דער העדזשרא ... 10
3. מוכאַמעד ווערט אַ קעמפנדיקער נביא ... 17
4. די תורה פון איסלאַם ... 26
5. די כאַליפן אבו בכר און עומאַר (אָמאַר) ... 29
6. די גרויסע טעג פון די אָמאַיאַדן ... 37
7. די ירידה פון איסלאַם אונטער די אַבאַסידן ... 50
8. אראַבישע קולטור ... 55
9. אראַבישע קונסט ... 65

קאַפּ. 31. קריסטנטום און די קרייץ=צוגן

1. די מערבדיקע וועלט אויף איר נידעריקסטן שטאַנד ... 68
2. די פעאָדאַלע סיסטעם ... 71
3. דאָס פראַנקישע קיניגרייך פון די מעראָווינגער ... 76
4. די קריסטיאַניזירונג פון די מערבדיקע באַרבאַרן ... 80
5. קאַרל דער גרויסער ווערט קיסר פון מערב ... 86
6. די פערזענלעכקייט פון קאַרל דעם גרויסן ... 92
7. ראָמאַנישע אַרכיטעקטור און קונסט ... 98
8. די פראַנצויזן און די דייטשן שיידן זיך פונאַנדער ... 101
9. די נאָרמאַנען, די סאַראַצענער, די אונגאַרן און די סעל-דזשוקישע טערקן ... 106
10. ווי אַזוי קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך געווענדט צו רוים ... 106
11. די קרייץ-צוגן ... 122
12. די קרייץ-צוגן אַ פּרוּווּשטיין פאַרן קריסטנטום ... 137
13. קיסר פרידריך II ... 141
14. די חסרונות און באַגרענעצונגען פון פּויפּסטום ... 147
15. אַ רשימה פון די וויכטיקסטע פּויפּסן ... 157
16. גאָטישע אַרכיטעקטור און קונסט ... 165
17. מיטלעלטערלעכע מוזיק ... 169

בוך VII. די מאָנגאָלישע אימפעריעס פון יבשה=וועגן און די נייע אימפעריעס פון ים=וועגן.

קאַפּ. 32. די גרויסע אימפעריע פון דושינגיס כאַן און זיינע יורשים (די תקופה פון יבשה=וועגן)

זייט

1. אזיע צום סוף צוועלפטן יאָרהונדערט 175
2. דער אויפקום און די ניצחונות פון די מאָנגאָלן . . 179
3. די נסיעות פון מאַרקאָ פּאָלאָ 190
4. די אָטאָמאַנישע טערקן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל . . . 199
5. פארוואס זיינען די מאָנגאָלן ניט געוואָרן קריסטן . . 207
6. די דינאַסטיעס יואַן און מינג אין כינע . . . 208
7. די מאָנגאָלן קערן זיך אום צו דער שבט-אָרדענונג . 211
8. די קיפּטשאַק-אימפעריע און דער צאר פון מאָסקעווע . 212
9. טימורלאַן 215
10. די מאָנגאָלישע אימפעריע פון אינדיע 217
11. די ציגיינער 227

קאַפּ. 33. די אויפלעבונג פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע (אָנשטאָט יבשה=וועגן — ים וועגן)

1. קריסטנטום און פאָלקסבילדונג 229
2. איירופּע נעמט טראַכטן פאַר זיך אַליין . . . 241
3. די גרויסע פעסט און דער באַגינען פון קאָמוניזם . . 250
4. ווי אזוי פּאַפּיר האָט באַפרייט דעם מענטשלעכן גייסט . 257
5. פּראָטעסטאַנטיזם פון די פירשטן און פּראָטעסטאַנטיזם פון די פעלקער 260
6. די אויפוואַכונג פון נאַטורוויסנשאַפט 271
7. דער נייער אויסוואַקס פון די איירפּעישע שטעט . . 287
8. די ליטעראַרישע אויפלעבונג 295
9. די קינסטלערישע אויפלעבונג 303
10. אַמעריקע קומט אַריין אין דער געשיכטע . . . 309
11. וואָס מאַקיאַוועלי האָט געקלערט וועגן דער וועלט . . 322
12. די רעפּובליק שוויץ 328
13. דאָס לעבן פון קסר קאַרל V 329
14. פּראָטעסטאַנטן, אויב דער פירשט וויל דאָס . . . 344
15. די אינטעלעקטועלע אונטערשטרעמונג 344

אילוסטראַציעס צו באַנד IV

זייט

א רייטנדיקער בויגנשיסער (כינעזיש) 6
צוויי מוסטערן פון אַלטער כינעזישער אַרכיטעקטור . . . 12
די הויפּט־גאַס אין מעדינאַ 15
דער טעמפּל אין עד־דייר אין פּעטראַ 24
דער וואוקס פון דער מוסלימישער מאַכט (קאַרטע) . . . 38
די מוסלימישע אימפּעריע (קאַרטע) 42
דער גרויסער מעטשעט אין דמשק 45
דער פעלזן־מעטשעט אין ירושלים 49
אַ גאַס אין באַגדאַד 56
דער פאַנטאַן פון קייט־ביי ביים אָמאַר־מעטשעט אין ירושלים . . 59
דער לייבן־הויף פון אַלהאַמבּרע אין גרענאַדע 64
דער אינעווייניקסטער הייף פון מעטשעט אבן טולין אין קאַיראָ . . 66
שלאָס פון ס״ט אַנדזשעלאָ אין רוים 74
פראַנקיש קיניגרייך (קאַרטע) 79
אַ פּאָרטרעט פון קאַרל דעם גרויסן 94
קאַרטע פון אייראָפּע נאָך קאַרל דעם גרויסנס טויט . . . 96
אַ סקולפּטור פון דער קאַטעדראַלע אין אַאַכען 97
אַ וויקינגער־שיף 103
פראַנקרייך צום סוף 10 י״ה (קאַרטע) 105
אימפּעריע פון אָטאָ דעם גרויסן (קאַרטע) 109
דער מאַרש פון די סעלדזשוקן (קאַרטע) 114
אַ גאַלעריע אין דער קאַטעדראַלע פון אַרל 118
איטאַליענישע אַרכיטעקטור־מוסטערן 123
קאַרטע צום ערשטן קרייץ־צוג 127
די געפאַנגענשאַפט פון ריטשאַרד לייבן־האַרץ 130
חורבות פון די מויערן פון אַשקלון 134
די שטאָט רמלה אין יהודה 135
דער קבר פון סאַלאַדין 139
אילומינירטער כתב־יד פון די עוואַנגעליעס 145
די קאַטעדראַלע פון נאָטר דאַם אין פּאַריז 153
פּויפּס גרעגאָר VII 158

	זייט
קאַטעדראַלע פון סאַן	166
קאַרטע פון אײראָפּע און אַזיע	178
די אימפּעריע פון דזשינגיס כאַן (קאַרטע)	183
פאַסאַד פון דער קאַטעדראַלע אין אַמיען	186
מוסטערן פון איטאַליענישער אַרכיטעקטור	189
די געוואַנט־האַלע אין איפּר	191
די קאַטעדראַלע אין קענטערבערי	196
די קאַטעדראַלע אין מילאַן	200
די אָטאָמאַנישע אימפּעריע (קאַרטע)	204
כינעזישע מאָלעריי אין סונג־פּעריאָד	210
כינעזישע מאָלעריי אין מינג־פּעריאָד	213
דער מאָגול־קיסר באַבער	218
דער מאָגול־קיסר אַקבאַר	220
אַקבאַרס געדעכעניש־הויז	226
די זײַל אין צענטער פון דעם אוידיענץ־זאַל אין פֿײַטפּור־סיקרי	230
דער טעמפּל פון סוריא	238
דער דזשאַמאַ־מעטשעט אין דעלהי	243
א געמעל פון דעם מאָגול־פּעריאָד	248
יאָהאַן הוס פאַרן קאָנסטאַנצער קאָנציל	255
פּויערים־בונד אין ענגלאַנד	261
יאָהאַן גוטענבערג, דער דרוקער	265
מאַרטין לוטער, דער רעפאָרמאַטאָר	269
דער קלויסטער מאָנטסעראַט	274
דער אַסטראָנאָם קאָפּערניק	279
פיגור פון אַסטראָנאָם טיקאָ בראַהע	286
דאָס ראָטהויז פון הילדעסהיים	292
דאַנטע אַליגיערי	296
פראַנטשעסקאָ פּעטראַרקאַ	299
לודאָוויקאָ אַריאָסטאָ	301
דער פראַנצויזישער עסעיסט מאָנטעין	306
וויליאַם שעקספּיר	311
דער אָנקום פון פרילינג פון אַ. באָטיטשעלי	317
רײַטער־סטאַטוע פון באַרטאָלאָמעאַ קאָלעאָני	327
פראַנסואַ ראַבּלע	331
דזשאָן מילטאָן	336
קיסר קאַרל V	345